# צאנזער חסידות

## געשריבן און געזאמעלט

פון

## שמואל ראטשטיין - ש. ניסנזאהן

Digitized by Touro College Libraries
For Project Zikaron
www.zikaron.tourolib.org
2021

ערשטער אויפלאַגע — חסידות פערלאַג, ווארשא, תרצ״ח

צווייטע אויפלאַגע „חברת מעורר ישנים“

ברוקלין, נ. י. תשל״ח

א

# די געבורט'ס-שטאָדט פון צאַנזער

ביים סוף פון 18־טען יאָהרהונדערט, האָט די פערביטערטע מחלוקה
צווישען חסידים און מתנגדים, דערגרייכט צו דער גרעסטער מדרגה. די
יודישע וועלט איז געווען איינגעטיילט אין צוויי פיינדליכע לאַגערען: פון איין
זייט די מתנגדים מיט זייערע גרויסע גאונים און תלמידי חכמים מובהקים,
וואָס האָבען שיעור גישט בעטראַכט די חסידים אַלס סעקטע, וועלכע מען טאָ־
בשום אופן נישט לאָזען זיך פערשפרייטען און איינבירגערען אין יודישען לע־
בען. און פון דער אַנדערע זייט האָט דאָס חסידות געשלאָגען אַלץ טיפערע
וואָרצלען אין יודישען לעבען, געוואונען אַלץ מעהר און מעהר אַנהענגער און
בעגייסטערט די יודישע מאַסען מיטן דרך החסידות.

די אָרימערע און געדרוקטע פאָלקס מאַסען האָבען אין דרך החסידות
ממש דערזעהען אַ ליכטיגען שטראַהל אין זייער פינסטער און געמאַטערט לעבען
דאָס דינען דעם אויבערשטען מיט שמחה, ביז צום פערגעסען זיך, דאָס פער־
שטאַרקען אין זיך די אמונה, און בטחון, האָט דעם פאָלקס־מענשען דערהויבען
אַלץ העכער און געמאַכט איהם פערגעסען אין דער טרויעריגער ווירקליכקייט.

די מתנגדישע גדולים האָבען אָנגעהויבען איינצוזעהען, אַז דער קאַמף
קעגען איז אַ פערשפילטער, און הגם די עהרליכערע פון זיי האָבען מודה
געווען, אַז דאָס חסידות ענטהאַלט אין זיך נישט קיין סכנה פאַרן יודענטום,
בלויז וואָס דער לימוד־התורה ווערט צוליעב דעם שוואַכער, האָבען זיי אָבער
געגלויבט, אַז אויב עס וועט זיך נישט אָבשפילען אַ דעצידירענדער קאַמף אין
יודישען וועלטעל, וואָס זאָל בעזיגען דאָס חסידות, וועט חלילה, נשתכח ווערען
די תורה ביי יודען, און דעריבער איז די יודישע מחנה פערוואַנדעלט געוואָרען
אין אַ פייערדיגען וואולקאַן. אמת, א מחלוקת לשם שמים, אָבער קיין איין יו־
דיש הויז האָט עס נישט אויסגעמיטען.

פלעגט אַמאָל זיך פערוואַלגערען א יונגערמאַן אין אַ שטעדטיל, געקומען
זוכען פרנסה, אַ יונגערמאַן אַ וואוילערנער, זיין מקום קבוע איז אין בית־
מדרש, לערענט אין די נגידישע שטובען מיט זייערע קינדער, אָבער די בית־
מדרש־בחורים דערקענען אין דעם פרעמדען יונגערמאַן, אַז ער פערמאַגט עפעס
אין זיך, זיין דאַווענען, זיין לערנען, — מיט וואָס פאַרא דביקות, מיט וואָסערי
מתיקות, באַלד ווערען זיי מיט איהם נאָהנט, בעקומען איהם ליב אהבת נפש,
ווילען לערנען ביי איהם, און ער איז גרייט צו לערנען אַלעמען עבודות הבורא,
גרויס און קליין, און טאָמער, איז עמיצער אַ צמא-לדבר השם, זאָל ער זיך
איבערכאַפען צו איינעם פון בעל־שםס תלמידים, וועט ער גהפך ווערען לאיש

אהר, וועט ער וויסען מיט וואס א יוד דארף זיך פערנעהמען, ווי אזוי מען דארף דאווענען, ווי אזוי מען דארף לערנען, און ווי אזוי מען דארף דינען דעם בורא...

די דאזיגע יונגעלייט, די „מלמדים פון דער פרעמדר", האבען ממש גע־מאכט „לעבער" אין די יודישע שטעדטלעך. גרופעסווייז האבען בחורים און קעסט־איידימלעך פערלאזט זייערע היימען, אוועק זוכען א רבין כדי צו לערנען ווי אזוי צו דינען דעם אויבערשטען...

אייך די שטאדט טארניגראד, דאס געבורטס־ארט פון צאנזער רב זצ"ל איז אין דער הינזיכט נישט געווען קיין אויסנאהם, פייערדיגע מתנגדים, א חסיד לאזט מען נישט אויפ'ן אויג. אבער דאך פערוואלגערט זיך דא און דארט א פונק, וואס וועט מיט דער צייט פערוואנדעלט ווערען אין א גרויסען פלאקער...

---

געננוי דאס יאהר ווען רבי חיים האלבערשטאם זצ"ל איז געבוירען גע־ווארען איז נישט בעשטימט. אבער לויט די השערה איז עס געווען אין יאהר תקנ"ג (1793)·

זיין פאטער ר' לייבוש טארניגראדער, איז געווען איינער פון די פייער־דיגסטע מתנגדישע קעמפער, אנ'איניקעל פון „חכם צבי" ז"ל, וועלכער האט בשעתו אונטערגענומען א קאמף געגען די חסידים. ר' לייבוש איז געווען א יוד א למדן, א גאון, (שפעטער איז ער געווען מורה הוראה אין פושעמישל) און אלס אזעלכען האט ער אויך געשטרעבט צו ערציהען זיין קליינעם חיימל.

דער קליינער חיימל איז באלד פון זיין פריהעסטער יוגענד אנערקענט געווארען אלס וואונדער־קינד, זיין וואונדערבארער זכרון, זיין שנעלע תפיסה און זיין גלייכער שכל, האט אלעמען געבראכט צו שטוינען. דערצו איז ער געווען אנ'אומבויגזאמע נאטור, וואס האט זיך נישט אפגעשטעלט פאר קיין זאך אויב ער האט בעשלאסען עס צו בעקומען אדער צו דערגרייכען.

דאס שטעדטעל איז מיטן קליינעם חיימל פול געווען. אלע האבען איהם ליעב געהאט אהבת נפש, נישט קוקענדיג וואס ער איז פיזיש נישט גע־ווען ווי געהעריג ענטוויקעלט (אהינקעדיגער אויף א פוס). אין שטעדטעל האט מען געהאלטען, אז זייער עלוי וועט אויסוואקסען א צווייטער ווילנער גאון. דעריבער האבען נישט בלויז זיינע עלטערען, נאר אלע שטאדט־לייט, געהיט איהם ווי אנ'אויג אין קאפ, און נישט אהן גדלות וועגען איהם גערעדט.

צו צעהן יאהר איז שוין ר' חיימל געווען א גרויסער למדן, צווישען די מתנגדישע לומדים וואס האבען זיך געפונען אין שטאדט, האט זיך שוין מעהר נאר איהם קיין רבי נישט געפונען. אויך דער פאטער, דער גרויסער למדן, האט זיך מיט איהם נישט געקענט קיין עצה געבען, אין אנהויב האט ער געהאלטען, אז עס וואלט גלייך געווען, אז מען זאל אוועקשיקען דעם יונגען עלוי אין א גרויסער ישיבה אריין, אבער דערצו האט נישט דערלאזט זיין מו־

שבֿר און די איבעריגע קרובים, האַלטענדיג, אַז חיים׳ל איז אַ שוואַכער, אַ בלוט־אָרימער, ער נויטיגט זיך אין אַ גוטע פלעגע, און אַ וואַרעמפעלטיגע אויפזיכט, וואָס ער וועט אין דער פרעמד נישט האָבען.

באין ברירה האָט דער פאָטער געמוזט מסכים זיין, אַז ער זאָל בלייבען אין שטאָדט און לערנען אין שטאָדטישען בית מדרש.

אַזוי אַרום איז חייםל אַלס צעהן-יעהריגער שוין געווען אַ בית־מדרש־בחור. גע׳פלפול׳ט זיך אין לערנען נישט נור מיט די בחורים, וואָס זענען צוויי מאָל אַזוי אַלט געוועןן ווי ער, נאר אפילו מיט די דערוואַקסענע און אַלטע שטאָדט לומדים, זייענדיג אַלעמען מנצח.

דער קליינער חייםל איז אויסער עלוי אויך געווען אַ גרויסער מתמיד, אָפט מאָל פלעגט ער בלייבען אין בית מדרש אויף אַ נאַכט ־ משמר און כסדר לערנען. עס האָבען נישט געהאָלפען די רייד פון זיינע נאָהנטע, אַז ער איז אַ שוואַך קינד, אַז ער דאַרף זיך אָברוהען, כדי צו שעפען נייע כחות צום לימוד התורה — חייםל איז געווען זעהר אַ פעסטע נאַטור, און פון זיין בעשלוס האָט מען איהם קיינמאָל נישט געקענט אָבווענדען.

אין איינער פון די משמור־נעכט אין שטאָדטישען בית מדרש, האָט דער קליינער חיים׳ל זיך בעקענט מיט א פרעמדען יונגערמאַן וואָס איז פערבייגע־פאָהרען דער שטאָדט און אויפגעהאַלטען זיך דאָרט אַ קורצע צייט. דער פרעמדער האָט ביי דעם בעגאַבטאַן יונגעל שטארק נושא חן געווען, זיין לערנען, זיין דאַווענען, האָט איהם ממש בעצויבערט. חייםל האָט אָוועגעלעגט אַנ׳„ערוב" אויף דער גמרא און צוגעהערט זיך ווי אַזוי דער יונגערמאַן דאַווענט מעריב:

— אהבת עולם בית ישראל עמך אהבת – האָט אין דער שטילער נאַכט אָבגעקלינגען די זיס־מעלאַנכאָלישע שטים פון דעם פרעמדען. חיימ׳ל האָט זיך פערטראַכט. קיינמאָל האָט ער נישט געפיהלט אזא מתיקות אין דאַווענען, ווי איצטער, ווי צוקער־זיס זענען עס די הייליגע ווערטער. אָט בעהט ער דעם אויבערשטען, ווי אַ קליין אונבעהאָלפען קינד צעוויינט זיך פאַר זיין טאַטען, אין אַ ווײלע שפעטער זינגט ער פרעהליך דביקות׳דיג, ווי ער וואָלט שוין בעקומען זיין פערלאַנג. - עפעס איז עס גאָר אַנ׳אנדער מין דאַווענען, עפעס אַנ׳אַנדער דרך אין יודישקייט, - טראַכט זיך דער יונגער עלוי.

נאָכן דאַווענען, געהט צו דער קליינער חיימ׳ל צום פרעמדען און דערלאַנגט איהם שלום.

צום ערשט האָט דער פרעמדער נישט געוואָלט זיך אויסטענה׳ן מיט אזאַ יונג קינד. אָבער שמועסענדיג א קורצע ווײלע, האָט דער פרעמדער איינגע־זעהען, אַז ער איז נאר קליין אין כמות, און ווירקליך האָט ער פאַר זיך אַ מערקווירדיגע ערשיינונג. אזאַ כלי ־ האָט זיך דער פרעמדער וואָס איז נישט געווען קיין אַנדערער ווי אַ שפעטערדיגער חסידישער רבי, וועלכער האָט גע־

וואַנדערט איבער דער וועלט, כדי גלות אָבצוריכטען - אַזאַ כלי וועט זיין אַ גרויס געווינס פאַר'ן חסידות...

אַ גאַנצע נאַכט האָבען ביידע פערבראַכט אין אַ הייסען שמועס. דער פרעמדער האָט דעם קליינעם איבערגעגעבען די גרונד־יסודות פון דרך החסידות, דערצעהלט איהם פון זיין גרויסען רבי'ן דער חוזה פון לובלין און דערביי צוגעגעבען, אַז ער איז נישט מעחר ווי דער קלענסטער פון די קלענסטע פון זיינע תלמידים.

מיטן טאָג־צוגלייך איז דער פרעמדער אַוועק און מעהר האָט איהם שוין דער קליינער חחמ'ל נישט אָנגעזעהן.

דער פרעמדער איז אַוועק, אָבער זיין גייסט איז געבליבען, דאָס וואָס דער יונגער עלוי האָט זיך אָנגעהערט וועגען חסידות, האָט אויף איהם געמאַכט אַן'אויסטערלישען רושם.

ער האָט ממש קיין רוה נישט געהאָט, אָפט פלעגט ער זיך אָבשטעלען אין מיטן לערנען זיצען שעהן לאַנג און טראַכטען. און אײַנגעפונען, אַז זיין שטורמישער גייסט איז בכלל נישט צוגעפּאַסט צו דער מתנגדיש־קאַלטער און שטייפער סביבה, און וועלכער ער געפונט זיך און מען דאַרף זיך אַראָבכאַפּען קיין לובלין, צום „חוזה"...

אַהיימקומענדיג צום אָנבייסען, האָט ער אין אַ שענעם זומערדיגען פריה־מאָרגען אַ זאָג־געטהון צום פאָטער:

— טאַטעשי, זאָלסט וויסען, אַז איך פאָר קיין לובלין, איך וויל לערנען יודישקייט ביים רבין פון לובלין...

די דאָזיגע ווערטער האָבען אויפן מתנגדישען פאָטער געמאַכט אַ שרעקליכען איינדרוק, קענענדיג זיין חיימלען פאַר אַ גרויסען איינגעשפּאַרטען, האָט ער אָנגעהויבען, ממש מיט טרעהרען אין די אויגען זיך בעטען ביי איהם אז ער זאָל זיך די זאַך פון קאָפּ אַרויסשלאָגען. סטייטש מיר אַלע, דיין זיידע און עלטער־זיידע, האָבען דאָך בעקעמפט דאָס חסידות, געפיהרט מיט די חסידים און רביים שווערע מלחמות, און לסוף זאָל זייער אייגען קינד פערוואַנדעלט ווערען אין אַ חסיד? - אוי לאותה בושה!...

אָבער ווען דאָס האָט ניטש געהאָלפען, האָט ר' לייבוש אונטערגעשיקט זיינע רבים, זיינע גוטע פריינד, זיי זאָלען מיט איהם איינטענהן. לסוף האָט דער פאָטער איהם פערזיכערט, אַז ער וועט אָיהם בכלל נישט שטערען צו ווערען אַ חסיד, אָבער אַצינד, אַלס צעהן־יעהריג יונגעל אונטערנעהמען אַזאַ ווייטע נסיעה, דערצו אַ יונגעל וואָס האַלט שעהן אין לערנען? — און וואו איז ביטול תורה?

אָבער אויך די דאָזיגע מאַטיוון האָבען נישט געהאָלפען. חיימ'ל האָט בפירוש ערקלערט, אַז ער וועט זיך לאָזען אין וועג אַריין. ער וועט וואַנדערען אַזוי לאַנג ביז ער וועט קומען קיין לובלין.

וואָס טהוט נישט אַ פאָטער פאַר זיין קינד? דערצו נאָך פאַר אַזאַ

וואונדער קינד, ווי עס איז חיימל, — וועט ער דען לאזען דעם קליינעם אליין פאהרען אזא ווייטע נסיעה? — און דער פערביסענער מתנגד האט בעשלאסען אליין צו בעגלייטען זיין יונגען זוהן קיין לובלין.

## א

# אלע וועגן פיהרען קיין לובלין

אין יענער צייט, האבען אלע וועגען פון חסידות געפיהרט קיין לובלין. לובלין, די שטאדט פון לומדות, די רעזידענץ פון למוד-התורה, דאס ירושלים־דפוילין — איז אויך בעשערט געווען צו זיין דאס וויגעלע פון חסידות אין פוילען.

ווי בעקאנט איז דאס חסידות ענטשטאנען אין די מאלדאוואניש־וואלאכישע מקומות, צווישען די אור־בערג און אור־וועלדער, דארט האט דער שעפער פון חסידות דער הייליגער בעל־שם־טוב, זכרונו לברכה, זיין בענקשאפט און דבקות צום אלמעכטיגען, זיין תשוקה צו עבודות הבורא אין א שיטה פערוואנדעלט, אין א שיטה וואס האט בעגייסטערט די מאסען, אנגעצונדען די הערצער פון די בני עלי' און דערהויבען זיי אלץ העכער און העכער.

און יענע מקומות זענען טאקי מסוגל דערצו. די פרעכטיגע ג־טליכע נאטור, די ריזיגע בערג מיט די פערשנייעטע שפיצען, וואס דערגרייכען ביזן הימעל־קאפעל. די אייביג גרינע אור־בוימער, וואס קלאפען מיט די צווייגען און פאטשען מיט די בלעטער אין דער ארומיגער שטילקייט, דערוועקען א שטארקע התעוררות אין הארצען פון יעדען פיהלענדען מענש צו טאנצען און צו שפרינגען, צו לויבען און צו דערהויבען דעם בעשעפער וואס האט דאס אלץ בעשאפען. אין יענע מקומות, ציהט עס דאך אזוי שטארק צו דבקות הבורא, דארט זעהט מען דאך אזוי בולט זיינע נפלאות — און דעריבער פלעגען די פערצייטיגע צדיקים פערשוואונדען ווערען אין די וועלדער, צווישען די בערג און אויסגיסען זייערע הערצער פארן כל יכול שטרעבען צו דערגרייכען די ג־טליכע חכמה, צו וויסען צו וואס מען לעבט אויף דער וועלט...

און דארט צווישען, בערג און טאלען, צווישען בוימער און גראזען, צווישען פעלדער און טייכען, איז קיין ארט נישטא פאר עצבות, פאר צוגעלעגטקייט, פאר צובראכענקייט. דארט פיהלט מען דאך די שמחה פון יעדען גרעזעל, פון יעדען פייגעל־געזאנג און פון יעדען שארך פון צווישען די בוימער. עס דאכט זיך, אז אלץ און אלעס פעראייניגט זיך אין איין הארמאניש געזאנג, וואס הערט קיינמאל נישט אויף צו זינגען שירה פארן בורא.

דארט אין די מאלדאוואניש־וואלאכישע מקומות איז דאס חסידות ענט־

שטאַנצן, און אָנגעהויבען זיך פונאַנדערשפּרייטען. פון דאָרט האָט זיך עס איבערגעטראָגען אין דעם שכנותדיגען גאַליציען, קיין וואָהלין, קיין פּאָדאָליען געווינענדיג אַלץ מעהר אָנהענגער און בעגייסטערטע פערעהרער. דאָרט האָט מען דאָס חסידות גיכער מרגיש געווען, גיכער תּופס געווען. ווי אין פּוילען אָדער ליטא.

וואָס הייסט עפּעס זינגען, טאַנצען שפּרינגען, לשמחה מה זו עושהז — האָבען געטענה'ט די ערשטע מתנגדים. און ווייטער אַרויף צו צפון אָדער צו צפון־מזרח, אין די ליטווישע מקומות, וואו קיין זון שיינט רעכט נישט אויף, האָט מען עס נאָך ווייניגער פערשטאַנען, האָט מען זיך אַרומגעטראָגען מיט מוראדיגע חששות און מיט געבייזטע פויסטען געגען די אַלע, וואָס האָבען געוואָלט אַריינברענגען שמחה אין עבודת הבורא. ווייל דאָרט האָט שוין אַבסאָלוט נישט דערגרייכט די מאָלדאָוואַניש־וואַלאַכישע ראָמאַנטיק...

פּוילען איז דעריבער אַ ביסעל שפּעטער בעקאַנט געוואָרען מיטן דרך החסידות און אַפילו דער רבי פון חסידות אין פּוילען, איז אויך געווען אַ קינד פון יענע מקומות — רבי יעקב יצחק הלוי הורוויץ זצ"ל פון לאַנצוט...

צו יענער צייט, איז שוין דער רבי פון לובלין געווען בעריהמט אויף ווייט און ברייט. צוויי דורות האָבען זיך שוין געהאַט ערציגען אויף חסידות און עס איז שוין געקומען די צייט פאַרן דריטען דור. און דער דור שלישי האָט ממש נפלאות בעוויזען. דאָס חסידות פערברייטערט און פערטיפט. דאָס איז דאָך דער דור, וואָס האָט ערצויגען אַזעלכע גייסטיגע ריזען ווי דער „יוד הקדוש", דער רבי רבי בונם פון פשיסכע, דער מגיד פון קאָזשעניץ און זייערע תלמידים און תלמידי תלמידים ביזן היינטיגען טאָג, פאַר וועמען די מתנגדישע וועלט האָט געמוזט דעם קאָפּ בייגען, און אָנערקענען אַז אַ דאַנק זיי איז דאָס ודישקייק אין אונדזערע מקומות נאָך אַלץ ב"ה פריש און זאַפטיג, און מען אַרבייט פאַר יודישקייט מיט ברען מיט אייפער, מיט מסירות נפש און מען בעטראַכט עס נישט אַלס ירושה פון דורות פערגאַנגענע, אַלס מצות אנשים מלומדה...

דער רבי פון לובלין איז געווען אַנ'אַפּגענער בעל רוח־הקודש. דערפאַר האָט מען איהם געקרוינט מיטן טיטול דער „חוזה" פון פּוילען. אין סאַמע לובּלין האָט ער זיך בעזעצט. אין האַרץ פון פּוילען, אין דער שטאָדט וואו יודישקייט האָט מיט אַ צייט צוריק געגלאַנצט, אַ דאַנק די גרויסע ישיבות וואָס עס האָבען דאָרט פערלעגט די חכמי לובלין. אין יענער צייט אָבער האָט לובלין געלעבט בלויז מיט די זכרונות פון דער פערגאַנגענהייט, מיט די שעהנע מאָנומענטאַלע שוהלען וואָס טראָגען די נעמען פון די אונשטערבליכע גדולים און מיט די היסטאָרישע מצבות וואָס אויפען אַלטען בית החיים וועלכע דערצעהלען אזוי פיעל, פאַר יעדען וואָס האָט אויערען צו הערען און אַ האַרץ צו פערשטעהן...

אין דער דאָזיגער שטאָדט האָט זיך דער „חוזה" בעזעצט. אין אַ קליין

הויפעל פון אלטען געטא־געסל, האט ער זיך א בית מדרש געשטעלט, א מקום פאר תורה און עבודה, און אין דעם זעלבען הויפעל — א בצמצום'דיג דירה'לע פון בסך הכל צוויי שטיבעלעך פאר א מקום מנוחה, דער פון שוין איינס אלס חדר מיוחד פאר זיך גופא. אבער פון יענעם קליינעם שטיבעלע, פון יענעם ארימען הויפעל האט אנ'אור אנגעהויבען ארויסלייכטען, אנ'אור, וואס האט זיך מתפשט געווען איבערן גאנצען לאנד אויף ווייט און ברייט, און אלע סיי חסידים און סיי מתנגדים האבען געציטערט בייט בלויזען דערמאהנען זיך, אז אין לובלין וואינט דער „חוזה", דער אפענער בעל רוח הקודש וואס ווייסט אלץ און זעהט אלץ און פיהלט אלץ. דער רבי פון לובלין, צו וועלכען יעדען איינציגען ציהט עס אזוי ווי א מאגנעט...

פארוואס מען האט דעם רבין פון לובלין געקרוינט מיטן נאמען „חוזה" דערצעהלט די חסידישע אגדה פיעל שעהנע עפיזאדען. מיר וועלען זיך נאר בעגניגענען מיט איינעם פון זיי, אין וועלכען עס ווערט דערצעהלט אין א פשוטער, מענשליכער שפראך, אזוי פיעל וועגען דעם גדלות, קדושה און אצי־לות פון די נדולי החסידות'

וועגען דעם רבין ר' ברוכל זכר צדיק לברכה, פון מעזשיבוזש, — דאס איניקעל פון הייליגען בעל־שם, דערצעהלט מען, אז ער איז געווען א גרויסער קמדן. ער האט געהאלטען, אז ער איז נישט בלויז דער אייניקעל פון זיין גרויסען זיידען, נאר אויך דער גייסטיגער יורש. דער יורש פון זיין שיטה, פון זיין דורך, און אז קיינער פון די תלמידים פון זיין הייליגען זיידען, ווייסען נישט ווי אזוי צו דינען דעם אויבערשטען ווי ער, דער רבי ר' ברוכל פון מעזשיבוזש.

דער רבי ר' ברוכל האט מהאי טעמא קיינמאל נישט געוואלט אוועק פון דעם קליינעם ארימען שטיבעל וואו ער האט געלעבט אין גרויס דחקות. ס'הייסט עפעס אוועקגעהן פון דאנען, פון דער הייליגער שטאדט, וואו דאס אור פון הייליגען זיידען האט זיך אנגעצינדען און אנגעהויבען לייכטען אויף דער וועלט? — זאת מנחתי עדי עד — דא איז מיין מקום מנוחה ביז אייביג, פה אשב — דא וועל איך זיצען, כי אויתוי' — ווייל דא איז דאס ארט פון מיין גלוסטונג, צדה ברך? — דו פרעגסט, פון וואנען וועט ברוך נעהמען צו עסען? אברך אביוניה — איך וועל בענשען די היימישע ארימע לייט, זיי זאלען ווערען גבירים, אשביע לחם — וועל איך ממילא האבען פרנסה ..

אויף פיעל גוטע יודען, האט דער רבי ר' ברוכל קורא־תגר געווען. אלעמענס התנהגות האבען אין זיינע אויגען נישט וואוילגעפעלען פונדעסטוועגען האט מען איהם בעטראכט אלס צדיק הדור. עס האט קיינער פון די גדולי־התלמידים פון בעל־שם־טוב, אויף איהם קיין הקפדה נישט געהאט. אין אלע האבען משתוקק געווען איהם צו קענען לערנען צו בעזוכען איהם, צוצוקוקען זיך צו זיין עבודות און כורת צו זיין מיט איהם א ברית אהבה.

אויך דער רבי פון לובלין האט חשק געהאט צו בעזוכען דעם רבין ר'

ב־רוכל. ווי אזוי קען מען ווערען א מנהיג פון חסידים, אויב מען בעקענט זיך נישט מיטן רבין ר׳ ברוכל — אזוי האט זיך געטראכט דער שוין דאמאלט מפורסמדיגער „חוזה" פון לובלין.

אין א געוויסען טאג האט זיך דער רבי פון לובלין געלאזט אין וועג אריין און אנגעקומען קיין מעזשיבוזש.

צו אלעמענס וואונדער האט דער רבי ר׳ ברוכל אויפגענומען דעם רבין פון לובלין גאנץ אנדערש, ווי ער פלעגט אויפנעמען אנדערע גוטע יודען. ביידע גוטע יודען האבען זיך שטארק משתשע געווען און דער רבי ר׳ ברוכל איז שטארק אויפגעלעגט געווען, איפריכטיג געפרעהט זיך מיט זיין גרויסען גאסט, האט דער רבונו של עולם האט איהם צוגעשיקט.

אין שטאדט, האט דער פאקט, וואס דער רבי ר׳ ברוכל איז אזוי שטארק מכבד א גוטען יודען פון פוילען, געמאכט א זעהר גרויסען רושם. אלע האבען גלייך פערשטאנען אז דער גאסט איז באמת א גדול הדור, ווען דער רבי ר׳ ברוכ׳ל פיהרט זיך מיט איהם אזוי אנדערש ווי מיט אנדערע, וואס קימען איהם בעזוכען.

אויף דער בקשה פון רבין ר׳ ברוכל, איז דער רבי פון לובלין גע־בליבען אויף שבת אין מעזשיבוזש אלס גאסט פון רבי ר׳ ברוכל

פרייטיג פארנאכט פלעגט זיך דער רבי ר׳ ברוכל טובל זיין נישט אין מקוה נאר אין טייך, אזוי האט ער זיך געפ׳הרט סיי זומער, סיי ווינטער. ווייל אין דעם זעלבען טייך האט זיך געטובלט דער הייליגער בעל־שם־טוב מחמת דאמאלט און בעל שם טוב׳ס צייטען איז דאס שטעדטיל געווען קליין און ארים און האט אפילו קיין מקוה נישט פערמאגט. דערפאר האט זיין אייניקעל דער רבי ר׳ ברוכל, אויך שפעטער ווען מען האט אין שטאדט א מקוה געשטעלט, זיך טובל געווען אין טייך, אויפן אייגענעם ארט וואו זיין הייליגער זיידע פלעגט זיך טובל זיין.

דאס דאזיגע מקום טבילה איז ביי חסידים געווען זעהר פערהייליגט און קיינער פלעגט נישט וואגען דארט זיך טובל צו זיין, און מכל שכן נאך אז דער רבי ר׳ ברוכל גופא, זאל עמיצען איינלאדען דערצו.

אין דעם דאזיגען ערב שבת, האט דער רבי ר׳ ברוכל איינגעלאדען זיין חשובען גאסט, צו געהן זיך טובל זיין לכבוד שבת אין טייך, אויפן ארט וואו דער בעל שם טוב האט זיך כל ימיו געטובלט...

דער רבי פון לובלין האט זיך שטארק דערפרעהט דערמיט און ער האט זיך גענומען שטארק מכין זיין צו דער דאזיגער טב־לה.

זיצענדיג אין דער בדישטקע אין פאהרענדיג צום טייך רופט זיך אן דער רבי ר׳ ברוכל:

-- די וועלט זאגט אויף אייך, אז איהר זענט א „חוזה". וואס פיהלט איצט דער „חוזה" פון פוילען?

--דעם אויר פון ארץ־ישראל -- האט דער חוזה געענטפערט./

און זיי זענען ווייטער געפאָרען, שוויגענדיג, פערטיפט אין הויכע מחשבות.

דערנעהנטערענדיג זיך צום טייך, רופט זיך ווייטער אָן דער רבי ר׳ ברוכל:

-- און וואָס פיהלט איצט הער חוזה?

-- דעם אויר פון דער היליגער שטאָדט ירושלים -- האָט דער רבי פון לובלין מיט גרויס דבקות אָבגעענטפערט.

ענדליך האָט די בריטשקע זיך אָבגעשטעלט, און ביידע צדיקים זענען אריין אין דעם בית-דעל, וואָס איז געשטאַנען ביים טייך. וועלכעס איז געמאַכט געווען כפעציעל אויף אויסצוטהוען די מלבושים.

אין דאָ וואָס פיהלט דער חוזה? -- האָט ווידער אַ פרעג געטהון דער רבי ר׳ ברוך.

-- אָווא, אָווא -- האָט דער רבי פון לובלין מיט גרויס התפעלות אָב-געענטפערט. די קדושה פון בית המקדש!...

ביידע זענען דאַמאָלס אריין אין וואַסער און גענומען זיך טובלען.

צווישען איין טבילה אין דער אַנדערער רופט זיך אָן דער רבי ר׳ ברוכל:

-- ווייסט איהר כאָטש אין וואָס איהר זענט זיך טובל?...

-- אוודאי ווייס איך, רבי, און טייך פון אפרסמון!... (אין אַ טייך פון אַזא בוימעל אין וועלכען די צדיקים זענען זיך טובל אין גן-עדן).

אַרויסגעהענדיג פון טייך, האָט דער רבי ר׳ ברוכל מיט גרויס התלבות אָנגעכאַפּט די האַנד פון רבין פון לובלין און אויסגערופען מיט גרויס שמחה:

-- עס איז אַלץ לו׳טער אמת, איהר האָט אַלץ גוט געזעהען און מרגיש געווען. איהר זענט הערט דעם נאָמען „חוזה". איהר זענט באמת אַ „חוזה"...

זייט דאַמאָלס האָט מען אין דער חסידישער-וועלט גערופען דעם רבין פון לובלין נישט אַנדערש ווי „דער חוזה". מיר אָבער, דאָ אין פוילען, מיר האָבען זיך מיטן נאָמען „חוזה" נישט געדאַרפען בענוצען. גענוג בלויז צו זאָגען: דער „רבי" אָדער דער רבי פון לובלין, אז מען זאָל וויסען. אַז דאָס איז מען אויסען דעם רבין פון חסידות אין פוילען.

עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס יעדער איינער וואָס האָט נאָר בעקומען אַ שטיקעל בעגריף וועגען חסידות האָט משתוקק געווען צו פאָהרען קיין לובלין מיט די אייגענע אויגען צו זעהען דעם רבין, און צו לערנען ביי איהם דעם דרך החסידות.

---

מיט גרויס שמחה האָט זיך דער 10-יעהריגער עלוי פון טאַרניגראַד, דער שפעטערדיגער צאַנזער רב ז״ל מכין געווען צו דער נסיעה קיין לובלין. זיין מוטער האָט דעם צוטערדיגען קינד מיטגעגעבען גענוג מלבושים און צדה לדרך, און אָנגעזאָגט איהר מאַן, ר׳ לייבושן אַז ער זאָל שטאַרק אַכטונג

געבען אויף איהר חיימלען און דער עיקר, אז ער זאל איהם נישט מצער זיין, און נישט דערקוטשען איהם. אפשר איז ער גערעכט, חימל ווען עס ציהט איהם צו חסידות. א וועלט איז דאך נישט משוגע, דערצו ווען זי חייסט, אז צווישען חסידים זענען פערהאן אזוי פיל יראים און שלימים, איז עס דאך מסתמא א דרך אזא אין יודישקייט.

— ווייס איך וואס, יראים ושלימים .. האט ר׳ לייבוש דער מתנגד מיט א זיפץ אבגעענטפערט .. אבער א שטיקעל גמרא. א דין אין שלחן ערוך, ווער שמועסט נאך א שעהנע סברה און א פלפול .. ווי געפינסטו דאס צווישען חסידים, און חימל האלט דאך אזוי שעהן ביי לערנען...

דער פורמאן האט א שמוק געטהון דאס פערדל און דאס פוהרל האט זיך געלאזט אין דער ריכטונג פון לובלין. דער קליינער עלוי האט זיך געפיהלט אזוי גליקליך, ווי די גאנצע וועלט וואלט געווען זיין..

ג

# די נסיעה קיין לובלין

דער וועג פון טארניגראד קיין לובלין, אויף וועלכען אונזער קליינער חימל, דער שפעטערדיגער צאנזער צדיק זכרונו לברכה, האט זיך געלאזט אין בעגלייטונג פון זיין פאטער ר׳ לייבוש, איז געווען זעהר א שלעכטער. פול מיט בערגער און גריבער. דערצו איז דעמאלט געווען אנהויב פריהלינג. די אויפשיינענדע זון האט צושמאלצען דעם שניי און וייך געמאכט די ערד ווי פוטער. די בריטשקע האט זיך דערינגער זעהר שווער געשלעפט איבער די שלעכטע פוילישע וועגען און שטארק אויסגעטרייסעלט אונזערע רייזענדע.

צייטענווייז האט א דינער, פריהלינגס־רעגענדיל גענידערט, א רעגען וואס האט ארייגעדרינגען ביז צו דער נשמה און געלעגט זיך ווי א שווערע משא אויפן געמיט. ר׳ לייבוש האט כסדר געטוליעט צו זיך זיין זוהן, איינגעדעקט איהם מיט די ווארימע מלבושים וואס די גוטע מאמע האט מיטגעגעבען אויפן וועג און געווען איז איהם זעהר טרויעריג אויפן הארצען...

— א קבריז פון א יונגעל — האט ר׳ לייבוש זיך געטראכט — חסידות האט זיך איהם פערוואלט. די גמרא־וועלט איז איהם ענג געווארען. געמיינט צו האבען פון איהם א ביסעל, נחת א קינד מיט א גוט קעפעל, און דא נאדיר אזא צנשיקעניש, כ׳זאל עס נישט אויסרעדען אין א בייזע מינוט, פון דעם קליינעם וועט שוין קיין לייט נישט זיין...

.. און ווען איך וואלט געוויזען, דאס איך בין פארט א טאטע .. האט ר׳ לייבוש געטראגען דעם פאדעם פון זיינע מחשבות — איך וואלט געזאגט

נישט פֿאַהרען! קומט אָבער צוגעהן די מאַמע און טענה׳ט: לייבוש זיי נישט איינגעשפּאַרט. לאָז איהם נישט צו קיין עגמת נפש. ער איז דאָך אַזאַ שוואכינקער. אַזאַ בלוט־אָרימער. טהו איהם צוליב לייבוש, וועסט זעהן, מיר וועלען נאָך פון איהם, מיט ג״ט הילף, נחת האָבען...

— און זי האָט אויסגעפיהרט !... — מורמעלט צו זיך ר׳ לייבוש, מיט פּערדרוס — אוי, די מאַמעס, די מאַמעס, אַלץ פיהרען זיי אויס, אַלץ זיי. ווי עס האָט אַמאָל אַ מגיד געזאָגט; ידי נשים רחמניות בשלו ילדיהן ־־ די גוטע, רחמנות׳דיגע מאַמעס קאָכען אָב זייערע קינדער מיטן קעכלען זיי!...

די זון האָט ווידער אויפגעשיינט, און דאָס מאָל האָט זי אויפגעשיינט אַ פולע, אַ גאַנצע. אַ שפּע מיט שטראַהלען האָט בעגאָסען אַלץ און אַלעמען. די נאַטור אָרום האָט בעקומען אַן׳אויסזעהן פון אַ יונג קינד נאָכן אויסצוואָגען. דער פוהרמאַן האָט פרעהליכער געפּאַכעט מיט דער בייטש איבערן פערדל, און דאָס פערדל האָט מיט מעהר חשק אָנגעהויבען אונטערשפּרינגען, אַ פּנים, דערפיהלט דעם ריח פון זומער...

אויך ר׳ לייבושן איז אַ ביסעל פרעהליכער געוואָרען, און ער האָט גענומען אָבוויקלען פון קליינעם הימל די שווערע בורקע אין וועלכער ער איז געווען איינגעוויקעלט. און דאָ האָט ער צו זיין איבערראַשונג בעמערקט, אַז דער קליינער איז שטאַרק פערטיפט אין לערנען. זיין מוח איז פערנומען מיט אַ האַרבען ענין, פון וועלכען ער איז אַוועק אַבפאַהרענדיג פון דער היים, און אַט האָט ער יעצט, פאַהרענדיג קיין לובלין זיך ווידער אריינגעטהון און דער סוגיא, פערגעסענדיג אין אַלץ און אין אַלעמען.

אַ צופרידענער שמייכעל האָט זיך אויסגעגאָסען אויפן פּנים פון גליקליכען פאָטער. נישט־קשה, האָט ער זיך געטראַכט. אויב דער רבונו של עולם װעט מיר בעשעהרען, אז איך זאָל האָבען נחת פון איהם, וועט עס ממילא קומען. ער איז דאָך נאָך אַזאַ יונגיטשקער, נו, מאַכט נישט אויס, עס וועט איבערגעהן, ער וועט עלטער ווערען וועט ער קלוגער ווערען. וועט ער פערשטעהן, אַז דער עיקר העיקרים איז אַ שטיקעל גמרא און דאָס איבעריגע איז הבל הבלים!...

---

פאַרנאַכט צו האָט זיך דאָס פיהרעל אָבגעשטעלט אין אַ קרעטשמע אויף האַלב וועגס קיין לובלין. אונזערע רייזענדע, מיד און אָנגעשטרענגט פון דער ביז איצטיגער נסיעה זענען אריין אין די קרעטשמע עפּעס איבערבייטען און אָברוהען. דער בעל עגלה האָט אָפּגעראַוועט דאָס פערד ביים אבראַק און אליין איז ער אַוועק אויסטרינקען אַ קווערטיל אָקעװיט, כדי דערנאָך צוזושפּאַרען זיך.

און קרעטשמע האָט זיך געטומעלט ווי אויף אַ יריד. דער גאַנץ־לאַנגער טיש איז פון ביידע זייטען געווען בעזעצט פון פערשידענע סאָרטען מענשען: סוחרים און דאָרפס־שרייבער, בעלי עגלות און להבדיל גוי׳אישע שמייסער. אַלע

האבען נערעדט אויפן וויכען קול, בראנפען האט זיך געגאסען ווי וואסער, און אין חלל פון דער שטוב האט געהויערט א געדיכטער נעפעל וועלכען מען האט געקענט אזש מיט דער האנד אנטאפען.

ר׳ לייבוש, וועלכער איז קיינמאל נישט געוואוינט געווען צו אזא טומעל, צו אזא הו־הא, האט זיך אוועקגעשטעלט ביי דער טהיר, און נישט געקענט געהן א טריט ווייטער. אבער דא האט איהם בעמערקט דער קרעטשמער — א יוד א נשוא־פנים מיט א שניי ווייסער בארד, וועלכער האט זיך ארומגעדרעהט איבער דער קרעטשמע אין א יארמולקע און אויף אלעם געווארפען אנ׳אויג מעשה בעל־הבית — איז ער צוגעגאנגען צו ר׳ לייבוש׳ן, דערלאנגט איהם די האנד און אויסגערופען:

— שלום עליכם, א יוד,! וואס שטעהט איהר עפעס ביי דער טהיר ? הא — וואס, עס טומעלט זיך, קיין שום עין הרע. קומט זייט מוחל אין מיין חדרל וועט איהר זיך אברוהען, און אגב וועלען מיר כאפען א שמועס, איהר קוקט דאך אויס א היימישער יוד, אנ׳אורח־הגון !...

ר׳ לייבוש האט זיך געלאזט פיהרען פון קרעטשמער, וועלכער האט איהם אריינגעפיהרט אין א זייטיג חדר׳ל, וואו די פענסטער האבען ארויסגעקוקט אין א גערטענדעל. ר׳ לייבוש האט פרייער אבגעעטעמט, אראבגעווארפען דעם ועג־כאלאט, אויפגעשפילעט די שווערע מלבושים פון קליינעם הימל און א זאג געטהון צום קרעטשמער;

— איהר וועט מוחל זיין צוגרייטען א מילכיגע גריק, א שטיקעל פוטער און קעז אויף וויעטשערע און אויף דערנאך -- א געלעגער. מיר וועלען דערווייל דאווענען מעריב.

דער קרעטשמער איז ארויס צוגרייטען די וויעטשערע. ביידע האבען פרום אבגעדאווענט מעריב און ווען פאטער, און זוהן האבען געשטילט דעם גרשטען הונגער, איז אריין דער קרעטשמער, אוועקגעזעצט זיך נעבען זיי און אנגעהויבען פערפיהרען א שמועס.

-- פונוואנען איז א יוד און וואו פאהרט א יוד -- האט דער קרעטשמער נייגעריג נעפרעגט.

-- פון טארניגראד בין איך און קיין לובלין פאהר איך צום „חוזה” -- האט ר׳ לייבוש מיט אמאל אבגעענטפערט כדי פטור צו ווערען פון די נאכקומענדע פראגען.

— אזוי, צום „חוזה” — האט דער קרעטשמער אויסגערופען — דערקענט באלד אין אייך, אז איהר פאהרט נישט מסחר׳ן. אזוי, צום היילינען „חוזה” אה, ווען איך וואלט צייט געהאט אריבערצוכאפען זיך קיין לובלין — האט דער קרעטשמער געקרעכצט — א שווער שטיקעל ברויט דאס קרעטשמעריי. מען קען זיך קיינמאל נישט אברייסען פון דער קרעטשמע.

ר׳ לייבוש האט בעטראכט דעם יוד און זיין התפעלות פארן „חוזה” האט

איהם שטאַרק פאַרוואונדערט. ער האָט דעריבער סתּם אין דער וועלט אַריין, אַ פרעג געטהון.

— האָלט איהר צוליב וואָס פון לובלינער, געהערט פון איהם, מסתּמא, האַ?

— וואָס, צי איך האָלט פון איהם צי איך האָב געהערט פון איהם, פון הייליגען רבין פון לובלין — אַ קלייניגקייט צו זאָגען. ווער האָט דען נישט געהערט פון איהם, ער איז דאָך אַן׳אָפּענער בעל רוח־הקודש. און אַז איך זאָל זיצען מיט אייך ביז טאָג וועל איך דען אייך קענען אויסדערצעהלען אַ מקצת מן המקצת פון דעם, וואָס איך וויים, וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט דערצעהלען פון לובלינער צדיק...

אַ ווײַלע איז שטיל געוואָרען אין חדר׳ל. אויף יענער זייט וואַנד האָט געטומעלט, אַ קרעטשמע, און דאָ האָבען זיך צוויי יודען אָוועקגעזעצט שמועסען חסידות.

ר׳ לייבוש דער מתנגד איז שטאַרק נתפּעל געוואָרען פון די ווערטער פון קרעטשמער, אין וועלכען ער האָט דערקענט אַן׳איידעלען יוד. איז דאָך א חעלט פּאַרט נישט משוגע — האָט ער זיך געטראַכט. מען דאַרף כ׳לעבען עפּעס הערען וועגען דעם „חוזה״, איידער מען פאָהרט אַריין קיין לובלין. אָבער ווי זאָגט עס אַ יוד, אַ מתנגד, אַז עס ווילט זיך איהם הערען אַ חסידישע מעשה...

פון דער דאָזיגער פּערלעגענהייט האָט איהם אַרויסגעהאָלפען דער קליינער חיים׳ל, וועלכער האָט מיט אַ תחנונים׳דיג שטימעלע אַ זאָג געטהון צום קרעטשמער:

— דערצעהלט עפּעס, בעל־הבית, דערצעהלט עפּעס פון לובלינער צדיק.

— נו, דערצעהלט, דערצעהלט, טהוט איהם צוליב — האָט ר׳ לייבוש אונטערגעהאָלפען. ער איז אַ וואָוילער בחור׳ל, מיין קליינער, דערפאַר וועט ער בעגעהרען צו לערנען...

— נו, יאָ, אוואדאי וועל איך דערצעהלען — האָט דער קרעטשמער געענטפערט, אָבער וואַרטס, לאָמיך נאָר עפּעס דערמאַהנען. יאָ, איך האָב זיך דערמאָהנט, הערט אַ מעשה:

— געווען איז עס מיט שעהנע עטליכע יאָהר צוריק. דער „חוזה״ איז דעמאָלט נאָר געוואָרען רב אין בעכיוו, דאָס איז דאָך אַ שטעדטעל נעבען לובלין. זיין חסידישע התנהגות האָט שטאַרק נישט אויסגענומען אין מתנגדישען שטעדטעל, האָט מען דעם יונגען רב גענומען רודפ׳ן פון אַלע זייטען. אָבער דער רב האָט זיך נישט געמאַכט דערויס. געטהון דאָס זייניגע און דערצו נאָך נוהג־נשיאות געווען אין שטעטעל ביד רמה, נישט געפרעגט נאָך קיינעם.

מאַכט זיך אַ מעשה. אין שטעדטעל קומט פאָר אַ נגידישע חתונה. שטעדטעל געהט אַוועק אויף רעדלען. אַלץ נעהמט אַנטייל אין דער נגידישע חתונה.

־ין קיין ביז גרויס און דער גרעססטע ראָל שפּילט דאָך דערביי דער שטאָדט־שמש, כידוע...

די התונה האָט זיך פאַרצויגען ביז שפּעט אין דער נאַכט, און דער שמש אַ פראָסטער יוד, אָבער אַן׳עהרליכער, וועלכער האָט זיך שטאַרק משמח געווען מיטן רעכטען ביסעל משקה, איז נאָך פאַר דער חופּה־ווייטשטערע אַנידערגעפאַלען אין א ווינקעל חי א געהרגעטער אין פעסט איינגעשלאָפען.

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך, דער שמש, ווען עס האָט אָנגעהויבען שאַריען אויפן טאָג. אויף דער חתונה האָט זיך נאָך שטאַרק געטומעלט; אָבער דער שמש האָט שוין נישט געהאַט דעם קאָפּ דערצו. מסתמא פאַרשפּעטיגט צו קלאַפּען אין שוהל אריין — האָט זיך דער אָרימער שמש געטראַכט, און מיט איין שפּרינג שוין געווען אין דרויסען און אָנגעהויבען קלאַפּען אין די לאָדענס צוזינגענדיג דערביי זיין סקאַרבאָווען טיף־ריהרענדען נגונ׳דל:

— יודען, שטעהטס אויף לעבודת הבוראו...

אַזוי געהט ער דער שמש, געסיל־איין, געסיל־אויס. אַט דערנעהנטערט ער זיך צו דער בית־המדרש־גאַס. ער בעמערקט שוין דאָס ליכט וואָס דרינגט אַרויס פון רב׳ס הדר׳ל, זיין קול ווערט וואָס אַמאָל פעסטער און זיכערער אויסרופענדיג. אין זעלבען טאָן:

-- ישראל עם קדושים, שטעהטס איף לעבודת הבוראו...

פלוצלינג דערהערט דער שמש, ווי עס שרייט עמיצער צו איהם פון דערווייטענס. ער בלייבט א ווייל׳ע שטעהן. ער בעמערקט אין דער פינסטערניש, ווי עס דערנעהנטערט זיך צו איהם א מענשליכע געשטאַלט. אָבער צי מיינט מען עס טאַקי איהם דעם שמש, אפשר האָט יענער אַ טעות, און דער שמש נעהמט ווייטער געהן און רופען:

— ישראל עם קדו...

— שטעה, זאָג איך דיר,שטעה! — הערט שוין דער שמש בפירוש אַ רוף צו איהם. דו טאַרסט נישט געהן ווייטער. אַ טריט נישט ווייטער!...

דער שמש, אַ דערשראָקענער, שטעלט זיך אָב, און דאָס געשטאַלט דערנעהנטערט זיך צו איהם כסדר. דאָס חיות אַנטפאַלט אין איהם, אָבער ער קען מיט קיין פוס נישט אַ ריהר טהון, אפילו ווען ער זאָל וועלען אַנ׳טלויפען.

נאָך אַ ווייל׳ע און ער דערקענט שוין, אַז דאָס איז דער רב גופא דער יונגער, חסידישער רב, אַט געהט ער צו צו איהם מיט אַ וואַדער־וואַסער אין האַנד און מאַכט צו איהם:

נאַ, נעהם דאָס וואַסער און וואש די הענד, „נעגעל וואַסער״ האָסטו פאַרגעסען אָבצוגיסען, פאַרפאַרצט געווען אין דער שמחה מסתמא, הא, צו רופען: „ישראל עם קדושים״ מיט טמא׳דיגע הענד — אַ חשק דאָס איז אַ ביסעל!..

איך פאַרשטעה אייך שוין צו דערצעהלען, וואָס עס האָט זיך געטומעלט אין שטעדטעל נאָך דער מעשה. — האָט פאַרענדיגט דער קרעטשמער — א

קליינינקייט צו זאָגען, דער לובלינער צדיק — ער איז דאָך אַן אָפּענער בעל רוח־הקודש...

— אַזוי, אַזוי, אַן אמתע מעשה — האָט חיימל מיט גרויס התפעלות אויסגערופען — אַווא, אַווא!

— די מעשה איז אפילו אַ גאַנץ שעהנע — האָט ר׳ לייבוש דער מתנגד אויסגערופען — אבער מיט רוח־הקודש האָט עס נאָך נישט צו טהון. פערשטאַנען, אַז דער שמש איז פערפאַרעט אין דער שמחה, און אפשר האָט ער זיך אַ ביסעל אָנגעשיכורט, וועט ער מסתמא פערגעסען צו וואַשען נעגעל־וואַסער. עס שטעהט דאָך אַזוי חכם עדיף מנביא, און אַ יוד אַ חכם מוז ער דאָך זיין, דער „חוזה", אַבער מיט רוח־הקודש האָט עס נאָך נישט צו טהון.

-- געהט שוין געהט, ר׳ אורח, הערט וועל איך אייך דערצעהלען אַ צווייטע מעשה, וועט איהר וויסען ווער דער „חוזה" איז. אַבער, וואַרט מיין יודענע רופט מיך איבריגענס איהר קענט זיך צושפּאַרען. איהר פאָהרט דאָך סיי ווי קיין לובלין. דאַרפט איהר פון מיר הערען מעשיות פון חוזה? איהר וועט אין לובלין גרעסערע מופתים זיך אָנהערען!

דער קרעטשמער איז אַרויס פון חדרל. דער פאָטער און דער זוהן האָבען אָבגעבענשט, חיימל איז גיך איינגעשלאָפען. אַבער ר׳ לייבוש האָט בשום אופן נישט געקענט איינשלאָפען. די מעשה וואָס דער קרעטשמער האָט איהם נאָר וואָס דערצעהלט, האָט געמאַכט אויף איהם אַ פיצל שטאַרקערען רושם, ווי ער האָט אין תהילת גערעכענט. דער מתנגד אין איהם האָט זיך אָנגעהויבען ברעכען...

אויף צומאָרגענס בעגינען, האָט דער בעל עגלה געוועקט זיינע פּאַסאַזשירען. זיי האָבען אָבגעדאַוונט אויף גיך און ווייטער געלאָזט זיך אין וועג אַריין.

פון איצט אָן איז דער וועג קיין לובלין געווען אַ פיצל בעסערער. דאָס פערדל איז געלאָפען מיט גרויס חשק, פערביילויפענדיג שטעדטלעך און דערפער.

ר׳ לייבוש האָט אַלץ נישט געקענט פערגעסען די נעכטיגע מעשה מיטן נעגעל־וואַסער און ווען עס האָבען זיך אָנגעהויבען וויזען די קאָנטורען פון דער שטאָדט לובלין, האָט דער מתנגד ביי זיך בעשלאָסען, אַז זיין עובדא אין לובלין וועט נישט זיין בלויז דאָס פיהרען צום „חוזה" דעם קליינעם חיימל, דעם געראָטענעם זוהן זיינעם, נאָר אויך אַליין צוצוקוקען זיך צו דער התנהגות פון רבין, כדי זיך איבערצוצייגען אין דעם אַלעם, וואָס מען דערצעהלט פון איהם אין וועגען איהם...

ד

# אין בית מדרש פון „חוזה"

אין דעם בית המדרש פון רבין פון לובלין זכרונו לברכה האט זיך גאר שטארק געטומלט. די גאנץ־לאנגע טישן זענען פול בעזעצט געווען. יונגעלייט און עלטערע יודען, ארימע און רייכע, פון נאהנט און פון ווייט — אלע האבען זיי זיך צונויפגעמישט און צוזאמענגעשמאלצען זיך. אין בית־המדרש האט דער רייכער פערגעסען פון זיין עשירות און דער ארימער פון זיין אביוניסקייט. בכלל האט מען דא פערגעסען פון די אלע קליינליכע ענינים און חפצות, וואס פערביטערען אזוי דאס לעבען. דא האט מען געלערנט חסידות, א דרך אין יודישקייט, און דאס איבריגע איז די דאזיגע יודען אנגעגאנגען ווי דער פאר־יעריגער שניי. ניש־קשה, דער בורא איז א רחום וחנון, ער וועט נישט פערלא־זען ווייב און קינד, מא צו וואס פערנעהמען דעם קאפ מיט קלייניקייטען ווען מען איז אין לובלין...

אט זיצען זיך עטליכע יודען אין א ווינקעלע און שמועסען חסידות. עמיצער דערצעהלט אין א ריהרענדען טאן א מעשה פון רבין, און די איברי־גע הארכען מיט אזא הייליגען ציטער. אלע ווילען קומען צו נאך איינער. א צווייטער, א דריטער, לעגט זיך ארויף אויף א פלייצע, שטרענגט אן דאס געהער, וויל כאפען א ווארט, א תנועה, א רמז, בעגעגענט זיך מיט דעם וואס ער דערכאפט מיטן אויער. און פון דערווייטענס זעהט עס אויס, ווי די מענ־שען־מאסע האט זיך צונויפגעוואקסען, פונקט ווי עס פאסען זיך צוגויף וויינ־טרויבען אויף איין הענגעל, א וויינטרויב אויף דער טרויב...

אין א ווינקעל שטעהט א יונגערמאן איינגעהילט אין טלית און דאווענט מיט גרויס התלהבות. עס איז שוין באלד נאך האלבען טאג. דער יונגערמאן האלט נאך גאר פון פארענט. ער איז ממש מרעיש־עולמות מיט זיין דאווענען און קיינער מאכט זיך ניטש דערוויס, א פנים, געוואוינט שוין דערצו. דאך קלינגט אב זיין שטים אין חלל פון בית־המדרש, אזוי ווילענדיג נישט ווילענדיג. מוז מען א רגע זיך אבשטעלען און מיט אויפמערקזאמקייט זיך צוהערען ווי ער זינגט זיך דבקות׳דיג, מיט גרויס התלהבות:

— לפיכך אנחנו חייבים — אוי־אוי — חייבים להודות לך ולשבחך — זיסער ג־ט לשבחך ולפארך, וליתן שבח והודי׳, והוד־ויי לש־מך...

און דארט, ביי דער טהיר. טרינקט מען משקה. שטעהט דארט א קליין בלעכעלע אקעוויט אויפ׳ן טיש, מיט א פאר קליינע גלעזלעך ארום, א יוד האט געבראכט א דאר קעזעל און א צווייטער האט ארייסגעשיקט נאך „מזונות־

דאָס גלעזעל געהט פון האַנד צו האַנד און מען ווינשט זיך לחיים. דערביי לאָזט זיך פיהלען בחוש די אהבה, די חיבה וואָס איינער פיהלט צום אַנדערען. אַלעמענס אויגען גלאַנצען, די פנים׳ער זענען פעררויטעלט, כאָטש נעהם, צוריק די טישען, בענק און מאַך אַ טענצעל ביז צום פערגעסען זיך...

אין דער פאַרנסיגער מויעה, אויפ׳ן ערשטען גאַרן, דאָרט ווי דער רבי וואוינט, איז די ענגשאַפט אין לשער. יודען פון אַלע עקען לאַנד זענען געקומען צום רבי׳ן. שטעהען זיי אַב שעה׳ן לאַנג ביז זיי זענען זוכה אַריינצוקומען אין רבי׳נ׳ס חדר׳ל, וואַרטען מיט געדולד ביז עס קומט אויף זיי די רייהע.

אַט עפענט זיך די טהיר. אַנ׳עולם מענשען פאַלט אַריין אין חדר׳ל. די משמשים ארבייטען מעשים, פרובען פערהאַלטען דעם מענשען־שטראָם, אָבער דאָס קומט זיי נישט לייכט אָן. שרייען זיי אויפן קול, שטופען, שטויסען, אָבער די מאַסע איז שטאַרקער, ווער פרעגט דען די שמשים, אַז אַ יוד איז אין אַנ׳עת צרה, ווען עס האַלט ביי פיקוח נפש, — אַז נאָר די תפילה פון צדיק קאָן דעם בייזען גזר צורייסען...

אזוי טומעלט זיך דאָרט סיי ביי טאָג און סיי ביינאַכט. מענשען געהען אַוועק און מענשען קומען. קומען פערביטערטע און געהען אַוועק צופרידענע, האָפנונגספולע, שטאַרק מיט בטחון, אַז די ישועה איז נאָהנט, אַז מען האָט געפועלט אַלדאָס־גוטס אין זכות פון צדיק הדור.

——

ווען ר׳ לייבוש טאַרניגראָדער מיט זיין קליינעם חיימל זענען אָנגעקומען קיין לובלין, איז שוין געווען מנחה־צייט. באַלד זענען זיי פערפאָהרען צו אַנ׳אַכסניא, נישט ווייט פון בית־מדרש, אָבגעדאַווענט מנחה, איבערגעביסען און אַוועק אין בית־המדרש אַריין.

ר׳ לייבושן איז אַלץ אויסגעקומען ווילד־פרעמד. דער צעוואָרפענער עולם, די גרופעס שמועסער, דאָס דרעהען זיך אַראָב און אַרויף איבערן לאַנגען בית־המדרש — עס האָט זיך איהם געדוכט, ווי ער איז אַריינגעפאַלען אין אַ אומבעקאַנטער וועלט, אַז ער איז דאָ אַ ווילד־פרעמדער. חיימל דאַגעגען האָט באַלד זיך דערפיהלט היימיש. אָט איז ער שוין ביי דער ספרים־שאַנק, קלעטערט אויפן לייטער און באַלד קומט ער צוריק מיט אַ גמרא אין האַנד, פאַקט זיך אַריין צווישען אַ חברה יונגעלייט און הויבט אָן לערנען אויפן קול.

דאָס קלינגענדיגע שטימעלע פון קליינעם יונגעלע ציהט אין אָנהויב אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. אָבער נאָר אויף אַ ווייל. באַלד ווערט מען צוגעוואוינט דערצו. יעדער איז פערנומען מיט זיך, מיט זיין אייגענעם חשבון און בכלל וואָס איז, אַ בחורל לערנט — אין בית־המדרש איז עס נישט קיין נאָווינע...

ר׳ לייבוש האָט שוין ערפאַהרען, אַז דער רבי נעהמט אָן ערשט נאָך מנחה־מעריבו ד. ה. אין אַ שעה אַרום. ניצט ער אויך ביי אַ ספר און איז מעיין,

אָבער זיין קאָפּ איז איהם נישט דערביי. זיין בליק שווימט איבערן גרויסען בית־המדרש, הידושט זיך אויף אַלעמען אין פיהלט' זיך ווי אַ תלמיד־חכם אויף אַ יאַריד. אויפן הארצען איז איהם זעהר אומעטיג. און ער קען נישט זיינע מחשבות קאָנצענטרירען.

אָבער איין זאַך בערוהיגט איהם. ער זעהט — מען זיצט און מען לערנט. גמרות און שלחן ערוך'ס אָנגעוואָרפען אויף די טישען יונגעלייט און עלטערע יודען, — מען לערנט!... אמת, מען בעלמוטשעט צו פיעל, מען שמועסט צו פיעל, מען דרעהט זיך צו פיעל לעדיג אַרום. אָבער פאָרט לערנט מען דאָך נאָך עפּעס. עלעהיי קיין גרויסע לומדים מוזען דאָ נישט זיין, וואָרום פון וואַנען און פון ווען — אַז מען האָרעוועט נישט אין לערנען, אַז מען איז פּערנומען מיט אַנדערע זאַכען, טאָ פונוואַנען זאָל מען ק ע נ ע ן לערנען!..

פון די דאָזיגע אומעטיגע מחשבות האָט איהם אויפגעוועקט אַ פּער־שטאַרקער טומעל אין בית־המדרש. ר' לייבוש האָט ערפאַהרען, אַז מען לאָזט שוין אריין. אָט שטעהט שוין נעבען איהם חיימל און ציהט איהם ביים אַרבעל אויסרופענדיג:

— קום טאַטעשי!

באַלד שטעהען זיי שוין צווישען עולם, שטופּען זיך און בעמיהען זיך וואָס נעהנטער צו זיין צו דער טהיר. ר' לייבוש ציטערט שטאַרק איבער זיין חיימל, אַז מען זאָל איהם נישט צודריקען. אָבער חיימל שטיפּט זיך נישט ווענ־גער ווי אַלע. די תשוקה וואָס גיכער צו זעהען דעם רבין, איז ביי איהם זעהר גרויס, אַז ער בעקומט נייע כּוחות און שטופּט זיך אַדורך דורך אַלעמען.

אָט עפענט זיך די טהיר און ר' לייבוש מיט זיין קליינעם עלוי פאַלען אַריין אין רבינס חדר צוזאַמען מיט אַנ'עולם יודען. די טהיר פערמאַכט זיך צוריק, און אַלע בלייבען שטעהן פונדערווייטענס אין ציטערניש, אין פלאַטער־ניש...

ביים פענסטער, נעבען אַ קליין טישעל זיצט דער רבי פון לובלין זכר צדיק לברכה אין איז מעיין אין אַ ספר. פון צייט צו צייט הויבט ער אויף זיינע הייליגע אויגען און שטעלט זיי אָב אויף עמיצען. ווייסט שוין יענער, אַז ער דאַרף צוגעהן. שטיל איז אין חדרל, ווי עס וואָלטען קיין לעבעדיגע מענשען דאָרט נישט געווען. אַלע זענען אַרומגענומען מיט אַ געפיהל פון התלהבות און וואַרטען מיט אומגעדולד אויף דער רגע, ווען דער רבי וועט צורופען.

אָט הויבט אויף דער רבי זיינע אויגען און זיין בליק פאַלט אויף ר' לייבושן און זיין קליינעם זוהן. ביידע געהען צו צום רבין און בלייבען שטעהן אַביסעל פון דערווייטענס.

דער רבי רופט זיי צו נעהנטער. דערלאַנגט שלום דעם פאָטער און דאַן דעם זוהן. דעם קליינעמס הענטעל האַלט ער לענגער, קוקט זיך איין אין זיין פּנימל און רופט אויס צו אַלעמענס שטוינונג:

— קענסט עפעס לערנען, קליינער?

— אביסעל — האָט חיימל נישט דרייסט אָפגעענטפערט.

אַ ווײַלע הערשט אַ שטילקייט אין חדרל. אויך ר׳ לייבוש איז נתפעל. פון לערנען פרעגט ער זיך גאָר. אַ חסידישער רבי און לערנען, — עפעס זאָגט מען דאָך, אַז זיי האַלטען אַזוי וועניג פון לערנען..

— וואָס לערנסטו איצט, בחור׳ל, — טהוט ווייטער אַ פרעג דער רבי פון לובלין.

חיימל ווערט דרייסטער און רופט אָן די סוגיא אין וועלכער ער איז עוסק.

באַלד ענטוויקעלט זיך אַ תורה־שמועס צווישען ביידען. ר׳ לייבוש גלויבט ממש נישט זיינע אויערען. דער רבי פרעגט און דער קליינער ענטפערט טרעפ־ליך. אַ גליקליכער שמייכעל בעוויזט זיך אויפ׳ן פנים פון פאָטער. אָבער באַלד פרעגט דער רבי אַ קשיא. דער קליינער הערט זיך גוט איין. שטרענגט זיך גוט אָן. אויך ר׳ לייבוש הערט זיך צו צו דער קשיא. אָבער עפעס איז ער די קשיא נישט תופס. ביידע בלייבען שטעהן אומבעוועגליך. ר׳ לייבוש איז אויסער זיך. אַ שטילקייט הערשט איבער׳ן חדר׳ל. ענדליך רופט אויס דער רבי ווענדענ־דיג זיך צו ר׳ לייבוש׳ן:

— איהר האָט פערשטאַנען די קשיא?

ר׳ לייבוש, אַ פערשעמטער, לאָזט אַראָב די אויגען און מורמעלט ווי צו זיך:

— ניין, איך האָב נישט פערשטאַנען!

— און דו חיימל, האָסט פערשטאַנען, וואָס מען פרעגט?

— יאָ, איך האָב פערשטאַנען — ענטפערט דער קליינער עלוי און נעהמט איבערגעבען די קשיא.

ערשט איצט הערט זיך איין דער פאָטער. א דאנק דער הסברה פון זיין קליינעם זוהן איז ער ענדליך תופס די קשיא. באמת „אַ׳ן אייזערנע קשיא״. ווי אַזוי האָט מען עס געקענט לערנען די גמרא, אַז די קשיא איז פון אויבען אויף, ממש מיט די הענד אָנצ־טאַפּען, — טראַכט זיך ר׳ לייבוש.

— און אַ תירוץ ווייסטו? בחור׳ל זאָג, שעהם זיך נישט.

חיימל הויבט אָן צו זאָגען אַ תירוץ, אָבער דער רבי ווענדט איהם גלייך אָב. ר׳ לייבוש פרובט זיך אויך אָנרופען מיט אַ וואָרט. ער זעהט פאַר זיך אַ חעלטס־גאון פון דער גרעסטער מדרגה. דער תורה־שמועס פערטיפט זיך. דער רבי איז כהרף־עין מבטל אַלע תירוצים. די קשיא בלייבט פעלזען־פעסט.

ענדליך רופט זיך אָן דער רבי:

— נו, איהר פאַהרט דאָך נאָך נישט אַוועק פון דאַנען, דו וועסט זיך אַריינטראַכטען, חיימל, וועסט וויסען דעם תירוץ, ניש־קשה, וועסט אי״ה קענען לערנען!..

ר׳ לייבוש מיט זיין זוהן זענען אַראָב צוריק אין בית־המדרש אַריין.

חימל האָט א כאַפּ־געטהון אַ גמרא און אָנגעהויבן זיך לערנען, כדי צו דערגעהן דעם תירוץ אויף דער קשיא, וואָס דער רבי האָט איהם געשטעלט. באַלד איז אין בית המדרש בעקאַנט געוואָרען דער פאַקט, אַז דער רבי האָט מיטן קליינעם פערפיהרט א שמועס אין לערנען און געשטעלט איהם אַ שווערע קשיא. אַלע האָבען זיך בעמיהט אַריינצוציהען אין אַ שמועס דעם פרעמדען יודען און נישט אויפגעהערט צו בעוואונדערען דעם קליינעם עלוי, אויף וועלכען דער רבי האָט מעיד געווען, „אַז ער וועט קענען לערנען". חיימל האָט אָבער קיין אַכט נישט געלעגט אויף דעם טומעל אַרום איהם. די קשיא, וואָס ער האָט געהאַט צו פערענטפערען האָט איהם נישט צו־רוה געלאָזט. זיין יונג מח׳ל האָט פיבערהאַפט געאַרבייט.

אויך ר׳ לייבוש איז געווען איבערראַשט. ער האָט תמיד געגלויבט, אַז די חסידים צוזאַמען מיט זייערע רביים קענען רעכט נישט קיין שטיקעל גמרא און אָט האָט ער פאַר זיך אַזאַ גרויסען גאון, אַז ער פערשטעהט נישט צימאָלט זיינס אַ קשיא. ער, לייבוש טאַרניגראַדער, וועלכער שמט אין דער גאַנצער סביבה אַלס תלמיד חכם, וועמען מען האָט שוין אָנגעבאָטען פיעל רבנותן, ער האָט נישט פערשטאַנען דעם רבינס אַ קשיא!...

און דאס וואָס ער האָט פון גאַנצען עולם אַרויסגערופען גראָד איהם און זיין חיים׳לען איז אַ קליינינקייט? האָט ר׳ לייבוש זיך געטראַכט, — דאָס אָבשטעלען זיך גראָד אויף איהם און פערפיהרען אַ לומדות־שמועס — אַ פנים דער „חוזה" האָט פערשטאַנען פון וואָס ער טראַכט, וואָס עס ליגט איהם אויפן זינען, האָט ער גלייך געוויזען, אַז אויך חסידים קענען לערנען, אויך אין לובלין איז אַ האַרבע קשיא אַ ענין פון וועלכען מען קען זיך נישט אַזוי לייכט אַרויסדרעהען. דער רבי האָט גלייך דערפיהלט אַז איך בין מיך מצער פון ביטול־תורה און מיין גאַנצע אַרבייט איז, אַז חיימל זאָל קענען לערנען, האָט ער תיכף אַ זאָג־געטהון: „ביש־קשה, וועסט אי״ה קענען לערנען"...

דערווייל האָט זיך אַרום חיימ׳לען שטאַרק געטומעלט. יונגעלייט און עלטערע יודען האָבען איהם אַרומגערינגעלט. געפרעגט דעם רבינס קשיא. פון אַלע זייטען האָט מען געזאָגט תירוצים. חיימל האָט אַלעמען אָבגעווענדעט און דעם רבינס קשיא איז ווייטער געבליבען קשיא. דער וואונדערבאַרער עלוי פון טאַרניגראָד איז געוואָרען דער העלד פון טאָג. אַלע האָבען געקוקט אויף איהם מיט גרויס ליבשאַפט און פערעהרונג.

ביסלעכווייז איז ר׳ לייבוש אַריינגעצויגען געוואָרען אין אַ שמועס. ער האָט נישט גערען געענטפערט אויף די פערשידענע פראַגען, וואָס זענען פון אַלע זייטען געפאַלען. ר׳ לייבוש דערצעהלט ענדליך עפעס וואָס פון זיך, אַז ער האָט אַ גוט יונגעל, האַלט שעהן ביי לערנען, און פלוצלינג האָט איהם אָנגענומען אַ חשק צו פאָהרען קיין לובלין, האָב איך מיך דערפון שטאַרק מצער געווען. אַ קליינינקייט ביטול תורה. אָבער דאַ האָב איך פלוצלונג דערזעהן, אַז אין לובלין קאָן מען אויך לערנען, אַז אייער רבי איז אַ גרויסער למדן

און דאָס איז פאַר מיר אַזאַ אויסטערלישער חידוש, אַז עס גלייבט זיך מיר נישט פשוט די גאַנצע מעשה.

— וואָס מיינט איהר וואָס, ר׳ יוד, אַז חסידים קענען נישט לערנען, — האָט זיך אָנגערופען עמיצער מן הצד, — אָט וועל איך אייך דערצעהלען אַ מעשה, און וועלכער אַ גרויסער מתנגדישער גאון איז פערמישט, וועט איהר גאָר נתפעל ווערען, ווערט איהר מעהר קיין קשיות נישט פרעגען. וועט איהר וויסען, אַז קיין גרעסערער גאון ווי עס איז אונזער רבי זאָל געזונד זיין, איז בכלל נישט בנמצא.

פון אַלע זייטען האָט מען אויפגעמונטערט דעם יודען, אַז ער זאָל דער-צעהלען די מעשה. ענדליך האָט ער אָנגעהויבען דערצעהלען און דער ארומיגער עולם האָט זיך געטומען איינהערען מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט.

ח

# פאַטער און זוהן

— די מעשה וואָס איך געה אייך דאָ דערצעהלען — האָט דער עלטערער יוד, מיט דער שניי־ווייסער באָרד אָנגעהויבען — האָט פאַסירט נישט לאַנג, אָבער געוואוסט דערפון האָבען יחידי־סגלה. איך ווייס נישט פאַרוואָס די מעשה איז נישט פערשפרייט געוואָרען צווישען חסידישען עולם, פונקט ווי אַנדערע — ווייניגער וויכטיגע מעשיות, אָבער אַזוי איז עס געוועזן. און אויף קיין מעשה פרעגט מען נישט קיין קשיא...

דער חסיד האָט זיך אַ ווײַלע אָבגערוהט, פערוויקעלט זיין לילקע־ציבוק און ווייטער גערעט:

— איהר האָט דאָך מסתמא געהערט פון בעריהמטען מעהרישען לאַנד־רב, רבי ברוך תאומים פרענקעל פון לייפניקז מסתמא געהערט. ווער האָט עס נישט געהערט פון דאָזיגען גאון, מיט וועלכען די מתנגדישע וועלט איז פיעלז — ער איז דאָך באמת דער גרויסער גאון. דער למדן, דער בעל־סברא, — אַנ׳אמת׳ער תלמיד חכם און ירא שמים אָבער איין חסרון האָט ער, דער לייפניקער רב, -- ער איז נישט קיין חסיד!...

— אַ פייערדיגער יוד, אַ מרביץ תורה ברבים, פיהרט אַ גרויסע ישיבה מיט תלמידים לומדים, צווישען זיינע תלמידים וועט איהר געפונען די אמת׳ע בעלי־פלפול, אַ סך פון זיי זענען שוין לאַנג רבנים מיט אַנ׳אָנזעהן, אַ וועלט ווענדעט זיך צו איהם מיט שאלות און זיינע תשובות זענען תמיד מכריע — בקיצור: אַ גאון פון אַלטען שנים, פון דעם מין, וואָס ווערט ביי אונז בעונותינו הרבים, אַלץ ווענינער און ווענינער...

זיצט זיך ר׳ ברוך אין זיין שטעדטעל און פרעגט נישט נאָך דער גאַנצער וועלט. האָרעוועט איבער אַ שטיקעל גמרא און אַזוי לערנט ער זיינע תלמידים: דער עיקר דאָס לערנען אויפן אָרט, דאָס נישט־אָבנאַרען זיך, דאָס נישט איינרעדען זיך, אַז מען ווייסט וואָס די גמרא זאָגט, אין דער צייט ווען מען הויבט באמת נישט אָן צו וויסען מאי דקאמרי רבנן...

און אַ שאַרפער איז ער, דער לייפניקער רב, זאָלט איהר שוין גאָרנישט פרעגען. דערצו איז ער אַ פייערדיגער מתנגד און אַ חסיד איז ביי איהם אַ אַזאַ חטא, וואָס קען שוין ערגער נישט זיין. אין יענע קאַנטען איז טאַקי דאָס חסידות ווייניגער נתפשט, פשוט דערפאַר, ווייל מען האָט מורא פאַר איהם. פאַרן לאַנד־רב, וועלכער קען קנס׳ען קהלות און יחידים אפילו בדיני דמלכותא, טאָמער דערצעהלט מען איהם וועגען חסידות, וועגען חסידישע גוטע־יודען און וועגען זייער התנהגות, געהט ער ממש אַרויס פון די כלים... און ווען אין לייפניק האָט אַ קעסט־יונגערמאַן זיך פערגלוסט צו דאַווענען על פי נוסח ספרד, און מען האָט עס דערצעהלט דעם רב, איז ער נבהל ונשתומם געוואָרען און עס האָט זיך געטהון חושך אין שטעדטעל. דער יונגערמאַן איז געכאַפט אין דער מעשה, אָנגעשטעקט זיך, רחמנא ליצלן, מיט „חסידות״, און דאָס איז דאָך געפעהרליך. ער קען דאָך מאַכען אַ חורבן אין שטעדטעל. האָט מען דעם יונגערמאַן גענומען רודפ׳ן פאַר דער מעשה אַזוי לאַנג ביז ער האָט עוקר געווען און דעם שווער זיינעם האָט אָבגעקאָסט אַ הון־רב, ביז עס איז איהם געלונגען ארויסצובעקומען פון דעם יונגערמאַן אַ גט פאַר זיין יונגער טאָכטער...

דער לייפניקער רב האָט געהאַט אַ זוהן זעהר אַ געראָטענעם מיטן נאָמען ר׳ י ה ו ש ע ה ע ש ע ל. דער דאָזיגער זוהן איז געווען דער שפּאָלטּ פון זיין פאָטער: דער שאַרפער מח, דער בעל שכל, דער גרויסער חריף. איז דאָך קיין חידוש נישט, וואָס דער לייפניקער רב האָט ליעב געהאַט זיין העשעלען אהבת־נפש. ער האָט זיך ממש נישט געריהרט אָהן איהם. אין אַלע זאַכען זיך מיט איהם בעראַטען אין בעיקר האָט ער מיט איהם פערבראַכט אין פלפול. דאָס איז תמיד געווען דאָס גרעסטע פערגעניגען פאַר׳ן לומדישען פאָטער. און ווער עס האָט נישט געזעהן, ווי אַזוי פאָטער און זוהן זענען זיך מפלפל האָט קיינמאָל נישט געזעהן, ווי אַזוי „תלמידי חכמים מנגחים זה את זה בהלכה״...

אַחוץ די דאָזיגע מעלות איז אָבער דער יונגער יהושע העשעל געווען אויך אַ שטאַרקער בעל־רגש. פאַר די ישיבה־בחורים איז ער שטענדיג געווען נישט נאָר אַ חבר, נאָר ממש אַ ברודער. ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז עס פעהלט עפּעס־וואָס עמיצען פון זיינע חברים, פון טאַטענס תלמידים, פלעגט ער נישט רוהען, ביז ער האָט בעזאָרגט דעם ישיבה בחור מיט אַלעם נויטיגען. דערפאַר האָבען איהם אַלע סיי די ישיבה־בחורים, סיי די שטאָדט־לייט ליעב געהאַט ווי דאָס אייגענע חיות און געהיטען איהם ווי אַנ׳אויג אין קאָפּ.

ר׳ יהושע העשעל איז שטענדיג אַרומגעגאַנגען אַ פערטראַכטער. געאַרבייט

אין יודישקייט. זיין הארץ האט תמיד געברויזט. און געפיהלט האט ער, אז עס איז איהם שטארק ענג אין דער סביבה פון זיין היימיש שטעדטעל, אז עס ציהט איהם אין דער גרויסער וועלט אריין.

ווי אזוי ר׳ יהושע העשעל האט אין ריין מתנגדישען שטעדטעל זיך בעקענט מיט דער שיטה פון חסידות, בלייבט א סוד. אבער א פאקט איז, אז ר׳ יהושע העשעל, האט אין דער גרעסטער געהיימניש, בחדרי חדרים, געלערנט חסידות, נתפעל געווען פון דעם דאזיגען דרך אין יודישקייט און עס האט נישט געדויערט לאנג, ווען ר׳ יהושע העשעל איז נהפך געווארען לאיש אחר. ער איז געווארען. א יוד א ברען זיין דאווענען, זיין לערנען, זיין התנהגות, — בקיצור א חסיד מיט׳ן גאנצען קנאק...

אין דעם מתנגדישען שטעדטעל איז מען אויף אזעלכע זאכען נישט געווען קיין מבין. דארט האט מען געמיינט, אז דער דרך החסידות בעשטעהט נאר אין „הודו" פאר „ברוך שאמר" און ווער עס דאווענט לויטן דאזיגען נוסח איז א פושע ישראל, וועלכען מען דארף עוקר מן השורש צו זיין.

ר׳ יהושע העשעל האט אבער נאך אלץ געדאווענט לויטן אשכנזישע נוסח, דערפאר האט ער נישט דערוועקט צו זיך קיין שום חשד. אלא מאי דאס דאווענען זיינס האט געדויערט אביסעל לענגער, — וואס איז דאס וואונדערן איז ער דאך עפעס דאס צדקות׳דיגע קינד פון לייפניקער גאון, דאחענט ער אביסעל ווארימער ווי א געוועהנליכער בשר ודם.

אבער לאנג פערבלייבען אין דעם מתנגדישען שטעדטעל, האט ר׳ יהושע העשעל נישט געקענט. ער האט געפיהלט, אז עס פעהלט איהם א רבי, עס פעהלען איהם חברים, אז ער דארף האבען פאר וועמען דאס הארץ אויסצו־רעדען, דאס וואס עס האט איהם אין לייפניק לגמרי בעפעהלט.

א שווערען קאמף האט ר׳ יהושע העשעל געפיהרט מיט זיך. ער האט געוואוסט, ווי וויים דער פאטער זיינער רודפ׳ט חסידים, ער האט אויך געוואוסט, ווי ליעב דער פאטער זיינער האט איהם, און דעריבער האט ער זיך לאנג נישט געקענט ענטשליסען אבצופאהרען פון דער היים. זייענדיג זיך מצייר דאס עגמת נפש, וואס זיין פאטער וועט דערפון האבען.

א טאג נאך א טאג איז אריבער. די תשוקה צו פאהרען קיין לובלין איז אלץ געווארען שטארקער און שטארקער, ביז ער האט איינמאל, אין א בין השמשות צונויפגענומען זיין ביסעל זאכען און אוועק אויפן וועג קיין לובלין...

ווען דער לייפניקער רב האט זיך דערוואוסט פון דער „מעשה נורא", וואס דער זוהן זיינער האט אבגעטהון, איז איהם געווארען זעהר טרויעריג אויפן הארצען. דער גרויסער גאון האט זיך אין תחילת צוויינט ווי א קליין קינד און אויסגערופען: אויף מיר איז מקוים געווארען דער פסוק „הנני מקים רע מתוך ביתך". ענדליך האט ער זיך בעהערשט, אויסגעטהון די שיך פון די פיס, זיך קריעה געריסען און געזעסען שבעה ר"ל נאך זיין טייערען זוהן, נאך זיין יהושע העשלען, וואס איז נעבעך ארויס לתרבות רעה...

זייט דאַמאָלס האָט פאַר דעם לייפּניקער רב מעהר נישט עגזיסטירט זיין זוהן ר' יהושע העשעל, פּונקט ווי ער וואָלט באמת אָוועק אויפן עולם האמת. אויך קיינער פון זיינע תלמידים האָט נישט דערמאָהנט אין דער געגענוואַרט פון רב דעם נאָמען פון ר' יהושע העשלען. בלויז זיין הויז געזונד האָט מורא'דיג געליטען פון דער מעשה און מען האָט אויסגעקוקט אויף א נס, וואָס זאָל צוריק שלום מאַכען צווישען פאָטער און זוהן

דערווייל איז ר' יהושע העשעל געזעסען אין לובלין, ביים „חוזה" און געאַרבייט אין חסידות; דער רבי האָט איהם שטאַרק מכבד געווען, א סך מיט איהם פערבראַכט אין לערנען און אויך צווישען חסידים, איז דער לייפּניקער רבס זוהן, וועלכער האָט געבראַכט אַזא שווערען קרבן פאַרן חסידות, געווען זעהר געעהרט און געאַכטעט.

צעהן יאָהר צייט האָט ר' יהושע העשעל פערבראַכט אין לובלין. אין שפּעדטעל האָט מען שוין כמעט אינגאַנצען פערגעסען, אַז עס איז געווען א יהושע העשעל, אויך דער לייפּניקער רב האָט שוין נישט געדענקט מעהר, ווי ער וואָלט מעהר נישט עקזיסטירט אויף דער וועלט.

אין א געוויסען טאָג, רופט אַריין דער „חוזה" ר' יהושע העשלען און ווייזט איהם א שווערען תוספות. ר' יהושע העשעל פערטיפט זיך אין דעם תוספות, בעמיהט זיך צו געפונען א תירוץ אויף דער הארבע קשיא, אָבער אומזיסט, א שווערער תוספות, נישטאָ קיין תירוץ — רופט ענדליך אויס ר' יהושע העשעל א רעזיגנירטער.

שמייכעלט דער רבי פון לובלין א ווײַלע און הויבט אָן צו זאָגען א תירוץ אויף דער קשיא. און דער תירוץ איז דאָך טאַקע מני' בי', א גאוניש'ען קנייטש און דער תוספות איז פערענטפערט. ר' יהושע העשעל איז אויסער זיך פון התפעלות, און זיין הארץ איז פול מיט יראת הרוממות פאַר זיין גרויסען רבין וועלכער איז אויך דער אמת'ער גאון הדור.

און ווען ר' יהושע העשעל פרעהט זיך געגוג אָב מיטן תירוץ, רופט זיך צו איהם אָן דער רבי פון לובלין:

— הער מיך אויס, העשעל, שוין צייט שלום צו מאַכען מיטן טאַטען. ווי לאַנג איז דער שיעור צו זיין ברוגז. צעהן יאָהר — געגוג. כבוד אב איז דאָך אויך א מצוה? פאָהר זשע אַהיים, לחיים ולשלום און לאָמיר הערען בשורות טובות.

ווערט ר' יהושע העשעל גאַר שטאַרק נתפעל פון דער מעשה. ס'טייטש, ווי אזוי פאָרט מען עס אַהיים קיין לייפּניק, אַז דער טאַטע איז נאָך איהם שבעה געזעסען, אויס געמעקט איהם לחלוטין פון זיין האַרץ, ווי אַזוי קען מען עס פלוצלונג אַריינפאַלען צום טאַטען און א זאָג-טהון: טאַטע כ'בין דאָ!

נאָר, אַז דער רבי הייסט, פרעגט מען קיין קשיות נישט, נעהמט זיך ר' יהושע העשעל צונויף זיינע חפצים, געזעגענט זיך מיט זיינע גוטע פריינד און קעהרט זיך צוריק, נאָך צעהן יאָהר, אַהיים, קיין לייפּניק.

וואָכען לאַנג האָט געדויערט די נסיעה פון לובלין קיין לייפניק. און במשך פון דער דאָזיגער צייט, האָט זיך ר׳ יהושע העשעל געפילט זעהר נישט גוט. זיין מח האָט ביי איהם פיבערהאַפט געאַרבייט. ווי אַזוי וועט ער זיך פאָרשטעלען פאַר זיין פאָטער, וועלכער האָט איהם פערלייקענט פאַר אַ זוהן. אָבער דער באַפעהל פון רבין פון לובלין האָט גובר געווען זיינע חששות, ביז ער איז ענדליך אָנגעקומען קיין לייפניק און איז אריין אין בית מדרש, וואו דער פאָטער זיינער איז געזעסען ביים שיעור ארומגערינגעלט פון זיין גרויסע ישיבה.

במשך דער אָבגעלאָפענער צייט, איז ר׳ יהושע העשעל נאַטירליך פערענדערט געוואָרען אין זיין אויסזעהן, ער האָט בעקומען אַ לאַנגער באָרד, געטראָגען אַ רבנישען היט אַזוי, אַז אריינקומענדיג אין בית מדרש אריין, האָט איהם קיינער נישט דערקענט.

ר׳ יהושע העשעל געהט צו נעהנטער צו זיין פאָטער, הערט זיך איין, ביי וועלכען ענין מען האַלט און צו זיין גרויסער שטוינונג זעהט ער, אַז מען האַלט גאָר ביי דעם ענין וועגען וועלכען דער רבי האָט געפיהרט מיט איהם אַ שמועס, איידער ער האָט איהם בעפוילען צוריקצוקעהרען צו זיין פאָטער.

פלוצלינג נעהמט מען לערנען דעם זעלבען שווערען תוספות. ר׳ יהושע העשעל ווערט נבהל ונשתומם. אָט דאָס הייסט רוח־הקודש — טראַכט ער זיך און נעהמט וואַרטען מיט אונגעדולד אויף דעם וואָס וועט ווייטער פאָרקומען.

און אָט פרעגט עמיצער פון די תלמידים די אייגענע קשיא, וואָס דער רבי פון לובלין האָט איהם געפרעגט. די קשיא מאַכט אַ שטאַרקען רושם אין דער ישיבה, דער ראש ישיבה שטרענגט זיך אָן, קנייטשט דעם שטערן, אָבער די קשיא איז פעלזען־פעסט, נישטאָ אויף איהר קיין תירוץ.

די צייט ציהט זיך ווי פעך. אָט איז שוין אַ האַלבע שעה, אַ גאַנצע שעה. דער לייפניקער רב איז שוין פערמאַטערט. טראָפענס שווייס פליסען פון זיין שטערען אָבער קיין תירוץ איז נאָך אַלץ נישטאָ. ענדליך מאַכט זיך ר׳ יהושע העשעל קוראַזש ער פערשטעהט שוין וואָס דער רבי זיינער איז אויסען געווען, געהט ער צו צו זיין פאָטער און רופט אויס:

— לייפניקער רב איך ווייס אַ תירוץ! און איידער וואָס ווען זאָגט ער אָב דעם תירוץ און נעהמט זיך אוועקגעהן.

דער רושם איז אַן'אויסערגעוועהנליכער. דער רב שפּרינגט אויף פון זיין אָרט, כאַפּט אָן די הענד פון פרעמדען יונגערמאַן און ווייסט נישט וואָס צו טהון מיט איהם פאַר התפעלות. ענדליך רופט ער אויס צו איהם, ווי נישט מיט זיין קול.

— ווער זענט איהר עס, יונגערמאַן פונוואַנען זענט איהר?

— איך בין דיין זוהן, יהושע העשעל! דאָס האָט מיך דער רבי פון לובלין געשיקט צו דיר מיט דעם דאָזיגען תירוץ אויף תוספות קשיא.

עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז פאָטער און זוהן האָבען צוריק שלום

געמאַכט, און דער לייפּניקער רב האָט אָנגעהויבן דרך ארץ בּעקומען פאַר חסידים, פאַר חסידישע גוטע יודען און בּעזונדערס פאַר אַזאַ גאון ווי עס איז געווען דער רבי פון לובלין.

— פרעגט איהר — האָט דער דערצעהלער פערענדיגט די מעשה — צי מען קען אין לובלין לערנען? האָט נישט קיין עגמת נפש, טאַרניגראַדער, אַז איהר ווילט לערנען איז לערנען. אַלץ קענט איהר דערגרייכען אין לובלין, און אַז דער רבי האָט געזאָגט, אַז ער וועט וויסען אַ תירוץ אויף זיין קשיא, וועט ער מסתמא וויסען, און זייט נישט פאַרזאָרגט ר׳ יוד איהר וועט נאָך פון אייער קליינעם האָבּען אַ סך נחת.

ג.

# חיים׳ל - א מקורב ביים „חוזה".

די האַרבּע קשיא, וואָס דער „חוזה" האָט געשטעלט דעם קליינעם טאַר־ניגראָדער עלוי, האָט נישט אויפגעהערט צו אינטערעסירען די בּרייטע לומדישע וועלט אין לובלין. אָבּער קיינער האָט קיין געפונענדען תירוץ אויף דער קשיא נישט געקענט געבּען. אין דאָס איז געווען אַ פּלא. ס׳טייטש אַזוי פיעל מאָל געלערנט דעם דאָזיגען ענין, און עס איז געווען גלאַט און מיטאַמאָל: אַ קשיא, וועלכער מען קען פון אָרט נישט ריהרען! — איז עס טאַקי געווען אַ פּלא, אַ חידה סתומה...

אָבּער איינער איז געווען, וואָס האָט נישט געזוכט קיין פּלאים, נישט פערטראַכט זיך איבּער דער דאָזיגער רעטעניש נאָר געזוכט דעם תירוץ גופא — דאָס איז געווען חיים׳ל טאַרניגראָדער. שוין שעהנע עטליכע טעג ווי דער גאַנצער חוש זיינער איז אריינגעטהון אין דער קשיא. שווער געווען אין איהם דאָס מינדעסטע ביסעל עסען אריינצובּרענגען, קיין זאַך איז איהם נישט אָנגע־גאַנגען — ער מוז דעם תירוץ געפונען, פון פריהמאָרגען ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ער אַלץ געזעסען איבּער דער ש"ס־גמרא, געאַרבּייט איבּערן מהרש"א, איבּער די פּלפּול־ספרים. טיילמאָל האָט זיין שאַרפער מח אויפגעבליצט פון אַ שעהנעם געדאַנק, און טיילמאָל האָט זיך זיין שטערען געקנייטשט בּיי אַ שווערע סברא, און אָט האָט זיך איהם שוין אַמאָל געדאַכט, אַז ער האָט דעם תירוץ געפונען, אַ גליקליכער איז ער אויפגעשפּרינגען פון אָרט, אָבּער זיין רייפער שכל האָט איהם דיקטירט נישט פריהצייטיג צו פרעהען זיך, נאָר נאָכאַמאָל נעמען בּאַטראַכטען, קריטיקירען און גוט אַנאַליזירען דעם תירוץ. און ווען ער האָט דאָס געטהון, האָט זיך איהם אַרויסגעוויזען, אַז ווידער איז עס נאָך

נישט דער ריכטיגער תירוץ, ווידער האָט ער אַ טעות געהאַט און קשיא בלייבט חייטער קשיא...

די גאַנצע צייט האָט ר׳ לייבוש מיט גרויס שפּאַנונג פּערפאָלגט די אָנ־געשטרענגטע אַרבייט פון זיין קליינעם זוהן צו געפונען דעם תירוץ אויף דער קשיא. אָבער ווען עס זענען אַריבער אייניגע טעג און ער האָט דעם תירוץ נאָך אַלץ נישט געפונען, און דערצו האָט דער קליינער אָנגעהויבען דערפון ליידען, בעקומען אַ שלעכטען אויסזעהען, נישט קענען שלאָפען ביינאַכט, האָט דער גוטער טאַטע אָנגעהויבען איינטענה׳ן מיט היימלען, אַז ער זאָל זיך שוין מעהר נישט מאַטערען מיטן אויסגעפונען דעם תירוץ. סוף כל סוף איז ער דאָך נאָך אַ גאַנץ יונג קינד, טאָ וואָס איז דער רעשז — וואָלסט מיך כ׳לעבען געפאָלגט, זוהנעשי, וואָלסטו אַריינגעגאַנגען צום רבין און איהם געזאָגט: רבי! איך ווייס נישט קיין תירוץ, אדרבה, איך וויל פון אייך אַ תירוץ הערען.

אָבער חימל האָט דערפון אַפילו הערען נישט געוואָלט. ס׳טייטש, דער רבי זאָל לעבען זאָגט בפירוש, אַז איך חעל דעם תירוץ אַליין חיסען, ווען איך קומען צוגעהן און זאָגען, אַז איך חייס נישט! — האָט דער קליינער אַבגעענטפערט — דעם רבינס וואָרט איז דאָך נישט גלאָט גערעדט. אַז ער האָט געזאָגט, אַז איך חעל דעם תירוץ חיסען, ווען איך אי״ה, איהם חיסען, נישט וואס צו קלערען. טאָ צו וואָס אַליין זיך לעגען איבערן בענקעלז...

די דאָזיגע קלוגע רייד פון שפּעטערען חעלטס־גאון האָט שוין אפילו דער גוטער פאָטער נישט געקענט איבערשפּאַרען. זיין האַרץ איז בלויז גע־חאקסען פון נחת און זיינע ליפּען האָבען געשעפּטשעט אַ דאַנק און אַ לויב צום בורא פאַר דער טייערער מתנה, וואָס ער האָט איהם געגעבען.

און חידער זענען אַוועק עטליכע טעג. ר׳ לייבוש האָט זיך שוין אָנגע־הויבען גרייטען צו דער נסיעה אַהיים. אַרומגעדרעהט זיך עטליכע שעה אין טאָג אויפן מאַרק, געקלערט אַהיימצוקויפען אַביסעל סחורה אין זיין קרעמעל אַריין, געזעסען אַ פּאַר שעה אין בית מדרש, געשמועסט חסידות, געהערט וואונדערליכע מעשיות און שטוינענדע פּאַקטען. ביסלעכווייז האָט ער זיך אָנגע־הויבען צוגעוועהנען צום חסידישען דרך, דאָס התנהגות פון די חסידים, וייער דאַווענען און לערנען, איז ביי איהם שוין נישט אויסגעקומען אַזוי פרעמד, פערקעהרט, ער אַליין האָט שוין טיילמאָל אויך געפיהלט דערין אַ טעם, און עס האָט זיך איהם אָנגעהויבען דוכטען, אַז אַנדערש קען שוין באמת נישט זיין...

ר׳ לייבוש סאַרניגראָדער, דער ערשטער מתנגד אין שטעדטעל, האָט זיך אָנגעהויבען שניידען אויף אַ חסיד...

אין אַ געווויסען טאָג נאָכן אָנבייסען, זיצט זיך אַזוי חיים׳ל אין בית מדרש אויף זיין אָרט ביים ברעג פון אַ לאַנגען טיש, און פּערטיפט זיך אין דעם ענין שוין צום טויזענדסטען מאָל, אַרבייטענדיג אַלץ כדי אויסצוגעפינען דעם תירוץ, ווערט איהם פּלוצלונג ליכטיג אין די אויגען, עפּעס אַ סברה איז איהם געקומען אויפן געדאַנק. אַ שפּאָגעל־נייע סברה, חעגען וועלכער ער האָט

ביז איצט אַבסאָלוט נישט געטראַכט, און, לויט אַ דער סברה אין דער תירוץ פון אויבען-אויף, ממש מיט דער האַנד צו דערלאַנגען...

בלייט אַזוי זיצען דער קליינער ווי אַ פערגליווערטער, זיינע בעקעלעך רויטלען זיך און אַליין פיהלט ער, ווי עס ווערט איהם קאַלט און וואַרים. הויבט ער אויף די אויגעלעך און קוקט זיך ארום — קיינער בעמערקט איהם נישט. קיינער פיהלט נישט זיין חדוה זיין אינערליכע שמחה. ס'טייטש ער האָט דאָך געפונען דעם תירוץ אויפן רבי'נס קשיא!...

דאָס מאָל פרובט ער זיך שוין ניט איבערלעגען. נאָכקאָנטראָלירען, נאָכדענקען צי דער תירוץ איז אַ ריכטיגער. דאָס מאָל ווייסט ער שוין אויף געוויס, אַז ער האָט נישט געגרייזט. קלערט נישט קיין סך דער קליינער עלוי, פאַרמאַכט האַסטיג די גמרא און לויפט אַ פעריאַכמעטער אין דער וואוינונג פון „חוזה" כדי פאַר'ן רבין צו זאָגען דעם תירוץ,

מיט קוראַזש שטופט ער זיך אַדורך דורך אַלעמען. מען קען איהם דאָך שוין, דאָס איז דאָך דער קליינער עלוי מיט וועלכען דער רבי האָט פערבראַכט אין לערנען, האָט מען טאַקי אביסעל דרך ארץ פאַר איהם, בעקומט ער זיך לייכט אַריין אין רבי'נס חדר, און רופט אויס ווי נישט מיט זיין קול:

— רבי. איך האָב געפונען, געפונען דעם תירוץ!...

שמייכעלט דער רבי, און ענטפערט:

— מיר ווייסען חיימל, מיר ווייסען, ווערסט אי"ה קענען לערנען.

אָבער כדי דעם קליינעם צופרידענצושטעלען פאַר די שווערע טעג פון האַרעוואַניע, פון קאָפּ-ברעכעניש. הייסט איהם דער רבי זאָגען דעם תירוץ.

און חיימל זאָגט דעם תירוץ, מיט אַלע זיינע אברים זאָגט ער, מיטן גאַנצען חיות. אַלץ אין איהם זאָגט דעם תירוץ אויפן חוזה'ס קשיא...

דער רבי גלעט איהם מיט זיין ווייכער האַנד איבערן בעקעל, שמייכעלט צו איהם ליבליך, פאָטערליך און דער קליינער פיהלט זיך באמת גליקליך...

באַלד ווערט איבערן בית מדרש בעוואוסט, אַז דער טאַרניגראָדער עלוי האָט דעם תירוץ געטראָפען, און אַז דער רבי האָט זיך מיט איהם שטאַרק געפרעהט. עמיצער לויפט אַרויס אין שטאָדט אַריין אויפזוכען דעם גליקליכען פאָטער. ר' לייבוש קומט צו לויפען, פאַלט צו צו זיין זוהן. קושט איהם און האַלזט איהם, וויינט ממש פאַר שמחה.

זייטן דאָזיגען טאָג איז דער קליינער חיימל געוואָרען אַ יוצא ונכנס בייס רבין, אַ גאַנצער מקורב... צוגעקוקט זיך צו זיין התנהגות, צוגעהערט זיך מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צו די דברי תורה, וואָס מען האָט פון רבין נאָכדערצעהלט און... געלערענט חסידות ביים חוזה...

אויך דער רבי גופא האָט גאַנץ אָפט מיט איהם פערבראַכט אין פערשיעדענע ענינים, און דאָס איז שוין פאַר קיינעם נישט געווען קיין פלא. אדרבא מען האָט אָנגעהויבען פאַר איהם דרך-ארץ האָבען, ווייל מען האָט לייכט געקענט בעמערקען, אַז דער קליינער שניידט זיך אַלס מנהיג ישראל.

וועגן דער דאָזיגער התקרבות, פון וועלכער ער האָט געוואָקסן וויענדיג ביים חוזה, פלעגט דער צאַנזער רב זכרונו לברכה דערצעהלען זעהר פיעל. מיר וועלען בלויז איבערגעבען א כאַראַקטעריסטישען פרט, וואָס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש, פאַר דער בעציהונג פון צדיק הדור צום 10-יעהריגען חיימל:

— איינמאָל בין איך געווען אין חדר פון חוזה, דערצעהלט דער צאַנזער, און צוגעקוקט זיך ווי דער רבי איז עוסק בחסידות. דאָס חדר איז פיעל געווען מפה אל פה. יעדער איז צוגעגאַנגען מיט זיינע בקשות, מיט זיינע חפצות און דער רבי האט אויסגעהערט, אָבגעענטפערט, עצות געגעבען, אָנגעוויזען און אזוי כסדר.

פלוצלונג האָט ער אַ רוף געטהון: אַלע זאָלען שוין אַרויס פון שטוב! כהרף עין האָט זיך דער עולם אָנגעהויבען אַרויסצושאַרען און באַלד איז די שטוב ליידיג געוואָרען.

איך אָבער, אַ קליינער יונגעל, האָב שטאַרק געגלוסט צו זעהן, וואָס דער רבי געהט דאָ טהון, האָב איך מיך בעהאַלטען אין אַ ווינקעלע און געבליבען אין חדר...

האָב איך געזעהן, ווי דער רבי הויבט אָן צו געהן איבערן חדר אַראָב און אַרויף, הין און צוריק, מיט גרויס דבקות, רעדענדיג צו זיך אַזעלכע אוני פערשטענדליכע ווערטער. איך בין שיעור נישט געשטאָרבען פאַר פחד און אַלע אברים האָבען זיך אין מיר געוואָרפען.

און אָט האָט ער מיך בעמערקט, דער הייליגער חוזה, מאָמענטאַל האָט ער זיך אָבגעשטעלט. רוהיג געוואָרען, און מיט אַ שמייכעל אויף זיין הייליגער צורה, האט ער מיך פאָטערליך צוגערופען צו זיך.

און ווען איך בין מיט וואַקעלדיגע טריט צוגעגאַנגען האָט ער מיר געזאָגט:

— ווייסטו חיימל, פאַרוואָס איך האָב אַלע געהייסען אַרויסגעהן, איך וועל עס דיר זאָגען.

ווען מיר האָבען געהאַט דאָס בית המקדש, האָבען מיר דאָך אויך געהאַט אַנ׳„אורים ותומים״, אויף וועלכען עס האט געלויכטען דער הייליגער שם המפורש און אַז יודען האָבען געהאַט אַ מבוקש האָט מען געפרעגט ביים „אורים ותומים״ אַלץ וואָס מען האט בעדאַרפען פרעגען. און פון דאָרט האָט מען אַ תשובה בעקומען. היינט, בעוונותינו הרבים, ווען מיר האָבען דאָס נישט, קען מען אין דער הייליגער תורה אַלץ געפונען, ווייל פון יעדען אות פון דער תורה לייכט אַראָב דער הייליגער שם, פונקט ווי פון די „אורים ותומים״.

אַזוי איז עס מיט אונז. יודען קומען צו אונז. גיסען אויס זייערע הערצער בעטען עצות און ישועות. לייכט דער הייליגער שם פאַר אונזערע אויגען, ווייסען מיר צו געבען אַנ׳עצה אַ יודען, הערט אָבער אויף דער שם צו לייכטען פאַר אונז, קענען מיר מעהר קיין עצות נישט געבען, סיידען מען לערנט עפעס אין דער הייליגער תורה, ווייל, קוקט מען נאָר אַריין אין דער תורה, דערזעהט

מען דאַך ווידער די הייליגע שמות און עס הויבט אָן ווידער לייכטען פאַר אונזערע אויגען.

און איצטער — האָט דער רבי פון לובלין פערענדיגט, ווען דער עולם איז מיט אונז געווען, האָבען מיר פלוצלונג דערפיהלט, אַז עס ווערט אונז טונקעל פאַר די אויגען, האָבען מיר געהייסען דעם עולם אַרויסגעהן, ווייל מיר האָבען פערשטאַנען, אַז מיר דאַרפען עפּעס לערנען כדי צוריק צו בעקומען דאָס הייליגע אור וואָס איז בעהאַלטען אין דער הייליגער תורה...

ג.

# דער שידוך.

אהיימקומענדיג פון לובלין, האָט דער שפּעטערדיגער צאַנזער רב זכרונו לברכה, זיך גענומען לערנען מיט מעהר חשק און ברען. די ברכה פון „חוזה" אַז ער וועט קענען לערנען, האָט איהם אַריינגעגעבען גרויס תשוקה צו לימוד התורה, צו התמדה. שטענדיק האָט פאַר זיינע אויגען געשוועבט די הייליגע צורה פון גרויסען צדיק און זיין ברכה, וואָס איז ביי איהם טייערער געווען ווי אַלץ אין דער וועלט.

אין שטעדטעל האָט מען געשמועסט אַז נישט נאָר חיימל, נאָר אויך זיין פאָטער, דער שאַרפער מתנגד ר' לייבוש, האָט צוריקגעקעהרט פון לובלין אַלס חסיד, אָבער די פערביסענע מתנגדים האָבען דערין נישט געקענט בשום אופן גלויבען. ס'טייטש, דער קליינער לערנט דאָך מיט אַזוי פיעל התמדה, מיט אַזאַ ברען, נאָר נישט מעשה חסיד און אויך ר' לייבוש היט אָב גענוי זיינע טעגליכע שיעורים ווי פריהער, שמועסט גערען מיט די שטעדטעלשע לומדים אין לער-נען, אַ זאַך וואָס מען קען אויף אַ חסיד בשום אופן נישט אויסטראַכטען. איז עס נאָר אַנ'אונזיניגע פּלאַפּעריי און ווייטער גאָרנישט. נישט ר' לייבוש און זיין יונגער עלוי האָבען זיך „חלילה" נישט אָנגעשטעקט מיט דעם נייעם דרך, וואָס איז זיך לוידער אַלץ מעהר נתפשט.

אָבער דאָס איז נישט ריכטיג געווען, חיימל האָט קיין סך צייט נישט פערשווענדעט אויף חסידות, ווייל אַזוי האָט איהם דער רבי אָנגעזאָגט, אַז דער עיקר זאָל ער זיצען און לערנען. אָבער גאַנץ אָפט אין אַ שפּעטער משמור-נאַכט, ווען דאָס בית מדרש וואו ער האָט געלערנט איז געווען האַלב ליידיג, פלעגט ער פּלוצלינג אויפשפּרינגען פון אָרט, ווי עס וואָלט איהם עמיצער אַ ביס געטהון, לייגען „אַנ'ערוב" איבער דער גמרא און נעהמען האַסטיג שפּרייזען איבערן בית מדרש, פערטיפען זיך אין אַ חסידישען ענין אָדער אַ חסידישע תורה מיט אַזאַ התלהבות, דערביי האָט זיין פּנים אַזוי געפלאַמט, אַז ווער עס

האָט עס בייגעוואוינט איז ממש אַרויס פון די כּלים און אויסטערליש נתפּעל געוואָרען, ווי אַזוי אַזאַ יונג קינד וואָל זיך שוין קענען אַזוי מעמיק זיין אין אַזעלכע הויכע ענינים, וואָס זענען אַפילו פאַר לומדים מופלגים אויך נישט צוטריטלין.

אויך ר׳ לייבוש האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבען פיהרען ווי אַ חסיד שאַפענדיג אין שטעדטיל אַנ׳ענגען קרייז פון חסידישע יונגעלייט, מיט וועלכע מען האָט זיך סוף כל סוף איינגעלעבט, חי אומעטום ווי אין אַלע שטעדט און שטעדטלעך פון פוילען דער מדינה.

עטליכע יאָהר זענען אַריבער. חיימלס גדלות אין לערנען איז מיט יעדען טאָג געוואַקסען. אויף וויט און ברייט האָט מען שוין געוואוסט וועגען דעם יונגען טאַרניגראַדער עלוי און זיין נאָמען איז בעקאַנט געוואָרען אין אַלע יודישע קרייזען און שטענדיג און אומעטום האָט מען דערמאָהנט זיין נאָמען מיט גרויס עהרפורכט, האַלטענדיג, אַז אַ גרויסער שטערען וועט אויפגעהן פון טאַרניגראַד און וועט פערלייכטען דער יודישער וועלט.

איבערהויפט איז מען אין יענע מקומות איבערראַשט געוואָרען פון דעם פלפול וואָס דער קליינער חיימל האָט געזאָגט צו זיין בר-מצוה. עטליכע שעה צייט האָט געדויערט דער פלפול, דערביי האָט ער אַרויסגעוויזען אַזאַ גרויסע מאָס בקיאות און חריפות, אָנגוואַרפענדיג גמרות און סברות און ברירות אָהן אַ שיעור. אין תחילת האָבען די גרויסע שטעדטעלשע לומדים נאָך געקענט פערפאָלגען זיין רעיון, געפרובט אויך איהם אָבוועגדען מיט קשיות, אָבער דערנאָך האָבען זיי שוין אָנגעהויבען פערלירען דעם פאָדעם פון דעם ענין, און חיימל איז פערבליבען ווי אַ גרויסער מלחמה מאַן אַלס דער איינציגער זיגער אויפן שלאַכט-פעלד.

פון דעם דאָזיגען פלפול האָט מען אַ צייט לאַנג גערעדט מיט גרויס התפעלות און דער נאָמען פון טאַרניגראַדער עלוי האָט זיך געטראָגען אויף אַלעמענס ליפען מיט גרויס ליבשאַפט, און פערעהרונג.

איצטער איז שוין געקומען די צייט פאַר די שדכנים אויסצוגעפונען פאַרן צוקונפטיגען גדול אַ רעכטען זיווג אין ר׳ לייבוש׳ענס שטוב האָט זיך שטאַרק אָנגעהויבען טומלען פון די לאַנד-שדכנים, און פון סתם אַזוי יודען, וואָס וואָלטען וועלען אַזאַ תכשיט בעקומען פאַר אַנ׳איידעם. אָבער ר׳ לייבוש האָט זיך בכלל נישט געאיילט. זיין חיימל איז דאָך נאָך יינג, וואָסזשע האָט ער זיך צו איילען, וועט ער טאַקי צוואַרטען אַ ביסעל ביז עס וועט אונטערקומען אַ שידוך, וואָס וועט זיין שעהן פאַר ג-ט און פאַר לייט — אַזוי האָט זיך געשראָכט דער גליקליכער פאָטער.

---

מיר האָבען שוין דערצעהלט אין איינעם פון די פריהערדיגע קאַפּיטלען וועגען דער גדלות פון לייפניקער רב און מעהרישען רבי-הכולל רבי ברוך תאומים פרענקעל ז״ל, דער מחבר פון בעריהמטן ספר „ברוך טעם״ און פון

זיין זוהן ר׳ יהושע העשעל, שפעטערדיגער קאמארנער רב. מיר ווילען נאר צוגעבען, אז נאכן שלום מאכען צווישען פאטער און זוהן, האט ר׳ יהושע העשעל זיך גענומען צום מסחר, בערייזענדיג פערשידענע שטעדט און שטעדטלעך צוליב זיינע מסחרים.

אין א געוויסען טאג איז ר׳ יהושע העשעל אנגעקומען קיין טארניגראד. ר׳ לייבוש, דערהערענדיג, אז אין שטאדט איז אנגעקומען אזא גרויסער אורח, פון וועלכען ער האט אזוי פיעל געהערט, איז גלייך געלאפען איהם אויפזוכען און איינגעלאדען צו איהם אין שטוב אלס זיין גאסט.

אויך ר׳ יהושע העשעל האט שוין געהערט וועגען דעם יונגען טארניגראדער עלוי, און דעריבער האט ער זיך שטארק דערפרעהט מיט דער איינלאדונג פון זיין פאטער, כדי צו האבען די מעגליכקייט צו זעהן און צו הערען דעם עלוי, און צו שמועסען מיט איהם אין לערנען.

אהיים קומענדיג אויף אנבייסען האט חיימל געפונען אין זיין פאטערס הויז דעם גרויסען גאסט, וועלכען זיין פאטער האט איהם פארגעשטעלט. חיימל איז אויך שטארק צופרידען געווען מיטן גאסט און אויסגעפרעגט זיך פערשידענע פרטים פון דער מעשה וואס מען האט דערצעהלט וועגען איהם אין לובלין.

אזוי שמועסענדיג איז מען איבערגעגאנגען צו א תורה־שמועס. דער גרויסער למדן און חריף, ר׳ יהושע העשעל האט אריינגעצויגען דעם קליינעם עלוי אין א טיפען פלפול, וועלכער האט שוין לאנג אנגעהאלטען. ביידע האבען געקעמפט ווי די לייבען, אבער נאכמעהר איז נתפעל געווארען ר׳ יהושע העשעל, ער איז ממש נבהל ונשתומם געווארען, ער וואלט עס באין אופן נישט געגלויבט, אז אזא יונג בחור׳ל זאל זיין אזא גרויסער למדן. ר׳ יהושע העשעל איז זיכער געווען אז פון דעם קליינעם וועט אויסוואקסען א גאון פון א וועלט־פערנעהם און כהרף עין איז איהם איינגעפאלען א געדאנק, אז דער דאזיגער יונגער עלוי וואלט געווען א פאסיגער חתן פאר זיין געראטענער שוועסטער רחל׳ע, די טאכטער פון „ברוך טעם״.

נישט טראכטענדיג קיין סך, האט ר׳ יהושע העשעל תיכף אנגעשריבען א בריף צו זיין פאטער, דעם לייפניקער רב, און דערצעהלט איהם וועגען דעם מערקווירדיגען עלוי, וואס ער האט געפונען אין טארניגראד. דערביי האט ר׳ יהושע העשעל גאר נישט געהאט קיין ווערטער פון התפעלות פארן דאזיגען עלוי. ער גלויבט — האט ר׳ יהושע העשעל געשריבען אין זיין בריף — אז דער דאזיגער קליינער וועט אמאל שטעלען אין שאטען אלע לומדים פון זיין צייט, פונקט ווי דער ווילנער גאון ז״ל האט געשטעלט אין שאטען אלע לומדים פון זיין דור.

דעריבער האלט ער, אז דער פאטער זאל נישט ארויסלאזען דאס גליקליכע געלעגענהייט, וועלכעס ער בעטראכט אלס השגחה זאך און תיכף ומיד

זיך משדך זיין מיט'ן דאָזיגען יונגען גאון, אַלס חתן פון זיין יונגער אייניקל, אַ בעראָמענער שוועסטער.

דערהאַלטענדיג דעם בריף פון זיין זוהן האָט דער לייפּניקער רב נישט לאַנג געטראַכט און תיכף צוריק געענטפערט אַ בריף צוזאַמען מיט אַ כח הרשאה, צו שליסען דעם שידוך אריב עס וועט זיך נאָר לאָזען. דער לייפּניקער רב האָט שטאַרק געהאַלטען פון זיין זוהן און ער האָט געוואוסט אַז וועז ער איז נתפעל געוואָרען פאַרן גדלות פון דעם יונגען עלוי, מסתמא איז ער טאַקי אַן'אויסער-געוועהנליכער ערשיינונג און ווי לאַזט מען עס אַדורך אַזאַ שידוך?

ר' יהושע העשעל דערהאַלטענדיג דעם בריף פון זיין פאָטער איז געווע-רען פלא שמחה, און תיכף האָט ער אויפגעזוכט דעם פאָטער פון עלוי, אונזער רבי לייבוש'ן און איהם פאָרגעשלאָגען דעם שידוך.

שווער צו שילדערן די שמחה פון ר' לייבושן און פון זיין פרוי, הער-רענדיג, אַז דער לייפּניקער רב, דער גאון הדור וויל זיך מיט זייער חיימל משודך זיין. פון אַזאַ שידוך האָבען זיי אַפילו נישט געחלום'ט. אַ קליינינקייט, דער רב המדינה אין מעהרען. און זייער חיימל וועט טאַקי זיין דער איידעם פון דאָזיגען לאַנד-רב. עפּעס איז עס צופיעל אַפילו פאַר דער גליקליכער מאַמע-טאַטע פון אַזאַ געראָטען קינד.

ס'איז איבריג צו זאָגען, אַז היימלס עלטערען וואָלטען קיין איין מינוט נישט בעקלערט און תיכף תנאים געשריבען. ר' יהושע העשעל האָט דאָך צו-זאַמען מיטן בריעף פון זיין פאָטער אויך בעקומען אַ כח הרשאה דעם שידוך צו שליסען, טאָ וואָס איז דער קלער, אַז ביידע צדדים זענען מסכים — איז אָבער פאַר די גליקליכע עלטערען די שמחה גישט קיין שלימות'דיגע. עפּעס שטעהן זיי שוין גאַנץ חיים אין אַ שידוך, צו וועלכען זיי האָבען שוין געהאָט מסכים געווען, עס האָט שוין אַפילו געהאַלטען ביי תנאים שרייבען, נאָר לעצטענס האָט זיך עפּעס דאָרט ביים מחותן אָנגעהויבען אַ וואַקלעניש, איז דאָך דער דער חתן פיזיש נישט אין גאַנצען געראָטען און דעריבער האָט ער נישט געקענט גומר זיין דעם ענין, איבערלאָזענדיג איהם אַזוי הענגען אין דער לופט.

ר' לייבוש קען זיך פשוט נישט קיין עצה טהון, זאָל ער באַלד מסכים זיין אויפן שידוך מיט'ן לייפּניקער רב און לאָזען יענעם מחותן אין אַ זייט, איז דאָך עפּעס נישט גלייך. ווי זאָגט די וועלט: מיט קיין שידוך שפּיעלט מען זיך נישט. זאָל ער נישט מסכים זיין וואו קען מען דאָס? אַ קליינינקייט — דער לייפּניקער רב!

בעשליסט ר' לייבוש צו האַנדלען פּאָרזיכטיג, און ער ערקלערט ר' יהושע העשלען, אַז ער איז אַזוי איבערראשט פון דעם שידוך-פאָרשלאַג, אַז ער קען פשוט נישט איצט, אין אַ מאָמענט פון איבערראַשונג מסכים זיין צו דעם שידוך. ער מוז מוחל זיין צוואָרטען צוויי וואָכען צייט אין ערשט דאַמאָלט וועט ער איהם געבען אַן'ענטגילטיגע תשובה.

דער דאָזיגער ענטפער פון ר׳ לייבושן האָט ר׳ יהושע העשלען אפילו גאַנץ שטאַרק פערוואונדערט, וואָס איז נאָך דאָ צו קלערן ביי אַזאַ שידוך ווי מיטן ליפּניקער רב, און ווער ווייסט נאָך אַזוי די מעלות פון זיין געראָסענער שוועסטער ווי ער, — אָבער פערפאַלן, צוויי וואָכן איז צוויי וואָכן, מסתמא האָט דאָך ר׳ לייבוש אַ כוונה דערביי. בעשליסט ר׳ יהושע העשל זיי אָפּצו־פאָהרען פון דאַנען ווען ער שוין נישט, ער וועט צוואַרטען. אָהן אַנ׳ענט־גילטיגע תשובה קען ער פון סאַרניגראָד נישט אַוועקפאָהרען.

און אין דעם זעלבען טאָג שרייבט אָן ר׳ לייבוש אַ שאַרפען בריעף צו יענעם מחותן, אין וועלכען ער דרוקט אויס זיין הקפדה אויפן פערשלעפּען דעם ענין און צום סוף שטרייכט אונטער ר׳ לייבוש, אַז באם ער וועט נישט געבען קיין קלאָרע תשובה ביז אַ טערמין פון צוויי וואָכן וועט ער טהון אַנ׳אַנדערען שידוך.

דעם דאָזיגען בריעף האָט ר׳ לייבוש אַוועקגעשיקט צו יענעם מחותן מיט אַ שליח־מיוחד, וועלכען ער האָט בעפוילען נישט צו לאָזען זיך אָבשלעפּען מיט קיין תירוצים, ווייל איין שעה נאָכן געגעבענעם טערמין טהוט ער אַ צווייטען שידוך.

און כך הוא. עס איז אַדורך דער צוויי־וואָכידיגער טערמין. קיין תשובה איז פון יענעם מחותן נישט געקומען. דאַן האָט ר׳ לייבוש מיט גרויס שמחה ערקלערט, אַז ער איז מסכים צו דעם שידוך און נאָך היינט אין אָווענד וועט מען תנאים שרייבען.

מיט גרויס שמחה זענען געפּראַוועט געוואָרען די תנאים. חיימל האָט זיך דאַמאָלט גראָד בעזונדערס אויסגעצייכענט מיט זיין פּלפּול, מיט זיין סברה און ר׳ יהושע העשל איז געווען אַזוי גליקליך, ווי קיין גליקליכער וואָלט אויף דער וועלט בכלל נישט געווען.

אָבער ערשט צומאָרגענס אין דער פריה, נאָך די תנאים, איז געקומען דער שליח מיוחד צו לויפען אויף אַ רייט־פערד מיט אַ תשובה, אַז דער מחותן איז מסכים אויפן שידוך...

דערביי האָט ער דערצעהלט, אַז די גאַנצע צוויי וואָכען האָט ער זיך געהאַלטען אין איין וואַקלען, שוועבענדיג צווישען יאָ און ניין. אָבער ערשט נעכטען אין אָווענד האָט איהם אָנגענומען אַ חשק צום שידוך, אַז ער האָט כאָטש געוואָלט אַהערפליהען קיין סאַרניגראָד, האָט ער אָנגעשריבען די תשובה און אין מיטען דער נאַכט האָט ער מיך אויף אַ גוט רייט־פערד אַהער בע־טריבען, איך זאָל ברענגען די תשובה...

ערשט איצט האָט ר׳ לייבוש פערשטאַנען אַז עס איז אַלץ מן השמים, ער האָט אָנגענומען דעם פאַקט אַלס בעווייז, אַז עס איז אַ השגחה־זאַך, אז אין הימעל האָט מען אָנגעצייכענט, אַז זיין חיימל דאַרף זיין דער איידעם פון ליפּניקער רב...

און דער גליקליכער פאָטער האָט זיך פשוט צווייגס פאַר שמחה, און זיינע ליפּן האָבן געשעפּטשעט אַ שבח והודי׳ צום איבערשטן פאַר דעם גרויסן חסד וואָס ער האָט מיט איהם געטהון.

ז.

# ר׳ חיים׳ל איז לייפּניק.

אין לייפּניק האָט די ידיעה וועגן דעם שידוך וואָס דער רב האָט געטהון אַזש פון ווייטן פוילישן שטעדטעל טאַרניגראַד אַרויסגערופען אַנ׳ איינפּאַכען שטורם. די טאָכטער פון רב, די זעהר געראָטענע רחל׳ע איז געווען אין שטאָדט זעהר בעליעבט און אָנגעזעהן. אַלע צדקה־זאַכען האָט זי בעזאָרגט און בעזונדערס האָט זי געזאָרגט פאַר די גרויסע צאָהל ישיבה־לייט, וואָס זענען געקומען פון ווייט און בּרייט צו לערנען ביים גרויסן לייפּניקער רב. רחל׳ע האָט אָנגעפיהרט מיט׳ן ספּעציעלען שטאָדטישען קאָמיטעט, וואָס איז בעשטאַנען פון די אָנגעזעהענסטע פרויען פון שטאָדט, וועגן בעזאָרגען די בחורים מיט עסען, שלאָפען, וועש און אַלע אַנדערע זאַכען. אַ חוץ דעם, איז די טאָכטער פון רב געווען בעקאַנט אַלס גרויסע מחוכמת, אַלס די געראָטענע טאָכטער פון איהר גרויסען פאָטער און מ׳האָט דעריבער געגלויבט, אַז דער רב וועט זיך אויסוועהלען אַלס איידעם איינעם פון זיינע בעסטע בחורים, אָדער לפּחות אַ זוהן פון אַ בעריהמטען רב, און דאָ געהט גאָר דער רב און איז זיך משדך מיט אַ יונג בחור׳ל פון אַ ווייט פויליש שטעדטעל, אַ זוהן פון אַ פשוט׳ען בעל־הבית!

נאָכמעהר האָט אַרויסגערופען פערוואונדערונג דער פאַקט, וואָס דער שידוך איז געשלאָסען געוואָרען אָהן דער אָנוועזענהייט פון רב. נישט ער קען איהם, נישט ער האָט איהם ווען עס איז געזעהן, אַפילו נישט דורכגעשריבען זיך מיט איהם אין לערנען, ווי דער שטייגער איז, בלויז אויף די פאַר ווערטער פון זיין זוהן ר׳ יהושע העשעל, וועלכער האָט פאַר איהם מפליא געווען דעם בחור, האָט ער געשריבען אַ כח הרשאה און האָט בעקומען פון טאַרניגראַד אַ תשובה — מזל־טוב. רחל׳ע איז מיט מזל אַ כלה געוואָרען...

עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט וואָס נאָכ׳ן דערהאַלטען די דאָזיגע תשובה, איז דער רב ארומגעגאַנגען אַביסעל פערקלערט. איז דאָך דער ענין שידוך נישט קיין קלייניגקייט, וואָס מען זאָל זיך פערלאָזען אויף אַ צווייטענס מבינות. אמת, זיין יהושע העשעל איז אַ בר־סמכא, אָבער פאָרט איז דאָך אַ טאַטע מחיוב זיך מעהר צו פעראינטערעסירען מיט אַזאַ שטייגער זאַך און אוודאי נישט איילען זיך, ווי ער האָט עס געמאַכט מני׳ וביי׳. קודם־

כל – האָט זיך דער רב געטראַכט, – האָב איך בעדאַרפט אראָבשיקען אַ צווי גוטע בחורים וואָס זאָלען אַ שמועס טהון מיט'ן חתן – אמת, טאַרניגראָד איז ווייט, ער איז נישט בכח אונטערצונעהמען אַזאַ ווייטע נסיעה און ביטול תורה דרבים, פון אַ גאַנצע ישיבה, איז אויך נישט קיין קליינינקייט – אָבער דאָס איז קיין שום תירוץ נישט. אַ קינד, ווי עס איז זיין רחל'ע, האָט זיך נאָך פערדינט, אַז דער טאַטע איהרער זאָל זיך פאַר איהר אַביסעל מבטל זיין. זי האָט עס זיך, אָהן שום ספק, פערדינט.

ענדליך האָט זיך דער רב ענטשלאָסען, אַז כאָטש דער ענין איז דאָך שוין אַנ'אָבגעטהוענע זאַך, דאָך וואָלט נישט געשאַדט זיך אַ ביסעל נעהנטער צו בעקענען מיטן חתן. אַפילו ווען זיין זוהן יהושע העשעל איז איינגאַנצען געזעכט, אַז דער חתן זאָל זיין ממש אַ הד-בדרא, שאַדט אויך נישט צו בע-קענען זיך מיט איהם, כדי צו בערוהיגען די ספקות, וואָס דערוועקען זיך אין האַרצען.

היות אָבער ווי פאַרן רב גופא האָט נישט געפאַסט צו פאָהרען קיין טאַרניגראָד, האָט ער אויסגעוועהלט צווי יונגע-לייט פון זיינע בעסטע תלמידים, און געשיקט זיי קיין טאַרניגראָד, כדי צו בעקענען זיך מיטן חתן און זיך איבערצייגען, צי ער איז באמת דער גרויסער עלוי ווי עס האָט געשילדערט ר' יהושע העשעל אין זיין בריעף.

די בחורים זענען אָבגעפאָהרען פון לייפניק בשתיקה, אָהן רעש, ווייל אזוי האָט זיי דער רב אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלען אַדורכפיהרען זייער אויפגאַבע בשתיקה. שטילערהייט אוועקפאָהרען, נישט דערצעהלען קיינעם וועגען דעם צוועק פון זייער נסיעה און אויך אַזוי שטיל ווי נאָר מעגליך צוריקקומען קיין לייפניק און אָבגעבען אַ בעריכט דעם רב וועגען דעם צוועק פון זייער שליחות.

די צווי יונגע-לייט זענען אָנגעקומען קיין טאַרניגראָד נאָך אַ לאַנגער און אויסמאַטערענדער נסיעה און גלייך פערפאָהרען אין הויז פון ר' לייבוש'ן, וואו זיי האָבען זיך אָנגעגעבען אַלס די תלמידים פון לייפניקער רב, וועלכע זענען פערבייפאָהרענדיג די שטאָדט טאַרניגראָד אָבגעשטיגען אין שטעדטיל, וואו זיי האָפען צו פערבלייבען עטליכע טעג און נעהנטער צו בעקענען זיך מיטן חתן און צוקונפטיגען איידעם פון זייער בעליבטען רבין. כדי וועגן זיי וועלען צוריקקומען אַ היים זאָלען זיי האָבען די מעגליכקייט אָבצוגעבען דעם אמתן גרוס פון חתן...

עס פערשטעהט זיך, אַז אין הויז פון ר' לייבוש'ן האָט מען די אָנגע-לעגטע געסט זעהר וואַרים אויפגענומען. ר' לייבוש האָט זיך אויסגעפרעגט וועגען זיין מחותן, וועגען זיין טעטיגקייט אַלס רב און וועגען זיין השפעה. און ר' לייבושעס פרוי האָט זיך בעזונדערס אינטערעסירט צו הערען וועגען איהר צוקונפטיגע שנור. די ישיבה לייט האָבען בגרייט געשילדערט די ראַל, וואָס דער לייפניקער רב שפיעלט. נישט נאָר אין שטאָדט נאָר אויך אין דער

באַנצער מדינה, ווי גרויס עס איז זיין אָנזעהן און השפעה. אויך דעם גרויס וואָס איז געבראַכט געוואָרען ווענען די כלה גופא האָט דערפילט מיט פרייד דאָס האַרץ פון דער גליקליכער מוטער און דעריבער איז די פרייד פון חיים'לס עלטערען געווען אונגעהויער גרויס.

אינצווישען איז געקומען אַ היים פון בית מדרש דער חתן גופא. ביים ערשטען אויגענבליק האָט דער אָנזעהן פון חתןביידע ישיבה-לייט זעהר שטאַרק ענטוישט. זיי האָבען זיך פאָרגעשטעלט אַ פאַרשוין. וואָס זיין בלויזער אויסער-ליכער אויסזעהן מאַכט אַ רושם, און דאָ האָבען זיי פאַר זיך אַ קליין דאַר בחורל, בלאַס און אָבגעצעהרט און דערצו נאָך מיט אַזאַ בולט'ן פיזישען חסרון. זייער ענטוישונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבען ממש דאָס לשון פערלוירען.

פון זייער פערלעגענהייט האָט זיי אַרויסגעפיהרט חיימל גופא. דערהע-רענדיג ווער עס זענען די פרעמדע יונגע לייט, האָט ער זיך מיט זיי זעהר דערפרעהט, און קודם כל האָט ער זיך אָנגעהויבען אויספרעגען, וואָס מען לערנט איצט אין דער ישיבה פון זיין מחותן. באַלד האָט זיך צווישען די דריי לומדים ענטוויקעלט אַ ברייטער תורה-שמועס. די ישיבה-לייט האָבען געפרעגט קשיות און חיימל האָט זיי דורך אגב מבטל געמאַכט. עס האָט נישט לאַנג גע-דויערט און חיימל האָט בעקומען די איניציאַטיוו אין האַנד. ער האָט אָנגעהוי-בען שטעלען קשיות און זיינע „פערהערער" האָבען זיך אָנגעהויבען מיט איהם ראַנגלען. נישט קענענדיג איהם בייקומען. אַ לאַנגע צייט האָבען זיי געקעמפט ווי די לייבען. אַ קאַלטער שווייס האָט זיי בעגאָסען. געמיינט אַז מען דאַרף דאָ פערהערען עפעס אַ בחורל וואָס האָט קוים בעקומען אַ בעגריף אין לער-נען, און דאָ האָבען זיי פאַר זיך אַ גאון פון גרויסען שניט.

באַלד איז אָבער אַריינגעקומען חיים'לס מוטער און געגרייט צום טיש לכבוד די געסט, צווינגענדיג אָבצולייגען דעם שמועס אויף שפעטער. די ישיבה לייט האָבען פרייער אָבגעטעטעמט. זייער פריהערדיגע ענטוישונג איז שוין לאַנג פערשוואונדען. און אָנשטאָט דעם האָט זיך ביי זיי דערוועקט גרויס התפעלות.

אָהאָ, ר' יהושע העשעל האָט נישט קיין טעות געהאַט. ער האָט זיך נישט גענאַרט. ער האָט אויך זיין פאָטער נישט גענאַרט. דער בחורל איז באמת ראוי צו זיין דער איידעם פון זייער רבין. אָה, ווי דער רבי זייערער וועט זיך פרעהען. ווען ער וועט זיך מיט זיין צוקונפטיגען איידעם פונאַנדער-שמועסען אין לערנען, זיי האָבען שוין מעהר נישט געזעהען פאַר זיך דאָס דאַ-רינקע און שוואַכינקע בחורל, נאַר דעם גרויסען תלמיד-חכם, דעם גאון אין וועלט-פערנעהם וואָס האָט זיך פעראייניגט אין געשטאַלט פון דעם קליינעם און שוואַכען בחורל.

אַ וואָך צייט האָבען זיי פערברענגט אין טאַרניגראָד. במשך דער צייט האָבען זיי מיטן חתן זעהר פיעל פערבראַכט אין לערנען, און בעוויזען איהם אַלזייטיג צו דערקענען. מיט יעדען טאָג איז געוואַקסען זייער התפעלות פאַרן צוקונפטיגען וועלטס-גאון און צוזאַמען דערמיט אויך זייער פרייד, וואָס אַט

דער צוקונפטיגער גאון, איז נישט קיין אנדערער ווי דער חתן פון זייער ליבען רב און צוקונפטיגער איידעם. אָה, מיט זיין קומען קיין לייפניק וועט א נייער לעבעדיגער תורה־שטראָם אריינפליסען אין דער ישיבה און מאכען דאָס לערנען לעבעדיגער און אונטערעסאנטער, און דערפון וועלען דאָך די תלמידים געניסען אזוי פיעל, אזוי פיעל...

ענדליך איז געקומען די צייט פון אָפּפאָהר. די בחורים האָבען זיך שוין געגרייט אָפּצופאָהרען צוריק קיין לייפניק. אָבער אָהן חשק האָבען זיי זיך געגרייט צו דער נסיעה. במשך פון די פאָר טעג, האָבען זיי זיך צו היימלען אזוי שטאַרק צוגעבונדען, אַז זיי האָבען געפיהלט, אז ער וועט זיי אין דער ערשטער צייט זעהר א סך פעהלען, זיי וועלען פשוט בענקען נאָך זיינע שאַרפע סברות, נאָך זיינע פקחות'דיגע חמצאות, וואָס איז א נחת צו הערען אָבער פערפאַלען, מען דאַרף פאָהרען. דער רבי וואַרט שוין אודאי מיט אונגעדולד אויף זייער בעריכט.

אין משך פון דער לאַנגער נסיעה פון טאַרניגראַד ביז לייפניק האָבען די צוויי ישיבה לייט פערבראַכט ווי אין פיבער. זיי האָבען זיך פשוט נישט געקענט קיין עצה געבען. וואָס זאָלען זיי זאָגען און ווי אַרום זאָלען זיי ענט־פערען אויף די אַלע פראגען, וואָס וועט זיי פון פערשידענע זייטען געשטעלט ווערען. יאָ, דעם רבינ'ס זוהן, ר' יהושע העשעל האָט קיין טעות נישט געהאַט. ער האָט זיך נישט גענאַרט און זיין פאָטער וועט זיך נישט ענטוישען. חיימל דער טאַרניגראַדער עלוי איז אָהן שום ספק ראוי צו זיין דער איידעם פון זייער רבין, אָבער פאָרט איז דאָך די שמחה נישט בשלימות, דער אויסערליכער אויסזעהען פון חתן איז דאָך נישט אזוי שטאַרק צו ענטציקען דאָס אויג. זאָלען זיי דעם דאָזיגען פאַקט פערהוילען — ווי אזוי קען מען פערהוילען א זאַך — וואָס וועט סוף כל סוף אַרויפשווימען אויף דער אויבערפלאַך. א זאַך פון וועלכער מען וועט שפּעטער זיך דערוויסען. זאָלען זיי יאָ דערצעהלען דערפון, קען דאָך אמאָל דער שידוך אָבגעהן און דאָס וואָלט דאָך געווען א גרויסער שאַד. א צווייטען חיימל וועט מען זיכער אזוי גיך נישט געפונען. פאַרן רבין וועט ער דאָך זיין א האַרץ־דערקוויקעניש. ער וועט זיך דאָך פיהלען באמת גליקליך, ווען ער וועט האָבען דאָס בעוואוסטזיין, אז זיין איידעם וועט ראוי זיין צו ווערען זיין שטעל־פערטרעטער, ער וועט איבערנעהמען די ישיבה און איהר פיהרען מיט ווירדע אין מיט שטאָלץ און די לייפניקער ישיבה וועט ווייטער קלינגען אויף חייט און ברייט פונקט ווי אין דער צייט, ווען דער גרויסער רב האָט מיט איהר אָנגעפיהרט.

אזעלכע אומעטיגע געדאַנקען האָבען זיי ביידען געפייניגט במשך דער גאַנצער נסיעה. ענדליך האָבען זיי בעשלאָסען אַלץ צו דערצעהלען פאַרן רבין, קיין זאַך נישט פערהוילען פון איהם און זאָל דער רבי אַליין דעצידירען.

אהיימקומענדיג צו זייער רבין, האָבען די ישיבה־בחורים דערצעהלט, אַז דער חתן איז טאַקי א וואונדערבאַרע ערשיינונג, דערביי האָבען זיי פאַרן

זייער רבין איבערגעגעבן עטליכע סברות און המצאות פון דעם חתן, פון וועלכע דער רב איז ממש אויפגעשפרינגען. און ערשט צום סוף ווען דער רב האט זיך שוין גענוג אנגעפרייט, האבען די שליחים איבערגעגעבען איהם דעם סוד, וואס האט זיי אזוי שטארק געדריקט.

דער רב האט זיך אבער באלד בעהערשט און קודם כל געבעטען, אז זיי זאלן ווייטער האלטען בסוד דעם ענין און דאן האט דער רב בעשלאסען אויפצופאדערען ר׳ יהושע העשלען ער זאל תיכף קומען אהיים קיין לייפניק.

עס האט נישט לאנג געדויערט און ר׳ יהושע העשעל איז געקומען קיין לייפניק. די פרייד פון דעם פאטער צום אנקומען פון זיין זוהן איז געווען אונגעהויער גרויס. באלד איז מען איבערגעגאנגען צו שמועסען וועגען שידוך, און דא האט ר׳ יהושע העשעל ערפאהרען, אז דער פאטער ווייסט שוין פון דעם סוד, וואס ער האט זיך בעמיהט ביז איצט צו פערהוילען.

— הער מיך אויס, טאטעשי — האט ר׳ יהושע העשעל ערקלערט זיין פאטער — נעהמענדיג אבשיד פון מחותן האבען מיר אבגעשמועסט, אז אויף דיין איינלאדונג, אז דער חתן זאל קומען אהער קיין לייפניק, וועט ער גלייך קומען צו פאהרען, אויך האט דער מחותן מסכים געווען נישט צו האבען צו אונז קיין שום טענות, אויב עס וועט זיך מאכען א מניעה אין דעם שידוך, איז אלזא מיין עצה, אז מען זאל תיכף איינלאדען דעם חתן צוזאמען מיטן מחותן און דאן וועסטו זעהן צו איך בין גערעכט געווען אדער נישט.

און כך הוא. דער חתן איז אין עטליכע וואכען ארום געקומען קיין לייפניק. אין תחילת איז געווארען א רעש אין שטאדט. עס איז געווען א קא־בעניש, א טומעלניש, ס׳טיישט און נאכאמאל ס׳טיישט, וואו פאלט עס אויב ר׳ יהושע העשעל צו טהון אזא זאך, אבער נישט לאנג האט עס געדויערט און די שטאדט האט זיך אנגעהויבען אויפסניי צו רעש׳ן און צו טומלען. דאס איז געווען נאכן ערשטען „חילוק״ וואס דער חתן האט געזאגט אין דער ישיבה אין דער אנוועזענהייט פון רב און ראש־ישיבה. אלע ישיבה־לייט און די שטאדט לומדים. דער רב איז געווען אזוי ענטציקט, אז ער האט זיין חתן א קוש גע־טהון אין קאפ און פשוט זיך צווויינט פאר שמחה, אזא גדלות ביי אזא יונג־קינד — איז דאך ממש א חידוש נפלא און גערעכט איז פארט ר׳ יהושע העשעל ער האט נישט גענארט.

דאן האט דער רב ארייננגערופען צו זיך זיין יונגער טאכטער און אויס־גערופען צו איהר.

— הער מיין קינד: דיין חתן האט טאקי א קרימען פוס אבער א גלייכען שכל, שעהם זיך נישט, זאג ווילסטו דעם חתן צי נישט!...

— איך וויל א חתן — האט די צניעות׳דיגע יודישע טאכטער געענטפערט — וואס זאל קענען לערנען אזוי גוט ווי דער טאטעשי.

— זאג איך דיר טאכטערשי — האט דער „ברוך טעם״ אבגעענטפערט — אז דער חתן קען בעסער לערנען ווי דער טאטעשי...

— אויב אַזוי בין איך מסכים צום שידוך — האָט די כלה מיט פרייד אָפּגעענטפערט.

און ערשט דאַן איז די שמחה אין הויז פון לייפּניקער רב געווען בשלימות.

ט.

# די חתונה.

אין לייפּניקער געגענד האָט מען יאָהרען־לאַנג געהאַט זעהר פיעל זיך אָנצודערצעהלען פון דער גרויסער חתונה, וואָס איז פאָרגעקומען אין לייפּניק, — די חתונה פון טאַרניגראַדער עלוי מיט די טאָכטער פון לייפּניקער רב־חיימל טאַרניגראַדער איז צו דער חתונה אַלט געווען 16־יאָהר, און דאָך האָט שוין זיין רוהם דערגרייכט איבערן גאַנצען לאַנד. מען האָט איהם דאַן נישט נאַר בעטראַכט ווי א וואונדער־קינד, וואָס צייכענט זיך אויס אויף א וועלכען עס איז געביט, נאַר שוין אַלס אַנערקענטער גאון, פון וועלכען די יודישע און נאָכמעהר די לומדישע וועלט ערוואַרט אַזוי פיעל.

עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס מען האָט זיך אין דער סביבה פון לייפּניק אַזוי שטאַרק געגרייט צו דער דאָזיגער חתונה. איז דאָך דער נאָמען פון לייפּניקער רב געווען א שם דבר און אַז ער האָט זיך אויסגעדריקט, דאָס דער יונגער חתן פון זיין טאָכטער קען בעסער לערנען פון איהם אַליין — מוז דאָך באמת דער חתן זיין אַנ׳אויסערגעוועהנליכע ערשיינונג. טאָ ווי אַזוי קען מען אַדורכלאָזען אַזא געלעגענהייט און נישט בעקענען זיך מיט אַזא יונגען גאון, פון וועלכען די לומדישע וועלט ערוואַרט אַזוי פיעל !...

אַזוי האָבען זיך געטראַכט די לומדים פון די אַרומיגע מעהרישע שטעדטלעך, די רבנים און ראשי הקהלות, וועלכע האָבען געהאַלטען פאַר זייער חוב מהנה צו זיין דעם לאַנד־רב און בעטייליגען זיך אין זיין שמחה.

זענען זיך צונויפגעפאָהרען געסט פון אַלע זייטען. דאָס שטעדטעל איז געווען ממש איבערפולט. אַלע בעלי־בתים האָבען געעפענט זייערע שטובים און מיט אָפענע אָרעמס איינגענומען די חשוב׳ע חתונה־געסט, וואָס זענען געקומען פון נאָהנט און פון ווייט. אויף אַמאָל, אַזוי פיעל רבנים אַזוי פיעל חשובים, מענשען וואָס האָבען אויף דער וועלט־געקלינגען, — האָט נאָך דאָס שטעדטעל קיינמאָל נישט געזעהן.

אָבער נישט צו דער חתונה גופא האָבען זיך די צונויפגעקומענע לומדים אַזוי שטאַרק געגרייט, ווי צו בעקענען דעם חתן, דעם גרויסען עלוי, דעם יונגען גאון, פון וועלכען זיי האָבען זיך אַזוי פיעל אָנגעהערט. מען האָט זיך

פיעל אָנגעהטרט. מען האָט זיך בעזונדערס געגרייט צו הערען די דרשה, וואָס דער חתן וועט האַלטען צו זיין חתונה. מסתמא וועט דאָך די דאָזיגע דרשה געבען א שטיקעל בעגריף מכח דער לומדות און חריפות פון חתן — אזוי האָבען די צונויפגעפאָהרענע לומדים, מיט רעכט, געטראַכט.

אין בעשטימטען חתונה־טאָג איז ענדליך אָנגעקומען קיין לייפניק דער חתן מיט זיינע בעגלייטער. די שטאָט האָט איינגעאָרדענט א פייערליכען קבלת־פנים. קינד און קייט האָבען זיך געפונען אויפ׳ן מאַרק, וואו די פוהרען מיט די מחותנים האָבען זיך אָבגעשטעלט. אויפ׳ן מאַרק איז אויך צרויסגעקומען דער לאַנד־רב גופא, אין בעגלייטונג פון די רבנים פון דער סביבה, כדי צו עמפאַנגען דעם חתן. די מוזיק האָט אויסגעשפּילט א פרעהליכעס און דאָס גאַנצע שטעדטעל האָט זיך געדרעהט אין קאַראַהאַד ארום די פוהרלעך פון חתן מיט די מחותנים.

עס פערשטעהט זיך, אז דעם חתן איז אָבגעגעבען געוואָרען אַכסניא אין הויז פון שענסטען שטאָדטישען בעל־הבית. הגם מיעד פון לאַנגען וועג און דערצו זייער אָנגעשטרענגט פון דעם פייערליכען קבלת־פנים האָט דאָך דער חתן נישט געטאָרט טראַכטען פון אָברוהען זיך. מען האָט איהם שוין צווויסען געטהון, אז די גרעסטע לומדים פון דער סביבה זענען געקומען און ערוואַרטען מיט גרויס אונגעדולד זיין דרשה און דעריבער דאַרף ער זיך בעמיהען, אז די דרשה זאָל באמת זיין א חידוש, כדי די לומדי׳שע וועלט זאָל זיך נישט ענטוישען.

כאָטש דער יונגער גאון האָט זיך זיין חתונה־דרשה לאַנג געהאַט צוגעגרייט, דאָך אָבער האָט זיין יונג האַרץ שטורמיש געקלאַפּט. הערענדיג, ווי גרויסע לומדים זענען ספּעציעל געקומען צו הערען זיין דרשה. זיין מיעדקייט איז תיכף פערשוואונדען. עס האָט איהם מעהר נישט געאַרט דער טלטול הדרך. און באַלד האָט ער שפּאַצירט איבער זיין צימער. פערטיפענדיג זיך אין דעם פלפול, וואָס ער האָט צוגעגרייט, כדי צו קענען אָבשלאָגען אַלע קשיות וואָס וועלען איהם געשטעלט ווערען.

שפּעה׳ן לאַנג האָט זיך דער חתן געפונען אין דעם צימער און צוגעגרייט זיך צו דער דרשה. די גאַנצע צייט איז די טהיר געווען אָבגעשלאָסען און דער יונגער גאון האָט קיינעם נישט צוגעלאָזט צו זיך. ענדליך האָט ער צו מנחה־צייט געעפענט די טהיר און אַוועק צו זיינע נאָהנטע, וועלכע זענען זעהר בעאומרוהיגט געוועזען צוליב זיין מאָדנער איפפיהרונג.

חיימל האָט אויסגעזעהן צו זיין זעהר מיעד, אָבער גענוג פרעהליך און איפגערוימט. א געניט אויג האָט געקענט בעמערקען, אז דער יונגער גאון האָט זיך ווי א געניטער פעלד־מאַרשאַל געהעריג צוגעגרייט צו דער הויפּט־אטאַקע פון זיינע געגנער, און זייענדיג זיכער אין זיין נצחון, צוגיסט זיך א פילדער שמייכעל אויף זיין פנים.

דער חתן האָט זעהר פריינדליך אויפגענומען די געסט וואָס זענען איהם

געקומען בעגריסען. בעזונדערס געפרעהט האט ער זיך מיט זיין מחותן, דער לייפניקער רב, וועלכער האט איהם אויסגעפרעגט וועגען זיינע דעגרייכונגען אין לערנען במשך דער צייט, דער גרויסער גאון איז געווען איבערגליקליך און זיין ליכטיג פנים האט געשיינט פון נחת דאנקענדיג דעם אויבערשטען פאר דעם חסד, וואס ער האט מיט איהם געטהון, בעשערעדיג איהם אלס איי־דעם אזא פילזייטיגען גאון.

די החתונה־דרשה איז בעשטימט געווארען אין גרויסען ישיבה־זאל אויף צומארגענס נאך האלבען טאג. און עס פערשטעהט זיך, אז צו דער בעשטימ־טער צייט, איז שוין דער ישיבה־זאל געווען איבערפולט איבער די ברעגעס. ארום די לאנגע טישען האבען זיך צוגעזעצט די אנגעזעהענע רבנים און לומדים, די ענגשאפט איז אזוי גרויס געווען, אז עס איז פשוט שווער געווען צו אטעמען.

צו דער בעשטימטער צייט איז אין זאל ערשינען דער חתן אין בעגליי־טונג פון א גרעסערע גרופע ישיבה־בחורים און באלד פערנומען דעם אויבען־אן. דאס קליינע און בלאסע בחור'ל האט זיך פשוט נישט ארויסגעזעהען פון דעם גרויסען יום־טוב'דיגען עולם, וואס האבען מיט שפאנונג געווארט צו הערען די חידושי תורה פון אט דעם שוואכינקען בחור'ל. די כלי זמרים האבען אבגעשפילט א פיינעם קבלת־פנים און ביי א פייערליכער שטילקייט האט חיימל אנגעהויבען זאגען זיין דרשה.

חיימל האט זיך אבגעשטעלט אויף א געוויסער סוגיא אין ש"ס, וואס איז דער לומדישער וועלט געווען גוט בעקאנט. אויף אט דער סוגיא האט ער א קשיא געפרעגט און אויפגעפאדערט די אנוועזענדע צו זאגען א תירוץ אויף דער קשיא.

פון אלע זייטען האבען זיך אנגעהויבען צו שיטען תירוצים אויף דער קשיא. דאס האבען די חריפות'דיגע ישיבה־בחורים געפרובט אויפווייזען, אז די קשיא איז בכלל נישט קיין קשיא. די עלטערע לומדים האבען זיך נאך געהאל־טען אין א זייט. די קשיא האט זיי נאך נישט איבערראשט. וואס עס האט זיי פערוואונדערט, איז געווען דער סדר פון זיין לערנען. דער צוגאנג צו דער קשיא. אבער שטארק נתפעל צו הערען דערפון איז נישט געווען. האבען זיי געווארט צו הערען, ווי אזוי דער פלפול וועט זיך ענטוויקלען.

אבער חיימל האט קיינעם פון די בחורים נישט געלאזט אויספיהרען זיין תירוץ. קוים האט ער אנגעהויבען זאגען דעם תירוץ האט דער חתן איהם בא'ד איבערגעריסען, אויסגעפיהרט זיין געדאנק און כהרף עין מבטל געמאכט דעם תירוץ ווי ער וואלט גארנישט געווען...

אזוי איז פארגעקומען מיט'ן צווייטען, מיט'ן דריטען און מיט'ן פערטען. דער שמייכעל, וואס האט זיך בעוויזען אויף די פנים'ער פון די אנערקענטע לומדים איז פערשוואונדען. דאס וואנדערבארע אויספאסען די תירוצים און זיי

תיכף אפשלאגען, דאס האט שוין איבערראשט, דאס האט שוין געצווינגען צו בעציהען זיך אביסעל ערנסטער צו דער קשיא, און איינטהוען זיך אין איהר.

באלד איז ארויסגעטרעטען מיט א תירוץ אנ'עלטערער למדן, צו וועלכען מען האט זיך אין די לומדישע קרייזען בעצויגען מיט גרויס דרך ארץ. אבער אויך זיין תירוץ איז לייכט אבגעשלאגען געווארען דורכ'ן יונגען גאון...

ערשט איצט האבען די אנוועזענדע גרויסע לומדים איינגעזעהען, אז זיי האבען פאר זיך א למדן פון גאר גרויסען שניט. אלע זענען גלייך אריינגעצויגען געווארען אין דער שטרייט־פראגע, אויך דער לייפניקער רב גופא. דער מחותן האט זיך בעמיהט מיט א תירוץ צונישט צו מאכען די קשיא פון זיין צוקונפטיגען איידעם. די אטמאספערע איז געווען זעהר אנגעגליהט. דער טומעל איז געווארען זעהר גרויס. איינער האט דעם אנדערען איבערגעשריגען. מען האט פערגעסען אז מען געפונט זיך אויף א פייערליכער שמחה, אז דא איז מען זיך צוזאמענגעקומען צו הערען א פלפול פון א חתן־בחור. אלעמענס געזוכטער האבען געפלאמט. אנערקענטע לומדים האבען זיך פשוט געשטהמט. אבער חיימל האט עס בכלל נישט בעמערקט, ווי א הצלד איז ער אויף דער באנק געשטאנען און כסדר אבגעווארפען די „אטאקעס" פון אלע זייטען. איצטער האט ער נישט געהאט דעם אויסזעהען פון א שוואך און אויסגעמאטערט בחור'ל וואס דערוועקט רחמנות צו זיך. איצטער האט ער בעהערשט די סיטואציע און געשטעלט פיעל חשוב'ערע און עלטערע פאר איהם אין שאטען.

ענדליך האט דער לייפניקער רב געגעבען א צייכען און עס איז מאמנטאל שטיל געווארען. דאן האט דער חתן גופא געזאגט א תירוץ אויף זיין קשיא און ערשט איצט איז דער עולם געווארען אויסער זיך פון התפעלות. דער תירוץ איז געווען א זאנדערבארע קאמבינאציע פון חריפות מיט בקיאות און די איבערראשונג איז געוועזן אונגעהויער גרויס.

פונדעסטוועגען האט מען זיך פון פערשידענע זייטען בעמיהט אויך דעם תירוץ מבטל צו מאכען. חיימל איז אבער פאר זיין תירוץ געשטאנען שטאל און אייזען און די אלע אונבעגרינדעטע אבפרעגעכצען האט ער לייכט אבגעווארפען.

דאן האט פלוצלונג די מוזיק אויפגעשפילט א פרעהליכעס. דער עולם האט פרייער אבגעאטעמט און חיימל דער חתן איז ארויס דער זיגער.

דער עולם האט זיך ביסלעכווייז אנגעהויבען פונאנדערגעהן. אבער אויפ'ן גאס, אין די אכסניות, אויף שריט און טריט האבען זיך געזאמעלט געזעמלעך און ארומגערעדט די סענסאציע פון טאג. — דער וואונדערבארער פלפול פון חתן, וואס האט ממש אויפגעטרייסעלט די גרויסע לומדישע פערזענליכקייטען, וואס האבען זיך צונויפגעזאמעלט צו דער חתונה.

אין דעם זעלבען אווענד איז מיט גרויס שמחה געפייערט געווארען די חתונה בגופא. פיעל דברי תורה איז געזאגט געווארען. א גאנצע רייה קאפעלעס

האָבען משמח געווען דעם עולם. בעריהמטע בדחנים האָבען בעוויזען „וואָס זיי קענען" און די שמחה איז געווען אין לשער.

נאָך דער חתונה איז חיימל געבליבען ביי זיין שוויגער-פאָטער, וועלכער האָט איהם צוגעזאָגט פולע בעקעסטיגונג ביי זיין טיש, ביז ער וועט בעקומען אַ פּאַסענדע רבנות-שטעלע. זעלטען ווען דער יונגער גאון האָט פערלאָזט זיין לערען-חדר. ער האָט זיך אַזוי שטאַרק איינגעטהוען אין לערנען, אַז ער האָט פערגעסען אין אַלץ אין אַלעמען. בלויז וואָס ער האָט געהאַט אַ שיעור קבוע צו לערנען ש"ס און פוסקים מיט זיין שוועהר, און די איבריגע צייט האָט ער געלערנט ביחידות.

שוין דאַמאָלס, אַלס זיבצניעהריגער האָט ער געפיהרט אַ ברייטע תורה קאָרעספּאָנדענץ מיט די גרעסטע גדולים פון זיין צייט ווי דער בעריהמטער פּרעשבורגער גאון רבי משה סופר זצ"ל, דער מחבר פון בעריהמטען ספר „חתם סופר", מיט'ן גרויסען גאון הדור ר' יעקב לאָפּערבלום ליסער רב זצ"ל, דער מחבר פון ספר „חות דעת" און מיט אַנדערע גדולים פון זיין צייט.

דאָך האָט דער שפּעטערדיגער צאַנזער רב זצ"ל זעהר שטאַרק געעהרט זיין שוועהר דעם לייפּניקער רב, בעטראַכטענדיג איהם אַלס גרויסען גאון און פּוסק. עס פערשטעהט זיך, אַז אויך דער לייפּניקער רב האָט זיך צו זיין יונגען איידעם בעצויגען מיט גרויס ליבשאַפט און דאָס איז פאַר'ן יונגען גאון געווען זעהר חשוב.

וועגען יענער צייט שרייבט דער צאַנזער רב אין דער הקדמה צום ספר „ברוך טעם", שאלות ותשובות פון לייפּניקער רב ז"ל, וואָס מען האָט אַרויס-בעגעבען נאָך דער פּטירה פון זיין שוועהר פאָלגענדעס:

„זייענדיג אַלט זיבצעהן יאָהר האָב איך זוכה געווען צו שיצען זיך אין שאָטען פון מיין רבי'ן און שוועהר זכר צדיק לברכה, הרב הגאון מופת הדור מוה"ר ברוך פרענקעל און איך האָב זעהר שטאַרק נושא חן געווען ביי איהם. ער האָט זיך ממש נישט געריהרט אָהן מיר (לא זזה ידו מתוך ידי). אַ יאָהר צייט האָבען מיר צוזאַמען פערבראַכט און במשך דער דאָזיגער צייט האָבען מיר אַדורכגעלערנט כמעט גאַנץ ש"ס מיט ראשונים".

י.

# רודניקער רבנות.

במשך די לעצטע עטליכע יאהר, זינט דער צאנזער ז"ל האט זיך משדך געווען מיט דער טאכטער פון לייפניקער גאון ביז וויט איבער דער חתונה, האט ער זיך אינגאנצען געווידמעט דער השתלמות אין תורה-וויסען. זיין גאנצע ארבייט איז געווען, נושא חן צו זיין ביי זיין גרויסען שוויגער-פאטער און צו בעמיהען זיך, אז דער לייפניקער רב זאל חלילה נישט האבען זיך וואס צו שעהמען מיט זיין איידעם...

דאס איז געווען זיין עיקר ציעל, זיין הויפט-אויפגאבע, און דאס דאזיגע האט ער זיך געווידמעט נעכט און טעג — וואס מעהר צו דערגרייכען השתלמות אין לימוד התורה.

ממילא, האט אונזער עלוי פון טארניגראד וועניגער זיך אבגעגעבען מיטן חסידישען עבדות. ער האט פשוט נישט קיין צייט געהאט דערצו. שטענדיג איז איהם דער קאפ פערנומען געווען מיט די הארבע קשיות, וואס האבען איהם בעמאטערט, טיילמאל פלעגט איהם א קשיא פערנעהמען א האך צייט און אמאל מעהר אויך, ביז ער האט דערויף דעם געהעריגען תירוץ און פתרון געפינען, דאן פלעגט ער קיין זאך נישט געדענקען, מיט גרויס מיה פלעגען איהם דאמאלס זיינע נאהנטע אברייסען פון די ספרים ער לאז נעהמען עפעס תועם זיין, כדי ער, דער שוואכינקער, דער בלוט-ארימער זאל אינגאנצען נישט פאלען פון די כחות.

ביסלעכווייז האט חיימל זיך אנגעטריבען אבצוגעוועהנען פון חסידישען שטייגער, וואס האט איהם אין זיין פריהסטער יוגענד אזוי שטארק אימפאנירט. איבערהויפט האט ער מסיח דעת געווען פון חסידות אין לייפניק, אין דעם אויסגעשפראכען מתנגדישען ווינקעל, וואו קיין חסיד איז נאך אלץ אויף קיין רפועה נישט געווען. מיט זיין שווער דעם לייפניקער גאון, האט ער וועגען חסידות נישט געקענט שמועסען, און זיין שוואגער ר' יהושע העשעל — א תלמיד מובהק פון „חוזה" זכרונו לברכה, האט זיך געפונען וייט, ווייל ער האט בעקומען א רבנות אין קאמארנא און דארט זיך בעזעצט. א חוץ דעם האט ער אויסער זיינע שטענדיגע שיעורים מיט'ן שווער דעם גאון, אויך געפיהרט, ווי שוין דערצעהלט א ברייטע תורה-קארעספאנדענץ, מיט די דאמאלסדיגע גדולים. גאנץ אפט פלעגט איהם דער שווער געבען אדורכצוקוקען זיין קארעספאנדענץ, די גרויסע צאהל שאלות ותשובות, וואס פלעגען צו איהם קומען פון אלע וועלט-עקען — בקצור, ר' חיימל, דער יונגער איידעם פון

גרויסען לייפניקער גאון האָט זיך איינגעלעבט אין דער מתנגדיש-לומדישער וועלט, פערגעסענדיג כמעט אין חסידות.

אָבער דער ערשטער זעלבסטשטענדיגער שריט פון דאָזיגען יונגען גאון, האָט מיט אמאָל געענדערט זיין לעבענס-שטייגער.

באַלד ווי נאָר ער האָט חתונה געהאַט, האָבען אָנגעהויבען קומען שלי-חים און דעלעגאַציעס פון קהלות קיין לייפניק, מיטברענגענדיג מיט זיך כתב רבנת'ן פאר'ן זיבנצען יעהריגען ר' חיימל, איבער וועלכען קהלות האָבען זיך שוין אָנגעהויבען אמפערען, וועלענדיג איהם בעקומען אַלס רב און מרא דאתרא.

דער לייפניקער רב האָט אָבער אַלע דעלעגאַציעס אָבגעשיקט אַ היים, ערקלערענדיג, אַז קודם כל מוז זיין איידעם אַ יאָהר צייט זיך געפונען ביי איהם און אפילו ווען די גרעסטע קהלה, וועט במשך דעם יאָהר זיך בעמיה:ן איהם צו בעקומען אַלס רב, וועט עס איהר אויך נישט געלונגען, עס מאַכט נישט, חיימל וועט נישט פערשפּ:טיגען, ער וועט שטענדיג בעקומען אַ קהלה, וואָס וועט איהם אויפנעהמען פאַר אַ רב, בפרט, אַז קיין גרויסע תנאים שטעלט ער נישט, און די קלענסטע קהלה וועט בכח זיין איהם מפרנס צו זיין בהרחבה, כדי ער זאָל זיצען און לערנען אָהן שום דאגות.

און אזוי איז טאָקי געשהען. דאָס יאָהר האט זיך געענדיגט און דער שוועהר זיינער האָט איהם געגעבען אָנצוגעהערען, אַז עס איז שוין צייט ער זאָל איבערגעהן פון הלכה למעשה, דאָס הייסט, ער זאָל פערנעהמען אַ רבנות אָמט צו וועלכען ער איז שוין לאַנג ראוי.

גראָד האָט זיך געמאַכט אַז אין לייפניק האָט געווייַלט אַ דעלעגאַציע פון דער רודניקער קהלה, וועלכע האָבען מיט זיך געהאַט אַ כתב-רבנות פאַר ר' חיימל און חען מען האָט דערצעהלט דערפון דעם יונגען גאון האָט ער אויסגערופען:

— נו, זאָל זיין רודניק, וואָס איז דען דער חילוק!...

ר' חיימל האָט דאָן בעשטימט אַ טערמין ווען ער וועט קומען איבערנעה-מען זיין רבנות-אמט, און דערמיט אָבשיד גענומען פון דער דעלעגאַציע, וואָס האָט איהם געבראַכט דעם כתב רבנות.

עס פערשטעהט זיך, אַז די שמחה פון די רודניקער יודען, ווען זיי האָ-בען דערהערט, אַז דער טאַרניגראַדער עלוי, דער איידעם פון לייפניקער רב איז מסכים איבערצונעהמען דאָס כסא הרבנות אין זייער קליינעם שטעדטעלע. איז געווען אין לשער. דאָס שטעדטעל האָט זיך גאָר אינטענסיוו גענומען גרייטען צום גרויסען טאָג, ווען זייער יונגער רב, אָבער שוין אָנערקענטער גאון וועט קומען אין שטעדטעל אריין

אין באמת האָבען די רודניקער יודען געהאַט צו פרעהן זיך. איז דאָך רודניק אַ קליין שטעדטעל, פעררוקט אין אַ זייט, ביי דער סאַמע פוילישער גרעניץ, אַ שטעדטעל פון וועלכען מען האָט קנאַפּ וואָס געהערט, און דאָ

שטעהט פאַר דעם שטעדטעל אַזאַ פרסום, נאָכהער ווי ר׳ חיימל דעם לייפּניקער רב׳ס איידעם וועט זיך בעזעצען אין שטאָדט. האָבען דאָך שוין פיעל גרעסערע און חשובערע קהלות אָנגעבאָטען דעם יונגען גאון, ער זאָל איבערנעהמען דעם רבנות-אַמט אין זייער שטאָדט און ער האָט אַלעמען אָבגעזאָגט, טאָ וואָס איז פאַרט די סיבה, וואָס גראַד אויף דעם קליינעם און אונבעדייטענדען רודניק, האָט דער יונגער און פיעל צוזאָגענדער גאון תיכף ומיד מסכים געווען?

וועגען דעם האָבען אַלטע חסידים געוואוסט צו דערצעהלען אַ פלא׳דיגע מעשה.

אָבער קודם כל דאַרף מען צוגעבען, אַז רודניק, ווי בכלל די גאַנצע סביבה אַרום, איז שוין געווען אַן׳אויסגעשפּראָכען חסידיש. דער חסידיזם האָט שוין דאַן געהאַט געשלאָגען טיפע וואָרצלען. אין רודניק גופא האָט מען שוין ממש קיין מתנגד אויף אַ רפואה נישט געפינען. דאָס גאַנצע שטעדטעל איז בעשטאַנען פון ר אָ פּ ש י צ ע ר חסידים.

אין יענער צייט איז דער נאָמען פון הייליגען ראָפּשיצער זכרונו לברכה אין גאַנץ גאַליציען געווען שטאַרק מפורסם. נאָכ׳ן רבי׳ן רבי אלימלך זצ״ל פון ליזענסק און נאָכ׳ן „חוזה“ פון לובלין, איז דער ראָפּשיצער געווען דער גרעסטער חסידישער מנהיג פון זיין צייט, איבערהויפּט אין די גאַליצישע מקומות.

די ראָפּשיצער חסידים זענען צו זייער רבי׳ן געווען אַזוי שטאַרק צוגע-בינדען, אַז זיי האָבען ממש נישט געטהון דאָס מינדסטע אָהן זיין הסכמה. דער ראָפּשיצער איז בעקאַנט געווען אַלס חכם-מחוכם. שטענדיג איז ער געווען בשמחה, און בלויז זיין אָנבליק האָט פערטריבען די גרעסטע עצבות און עגמת נפש.

ווען די כסא הרבנות אין דעם שטעדטעל רודניק איז געוואָרען ליידיג, זענען עטליכע שטאָדטישע עסקנים אַראָבגעפאָהרען קיין ראָפּשיץ כדי משאל עצה צו זיין זיך מיט׳ן רבי׳ן, וועמען זיי זאָלען אויפנעהמען אַלס רב אין זייער שטעדטעל.

געווען איז עס תיכף נאָך דער חתונה פון צאנזער. דאַמאָלס ווען ר׳ חיימל האָט געגעסען קעסט ביי זיין שוועהר דעם לייפּניקער גאון און מיט קיין אַנדערע זאַך זיך נישט פעראינטערעסירט אַ חוץ מיט׳ן פערטיפען זיך אין לערנען.

אויסהערענדיג דעם מבוקש פון זיינע רודניקער חסידים, האָט דער ראָפּ-שיצער אַ ווייילע זיך פערטראַכט און אַ זאָג געטהון:

— וואָס איילט איהר זיך דען? אַז מען זוכט עפּעס רעכטס מוז מען אַביסעל צו וואַרטען.

זענען די רודניקער יודען אָבגעפאָהרען אַהיים און דערצעהלט, אַז דער רבי האָט געהייסען וואַרטען.

האָט מען פערשטעהט זיך געוואַרט, געוואַרט אַ חודש, צוויי, דריי, אַ

האלב יאהר. שטעדטעל איז נישט צופרידען. ס׳טייטש ווי קען א יודישע קהלה זיין אזוי לאנג אהן א רב? דער/וייל קומען אן רבנים און יונגעלייט מיט הורמנא׳ס אין טאש, האלטען דרשות, זוכען פראטעקציע און בעמיהען זיך צו בעקומען דאס כסא הרבנות אין שטעדטעל.

אבער שטעדטעל ווייסט, אז די בעמיהונגען פון אלע רבנים זענען אומ־זיסט. אהן דער הסכמה פון ראפשיצער וועט מען קיין רב נישט אויפנעהמען אין רודניק, אין אז דער רבי האט געזאגט: ווארטען, איז פערפאלען. אז ווארטען איז ווארטען.

אבער ווען שטעדטעל איז די ראשי־הקהל פשוט דערגאנגען די יאהרען, האבען זיך א צווייט מאל אויפגעזעצט אויף א בריטשקע עטליכע פון די ראשי הקהל, וועלכע זענען דערצו געווען מקורבים אין ראפשיץ, נאכאמאל א שמועס צו טהון וועגען דעם ענין רבנות.

הערט ווידער אויס דער ראפשיצער די בקשה פון זייגע חסידים פערטראכט ער זיך ווידער אין רוטט אויס:

— נו, נו, מיר האבען עס אין זינען!

זענען ווידער די ראשי־הקהל אהיימגעפאהרען מיט גארנישט און געגעבען זיך א ווארט, אז מעהר וועלען זיי שוין נישט ווענדען זיך צום רבי׳ן מיט דער רבנות־פראגע. אז דער רבי ערקלערט בפירוש, אז ער האט עס אין זינען, איז דאך קלאר ווי דער טאג, אז דאס ווארטען האט א בעשטימטען צוועק. און ווידער איז אוועק א שטיקעל צייט — רודניק האט נאך אלץ קיין רב נישט געהאט.

אין א צייט ארום איז זיך געפאהרען א ראפשיצער חסיד פון רודניק צום רבי׳ן אויף שבת. באלד ביים שלום נעהמען, גיט איהם דער רבי א פרעג, וואס עס הערט זיך מיט דער רבנות־פראגע אין אייער שטעדטעל.

די דאזיגע פראגע האט דעם רודניקער יודען געשטעלט אין גרויס פער־לעגענהייט. ס׳טייטש די גאנצע צייט לאזט מען נישט צו־רוה דעם רבי׳ן און מען פאָ־רט צו איהם כסדר וועגען ענין רבנות, און דער רבי הייסט ווארטען; ערקלערט, אז ער האט עס אין זינען און דא פרעגט ער איהם גאר, וואס עס הערט זיך מיט דער רבנות־פראגע.

טראכט א ווילע דער רודניקער יוד און ענטפערט:

— נאך נישטא קיין רב ביי אונז אין רודניק.

— איך האב פאר אייך א רב, גאר א וואזשנעם רב, — האט דער ראפ־שיצער אויסגערופען, — אפילו א יונגערמאן, אבער ער וועט אמאל פערשיינען די וועלט, איך מיין, אז דער דאזיגער יונגער גא׳ן וואלט געווען פאסיג פאר אייער רודניק.

ווערט דער יוד מלא שמחה און רופט אויס:

— נו, זאל זיין מיט מזל. מיר זענען מסכים. אז דער רבי הייסט, איז

דאָך נישט שייך! גלייך ווי איך וועל בשלום אַהיימקומען, וועל איך די דאָזיגע בשורה איבערגעבען אונזערע ראשי־הקהל.

און כך הוא. גלייך נאָך שבת איז דער חסיד אַהיימגעפאָהרען קיין רוד־ניק און איבערגעבען דעם רבי׳נס ווערטער. און נאָך אין זעלבען טאָג זענען די ראשי־הקהל אָבגעפאָהרען קיין ראַפשיץ.

דער ראַפשיצער זכרונו לברכה האָט זיי דאָן איבערגעגעבען, אז היות ווי ער האָט געהערט, אז דעם לייפניקער רב׳ס יונגער איידעם שניידט זיך פאַר א גרויסען גאון, וואָס וועט אַמאָל פערשיינען די וועלט, האלט ער, אז עס וואָלט גלייך געווען איינצולאַדען איהם אלס רב קיין רודניק.

— א שאָד דער יונגערמאַן, — האָט דער ראַפשיצער פערענדיגט זיינע ווערטער. דאָרט, אין דער מתנגדישער סביבה וועט ער איינשלאָפען און דאָס איז א שאָד, א גרויסער שאָד..

די ווערטער פון רבי׳ן האָבען אויף די רודניקער קהל־לייט געמאַכט א שטאַרקען רושם. א צייט לאַנג האָבען די ראשי־הקהל גאָר קיין וואָרט נישט געקענט זיך אָנרופען. ענדליך האָט זיך איינער פון זיי אָנגערופען:

— לויט ווי איך האָב געהערט, האָבען פיעל גרעסערע קהלות שוין זיך געוואָנדען צום לייפניקער רב׳ס איידעם און זענען צוריקגעקומען מיט גאָרנישט. האַלט דער רבי אַז ער וועט אונזער כתב־רבנות יא אָננעהמען?

— מיר מיינען אַזוי, עס איז דאָך א השגחה־זאַך!...

אָבער איינער פון די ראשי־הקהל, א יוד א זקן, א גרויסער למדן און חסיד וועלכער איז נאָך געפאָהרען קיין לובלין, האָט נישט געקאָנט שלינגען מיט׳ן געדאַנק אויפצונעהמען אלס מנהיג איבער זיך א יונגערמאַנטשיק, וועלכער האָט נאָך רעכט קיין חתימת זקן נישט געהאַט, האָט ער דעריבער אויסגערופען:

— רבי, ווערליג מיין חשבון, איז דער דאָזיגער יונגערמאַן נאָך גאָר א יונגיטשקער. איך קען דאָך איהם, ער איז דאָך א טאָרניגראָדער, ווי אַלט קען ער דען איצט זיין!...

שמייכעלט דער רבי און רופט אויס:

— שאָדט נישט, עלטערע יודען פאַר דיר, וועלען נאָך פאַר דעם יונגער־מאַן דרך־ארץ האָבען...

און צוגעהענדיג צום ספרים־שענקעל, נעהמט דער ראַפשיצער אַרויס א חומש, און מישט אויף, ווייזענדיג דעם אַלטען ראש־הקהל דעם פסוק:

— ראה נתתי לפניך את החיים...

עס פערשטעהט זיך, אַז די גאַנצע שטאָדט האָט מסכים געווען צום דאָזיגען רבי־קאַנדידאַט און אין עטליכע טעג אַרום איז א דעלעגאַציע פון שטאָדט־על רודניק אָבגעפאָהרען קיין לייפניק, מיטפיהרענדיג מיט זיך א כתב־רבנות מיט די חתימות פון דער גאַנצער שטאָדט פאַר׳ן יונגען גאון, רבי חיים האַלבערשטאַם.

צו אַלעמענס וואונדער, האָט דער יונגער גאון אויפגענומען די דעלעגאַ-ציע זעה־ פריינדליך, אויספרעגענדיג זיך וועגען דעם מצב פון יודישקייט און דעם מצב הפרנסה אין דער שטאָדט. די דעלעגאַציע האָט איבערגעגעבען, אז מיט פרנסה איז נישט שלעכט, אין אַ גרעניץ-שטעדטעל איז שטענדיג פערהאַן חיונה. און וואָס שייך יודישקייט, בעשטעהט דאָס גאַנצע שטעדטעל פון לייטער חסידים, פאַרהאַן אויך עטליכע שעהנע לומדים — אַ שטעדטעל מיט שטערטלעך צו גלייך.

טראַכט אַ ווײַלע דער יונגער גאון און רופט אויס:

— אם מד׳ יצא הדבר — בין איך מסכים!...

וואָס עס האָט זיך דאַמאָלס אָבגעטהון אין לייפניק איז שווער צו שיל-דערען. די ידיעה אז דעם רב׳ס איידעם האָט מסכים געווען איבערצונעהמען דעם רבנות-אַמט אין אַ קליין פערוואָרפען שטעדטעלע, נאָכדעם ווי דעלעגאַציעס פון פיעל גרעסערע שטעדט זענען צוריקגעפאָרען מיט׳ן לעדיגען — האָט אַ-רויסגערופען אַ שטאַרקע קאָכעניש. אויך דער לייפניקער רב גופא האָט זיך נישט ווייניג געוואונדערט דערויף. אָבער ר׳ חיימ׳ל גופא האָט זיך נישט גע-מאַכט דערויס. מכבד געווען די דעלעגאַציע מיט משקה, געוואונשען זיך מזל-טוב און בעשטימט אַ טערמין ווען ער וועט קומען קיין רודניק...

זענען די רודניקער יודען אַהיימגעפאָהרען מיט גרויס שמחה אין געני-מען זיך מכין זיין מקבל פנים צו זיין דעם נייעם רב זייערען, פאַר וועלכען גדולים זאָגען פאַר אַ הערליכע צוקונפט.

יא.

# דער ראַפשיצער און זיינע אבות.

מיט גרויס כבוד און פאַראַד איז דער יונגער ר׳ חיימ׳ל האַלבערשטאַם אויפגענומען געוואָרען אַלס רב אין רודניק. די שמחה אין שטאָדט איז געווען אין לשער. מען האָט ממש געטאַנצט אין די גאַסען. און נישט בחנם האָט מען זיך אַזוי שטאַרק געפרעהט מיט׳ן דאָזיגען יונגען גאון, האָט מען דאָך אין רודניק געוויסט, אַז זייער רב איז נאָך יונגערהייט געווען אַ מקורב ביים „חוזה" און דאָס איז דאָך נישט קיין קליינעקייט.

אין דער חסידישער כהיבה האָט זיך ביי ר׳ חיימ׳לען ווידער דערוועקט דער דראַנג צו חסידות. דאָך אָבער האָט ער אויף די הפצרות פון זיינע נייע פריינד, די רודניקער בעלי-בתים צו פאָהרען קיין ראָפשיץ, נישט געקענט זיך דערויף גלייך דעצידירען. עטליכע חדשים צייט האָט ער זיך געשלאָגען מיט דער דעה. אָבער ענדליך האָט ער מסכים געווען און געפאָהרען קיין ראָפשיץ.

אין ראָפּשיץ איז די שמחה מיט'ן אָנקומען פון יונגען רודניקער רב געווען גרויס. בעזונדערס האָט זיך שטאַרק משמח געווען מיט איהם דער רבי צופּאַ. אויך אויפ'ן רודניקער רב האָט דער ראָפּשיצער זכרונו לברכה געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק און ער האָט בעשלאָסען צו פערבלייבען אין ראָפּשיץ אויף עטליכע וואָכען צייט, כדי זיך נעהנטער צו בעקענען מיט'ן צדיק הדור און מיט זיין דרך אין חסידות.

———

רבי נפתלי צבי הורוויץ, זכרונו לברכה — דער ראָפּשיצער רבי איז געווען איינער פון די מערקווירדיגסטע פערזענליכקייטען אין דער חסידישער וועלט, און מיר האָלטען דעריבער פאַר נויטיג זיך ברייטער אָבצושטעלען איבער דער דאָזיגער פערזענליכקייט. וואָס האָט אַזוי ליכטיג געשיינט איבער'ן יודישען האָריזאָנט.

אָבער פריהער דאַרף מען דערצעהלען עפּעס וואָס פון זיינע גרויסע אבות.

דער פאָטער פון ראָפּשיצער, — ר' מענדיל רובין פון לינסק, איז געווען אַ גרויסער גאון און בעל-מקובל. אָבער נאָך מעהר בעריהמט איז געווען זיין מוטער ביילא. וועלכע איז בעקאַנט געווען אויף ווייט און ברייט אַלס גרויסע חכמת און מלומדת, וואָס האָט אַלעמען געבראַכט צו שטוינען.

אַזוי דערצעהלט מען פון ראָפּשיצער מוטער, דאַס דעם ערשטען שבת נאָך דער חתונה, ווען זי איז אַהיימגעקומען פון שוהל, נאָכ'ן „שוהל-פיהרען", (דערפון שטאַמט עס וואָס מען רופט דעם ערשטען שבת נאָך דער חתונה „שוהל-פיהרען", ווייל מען פיהרט דער יונגער פרוי צום ערשטען מאָל אין שוהל), האָט מען איהר געפרעגט ווי אַזוי זי האָט זיך געפיהלט אין ג—ט'ס הויז, האָט די קלוגע פרוי גלייך געענטפערט מיט פאָלגענדען פסוק:

— שמחתי באומרים לי, בית ד' נלך — איך האָב זיך געפרעהט ווען מען האָט מיר געזאָגט „לי" (הרי את מקודשת לי) ווייל צוליב דעם „בית ד' נלך" — האָב איך דאָך געקענט קומען אין ג—ט'ס הויז...

די מוטער פון ראָפּשיצער האָט איהר חכמה און וואוילגעלערנטקייט געירשנט פון איהר גרויסען פאָטער. דעם וועלט-בעריהמטען גאון רבי יצחק הורוויץ פון האַמבורג, פון וועמען דער ראָפּשיצער האָט טאַקי גע'ירשנט זיין פאַמיליען-נאָמען הורוויץ.

ר' איציקל האַמבורגער — אַזוי האָט מען איהם גערופען אין דער רבי-נישער וועלט — איז געווען איינער פון די גרויסע יודישע אויטאָריטעטען אין זיין צייט. געלעבט האָט ער נאָך אין בעל-שם'ס צייטען. און כאָטש ער איז געווען גאָר אַ גרויסער מתנגד, און פלעגט שטאַרק בעקעמפען דאָס חסידות, האָט דאָך אַפילו דער בעל שם טוב זעהר געהאַלטען פון איהם. דערמאָהנט זיין נאָמען מיט גרויס ליבשאַפט, מעיד געווען אויף איהם, אַז ער איז אַ גרויסער בעל רוח הקודש.

רבי יצחק האמבורגער איז געווען רב אין א גאנצע רייהע בעריהמטע יודישע קהלות. שפעטער איז ער געווען רב אין בראָד. (אין יענע צייטען איז בראָד געווען אַן עיר ואם בישראל, און דער טיטול „בראָדער רב" איז זייער חשוב געווען אין דער רבנישער וועלט, דערפאַר האָבען גדולים זיך בעמיהט צו בעקומען דאס בראָדער רבנות). און ווען דער וועלטס-גאון און צדיק דער רבי ר' יהונתן אייבעשיץ ז"ל פון פראַג, וועלכער איז ביים סוף פון זיינע יאָהרען געווען רב אין דריי קהלות „אה"ו" (אַלטאָנאַ, האמבורג און וואַנדסבעק), ווען דער דאָזיגער בעריהמטער גאון איז נפטר געוואָרען, האָבען די פרנסים פון די דריי קהלות געשיקט אַ כתב-רבנות צום בראָדער רב ר' יצחק הורוויץ. אַ שווערער קאַמף איז פאָרגעקומען צווישען דער בראָדער קהלה און די קהלות אה"ו. אָבער ענדליך האָט ר' יצחק בעשלאָסען אַבצופאָהרען קיין אה"ו אַלס ממלא מקומו פון דעם רבי'ן ר' יהונתן זצ"ל און דאָרט איז ער שוין פערבלי-בען ביז זיין לעצטען לעבנס-טאָג.

אָבער נישט בלויז אין ענגען קרייז פון זיין קהלה האָט דער האַמבורגער רב פערשפרייט זיין טעטיגקייט — נישט געווען קיין איין יודישע פראַגע, וואָס מען זאָל נישט פרעגען זיין מיינונג און עס איז נישט געווען קיין איין כלל-ישראל-אַקציע אָהן דער בעטייליגונג פון ר' יצחק'ל האמבורגער, וועלכער האָט גע'שמ'ט אויף ווייט און ברייט אַלס חכם מחוכם און דערצו אַ מיצר בצרת עמו.

גאנץ אָפט פלעגט ער זיך בעטייליגען אין די זיצונגען פון „ועד אַרבע ארצות", ווייל מען האָט זיך צוליב זיין חכמה און לומדות בעצויגען צו איהם מיט'ן גרעסטען דרך ארץ. און ווירקליך איז צו זיין הכמה קיין ביישפיל נישטאָ, און וועגען דעם דערצעהלט מען אָהן אַ שיעור לעגענדעס און מעשיות.

רבי יצחק' הורוויץ איז געווען אויך אַ בעל רוח הקודש. ער האָט ממש מופתים בעוויזען. כאָטש, ווי געזאָגט האָט ער ביי מופתים כלל נישט געהאַלטען און זאָגאר שטאַרק בעקעמפט די חסידישע רביים. הויפטזעכליך דערפאַר, וואָס מען דערצעהלט וועגען זייערע מופתים. ר' יצהק'ל האָט נישט געהאַלטען דער-פון און דאָך איז ער אַליין געווען אַ בעל-מופת.

אַלס כאַראַקטעריסטיק זאָל געבראַכט ווערען פאָלגענדער פאַקט:

בעת ר' יצחק'ל האַמבורגער איז נאָך געווען רב אין בראָד האָט ער איינמאָל געלאָזט דורכ'ן שמש אויסרופען, אַז ער אסר'ט דריסת הרגל אין שטאָדט-שוהל אויף גאנצע דריי טעג.

דער שמש האָט נאַטירליך דעם בעפעהל פון רב ממלא געווען. אָבער דער דאָזיגער כרוז האָט ארייסגערופען אַ גרויסען רעש אין שטאָדט. ס'טייטש און נאַכאַמאָל ס'טייטש: אסרן דריסת הרגל אויף דריי טעג צייט? און פאַרוואָס און פאַרווען, וואָס איז פלוצלינג געשעהן און וואָס איז דער רב מיט דעם אויסען? — אַזוי האָבען די בעלי-בתים צווישען זיך געטומעלט.

איז דאָך גלייך אַוועק צום רב אַ דעלעגאַציע פון די שעהנסטע בעלי-בתים

פון שטאָדט מיט אַ געוואַלד, מיט אַ געשריי. היתּכן, ווי געשיקט זיך דאָס, ווי אַזוי נעהמט מען עס און מען פערשליסט אַ שוהל אויף דריי טעג צייט, אָהן שום טעם, אָהן וועלכען עס איז מאָטיוו?

הערט זיך אויס דער רב גאַנץ געלאַסען, אָהן דער מינדעסטער אויפרעגונג די טענות פון זיינע בעלי־בתּים און ווען זיי האָבען זיך שוין גענוג אָנגערעדט און אָנגעבייזערט, רופט ער אויס גאַנץ קאַלטבלוטיג:

— זאָגט מיר, כ'בעט אייך, ווער בין איך עס דאָ צווישען אייך, וואָס איז דען מיין אויפגאַבע אין בראָד, זאָגט עס מיר, איך בעט אייך.

— ס'טייטש רבּי, איהר זענט דאָך אונזער מרא־דאתרא, אונזער מנהיג, אונזער קרוין, — האָבען אַלע מיט איין קול אָבגעענטפערט.

— אויב אַזוי, האָט ר' יצחק'ל רוהיג אָבגעענטפערט, — דאַרפט איהר דאָך מיך פאָלגען, דאַרפט איהר דאָך קיין קשיות נישט פרעגען און טהון, וואָס מען הייסט אייך, בפרט. אַז איך אסר דריסת הרגל, איהר פערשטעהט וואָס דאָס הייסט? — געאַסרט באיסור גמור! קלערט איהר, אַז איך וועל צוליב אייער געבייזער זיך צוריקציהען פון איסור?...

און אַזוי זיצענדיג בעפעהלט ער איינעם פון זייגע הויז־מענשען צו רופען דעם שוהל־שמש, ער זאָל גיך קומען צום רב און מיטברענגען די שליסלען פון דער שוהל.

באַלד איז דער שמש געקומען צולויפען מיט די שליסלען אין דער האַנד און זיי איבערגעגעבען דעם רב.

— פערשטעהט איהר מיך — האָט דער רב זיך געווענדעט צו די קהלה־לייט — כדי צו זיין זיכער, אַז עס וועט זיך נישט געפונען קיין חצוף, וואָס וועט עובר איסור זיין, וואָס וועט מיך נישט וועלען פאָלגען, בלייבען די שליסלען ביי מיר די גאַנצע דריי טאָג. הערסט, שמשי אויפ'ן דריטען טאָג אין אָוונד, זאָלסטו קומען צו מיר, וועל איך דיר צוריקגעבען די שליסלען פון דער שוהל!

די דעלעגאַציע איז אַוועק פון רב מיט גרויס פחד. דער שטרענגער און זיכערער מאָן פון רב האָט מטיל אימה געווען. באַלד האָט זיך איבער גאַנץ בראָד פערשפרייט די ידיעה וועגען דעם אויסטערלישען איסור און אויף שריט און טריט האָט מען ארומגערעדט דאָס געשעהניש. אַ שרעק איז אַלעמען בע־פאַלען. מען האָט געוואוסט, אַז דער רב איז אַ ג–ט'ליכער מאַן און ווען ער שליסט די שוהל אויף דריי טעג צייט און ער וויל נאָך דערצו קיין טעם נישט זאָגען, איז עס דאָך נישט אומזיסט, מוז ער דאָך האָבען אַ טעם כמוס דערביי...

דריי טעג צייט האָט זיך גאַנץ בראָד געפונען אין דאָזיגען שרעקעוודיגען צושטאַנד. די פאַנטאַזיע האָט זיך צושפילט. מען האָט זיך דערצעהלט מעשיות פון שדים, פון נישט־גוטע, פון רוחות, וואָס האָבען בעהערשט דער שוהל. אַזוי,

אַז מען האָט זיך אַפילו מורא געהאַט צוצוגעהן נאָהנט פון דער שוהל, אויף דער שוהל־גאַס.

ערשט אויפ'ן דריטען טאָג, אין אָוונד, האָט דער רב גערופען דעם שמש צו זיך און איבערגעבענדיג די שליסלען, האָט ער איהם בעפוילען צוריק די שוהל צו עפענען.

דעם שמש איז בעפאַלען אַ גרויס פּחד. זיינע צושראָקענע אויגען האָבען געקוקט אויפ'ן רב, אַ צאָהן אין צאָהן האָט ביי איהם געקלאַפּט און שטיל, חי צו זיך, האָט ער געשעפּטשעט:

— איך האָב מורא, רבי...

— וואָס האָסטו מורא — האָט דער רב מיט אַ שמייכעל אויסגערופען.

— איך האָב מורא דער שוהל צו עפענען — איז דער שמש געוואָרען דרייסטער, מען זאָגט דאָך עפּעס אין שטאָדט, אַז שדים, רוחות...

— וואָס נאַראָנים רעדען דאָרט — האָט דער רב אויסגערופען — מאַך זיך בעסער נישט צו נאַר און געה עפענען דער שוהל, די סכנה איז שוין אַריבער!...

עס פערשטעהט זיך, אַז דער שמש איז געגאַנגען, נאָך איהם איז נאָכגעגאַנגען אַ גרויסער נייגיריגער עולם. מיט ציטערדיגע הענד האָט ער אויפגעשלאָסען די טהירען פון דער שוהל, אָבער אַריינקומענדיג אינוועניג זענען אַלע ממש דערציטערט געוואָרען פון דעם מורא'דיגען בילד, וואָס האָט זיך פאַר זייערע אויגען פאַרגעשטעלט:

דער גאַנצער באַלקאָן, די עזרת־נשים, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף קאָלומנעס, דער דאָזיגער באַלקאָן איז געווען איינגעפאַלען. די קאָלומנעס צובראָכען, די שטענדערס צוהאַקט, — אַ נ'אמת'ער חורבן.

און אַרויסגעוויזען האָט זיך, אַז במשך די דריי טעג, וואָס די שוהל איז געווען געשלאָסען האָט זיך די גאַלעריע כּסדר איינגעבראָכען, און ווען די שוהל וואָלט אָפען געווען, — מי יודע וויפיעל קרבנות עס וואָלטען געפאַלען פון דער דאָזיגער קאַטאַסטראָפע. אָבער דער רב האָט מיט'ן רוח הקודש עס פאָרגעזעהן און דעריבער האָט ער גע'אסר'ט דריסת הרגל אין דער שוהל, נישט לאָזענדיג קיינעם דער שוועל איבערטרעטען אין משך פון די דריי טעג.

און רבי איציק'ל איז דאָך קיין חסיד נישט געווען, פערקעהרט, גאָר אַ בעקאַמפער פון חסידות. אַ פייערדיגער מתנגד – פונדעסטוועגען איז ער אַזוי גרויס געווען, דער מתנגדישער ייִדע פון ראָבשיצער.

חסידים דערצעהלען אויך, אַז דער הייליגער בעל־שם־טוב, זכר צדיק לברכה, פלעגט שיקען פון צייט צו צייט עטליכע פון זיינע אָנהענגער צו רבי איציקלען, כּדי צו דערצעהלען איהם וועגען דער התנהגות פון זייער רבי'ן. די יונגעלייט האָבען נאַטירליך נישט אַרויסגעוויזען, אַז זיי זענען דעם בעל־שם־טוב'ס אָנהענגער. זיי האָבען בלויז דערצעהלט פאַקטען פון בעל־שם'ס התנהגת.

פלעגט ר׳ איציקל מיט גרויס התמדה אָפּלאָכּין די דאָזיגע מנהגים און דערביי שטאַרק הנאה האָבען.

— דאָס בין איך טאַקי אויסען — פלעגט זאָגן דער הייליגער בעל־שם זאָגען, — איך בין אויסען מהנה צו זיין דעם דאָזיגען גרויסען גאון און צדיק און אַז דאָס אויסלאַכען מיין התנהגות פערשאַפט איהם תענוג, — בין איך שטאַרק צופרידען דערפון און איך שיק איהם כּפּעציעל מיינע יונגעלייט, זאָלען זיי איהם אַלץ וועגען מיר דערצעהלען, כּדי ר׳ איציקל זאָל האָבען אַ הנאה...

יב.

# אַ דרוש תּורה מיט אַ מת.

אין פריהערדיגען קאַפּיטעל האָבען מיר זיך שוין ברייטער אָבגעשטעלט אויף דער מערקווירדיגער פערזענליכקייט פון ר׳ איציקל האַמבורגער זכרונו לברכה, דער זיידע פון ראָפּשיצער צדיק. מיר האָבען אויך דערצעהלט, אַז כאָטש ער איז געוועזן אַ אויסגעשפּראָכענער מתנגד, איז ער דאָך געוועזן אַ פּועל־ישועות, אַ אָפענבאַרער בעל־רוח־הקודש.

מיר וועלען דעריבער נאָך דערצעהלען איין מעשה׳לע וואָס וועט אַמבעסטען כאַראַקטעריזירען דעם דאָזיגען מתנגדישען רב. זיי וועלכען אַלע חסידים האָבען זיך בעצויגען מיט גרויס יראת הרוממות, ווייל ער איז באמת געוועזן אַ הימעל־מענש.

אויך די דאָזיגע מעשה איז פאָרגעקומען אין בראָד און בשעתו האָט די גאַנצע שטאָדט מיט איהר געקלונגען

בראָד איז ווי בעקאַנט געוועזן די ערשטע גרויסע גרעניץ־שטאָדט נעבען דער אַמאָליגער רוסיש־עסטרייכישער גרעניץ. דורך דער דאָזיגער שטאָדט פלעגען תּמיד פערבייפאָהרען און אויך פערווײלען פיעל סוחרים פון רוסלאַנד, וואָס זענען געפאָהרען קיין אויסלאַנד האַנדלען. דורך בראָד פלעגט מען פאָהרען קיין לייפּציג אויפ׳ן וועלטס־יריד און קיין בראָד האָבען זיך אויך „געשוואָרצט״ די פליטים און עמיגראַנטען, וואָס זענען אַנטלאָפען פון דער רוסישער נאַהייקע.

בראָד איז דעריבער געוועזן אין יענע צייטען אַ קאָכיגע און ברוינע שטאָדט. עס האָט דאָרט שטענדיג געטומעלט אויף אַ גאָר גרויסען אופן. פרנסה האָט אויך נישט געפעהלט. יעדע וואוינונג איז געווען אַן אַכסניא, אַ האָטעל, וואו די רוסישע יודען האָבען זיך אָבגערוהט און געזאַמעלט כּח אויף דער ווייטערער נסיעה, וואָס איז אין יענע צייטען, אין די צייטען פון פּויד און שליטען, אַזוי שווער אָנגעקומען.

אין א געוויסען ערב־שבת איז אנגעקומען קיין בראָד א יודישער סוחר פון א גרויסער רוסישער שטאָדט, וועלכער איז געפאָהרען אויפ׳ן יריד קיין לייפציג. דער סוחר איז געווען זעהר א פרומער יוד, א בן־תורה, דער שענסטער יוד און בעל־בטוח אין זיין שטאָדט, און ער האָט בעשלאָסען שבת צו האַלטען אין בראָד.

היות ווי ער האָט ביי זיך געהאַט שעהנע עטליכע טויזענד קערבלעך, וואָס ער האָט געפיהרט מיט זיך, כדי איינצוקויפען סחורה אויפ׳ן יריד, האָט ער זיך נאָכגעפרעגט אויף אַן ערליכען בעל־אכסניא, וועמען ער זאָל קענען אָנפערטרויען אַזאַ סומע געלד, האָט מען איהם אָנגעוויזען אויף אַ האָטעלניק, אַ יוד אַ ירא שמים, אַ גמרא־יוד, פלעגט זיצען יומם ולילה אין לערנען, און דאָס הויז־געזינד האָט געפיהרט דאָס מסחר, פערדינגען צימערען פאַר געסט, בעזאָרגען זיי מיט עסען און מיט אַלעם נויטיגען. פרנסה איז געווען בשפע און דער האָטעלניק האָט זיך געקאָנט זיצען רוהיג און לערנען.

קומענדיג אין דער אכסניא האָט דער רוסישער סוחר געבעטען, אַז מען זאָל איהם פיהרען צום האָטעל אייגענטימער, ווייל ער דאַרף מיט איהם עפעס צו שמועסען.

דער האָטעלניק איז געזעסען ביי אַ גרויסען „טור" און געשמאַק געלערנט, ווען מען האָט אין זיין חדר אַריינגעפיהרט דעם אורח.

באַלד האָט זיך ענטוויקעלט אַ שאַרפער תורה־שמועס צווישען זיי ביידען, ווייל אויך דער יודישער סוחר פון רוסלאַנד איז ווי געזאָגט געווען אַ שיינער בן־תורה. און ווען עס איז געווען בין־השמשות, רופט זיך אָן דער סוחר צום בעל־אכסניא:

— בעל־הבית־לעבען, איך האָב ביי זיך עטליכע טויזענד קערבלעך. עס ווערט דאָך שבת, נאָט־אייך דאָס געלד און אי״ה שבת־צונאַכטס, וועט איהר עס מיר צוריקקערהען.

דער בעל־הבית האָט צוגענומען דאָס פעקעל אַסיגנאַציעס און דער אורח איז אַוועק אין זיין צימער, זיך מכין זיין לכבוד שבת.

פרייטאָגצונאַכטס, אין מיטען דער נאַכט, איז דער סוחר פלוצלונג אויפגעכאַפט געוואָרען פון אַ געוואַלדיגער יללה, וואָס האָט זיך געטראָגען פון גאַנץ נאָהנט. פינסטער איז געווען, עס איז דאָך שבת, דאָך האָט דער סוחר געכאַפט עפעס אויף זיך און אַרויס פון זיין צימער.

אַרויסקומענדיג אינדרויסען האָט ער זיך דערוואוסט, אַז דער בעל אכסניא איז פלוצלונג אַוועקגעפאַלען, בעקומען אַ האַרץ־שלאַג, דאָקטוירים בעמיהען זיך איהם ביים לעבען צו דערהאַלטען, אָבער עס געלונגט זיי נישט און באַלד דערנאָך האָט טאַקי דער בעל־אכסניא די נשמה אויסגעהויכט.

עס איז איבריג צו שילדערען דעם צער פון דער פאַמיליע און פון דער גאַנצער שטאָדט צוליב דעם פלוצלונגדיגען טויט פון בעל־אכסניא, וועלכער איז געווען איינער פון די שענסטע מענשען אין שטאָדט. אויך דער סוחר איז

מיטגעריסען געוואָרען פון דעם צער. ס׳טיישט, מיט עטליכע שעה צוריק האָט ער דאָך אַזוי געמיטליך מיט איהם פערבראַכט, געשמועסט אין לערנען און איצטער — מעהר נישטאָ. אויסער דעם, האָט דעם סוחר געשיאָכקעט אין הארצען זיינע עטליכע טויזענד קערבלעך, פרעמד געלד, אָנגעבאָרגט ביי דער גאַנצער שטאָדט. ווער ווייסט, צי ער וועט דערפון נישט האבען קיין עגמת-נפש. אָבער איצטער איז דאָך שבת און דער צער איז אַזוי גרויס, ווי אַזוי קען מען עס רעדען וועגען אַזעלכע וואָכעדיגע ענינים ווי געלד...

אויך שבת-צונאַכטס האָט דער סוחר קיין הארץ נישט געהאָט צו מאַכען אַ רייד וועגען דעם געלד. ער האָט דעריבער געמוזט אָפּלעגען זיין נסיעה קיין לייפּציג קודם-כל צוליב׳ן געלד, והשנית וועט ער זיך טאַקי בעטייליגען אין דער לוי׳ אויך.

נאָך דער לוי׳ געהט דער סוחר צו דער אַלמנה מיט איהרע קינדער און פאָדערט צוריק זיין געלד-פּאַקעט, וואָס ער האָט געגעבען צו בעהאַלטען זייער מאַן און פאָטער פרייטאָג פאַרנאַכט, פאַר ליכט-צינדען.

ווי דערציטערט איז ער אָבער געוואָרען, אַז זיי ווייסען פון גאָרנישט צו זאָגען. דער פאָטער האָט זיי וועגען קיין געלד קיין איין וואָרט נישט געזאָגט און אין דער קאַסע געפינט זיך אפילו קיין העלפט נישט פון דער סומע, וואָס דער סוחר מאַהנט..

עס איז איהם פינצטער געוואָרען פאַר די אויגען. דער סוחר האָט זיך אָנגעהויבען רייסען די האָהר פון קאָפּ. ער איז אומגליקליך, פרעמד געלד, נדנים פון אָרימע יתומות, ווי וועט ער זיך איצטער אהינטהון. עס איז קיין אַנדערער פּלאַן נישטאָ פאַר איהם נאָר צו וואַרפען זיך אין טייך...

אָבער די יורשים פון פּלוצלונג פערשטאָרבענעם, ווייסען באמת נישט, פון וואָס צו זאָגען. מען זוכט אין יעדען ווינקעלע, מען נישטערט, מען דרעהט אַלץ איבער קאַפּויר, אָבער קיין שפור פון געלד איז נישטאָ. פערשווינדען, ווי אין וואַסער אריין.

הויבט זיך שוין אָן ביי זיי צו דערוועקען אַ חשד. אַז דער סוחר סימולירט די גאַנצע מעשה, די ליטוואַקעס זענען אויף אַלעם פעהיג, וואָרים, עס איז דאָך נישט שיין, אַז דער פאָטער זאָל האבען דאָס געלד גענומען און עס זאָל אין דער גאַנצער שטוב נישט זיין. ער האָט עס דאָך אין קבר זיכער נישט מיטגענומען!

דער סוחר האַלט זיך אָבער אין איין שלאָגען קאָפּ אין וואַנט, ער פאַלט אין חלשות, אָבער דאָס געלד איז נישטאָ, פערפאַלען געוואָרען און גאָה דערגעה אַ טאָלק.

קימענדיג צו זיך. לויפט דער סוחר צום שטאָדט-רב, צו ר׳ יצחק׳ל הורוויץ, און דערצעהלט איהם די גאַנצע מעשה.

פאָדערט דער רב אויף די אַלמנה מיט די קינדער לדין.ביידע צדדים זענען מסדר זייערע טענות. ביידע ווייגען און קלאָגען, שווערען זיך מיט כל

השבועות, דער סוחר טענה'ט, אז ער האט דאס געלד געגעבן צו בעהאלטען, און די אלמנה מיט איהרע קינדער טענה'ן, אז זיי וויסען נישט פון וואס צו זאגען.

וואס בלייבט איבער דעם רב צו טהון און אזא פאל ? — פסקנט ער ווי דער בפירוש'ער דין איז, אז די יורשים שווערען א שבועה, אז דער טאטע האט זיי נישט איבערגעלאזט דעם פקדון.

די יורשים ערקלערען זיך גרייט צו שווערען אפילו הונדערט שבועות. זיי וויסען דאך באמת נישט פון קיין פתרון און פון קיין חלום !...

דערזעהט דער סוחר, אז זיי זענען גרייט צו שווערען, ערקלערט ער, אז ער איז זיי מוחל די שבועה. אלס עהרליכער יוד קען ער נישט מסכים זיין צו א שבועה דאורייתא אפילו אויף אנ'אמת. פערפאלען. עס איז איהם געשעהן א בישער אומגליק און וואס וועט איהם שוין די שבועה העלפען ..

אבער דער סוחר איז פערבליבען אין בראד, געבליבען בעירום ובחוסר. קיין פרוטה נישט אין טאש, וואו זאל ער געהן און וואו זאל ער קומען. האט איהם אפילו דער רב געוואלט אויסלייהען אביסעל געלד אויף הוצאות אהיים, קען ער עס אבער ביי זיך נישט פועל'ן. ווי אזוי וועט ער, דער אומגליקליכער אהיימקומען. מען וועט איהם פשוט אויף שטיקער צורייסען, ווער וועט איהם גלויבען די גאנצע מעשה...

איז דער סוחר פערבליבען אין בראד, ביים רב אין שטוב. טאג איין טאג-אויס וויינט ער פאר'ן רב ער זאל בעטען פאר איהם רחמים, אז ג—ט זאל רחמנות האבען אויף איהם, אז דאס געלד זאל זיך אבגעפונען.

דער צער פון סוחר האט דעם רב באמת גערירט און ער האט צוגעזאגט צו זוכען עצות ווי אזוי דאס געלד זאל זיך אבגעפונען.

לויפן אדורך א פאר וואכען. פון דעם סוחר איז שוין א תל געווארען. פון אמאליגען גביר און בעל-בשר איז געווארען הויט און ביינער און מען האט געקאנט זעהן, אז ער וועט לאנג נישט אויסהאלטען. ער וועט פשוט אויסגעהן פאר עגמת-נפש.

איינמאל, ווען דער צער פון סוחר האט איהם בעזונדערס שטארק אייבערגענומען, מאכט צו איהם דער רב ר' איצקל :

— הערט מיך אויס, איך האב פאר אייך אנ'עצה, — מזמין צו זיין דעם מת לדין און אז איהר וועט מסכים זיין דערצו, וועט מען איינמאל פאר אלעמאל זיך דערוויסען דעם גאנצען אמת.

דער סוחר איז ממש אויפגעשפרינגען. האהר און נעגעל האבען זיך איהם קאפויר געשטעלט, וואס הייסט עפעס מזמין זיין א מת צו א דין תורה ?...

— שרעקט אייך נישט מיין פריינד, איך מיין עס נישט אויף קיין שפאס — האט דער רב אויסגערופען, — עס ווענדעט זיך נאר אין אייער הסכמה. ווען איהר וועט דערצו מסכים זיין, בעשאים איך א זמן ווען די דין-תורה

זאָל פאַרקומען. ענטפערט, זענט איהר מכפּים: ווייל קיין אַנדערע עצה האָב איך נישט, און איך וויל אייך באמת העלפען אין אייער צרה.

ענדליך האָט דער סוחר לשון בעקומען און אָבגעזאָגט געענטפערט:

— הייליגער רבי, איך זאָג אייך בהן שלי, ווען עס וואָלט געווען מיין אייגען געלד, וואָלט איך קיין רגע נישט געקלערט און וואָלט נישט מסכּים געווען דערצו. איך וואָלט באַלד אַוועקגעגאַנגען איבער די הייזער און מקבץ געווען און נישט מטריח געווען אַ מת. אָבער עס איז דאָך פרעמד געלד, די לעצטע פּרוטות פון אָרימע־לייט, נדנים פון יתומים, איך האָב דעריבער נישט קיין עצה און איך מוז מסכּים זיין...

באַלד רופט דער רב דעם שמש־בית־דין און זאָגט צו איהם:

— גיי תיכף אויפ'ן בית־עלמין, צום קבר פון בעל־אַכסניא און זאָג איהם, אז איך בין איהם מזמין לדין, אויף מאָרגען צוועלף אַ זייגער בייטאָג.

דער שמש איז ווייס געוואָרען ווי קרייד. הענד און פיס האָבען איהם אָנגעהויבען ציטערען, אַז ער האָט זיך געוואַקעלט ווי אַ שכור.

— וואָס האָסטו מורא, שוטה — האָט דער רב איהם אויפגעמינטערט, — אַז איך הייס דיך געהן, דאַרפסטו געהן. ווייסטו דען נישט, אַז אויך דער מת האָט קיין מנוחה נישט אויפ'ן עולם האמת, אויך ער האָט דערפון גרויס צער, אפשר נישט ווייניגער ווי דער אומגליקליכער סוחר, געה'זשע דעריבער און נ'הו ידי איך הייס דיך.

דער שמש האָט דעריבער גענומען זיין שטעקען און אַוועק אויפ'ן בית־עלמין, געטהון פּינקטליך ווי דער רב האָט איהם געהייסען.

צומאָרגענס צוועלף בייטאָג, ווען דער סוחר איז געקומען צו דער דין תורה, האָט ער שוין געטראָפען דעם רב מיט זיינע צוויי דיינים זיצען איינגעהילט אין טלית און תפילין. אַ מוראדיגע שרעק האָט איהם בעהערשט. קוים, וואָס ער האָט זיך געהאַלטען אויף די פיס.

— נו, זייט מסדר אייערע טענות — האָט זיך דער רב געווענדעט צום סוחר.

מיט אַ געבראָכענער שטים האָט דער סוחר מסדר געווען זיינע טענות, דערצעהלט בפּרטות ווי אַזוי ער האָט זיך דערפרעגט אין דער אַכסניא פון פאַרשטאָרבענעם, ווי־אַזוי ער האָט זיך צושמועסט מיט איהם און לסוף איבערגעגעבען איהם אַ פּעקעל באַנקנאָטען און אוועק אין זיין חדר.

ווען דער סוחר האָט אָבגערעדט דאָס זייניגע האָט ער זיך שטאַרק צוכליפּעט און אוועק אין אַ ווינקעלע.

— און וואָס זאָגט איהר דערצו: — האָט זיך פּלוצים דערהערט די שטים פון רב.

א מורא'דיגע שטילקייט האָט געהערשט אין בית־דין־שטוב. נישט מען האָט עמיצען געהערט און נישט מען האָט עמיצען געזעהן. אָבער דער רב איז געזעסען מיט אַ לעבעהאַפטען שמייכעל אויף די ליפּען, זיין הייליגע אורה

האָט זיך אַלע חיילע געביטען, אַ שטייגער, ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט צו אַנ'אינטערעסאַנטען שמועס.

ענדליך האָט דער רב אויסגערופען אַ צופרידינער, הענדענדיג זיך צום סוחר:

— דער מת זאָגט, אַז איהר זענט כשר געווען און ער בעט אייך שטאַרק איבער פאַר'ן צער, וואָס ער האָט אייך פערשאַפען. און די מעשה איז אַזוי געווען. היות חי עס איז שוין געווען שטאַרק שפעט, קוים עטליכע מינוט פאַר ליכט-צינדען, ווען איהר האָט איהם דאָס געלד אָנפערטרויט, האָט ער עס שוין נישט בעוויזען איבערצוגעבען זיין פרוי, נאָר אַזוי ווי עס איז געלעגען פאַר איהם דער „טור-אורח-חיים״ האָט ער דאָס געלד אַריינגעלעגט אין דעם טור אַריין און דאָס ספר אַריינגעשטעלט אין ספרים-שאנק.

געהט-זשע גיכער צו דער אַלמנה — האָט דער רב בעפעהלעריש אויסגערופען — און זאָגט איהר, אַז איהר פערשטאָרבענער מאַן האָט געהייסען אי'פמישען דעם טור אורח-חיים הלכות שבת, וועט מען דאָרט געפונען דאָס גאַנצע פעקעל געלד. זאָגט זיי אויך, אַז זייער פערשטאָרבענער מאַן און טאַטע בעט, זיי זאָלען אייך טפייס זיין פאַר'ן צער, וואָס איהר האָט געהאַט, ווייל דאָס איז זיין אויסדריקליכער רצון.

און כך הוא. אין „טור״ האָט מען געפונען דאָס גאַנצע פעקעל געלד. קיין פרוטה האָט נישט געפעהלט.

דער סוחר איז גלייך דערנאָך געלאָפען צום רב און מיט גרויס שמחה געדאַנקט איהם פאַר דער גרויסער ישועה און ערקלערט זיך גרייט מוחל צו זיין דעם פערשטאָרבענעם פאַר דעם צער, וואָס ער האָט צוליב איהם געהאַט.

אויף דער עצה פון רב, איז דער סוחר אַוועק אויפ'ן קבר פון פערשטאָרבענעם בעל-אכסניא מיט אַ מנין יידען און איהם ערקלערט, אַז ער איז איהם מוחל במחילה גמורה, ער האָט אייך איבערגעלאָזט אַ שענע סומע געלד אַלס תיקון פאַר זיין נשמה און אַוועקגעפאָהערן אַ גליקליכער קיין לייפציג.

אזעלכעס האָט געקאָנט בעווייזען דער זיידע פון ראָפשיצער, דער מתנגדישער ר' איציקל האמבורגער זכרונו לברכה. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס זיין אייניקעל, דער ראָפשיצער איז באַלד פון זיין פריהסטער קינדהייט אָנערקענט געוואָרען אַלס דער נאָכפאָלגער פון זיין זיידען. מען האָט עס גאַנץ פריה געקענט דערקענען און איהם א דאַנק זיין קלוגשאַפט און עלוישקייט — מען האָט איהם דאָך געהאַלטען אַלס קדוש מרחם אמו...

יג.

# דעם ראָפּשיצער׳ס יונגער.

די גרויסע חסידישע פערזענליכקייט, וואָס איז בעקאַנט אין דער חסידישער וועלט אַלס דער „הייליגער ראָפּשיצער״, איז נאָך ביז איצט ווייט נישט אָבגעשאַצט געוואָרען, שווער צו געבען אַ פולע כאַראַקטעריסטיק פון דאָזיגען גאון החסידות. ווייל ער איז געווען א גרויסער מוצ.ע, אַ בעהאַלטענער, נישט בעוואַלט, אַז מען זאָל פון איהם רעדען, שמיעסען, אַז אַ וועלט זאָל פון איהם קלינגען, האָט ער דעריבער זיך איינגעגעבען פאַר א ווערטעל-זאָגער. סאַר אַ מבדה את דעת הבריות, געזאָגט ווערטלעך, הלצה׳לעך; נישט שוינענדיג דערביי אפילו די גרעסטע רביים און צדיקי הדור, פאַר וועלכע א וועלט האט פאַר׳ן בליק געציטערט, האָט מען דעריבער געהאַלטען ר׳ נפתלין זכרונו לברכה, פאַר א היימישען גוטען ברודער, פון וועמען מען קען אַן׳עצה פרעגען, פאַר וועמען מען קען גיך דאָס האַרץ אויסרעדען, און דורך וועמען מען קען זיך גלייכסטעלען, ווען מען איז פעררזאָגה׳ט.

אָבער, אַז דאָס אַלץ איז נישט מעהר ווי אַ לבוש, אַז די אַלע חכמות און הלצה׳לעך, זענען נישט סתם קיין גוטע ווערטלעך פון וועלכע מען האָט אַ הנאה, נאָר אַז דאָס זענען לויטער סודות און רזין דרזין, אַז דער מיט איז דער הייליגער צדיק מיחד-יהודים, און מתקן-תיקונים — דערפון האָט דער ברייטער עולם נישט געוואוסט, דערפון האָבען בלויז געוואוסט זיינע גרויסע רביים, צווישען וועלכע עס זענען געווען אַזעלכע עמודי החסידות ווי דער רבי ר׳ אלימלך זכר צדיק לברכה פון ליזענסק, דער „חוזה״ פון ליבלין, רבי מענדעלע פון רימאַנאָוו און זייער חברותא.

אבער איידער ער האָט אָנגעהויבען עוסק צו זיין בחסידות האָט דער ראָפּשיצער זיך פריעהר גוט אָנגעגורט מיט ש״ס און פוסקים, אַלס תלמיד פון בעריהמטען פרעשבורגער רב ר׳ משולם טיסמעניצער האט ער געלערנט אין זיין ישיבה צוזאַמען מיט אַזעלכע חברים ווי ר׳ מרדכי בענעט, דער שפעטערדיגער ניקאָלשבורגער רב, ר׳ יעקב ליסער, דער בעל „חות דעת״ און נאָך אַנדערע גדולים, פון וועלכע ר׳ נפתלי איז כלל נישט אָבגעשטאַנען, אדרבה, דער רבי זייער האָט איהם גערעכענט פאַר די בעסטע פון זיינע תלמידים, אָבער ווי נאָר ער האָט דערפיהלט דעם ריח החסידות, וואָס האָט זיך דורך ...פטעגען פערשפּראַגען אין דעם ווייטען פרעשבורג, האָט עס גלייך געפאַנגען ...רוויזענדער נאָטור פון דער יונגען תלמיד חכם, און נישט לאַנג-שראַכטענדיג

האָט ער אָהן אַ „זייט געווונד" פערלאָזט פרעשבורג און אַוועק קיין ליזענסק צום רבין ר׳ אלימלך.

אין ליזענסק האָט דער יונגער ר׳ נפתלי ערשט אָנגעהויבען זיך פיהלען אין זיין ריכטיגער אַטמאָספערע. קיינער פון די אַרומיגע חסידים און מקורבים האָבען נישט געוואוסט אַזוי פיעל פון דער גדלות פון הייליגען רבין ר׳ אלימלך ווי דער דאָזיגער יונגערמאַן, דאָס אייניקעל פון גרויסען מתנגדישען גאון ר׳ איצ׳קל האַמבורגער. אויך דער רבי האָט איהם גלייך דערקענט דעם צוקונפ-טיגען מנהיג החסידות, האָט ער איהם דעריבער שטאַרק מקרב געווען, געלערנט מיט איהם קבלה אין די שפעטע אָווענד-שעה׳ן און גאַנץ אָפט איהם איינגעלאַדען צו זיך אין חדר, וואו ער האָט מיט איהם פערבראַכט אין הויכע שמועסען.

דערפון האָט כמעט קיינער נישט געוואוסט אין ליזענסק האָט מען עס נישט מרגיש געווען, אַז דער דאָזיגער יונגערמאַן איז שוין אַזוי גרויס סיי אין נגלה סיי אין נסתר און סיי אין חסידות. פלעגט ער דאָך גאַנץ אָפט פרעהליך מאַכען דעם עולם מיט זיינע הלצה׳לעך, מיט זיינע גוטע ווערטלעך, איז ער דאָך שטענדיג געווען אַזוי מונטער און פרעהליך, נישט צוגעלאָזט צו קיין עצבות און שטאַרק גערודפט די פער׳עצב׳טע יודען, וואָס האָבען אויף זיך ארויפגעצויגען אַ זויערע מינע, ווער האָט זיך עס געקענט ריכטען, אַז דאָס אַלץ איז נישט פשוט, און זעהען זעהט מען נאָר דאָס בלויזע חיצוניות אָבער נישט דאָס פנימיות.

אָבער גאַנץ פריה האָט מען אָנגעהויבען דערפיהלען, אַז ר׳ נפתלי וועט אַמאָל זיין פון די גרויסע חסידישע מנהיגים. אַזוי למשל דערצעהלט מען אַז זייענדיג אין דער ערשטער צייט אין ליזענסק, ביים רבי׳ן ר׳ אלימלך אין שטוב, קומט אריין אַ דאָרפס יוד, און פערלאַנגט דורכאויס, אַז מען זאָל איהם אריינפיהרען צום רבי׳ן.

גראַד איז דער רבי געווען שטאַרק פערטהון אין זיינע ענינים׳ סגור ומסוגר אין זיין חדר און אָנגעזאָגט דעם שמש, אַז ער זאָל קיינעם נישט אַ-ריינלאָזען. דער דאָרפס-יוד האָט אָבער בשום אופן נישט געוואָלט אָבטרעטען. געוויינט און געקלאָגט, געשלאָגען זיך קאָפּ אין וואַנד, אין געשוואוירען, אַז ער וועט נישט אָבטרעטען, ביז מען וועט איהם נישט אריינלאָזען צום רבין.

זעהענדיג, אַז מען וועט מיט דעם יוד גאָרנישט מאַכען, רופט זיך אָן ר׳ נפתלי צו זיינע חברים:

— הערט׳ס וואָס מיר איז איינגעפאַלען, איך וועל אריין אין אַ צווייטען חדר, אָנטהוען זיך דעם קאַלפיק און שיקט מיר אַריין דעם דאָרפס-מאַן. ער האָט דאָך אוודאי דעם רבין פאַר די אויגען נישט געזעהן.

די חברים זיינע ווי אויך דער שמש האָט געשטיקט דאָס געלעכטער. וואָס אַ מענש קען איינפאַלען. אָבער ר׳ נפתלי איז שוין נישט געווען אין

פּית מדרש. ער איז שוין געזעסען אין אַ חדר מיוחד און געוואַרט אויפ'ן דאָרפס־יוד.

באַלד איז דער יוד אַריינגעקומען און מיט אַ געוויין אָנגעהויבען דער־צעהלען זיין אומגליק:

– הייליגער רבי! איך האָלט אַ קרעטשמע ביי אַ פּריץ, דער פּריץ איז אַ רשע מרושע, פּייניגט מיך סכנות נפשות, לאָזט מיך נישט אויפ'ן אויג, האָב איך נאָך געצאָהלט נאָרמאַל די ראַטעס איז נאָך געווען אַ האַלבע צרה, אָבער לעצטעס האָט זיך מיר געמאַכט זעהר ענג. איך האָב ממש נישט די חיונה האָב איך מיך פערשולדיגט פאַר דריי ראַטעס, האָט ער היינט געשיקט מיר זאָגען, אַז באם איך וועל נישט אין פערלויף פון דריי טעג בעצאָ. לען אַלע ראַטעס, וועט ער מיך פּיטן חייב און קינדער אַרויסוואַרפען פון דער קרעטשמע, הייסען מיר אויפצעהלען פּופציג שמיץ און דערנאָך וועט ער אונז אַלעמען אַריינוואַרפען אין תפיסה אַריין.

– הייליגער רבי! ראַטעוועט אונזערע נפשות. מיין ווייב איז אַ פּאָר וואָכען נאָך אַ קימפּעט, זי איז הרוב קראַנק, בצוואָרפען מיט קליינע קינדער – ראַטעוועט אונז, מען זאָגט דאָך אַז ווען איהר חילט ווערט מען געהאָלפען.

קלערט ר' נפתלי אַ ווײַלע און גיט אַ פרעג:

– און ווי פיהרסטו דיך עפּעס מיט יודישקייט?

— אַזוי ווי אַלע יודען, — הייליגער רבי — איך בין טאַקי אַ ישוב'ניק, אַ גראָבער יונג, אָבער איך האָלט ביי מיר אין שטוב אַ מלמד, און האַלט איהם אויס מיט אַלע הצטרכות'ן, דעם לעצטן ביסען פון מויל גיב איך איהם אַוועק, און אַלץ וואָס ער לערנט מיך – טהו איך.

– אויב אַזוי – רופט אויס ר' נפתלי – געה אַהיים און וועסט בקרוב געהאָלפען ווערען!

דער דאָרפס־יוד איז אָבער נאָך נישט צופרידען מיט דער תשובה, הויבט ווידער אָן צו וויינען: דריי טעג, – היינט, מאָרגען און איבערמאָרגען, שמיץ, תפיסה, מיין ווייב איז קראַנק, פיצלעך קינדער, ראַטעוועט אונז רבי!...

– געה אַהיים, זאָג איך דיר, עס וועט זיין אַלדאָס גוטס איך בין דיר מבטיח, אַז דער פּריץ וועט איינגעהמען אַ מיתה־משונה...

דער דאָרפס־יוד איז אַוועק אַ בערוהיגטער, ר' נפתלי האָט גלייך אַראָפּ־געוואָרפען פון זיך דעם קאָלפּיק און צוריק אַריין אין בית מדרש אַריין, מיט אַ שמייכעל אויפ'ן פּנים.

די חברים זיינע האָבען איהם ארומגערינגעלט, און געבעטען איהם דער־צעהלען, וואָס דער ישובניק האָט געוואָלט און וואָס ער האָט איהם געענטפערט, אָבער ר' נפתלי האָט זיי פּעררעדט מיט אַן אַנדער ענין.

און כך הוא. צומאָרגענס אויף דער נאַכט איז געווען אַ שטאַרקער ווינט, וואָס האָט בוימער פון דער ערד אויסגערוסען. דער ווינט האָט מאויס'דיג געפייפט, געריסען לאָדענס. דער אָרימער ישובניק איז געזעסען ביים אויווען.

די קרעטשמע איז געווען פוסט, אויפ׳ן הארץ איז געווען זויער און ביטער. מארגען איז דער לעצטער טאג צו סילוק׳ן די ראטע. און דא האט ער קיין פרוטה נישט, וועט כאטש דעם רבינס הבטחה מקוים ווערען!

דער ישוב׳ניק הויבט זיך אויף פון ארט, נעהמט א תהילים׳ל אין דער האנד און הויבט אן צו זאגען א פערגרייזיגטען תהילים.

זיצט ער אזוי און זאגט א קאפיטעל נאך א קאפיטעל. דאס פייער איז שוין לאנג אויסגעגאנגען, אין שטיבעל איז האלב פינסטער, די אויגען זיינע הייבען זיך אן קלעבען. דאס תהילים׳ל גליטשט זיך ארויס פון זיינע הענד, אבער ער שאקעלט זיך ווייטער און מורמעלט:

— רבונו של עולם, העלף מיר, אין זכות פון הייליגען צדיק!...

דער ישובניק שלאפט איין. כאפט זיך אויף, אין שטוב איז קאלט, פינסטער. דער ווינט רייסט די לאדענס ווי מיט צוואנגען. אלע ווילע דוכט זיך איהם, אז עס קלאפט עמיצער, אבער באלד איבערצייגט ער זיך, אז דאס רייסט דער ווינט און טוליעט זיך ווייטער איין געבען אויהען.

פלוצלונג הערט ער א קול וואס רופט:

— משה, משה, עס קלאפט עמיצער, געה מאך אויף!

דאס שרייט צום קרעטשמער דאס ווייב פון אלקער׳ל.

שפרינגט ער אויף דער קרעטשמער, ווי זיין געוואוינהייט, הערט זיך איין א ווילע און באלד רופט ער אויס:

— משוגע מיינע שונאים, דער ווינט טייטש, רייסט ביים לאדען און איהר קלאפט מען עס אין קאפ. קים וואס איך האב געכאפט א דרימעלע!...

דויערט נישט לאנג און עס דערהערט זיך ווידער א קלאפען אין לאדען. דאס מאל דעריקענט שוין אויך דער קרעטשמער, אז עס איז נישט פון ווינט, לויפט ער צו צום טהיר און רופט אויס:

— ווער קלאפט?

— עפען מאשקע, עפען, איך וויל דיר אנזאגען א גוטע בשורה — דער הערט זיך א קול פון דרויסען

— וואסיל, דאס ביזטו, — רופט אויס דער קרעטשמער, דערקענענדיג די שטים פון א בעקאנטען פאראבעק – וואס עפעס אזוי שפעט אין דער נאכט, ביי אזא שרעקליכען ווינט?

באלד עפענט זיך די טהיר, און וואסיל קומט אריין, ווארפענדיג זיך אין גאנצען פון שרעק.

— גיב מיר אביסעל בראנפען, מאשקע, וויל איך שטארב פון שרעק — האט ארויסגעשטאמעלט דער גוי.

– אבער וואס איז געשעהן זאג מיר, אום ג–טעס ווילען!

— דער פריץ האט זיך אויפגעהאנגען! — האט דער גוי אין איין אטעם ארויסגעשטאמעלט.

— אויפגעהאַנגען זיך, דער פריץ! — האָט דער קרעטשמער אויסגערופען.

— אויפגעהאַנגען זיך, מען האָט איהם גאַרוואָס אַבגעשניטען פון דעם שטריק א פערשטייפטען, אָהן סימנים פון לעבען. בין איך געקומען דיר זאָגען מאַשקע, אַז די ביזט אַ געהאַלפענער...

באַלד אין דער פריה איז דער קרעטשמער אוועק קיין ליזענסק אָנזאָגען דעם רבין די גוטע בשורה, אַז דער פריץ איז טאַקע אומגעקומען מיט אַ מיתה משונה ווי דער רבי האָט איהם פבעיה געווען.

אריינקומענדיג צום רבין ר' אלימלך איז דער ישובניק שטעהן געבליבען אַ דערשראָקענער, קוקט זיך אום אויף אַלע זייטען, בעטראַכט נאָכאַמאָל דעם רבין, און עס הויבט איהם אָן מישען אין קאָפּ...

ס'טייטש, דער רבי, וואָס האָט איהם אָנגעוויזען איז דאָך געווען גאָר אַ יונגערמאַן — טראַכט זיך דער דאָרפס-יוד, און דאָ זיצט פאַר איהם אַן אַלטער מאַן, גאָרנישט דער אייגענער!...

ענדליך האָט דער ישובניק לשון בעקומען און דערצעהלט דעם רבין די גאַנצע מעשה, בכן ער איז געקומען מיט צוויי טעג פריהער צום רבין בעטען אַ ישועה, האָט מען איהם אריינגעפיהרט צו אַ יונגערמאַן, וועלכען מען האָט פאַר איהם פאָרגעשטעלט אַז דאָס איז דער רבי, האָט איהם דער רבי אָנגעוואונשען, אַז דער פריץ זאָל אַ מיתה משונה איינגעהמען און אַזוי איז טאַקי געשעהן. דער פריץ האָט זיך נעכטען ביינאַכט אויפגעהאַנגען, בין איך געקומען דאַנקען דעם רבין, אָבער דאָ איז עפּעס נישט דער אייגענער רבי...

פערשטעהט שוין דער רבי, אַז דאָס איז ר' נפתלי'ס אַ שטיקעל אַרבייט שמייכעלט ער, געזעגענט דעם ישובניק און הייסט רופען ר' נפתלי'ן.

— פרעגט איהם דער רבי מיט אַ שמייכעל ווי אַזוי ער פאַלט אויס צו פראַווען רבי'סטוואָ ביי איהם אין שטוב. ענטפערט ר' נפתלי, היות ווי דער יוד האָט נישט געוואָלט אָבטרעטען, געמאַכט קולות און מען האָט נישט געקענט צום רבין אַניקומען, האָט ער געהייסען דעם ישובניק צופיהרען צו זיך פאַרשטעלענדיג זיך אַלס רבי...

— נו, נו, — האָט דער רבי ר' אלימלך אויסגערופען — די קענסט שוין, זעה איך, דאָס עסק. ביזט נאָך אָבער צו-יונג, היט זיך!...

יד.

# דעם ראָפּשיצער׳ס התנהגות.

גאַנץ פריה האָט אָנגעהויבען צו קומען צום אויסדרוק די מערקווירדיג־קייט פון צוקונפטיגען צדיק הדור — רבי נפתלי ראָפּשיצער זצ״ל, אפילו אין זיינע הלצה׳לעך, זיינע חכמה׳לעך, מיט וועלכע ער האָט זיך אין דער יוגענד גאַנץ אָפט בענוצט און מנצח געווען דערמיט זיינע חברים און רביים, האָט מען שוין געקענט דערפיהלען דעם טעם פון אַ שיחת חולין פון תלמידי חכמים אין וועלכע מען דאַרף זיך אָפט שטאַרק פערטיפען, כדי צו דערגעהן דעם אמת׳ן מכוון.

דאָס וואָס ר׳ נפתלי פלעגט זיך ערלויבען, האָט זיך קיינער פון זיינע חברים נישט געקענט ערלויבען. און טאָמער האָט איהם עמיצער געפלעגט אויסמערקזאַם מאַכען, פאַרוואָס ער ערלויבט זיך אַזוי פיעל, צו ער האָט נישט קיין מורא פאַר די הקפדה פון זיינע רביים, פלעגט ער שמייכלען און אַמאָל ענטפערען מיט אַ הלצה׳לע, פון וועלכען דער עולם האָט שטאַרק אַ הנאה געהאַט.

שטענדיג פרעהליך, אויפגערוימט, מלא שמחה, האָט ער בלויז מיט זיין ערשיינען אַריינגעבראַכט אַ פרעהליכקייט ביז צום פערגעסען זיך. איבער־הויפט האָט ער גערודפט די פערכמורעטע חסידים, וואָס האָבען שטענדיג געוויזען אַ פנים זועפות, שטענדיג פערקרומט און פערזויערט און איינגערעדט זיך אַז אַזוי און נישט אַנדערש איז מען אַ אמתער חסיד. די דאָזיגע חסידים האָבען שטענדיג געדינט פאַרן ראָפּשיצער אַלס מאַטעריאַל פאַר פערליי גוטע װערטלעך און הלצות, פון וועלכע דער עולם האָט שטאַרק געקוואָלען.

איינמאָל האָט ער, אַריינקומענדיג אין בית מדרש פון רבין ר׳ אלימלך זכרונו לברכה געטראָפען אַ חסיד׳ פון דער פרעמד שטעהן דאַוונען שמונה עשרה מיט אַזא רעש, מיט אַזא געפילדער, אַז דאָס גאַנצע בית מדרש איז פול געוואָרען מיט זייגע קולות. דער יוד האָט זיך געבייגען אויף אַלע זייטען און דערצו האָט ער זיך מיט ביידע פויסטען געשלאָגען אין קאָפּ. מיט דער גאַנצער קראַפט, אַזוי אַז די אַרומיגע האָבען מורא געהאַט, אַז דער יוד זאָל זיך נישט אַ מעשה אָנטהון.

ר׳ נפתלי האָט זיך אַ ווײלע צוגעקוקט צו דער מאָדנער התנהגות פון דעם יוד אין באַלד אויסגערופען:

— עס שאַדט נישט, גוט אַזוי, גאַנץ גלייך אַזוי!...

דער עולם, וואָס האָט געקענט ר׳ נפתלי׳ן פאַר זייער אַ גוטמוטיגען, האָט זיך געוואונדערט דערויף, נישט פערשטאַנען די כוונה, אַ יוד מאַכט זיך שיעור נישט דעם טויט און דאָ זאָגט ר׳ נפתלי, אַז עס שאַדט נישט אַז עס איז גלייך אַזוי, — וואָס זאָל דאָס בעדייטען ?...

— פערשטעהט איהר מיך — האָט ר׳ נפתלי דערביי צוגעגעבען, עס איז דאָך ממה נפשך גלייך, וואָס ער שלאָגט זיך מיט דער פויסט אין קאָפּ: מיינט ער עס לשם שמים — איז דאָך גאַנץ גלייך, פיהלט ער דאָך אַוודאי נישט די קלעפּ, אלא נישט, מיינט ער בלויז א וועלט צו גענאַרען, איז דאָך גלייך׳ וואָס ער בעקומט אויפֿן אָרט זיין עונש, זאָל איהם טאַקי דער קאָפּ וויי טהון...

אויך שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען אַנ׳אָרקענטער מנהיג הדור, צו וועלכען עס זענען געפאָהרן פיעל טויזענדער חסידים, האָט ער אויך נישט געליטען קיין שוטה. ער פלעגט זיי כלל נישט שאַנעווען און געלערנט צו זיין מענשען און נישט קיין בטלנים ער פלעגט שטענדיג זאָגען: איך וועל קיינמאָל נישט מקנא זיין קיין שוטה. אפילו איך זאָל זעהן אויפֿן עולם העליון ווי מען פיהרט אַ נאַר און גאָך איהם געהן גאָך דרייצעהן שעמבראַנער בריקעס (אַזעלכע גרויסע פיהרען) מיט עולם הבא און מלאכים ושרפים בעגלייטען איהם בתפים ובמחולות וועל איך איהם אויך נישט מקנא זיין. ווייל נאַר בלייבט נאַר !...

אמאָל איז צו איהם געקומען אַ יונגערמאַן א קעסט-קינד. וואָס האָט אָוועקגעלעגט עלץ אין א זייט און בעשלאָסען „אַרבייטען״ אויף רבי. פלעגט ער זיצען אין בית מדרש פון ראָפשיצער נישט אָבטרעטענדיג פון דאָרט אויף קיין איין שעה. נישט ער האָט געלערנט און נישט ער האָט רעכט געדאַוועגט. ער פלעגט בלויז אויפפּאַסען דעם רבינס התנהגות, אַריינקוקען אין שליסעל-לאָך פון דער טהיר און בעמיהט זיך צו דערגעהן וואָס דער רבי טהוט ווען ער איז אַליין, וואָס ער טהוט פאַרן דאַוענען, און וואָס ער טהוט נאָכן דאַווע-נען א. א. וו.

דער ראָפשיצער האָט עס מרגיש געווען, אָבער ער האָט זיך געמאַכט נישט וויסענדיג, זייענדיג זיכער, אַז ער וועט סוף כל סוף אָנקומען צו איהם.

איינמאָל האָט ער בעמערקט, ווי דער רבי שניידט זיך די נעגעל נאָכן מרחץ. דער יונגערמאַן איז שטאַרק נתפּעל געוואָרען, סטייטש, און נאָכאַמאָל סטייטש, דער רבי איז דאָך אַ קדוש, טאָ ווי אַזוי טהוט ער עס אַזאַ זאַך, הלמאי אויף די נעגעל רוהען דאָך די קליפּות ר״ל, און די מקוה איז דאָך מעביר די סטרא אחרא, וואָלט דאָך דער שכל מחייב געווען אַז פריהער דאַרף מען זיך שניידען די נעגעל און נאָכהער זיך טובלען אין מקוה. לסוף טהוט עס דער רבי פונקט להיפך !...

דער יונגערמאַן איז אַרומגעגאַנגען שטאַרק פערטראַכט, נישט קענענדיג זיך פשוט אַנ׳עצה געבען. ער האָט געוואוסט אַז צו זיין אַ מהרהר אחר רבו איז אַ גרויסער חטא. ער האָט שוין שטאַרק אָנגעהויבען בעדויערען וואָס ער

קוקט נאָך דעם רבינס פריוואַטע התנהגות, אָבער עס האָט איהם אַלץ נישט געלאָזט צו רוה. ער האָט געגישטערט אין פערשיידענע ספרים, געזוכט מקורים, וואָס זאָלען בערעכטיגען די טהאַט פון זיין רבין אָבער ער האָט אין ערגיץ נישט געפונען דאָס וואָס ער האָט געזוכט.

ענדליך האָט ער בעשלאָסען צו פרעגען דעם רבין גופא, זאל זיין וואָס עס וועט זיין.

געזאָגט און געטהון. ביי דער ערשטער געלעגענהייט האָט ער אַ פרעג געטהון דעם רבין:

— הייליגער רבי, זאָגט מיר דעם טעם. פאַרוואָס איהר שניידט זיך די נעגעל נאָכן מרחץ. ס'שטייט אין די חסידישע ספרים ווערט געברענגט, אז בען זאָל די נעגעל אָבשניידען פאַר דער מקוה?

דער ראָפשיצער פערטראַכט זיך אַ ווייל‎ע און רופט דאַן אויס:

— עס איז אַ סוד!

— אַ סוד -- רופט אויס דער יונגערמאַן און זיין פנים ווערט שטאַרק נשתנה. -- וואָלט אפשר מיר דער רבי דעם דאָזיגען סוד מגלה געווען? תורה היא וללמוד אני צריך!

-- דאָס איז זעהר אַ טיפער סוד, מיין זוהן -- האָט דער ראָפשיצער פרנסט אויסגערופען -- און ווען דו ווילסט, אז כ'זאָל דיר מגלה סוד זיין, מוזטו פריהער תשובה טהון, פאַסטען דריי טעג אָן הפסקה, זיך טובל זיין פערציג טבילות און ערשט דאַן ווען דו וועסט קומען צו מיר, וועל איך דיר מגלה זיין דעם סוד.

דער יונגערמאַן איז אַוועק פון רבין אַ צופרידענער און זיך גענומען תיכף צו תשובה צום תענית און צו מקואות, געזאָגט ווידוי מיטן גאַנצען האַרץ און געטהון פונקט ווי דער רבי האָט איהם געהייסען.

אוי[illegible]ן פירטען טאָג איז ער געקומען צום רבין אַ שטראַהלענדיגער, אַ צופרידענער און אויסגערופען:

-- רבי, איך האָב אַלץ פינקטליך מקיים געווען. איצטער קענט איהר מיר שוין גאַנץ ד[illegible]יסט מגלה זיין דעם סוד.

-- אוודאי ו[illegible] איך דיר איצטער מגלה זיין דעם סוד, מיין קינד -- האָט דער ראָפשיצער מיט אַ שמייכעלע אָבגעענטפערט. די זאַך איז גאַנץ פשוט, ווען מען איז זיך פריהער טובל ווערען די נעגעל הייך, און עס איז בעסער זיי אָבצושניידען...

איבערהויפט פלעגט זיך דער ראָפשיצער אָברעכענען מיט די מתנגדים וואָס האָבען זיך מזדמן געווען מיט איהם אויף איין אָרט. אין יענע יאָהרען פלעגען די מתנגדים וואָס זענען געווען שאַרפע לומדים, קיינמאָל נישט אַדורכ־לאָזען אַ געלעגענהייט נישט צו מצער צו זיין אַ חסידישען גוטען יודען אָדער סתם אַזוי אַ חסיד. זעלבסטפערשטענדליך -- אַז ווען עס האָט זיך געטראָפען אַזאַ מעשה מיטן ראָפשיצער האָט יענער שוין בעקומען זיין פסט.

אַמאָל האָט זיך דער ראָפּשיצער געפונען אונטערוועגס. כאַפּט זיך, אַז עס הויבט אָן שטאַרק צו רעגענען אין דרויסן, און דער ראָפּשיצער באַשליסט זיך אָפּצושטעלן אין דער ערשטער בעסטער קרעטשמע.

גראָד האָט ער דאָרט געטראָפן מחותנים וואָס פאָרן צוריק פון אַ גרויסע רבנישע חתונה. געווען זענען זיי פאַרביסענע מתנגדים, וועלכע זייענדיק שטאַרק אויפגערייצט, האָבן זיי אויסגערעדט אויף פאַרשידענע רביים אָסור לדבר.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ווען די מתנגדים האָבן דערזעהן אַ חסידישן רבין, האָבן זיי ערשט רעכט אויפגעלעבט און באַשלאָסן צו נעהמען איהם אויפן אַמבעט...

און אומר ועושה, גשהט צו עמיצער פון דער חברה צו רבי נפתלין און רופט אויס

-- ווייסט איהר עס דער ראָפּשיצער? זאָלט איהר וויסען, אַז ביי אונז אין שטאָדט וואוינט איינער אַ חסיד, איז ער אַ קל שבקלים, היט נישט אָב קיין שום מצוה, פיהרט זיך אויף כאחד הריקים, אַז עס איז פשוט אַ בזיון, אַז אַזעלכער זאָל זיך רופען חסיד.

-- אַזוי, -- ענטפערט אָב דער ראָפּשיצער, -- איהר קענט איהם גענוי?

-- אַוודאי, איך קען איהם גאַנץ גוט, ער וואוינט מיט מיר אין שכנות, איבריגענס, איהר מעגט מיר גלויבען אַז אַלע אייערע חסידים זענען נישט בעסער...

-- איך וועל אייך עפּעס דערצעהלען -- האָט דער ראָפּשיצער אויסגערופען צו דעם מתנגד -- אָבער איך בעט איהר זאָלט מיך אויסהערען מיט קאָפּ.

-- אדרבא, ואדרבא .. האט מען פון אַלע זייטען אויסגערופען.

-- טאָ הערט מיין ליבער יוד -- האָט דער רבי אויסגערופען -- איהר זאָלט וויסען, אַז דער רבי צוזאַמען מיט זיינע חסידים, בילדען אַ גאַנצע זאַך, אַ קומה־שלימה. דער רבי איז דער מח און די חסידים זענען די אברים, וועלכע זענען יונק פון מח. יעדער אבר איז יונק לויט זיין יכולת, און פּונקט ווי עס זענען פאַרהאַן אין גוף שעהנע און חשובע אברים, ווי למשל, די אויגען, די אויערען, די הענד און אויך מיאוסע פאַרבאָרגענע אברים, אזוי איז עס מיט חסידים: פאַרהאַן שעהנע חסידים וואָס שיינען, פאַרהאַן אויך אַזעלכע וואָס זענען נישט אזוי שעהן. אָבער מען מוז זיי האָבען, פּונקט ווי דער גוף קען נישט האָבען קיין קיום אָהן די פאַרבאָרגענע אברים.

דער חילוק איז אָבער, וואָס מיר חסידים. קוקען בלויז אויף די שעהנע און זעהען בלויז שעהנס. און איהר קוקט שטענדיג אויף מיאוס. און זעהט דעריבער שטענדיג נאָר דאָס מיאוסע. דאָס פאַרבאָרגענע...

— אָט וואָס עס איז דער חילוק צווישען אונז חסידים און אייך מתנגדים — האָט פאַרענדיגט דער ראָפּשיצער זיין שמועס.

טו.

# דעם ראפשיצער'ס תקיפות.

שוין אין זיין פריהסטער יוגענד, נאך גאר אלס יונגערמאן איז שוין רבי נפתלי ראפשיצער זצ"ל אנערקענט געווארען אלס חסידישער מנהיג צו וועלכען חסידים האבען זיך געווענדעט אין פערשידענע ענינים, סיי וואס איז נוגע דעם דרך החסידות, די ארבייט פאר יודישקייט, און סיי וואס איז נוגע זייערע פערזענליכע מאטעריעלע ענינים. דער ראפשיצער האט תמיד געשטעלט אויף זיך מיט דער גאנצער פעסטקייט, נישט איבערלאזענדיג ביים פרעגער דעם מינדעסטען ספק.

א חוץ דעם, איז ער געווען א שטארקער מעורב בין הבריות, אראבגעלאזט זיך צו די מאסען, אינטערעסירט זיך מיט זייערע קליינליכע ענינים און שוין דערפאר איז ער גאנץ פריה אזוי שטארק בעליבט געווארען ביי די ברייטע פאלקס מאסען.

נאך דער פטירה פון רבי'ן ר' אלימלך זצ"ל פון ליזענסק, האט דער ראפשיצער אנגעהויבען פאהרען קיין רימאנאוו צום צדיק הדור רבי מענדעלע זכרונו לברכה, כאטש שוין דאמאלס זענען פיעל טויזענדער חסידים שוין געפאהרען צו איהם און בעטראכט איהם אלס מנהיג, אלס רבי.

דער רימאנאווער איז שוין דאמאלס געווע א זקן מופלג. ער האט שוין דאמאלס מיט חסידים ווייניגער פערבראכט, זייענדיג קראנק און שוואך, צוליב דעם איז ער געווען א גרויסער מקפיד, אז מען האט פשוט פאר זיין בליק געציטערט. די חסידישע וועלט האט זיך צום רימאנאווער בעצויגען מיט דער גרעסטער יראת הרוממות. יעדעס ווארט זיינס איז געווען א בעפעהל פאר אלע חסידישע קרייזען אין גאליציען. איז דאך רבי מענדעלע רימאנאווער געווען, נאכ'ן רבי'ן ר' אלימלך, דער גרעסטער חסידישער אויטאריטעט אין גאליציען.

דאך אבער האט ער אויפגענומען דעם ראפשיצער מיט גרויס שמחה, און ווען דער יונגער ר' נפתלי פלעגט קומען קיין רימאנאוו איז די שמחה געווען אין לשער. שעה'ן לאנג פלעגען דיביידע צדיקים זיך פערשליסען אין זייער חדר און שמועסען צווישען זיך וועגען אזעלכע ענינים, וואס קיין דריטער האט זיך קיינמאל נישט געקענט דערוויסען, און שפעטער פלעגט מען פראווען א סעודה מיט גרויס שמחה, דערביי האט מען אויף דער הייליגער צורה פון רימאנאווער בעמערקט א לייטזעליגען שמייכעל...

דערצעהלען חסידים זעהר אנ'אינטערעסאנטע געשיכטע וועגען דער

תקיפות פון ראַפשיצער, וואָס האָט אפילו דער ריםאַנאָווער צדיק געצווּנגען מבטל צו מאַכען זיין דעה.

אין יענע צייטען האָבען זעהר פיעל יודען געוואוינט אויפ׳ן דאָרף צווישען פויערים, ווער עס האָט געהאַלטען אַ קרעטשמע אין אַרענדע, ווער עס האָט געפּאַכטעט בהמות, פיעל זענען געווען מילכיגער, אָדער שווײַנער, וואָס האָבען אָבגעקויפט די מילך פון די קיה און דערפון זיך ערנעהרט. עס זענען געווען יודען, וואָס האָבען געהאַלטען פּראָפּאַנאַציעס, געטריבען בראַנפען און אַ טייל זענען גאַר געווען הויף־יודען ביי די פּריצים, געמעקלעט, גע־קויפט און פערקויפט, און אַלע ישוב׳ניקעס האָבען געהאַט פּרנסה בשפע, גע־לעבט זיך רוהיג און צופרידען, בעעלטערט זיך אין נחת און פרייד, נישט וויסענדיג פון קיין שום דאגות.

אָבער מיט איין זאַך זענען די דאָזיגע דאָרפס־יודען געווען היגטערשטע־ליג לגבי זייערע ברידער פון די שטעדט: זיי זענען וואייט געווען פון אַ יודישען קיבוץ, פון אַ יודיש־היימישער סביבה, פון אַ שוהל, פון אַ בית מדרש, פון אַ מקוה, פון אַ רב, פון אַ שוחט, און אַזוי אָרום זענען זיי אויסגעוואַקסען אַלס מורא׳דיגע עם־הארצים. אַזוי די עלטערן און אַזוי די קינדער, זענען ישוב׳ניקעס געווען ווילד פערגרעבט, אַ טייל ישוב׳ניקעס האָבען אפילו גע־האַלטען ביי זיך אין שטוב מלמדים, וואָס האָבען געלערנט מיט זייערע קינדער און השגחה געהאַט איבער דער יודישער התנהגות פון דער שטוב, אָבער דאָס האָט קנאַפּ וואָס געהאָלפען צו געבען דעם אונטערוואַקסענדען דור אַ יודישע ערציהונג. די פּאָר שעה, וואָס די קינדער האָבען געלערנט ביים מלמד, האָט נישט געקענט האָבען אַ וועלכע עס איז השפּעה אויף די דאָרפס־קינדער, וואָס זענען געבוירען געוואָרען אויף דער שויס פון דער נאַטור צווישען וואַלד און טייך, אויף די רחבות׳דיגע ברויט־פעלדער און אונענדליכע לאַנקעס גע׳חבר׳ט האָבען זיי זיך מיט די קינדערפון די פּאַראָבקעס און פּונקט ווי זיי, האָבען אויך די קינדער פון די ישוב׳ניקעס קיין צוים נישט געהאַט און ערצויגען געוואָרען אָהן תורה און אָהן וויסען, ווי די פּאָר צייטיגע דאָרפס־פויערים.

און אַזעלכע ישוב׳ניקעס זענען אין יענע יאָהרען געווען זעהר אַ סך, זיי האָבען געצעהלט אין די צעהנדליגער טויזענדער נפשות. האָט עס טאַקי די מנהיגים פון יודענטום שטאַרק וועה־געטהון, וואָס אַזוי פיעל יודישע קינדער ווערען פערפרעמדט פון יודענטום, ווייסען אַזוי ווייניג פון יודישקייט און זיי האָבען מורא געהאַט, אַז אין דער צוקונפט זאָלען זיי זיך נישט חס ושלום צונויפמישען מיט די דאָרפס־פויערים, אַסימילירען זיך און זיי וועלען אויף אייביג פערלוירען געהן פאַר׳ן פאָלק.

אָבער קיין עצה איז פאָרט נישט געווען דערצו. איז דאָך די פּרנסה אין די אָרימע שטעדט און שטעדטלעך געוועהן זעהר אַ בצמצום׳דיגע, יודען האָבען זיך געראַנגעלט פאַר דער עקזיסטענץ, און ביי דער גאַנצער האָרע־

וואַניע איז געווען קוים אויף אַ שטיקעל טרוקען ברויט. און אַז מען האָט בעדאַרפט אַ קינד התונה-מאַכען, איז דאָך גאַר ביטער געווען. און דאַ לעבען זיך יודען אויף די דערפער אין מנוחה, בעזאָרגט מיט אַלעם גוטען, ווי קען מען עס האָבען אַ האַרץ אָוועקצורייסען די דאָזיגע יודען פון זייער פרנסה.

האָט מען אָנגענומען פערשידענע מיטלען ווי אַזוי צו הויבען דעם גייסטיגען מצב פון די דאָרפס-לייט. פלעגען זיך לאָזען אויף דער וואַנדער-שאַפט יודען תלמידי-חכמים וואוינען ביי די ישוב׳ניקעס אַ געוויסע צייט, צוקוקען זיך צו זייער התנהגות און לערנען זיי ווי-אַזוי צו פיהרען זיך אַלס יודען. האָט מען געמאַכט אַ תקנה, אַז די רבנים מוזען מינדעסטענס צוויי וואָכען אין יאָהר בעזוכען די ישוב׳ניקעס פון זייער גליל. אָבער נאָך אַלעמען האָט עס קיין סך נישט געווירקט. ישובניקעס זענען ווייטער געבליבען ישובניקעס, און קוים איז אָוועק דער רב, צי דער תלמיד-חכם, איז ווייטער אַלץ געבליבען ווי געווען.

איבערהויפט האָט עס וועה-געטהון דער דאָזיגער צושטאַנד פון די ישוב׳ניקעס דעם צדיק הדור רבי מענדעלע רימאַנאָווער. ס׳טייטש יודען וואַקסען אויס ווי אמת׳ע פויערים, אָהן אַ מקוה, אָהן אַ מנין, די קינדער ווערען ערצויגען לא תורה וללא דרך-ארץ, ווי-אַזוי קען מען עס שווייגען, מען וועט דאָך קיין פערענטפערונג נישט האָבען פאַר׳ן בורא.

ביז דער רימאַנאָווער האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז אַלע ישוב׳ניקעס פון זיין גליל מוזען פערלאָזען זייערע ישובים און אַריבערציהען זיך אין שטאָדט אַריין. נישטקשה, דער אויבערשטער וועט זיי נישט פערלאָזען, פונקט ווי ער פערלאָזט נישט די שטאָדט-יודען.

דער דאָזיגער בעפעהל האָט אָנגעמאַכט אַ שטאַרקען רושם צווישען די דאָרפס-לייט. יודען האָבען זיך פשוט געריסען די האָר פון קאָפ. אַזוי פיעל יאָהרען וואוינט מען שוין אין דאָרף, ווער עס האָט אייגענע הייזלעך, ווער עס האָט שטיקלעך ערד און פרנסה בשפע האָבען דאָך אַלע, טאָ ווי אַזוי קען מען עס אַלץ לאָזען אויף הפקר און אָוועק אין שטאָדט אַריין.

אָבער פערפאַלען, דער רימאַנאָווער הייסט, איז דאָך נישט שייך. האָבען זיך אָנגעהויבען איינצעלנע ישוב׳ניקעס ריהרען פון אָרט, פערקויפען זייערע הייזלעך, זייערע גיטער. אָבער דער גרעסטער רוב האָט עס נישט געקענט, אפילו טראַכטען נישט געקענט דערפון און האָבען נאָר ביטער געקרעכצט דערויף.

האָבען זיך די דאָרפס-לייט צונויפגעזאַמעלט, בעראָטען זיך, געזוכט עצות, אָנגעקלאַפט ביי פערשידענע רבנים און גוטע יודען, זיי זאָלען פועל׳ן ביים רימאַנאָווער, ער זאָל צוריקציהען דעם בעפעהל. אָבער קיינער האָט עס נישט געקענט אונטערנעהמען. אַ קלייניקייט, רבי מענדעלע רימאַנאָווער! ווער וועט עס האָבען די חוצפה אַקעגענצושטעלען זיך דעם דאָזיגען בעפעהל?

האָט עמיצער אַנ׳עצה געגעבן די פערצוויפעלטע ייִדען, אַז זיי זאָלען פאָהרען קיין ראַפּשיץ, צו רבי נפתלי׳ן און אויב ער וועט זיי נישט קענען העלפען, איז נישטאָ וואָס צו ריידען בלייבט די גזרה אין איהר קראַפט.

עס פערשטעהט זיך, אַז עטליכע הונדערט ישוב׳ניקעס האָבען זיך באַלד געלאָזט קיין ראַפּשיץ און מיט אַ געוויין אַריינגעפאַלען צום רבי׳ן און בית-המדרש, אויסגיסענדיג זייער ביטער הארץ פאַר׳ן צדיק.

דערהערט דער ראַפּשיצער פון דער גזרה, פערטראַכט ער זיך אַ ווײַלע, זיין הייליגע צורה ווערט פערצויגען מיט אַ וואָלקען. אַ קלייניגקייט, פּיקוח נפש, סכנות נפשות, יודישע קינדער וועלען דאָך אויסגיין פון הונגער. אמת, דער רבי איז טאַקי אַ מקנא קנאת ד׳ צבאות אָבער עס איז אַ גזרה שאין רוב הצבור יכולין לעמוד בה!..

און באַלד דערנאָך האָט דער ראַפּשיצער אַ געשריי-געטהון:

— זאָל מען שפּאַנען אַ שליטען, מיר פאָהרען תּיכּף קיין רימאַנאָוו.

געוועזען איז עס גראַד ווינטער-צייט. אינדרויסען האָט געהערט אַ מורא-דיגער פראָסט מיט אַ שניי-זאַווירוכע. דערפאַר האָט דער דאָזיגער בעשלוס פון רבי׳ן אַרויסגערופען אַנ׳איינפּאַקע בהלה ביי די שטוב-מענשען. אָבער ר׳ נפתלי האָט נישט געקוקט דערויף און תּיכּף זיך געלאָזט אין וועג אַר׳ין קיין רימאַנאָוו.

קיין רימאַנאָוו איז דער ראַפּשיצער געקומען אַנ׳אויסגעפרוירענער, נאָך אַ נסיעה פון שעהנע עטליכע טעג. ער האָט געהייסען פערפאָהרען פאַר׳ן הויז פון רבי׳ן. אַראָבשפּרינגענדיג פון שליטען, איז ער אַריינגעלאָפען אין רבינ׳ס חדר אַריין, אַ וואָרף-געטהון זיך אויפ׳ן רבינ׳ס בעטעל און שווער אָנגעהויבען צו קרעכצען.

באַלד איז גע׳אַרען אַ רעש אין רבי׳נס הויז. און תּיכּף האָט מען עס דערצעהלט ר׳ מענדעלען, אַז דער ראַפּשיצער איז געקומען אַ פערפרוירענער כל שד בו נשמתו, ער ליגט אויפ׳ן רבי׳נס בעטעל און ער קרעכצט.

דער רימאַנאָווער איז גלייך אַריינגעלאָפען אין זיין שלאָף-חדר אַ דער-שראָקענער, כדי צו דערוויסען זיך וואָס אַזוינס עס איז געשעהן מיט זיין געליבטען תלמיד ר׳ נפתלי.

ר׳ נפתלי האָט דערצעהלט זיין רבי׳ן אַז ער איז אַזוי אויסגעפרוירען געוואָרען, אַז ער פיהלט נישט קיין אבר. פריהערדיגע צייטען — האָט ער קרעכצענדיג געזאָגט, — אַז מען פלעגט פאָהרען אין ווינטער, איז עס געווען אַ שפּילעכעל. מען פלעגט אָבטרעטען אין אַלע קרעטשמעס, אומעטום האָבען די יודישע קרעטשמער אויפגענומען אַ יוד מיט גרויס שמחה. זיי זענען דאָך עפּעס אברהם אבינ׳ס אייניקלעך, פלעגט מען טרינקען אַביסעל משקה, דער-כאַפּען זיך מיט אַביסעל וואַרימס און מען פלעגט ווייטער פאָהרען. היינט אָבער, אַז די דאָרפס-יודען אַנטלויפען פון די קרעטשמעס, איז דאָך נישטאָ ביי וועמען זיך אנצוואַרימען, שפּילט מען דאָך טאַקי מיט׳ן לעבען.

— שטעלט אייך פאָר, רבי! אַז איך בין געפאָהרען אין אַ גענוג וואַרימען פעלץ און אַביסעל משקה האָט אויך נישט געפעהלט, פונדעסטוועגען, בין איך אַדורכגעפרוירען געוואָרען, אַז עס איז סכנות נפשות, וואָס זאָלען נאָך טהון די אָרימעלייט, וואָס האָבען נישט קיין פעלצען און נישט קיין אָקעוויט, און קיין אויסגעבעטען שליטען אויך נישט — זיי וועלען דאָך ממש אויסגעהן אונטערוועגנס.

ר׳ מענדעלע איז אויפגעשפרונגען פון אָרט, מורא׳דיג בלאַס געוואָרען, געגומען שפרייזען איבער׳ן חדר אַ צוקאָכטער, מורמלענדיג ווי צו זיך:

— און דאָס האָב איך אַלץ אָנגעמאַכט, אַלץ איך, סכנות נפשות, פיקוח נפש, — דאָס וועגט דאָך אַלץ איבער, און עס האַלט דאָך טאַקי דערביי...

ענדליך האָט ר׳ מענדעלע זיך אָבגעשטעלט און אויסגערופען:

— מיר האָבען עס געמיינט לשם שמים, אָבער מיר זעהען, אַז עס איז געווען אַ טעות, זאָלען די יודען בלייבען צוריק אין די דערפער, נישקשה, דער רבונו-של-עולם וועט נישט באַנקראָטירען...

דער ראָפשיצער איז תיכף אויפגעשפרינגען פון בעטעל און אויסגערופען:

— רבי, איך בין שוין געזונד!..

טז.

# ר׳ חיים אין ראָפשיץ.

קומענדיג קיין ראָפשיץ, האָט דער יונגער רודניקער רב, דער שפּעטערדיגער צאַנזער צדיק זכרונו לברכה, מיטאַמאָל אויפגעלעבט, דער חסידישער גייסט, וואָס האָט טיעף אין זיין נשמה געטליעט, האָט זיך צופלאַקערט מיט אַ אויסערגעוועהנליכע קראַפט. די בעגייסטערונג פון יונגען תלמיד-חכם פאַר דעם ראָפשיצער איז געווען אין לשער. דאָ האָט ער געפונען, דאָס וואָס ער האָט געזוכט — די פעראייניגונג פון חסידות מיט לומדות — זיין לעבענס-אידעאַל.

אין ראָפשיץ האָט ר׳ חיים דאַמאָלס געפינען פיעל גדולים, וואָס האָבען שפּעטער פערשיינט די וועלט, ווי ר׳ שלום׳קע קאָמינקער, ר׳ אברהמ׳לע אולינאָווער און נאָך אַנדערע גדולים, צו וועלכע ר׳ חיים האָט זיך צוגעבינדען מיט האַרץ און נשמה.

בעזונדערס האָט זיך ר׳ חיים מתקרב געווען מיט ר׳ שלומ׳קען וועלכען מען האָט גערופען דער קאָמינקער עילוי. ביידע גרויסע לומדים, ביידע בעגייסטערטע חסידים, האָבען זיי ביידע זיך מתחבר געווען מיט אַזאַ שטאַרקע התחברות, מיט אַזאַ שטאַרקע ליעבשאַפט, אַז דער רבי זייערער

פלעגט אויף זיי זאָגען, אַז עס הערשט צווישען זיי אַן'אהבת דוד ויהונתן, בכלל האָט דער ראָפשיצער זיך בעמיהט די מדה פון „ואהבת לרעך כמוך" איינצופלאַנצען צווישען זיינע חסידים און תלמידים, און דאָס איז איהם אויף אַ וואונדערבאַרען אופן געלונגען.

ר' חיים, דער רודניקער רב, ביי וועלכען עס האָט זיך שוין אויך אָנגעהויבען איינבייגערען דער געדאַנק, מיט וועלכען מען האָט איהם גע-שפייזט אין דער לייפניקער חסידישער סביבה, אַז ביי חסידים לעגט מען נישט דעם הויפט-געוויכט אוף לומדות, אויף לימוד התורה, איז זעהר שטאַרק נתפעל געוואָרען זעהענדיג, אַז נישט נאָר זיין רבי דער ראָפשיצער איז אַ גאון עולם, וואָס איז בכח דדי אָנערקענסטע רבנים צו שטעלען אין שאָטען, נאָר אַז אויך צווישען די תלמידים זיינע געפינען זיך גרויסע לומדים און בעלי סברא.

דער ראָפשיצער פלעגט זיך גאַנץ אָפט מתוכח זיין אין לערנען מיט די גרעסטע מתנגדישע רביים און תמיד זיי בייקומען. אזוי דערצעהלט מען, אַז איינמאָל, זייענדיג אין לעמבערג, איז ר' נפתלי אַוועק אויף אַ בעזוך צום דאָמאָלסדייגען רב, דעם בעריהמטען גאון — רבי יעקב אָרינשטיין זצ"ל, דער מחבר פון „ישועות יעקב", דער לעמבערגער רב האָט דעם גרויסען חסידישען מנהיג מיט גרויס שמחה אויפגענומען, און באַלד האָט זיך צווישען זיי פאַר-וויקעלט אַ שאַרפער תורה-שמועס, אַזוי אַז די אָרומיגע האָבען ווייט נישט געקענט אונטערהאַלטען דעם שמועס, פערלירענדיג די פעדים, וואָס האָבען פערבינדען דעם פלפול מיט די פריהער געבראַכטע מאמרי חז"ל.

פלוצלינג רופט-אויס דער לעמבערגער רב:

— ראָפשיצער רבי, איהר זענט דאָך אַ למדן, טאָ ווי אַזוי קענט איהר זיך צופאַסען צו די חסידישע גענג, וואָס זענען טאָג ביי טאָג עובר אויף זמן קריאת-שמע?

דער ראָפשיצער האָט גאַרנישט טראָפּטענדיג אויסגערופען מיט אַ שמייכעל:

— אמת אונזערע חסידים זענען טאַקי עובר זמן קריאת שמע, אָבער דערפאַר היטען זיי, דאָס וואָס עס שטעהט אין קריאת שמע, אָט למשל: ואהבת את ד' אלקך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך. אייערע מתנגדים אָבער האַלטען שטאַרק פון זמן קריאת שמע און אַ סך ווייניגער פון דעם, וואָס עס שטעהט אין קריאת שמע...

פונדעסטוועגען האָט דער ראָפשיצער גאָר שטאַרק מכבד געווען די לומדים, נישט נאָר די לומדים צווישען זיינע חסידים, נאָר אויך אַפילו פון די מתנגדים. קומענדיג אין אַ שטאָט וואו עס האָט זיך געפונען אַ רב אַ למדן, פלעגט דער ראָפשיצער גלייך אַוועקגעהן צו איהם אויף אַ וויזיט, אין בעגלייטונג פון זיינע אָנהענגער, און פיעל מכבד זיין דעם מרא דאתרא. אַ דאַנק דעם זענען מחלוקות צווישען זיינע חסידים און די מתנגדישע יודען

אויסגעמיטען געוואָרען. פון ראָפּשיצער האָבען אפילו מתנגדים אויך געהאַלטען.

און אַז עס פלעגט קומען צום ראָפּשיצער זיינער אַ חסיד, אַ למדן איז די שמחה ביי איהם געווען אין לשער. לומדות מיט חסידות – דאָס דאַרף זיין דער אמת'ער תכלית צו וועלכען יעדער איינער דאַרף שטרעבען. איבער־הויפּט פלעגט זיין זעהר חשוב אין ראָפּשיץ דער אויבענדערמאָנטער ר' אברהמ'לע אולינאָווער זצ"ל, וועלכער איז געווען אַ גרויסער גאון און פייער־דיגער חסיד. די שמחה פון ראָפּשיצער מיט'ן דאָזיגען חסיד זיינעס איז געווען אומגעהויערער גרויס. ר' אברהמ'לע האָט מחבר געווען אַ ספר „תולדות אברהם" אויף ש"ס און דאָס ספר איז געווען זעהר חביב ביים ראָפּשיפער.

וועגען דעם דאָזיגען ר' אברהמ'לע אולינאָווער דערצעהלט מען, אַז אַמאָל אין שמחת תורה, ווען די ווענט פון ראָפּשיצער בית המדרש האָבען ממש געציטערט פון דעם געזאַנג פון די ריקודים, און דערביי איז געשטאַנען דער רבי און צוגעברומט „שושו ושמחו בשמחת תורה" ברענענדיג אינגאַנצען פון שמחה און התלהבות, האָט פּלוצלינג דער רבי געגעבען אַ צייכען, אַז מען זאָל אויפהערען צו טאַנצען. דער עולם איז גלייך אַנטשוויגען געוואָרען און אַלע האָבען געוואָרפען אַ בליק אויף זייער רבי'ן, וועלכער איז מיטאַמאָל נשתנה געוואָרען, זיין הייליגע צורה איז ווי צוקנייטשט געוואָרען. בלאָס איז געווען זיין פּנים ווי ער וואָלט פער'חלשט געוואָרען.

עס פערשטעהט זיך, אַז אַלע חסידים זענען אויסטערליש דערשראָקען געוואָרען. העגד און פוס האָט זיך ביי אַלעמען אָנגעהויבען וואָרפען. אָבער דאָס האָט נישט געדויערט לאַנג, ווייל באַלד איז דער רבי געקומען צו זיך און מיט גרויס התלהבות אויסגערופען:

— ווייטער יודען, ווייטער, לאָמיר זינגען לאָמיר טאַנצען לכבוד דער הייליגער תורה, און אַז איינער פון די גענעראַלען פאַלט אין דער מלחמה, הערט מען אויף צו קעמפען? — ווייטער יודען, ווייטער טאַנצען, שישו ושמחו בשמחת תורה..'

דער עולם האָט זיך גענומען ווייטער צום טאַנצען. אָבער אַלע האָבען געפיהלט, אַז עפּעס וואָס איז געשעהן און טאַקי אַן'אויסטערלישע זאַך. די רייד פון דעם רבי'ן האָט אויף אַלעמען אַזאַ פחד אָנגעוואָרפען, אַז עס האָט קיינער נישט געוואָגט איבערצופרעגען וואָס עס איז געשעהן.

ערשט נאָך יום־טוב האָט מען זיך דערוואוסט, אַז אין דעם זעלבען מאָ־מענט, ווען דער ראָפּשיצער האָט אָבגעשטעלט דעם ריקוד, איז נפטר געוואָרען אין אולינאָוו דער דאָרטיגער רב ר' אבאהמ'לע, וועלכער איז געווען אַזוי שטאַרק חביב ביים ראָפּשיצער.

——

אַ זעהר חשוב אָרט האָט אין ראָפּשיצער דרך פערנומען די נגינה. דער ראָפּשיצער פלעגט שטענדיג זאָגען: מיט נגינה קען מען עפענען אַלע היכלות, און מיט עצבות פערשליסט מען זיי. אַלע נגינים קומען אַרויס פון דער קדושה,

פון העכסטען אָרט, פון היכל הנגינה. די טומאה קען נישט זינגען, הייל זי איז דער מקור פון עצבות, דורכ׳ן חטא פון אָדם הראשון זענען אַלע נצוצות קדושות אַריינגעפאַלען אין רשות פון דער קליפה און צוזאַמען דערמיט אויך די נצוצות הנגינה, דאַרף די עבודה פון צדיק זיין צוריק מעלה צו זיין די דאָזיגע נצוצות צו זייער שורש קדושה.

כמעט דאָס גאַנצע דאַווענען פלעגט מען אין ראָפשיץ זינגען. אויף יעדער תפילה איז געווען אַ בעזונדער ניגון. דעם ראָפשיצערס ניגונים ווערען געזונגען עד היום אין אַלע חסידישע קרייזען אין גאַליציען.

פון די ראָפשיצער ניגונים איז אויך שטאַרק נתפעל געוואָרען דער שפּעטערדיגער צאַנזער רב און ער האָט זעהר פיעל דערין עוסק געווען, לערענדיג ביי זיין רבין צווישען אַנדערען אויך דעם ענין נגינה, וואָס איז אַזוי חשוב ביי דעם צאַנזער עולם ביז היינטיגען טאָג.

וועגען דער בעציהונג פון ראָפשיצער צו נגינה ווערט דערצעהלט צווישען חסידים פאָלגענדע כאַראַקטעריסטישע אגדה:

געזען איז עס תשעה באב ביינאַכט. אין ראָפשיצער בית מדרש איז געווען שטאַרק פינסטער. חלב׳נע ליכטליך האָבען זיך דאָ און דאָרט געטריפט דער גרעסטער רוב פון דעם עולם, האָט אָבער קיין ליכטעל נישט געוואָלט אָנצינדען פאַר צער, אַלע זענען זיי געזעסען אויף דער ערד פערצוגט און פערטרויערט, אויסהערענדיג ווי דער רבי זאָגט איכה.

די בכיות די יללות האָבען זיך פון מינוט צו מינוט געשטאַרקט. יעדער האָט אין זיך געשטיקט די טרעהרען. הערענדיג, דעם יאָמערליכען טאָן פון רבינס קינות, האָט די שטאַרקסטע נאַטור נישט געקענט זיך בעהערשען און דערשטיקען זיין געוויין.

בעזונדערס הארצרייסענדיג איז געווען דעם רבינס שטים ווען ער האָט אויסגערופען: „חומת בת ציון הורידי כנחל דמעה". דער רבי איז ענטשוויגען געוואָרען און עס האָט זיך דערהערט אַ כליפּעריי אין בית מדש. אויך פון רבינס אויגען האָבען געפלאָסען ווי פון אַ קוואַל.

פלוצלינג האָט זיך דער ראָפשיצער געטהון אַ שטעל אויף פון דער ערד און אָנגעהויבען זינגען מיט גרויס התלהבות די תפילה: „והשב כהנים לעבודתם, ולוים לשירם ולזמרם, והשב ישראל לנוהם", מיטן ספּעציעלען יום-טובּדיגען ניגון, מיט וועלכען די דאָזיגע תפילה ווערט געזינגען. דער עולם איז שטאַרק פערוואונדערט געוואָרען, אָבער קיינעמס האַרץ האָט נישט געקענט זיך ערלויבען אין אַזא מאָמענט אונטערצוהאַלטען די יום־טוב׳דיגע תפילה מיט דעם האָפנונגס׳פולען זמר...

דער רבי איז באלד אַנטשוויגען געוואָרען און גענומען זאָגען דעם ווייטערדיגען פסוק: „קומי רוני בלילה", פערטייטשענדיג זיך דעם פסוק אויף פאָלגענדען אופן:

— קומי רוני, — שטעה-אויף זינג, בלילה, אפילו ווען דער גלות איז

פינסטער חי די תשעה-באב-נאכט, ווייל, לראש אשמורות שפכי כמים לבך — ווען דאס הארץ צוגעהט ווי וואסער, איז אבער דערפאר גרויס די נחמה ווען מען דערמאהנט זיך, אז „נוכח פני ד׳״ — אז ג־ט איז מיט אונז...

שעהנע עטליכע וואכען האט דער יונגער רודניקער רב פערבראכט ביי זיין רבין, און מיט יעדען טאג איז די צוגעבינדענקייט פון גרויסען תלמיד צו זיין גרויסען רבין געווארען אלץ שטארקער און די געשפרעכען וואס דער ראפשיצער האט פערבראכט מיט ר׳ חיים׳ן האט זיך געקענט לייכט בעמערקען, אז ר׳ נפתלי האט געווארפען אנ׳אויג אויף דעם יונגען תלמיד חכם, אז ער וועט זיין איינער פון די גרעסטע חסידישע מנהיגים און אז מען דארף איהם דערצו צוגרייטען. דער ראפשיצער האט איהם דערצעהלט פערשידענע מעשיות און עפיזאדען פון זיינע רביים און פון אנדערע צדיקים, און כאטש די דאזיגע מעשיות זענען נישט געווען מעהר ווי פאקטען וואס זענען פארגעקומען ביי דעם אהער יענעם פון די צדיקי הדור האט דאך דער רודניקער רב פערשטאנען, אז דאס איז ווייט נישט פשוט און ער וואט די דאזיגע מעשיות שטארק גענומען אויפ׳ן רעיון.

ביים געזעגנען זיך מיט׳ן ראפשיצער נאך זיין ערשטער נסיעה, רופט אויס דער ראפשיצער צו זיין תלמיד:

— אט זעהסטו דעם ענין אמונה האב איך געלערנט ביי א פשוט׳ע יודענע. עס איז אמאל געקומען א יודענע מיט א קוויטעל און געבעטען אז מיר זאלען איהר צוזאגען, אז זי וועט געהאלפען ווערען. האבען מיר דערויף געענטפערט:

– האב אמונה, וועט שוין די ישועה ממילא קומען.

דערויף האט די יודענע געענפערט:

– רבי, אין דער תורה שטעהט דאך פערקעהרט, פריהער שטעהט „ויושע״ און דערנאך „ויאמינו בד׳ ובמשה״ פריהער האט דער רבונו של עולם געהאלפען זיינע קינדער און שפעטער האבען זיי בעקומען די אמונה אין רבונו של עולם און אין דעם צדיק הדור – אין משה׳ן. גיט מיר קודם כל די ישועה און דערנאך וועל איך האבען אמונה...

און זי איז גערעכט געווען די יודענע, פשר גערעכט געווען – האט דער ראפשיצער מסיים געווען – און זי איז טאקי פ ר י ה ע ר געהאלפען געווארען, פערשטעהסט, פ ר י ה ע ר ...

יז.

# אין היכל הנגינה.

אין פריהערדיגען קאפיטעל האבען מיר דערמאנט, ווי גרויס און חשוב עס איז געווען דער ענין נגינה אין ראפשיץ און שפעטער אויך ביי זיין נאכפאלגער — דער צאנזער צדיק. דעריבער דארף מען אויך דערצעהלען דאס דעם ראפשיצערס רבי אין נגינה איז געווען אנ'אנדער גאר מערקווירדיגער גוטער יוד, וועלכער איז, דוכט זיך, דעם ברייטען עולם ווייניג בעקאנט.

געווען איז עס איינער פון די תלמידים מובהקים פון הייליגען בעל שם טוב זכרונו לברכה, א שטילער, א זייטיגער, וואס האט זיך תמיד בעהאלטען אין א ווינקעל, מען זאל איהם כלל נישט ארויסזעהען. נאר יחידי־סגולה האבען געוואוסט אז דער דאזיגער ר׳ אייזיקל, וואס מאכט זיך „נידריגער ווי גראז און שטילער ווי וואסער”, דער דאזיגער אין פלוג פשוטער ר׳ אייזיקל איז גאר א גרויסער מענש, וואס פערשטעהט אזוי גוט, ווי אזוי צו דינען דעם בורא און זיין דבוק אין זיינע מעשים.

שפעטער איז ער אוועק אין זיין געבורטס־לאנד, קיין אונגארן, בעזעצט זיך אין דעם שטעדטעל קאלעוו און עס האט נישט לאנג געדויערט און זיין נאמען איז איבער גאנץ אונגארן געווארען בעקאנט אלס מערקווירדיגער צדיק און בעל מדרגה.

ר׳ אייזיקל קאלעווער זכרונו לברכה, האט זיך געהאט זיין ספעציפישע התנהגות, שטענדיג א פערחלומטער, א פערטראכטער, שעה'ן־לאנג פלעגט ער זיצען אזוי א פערטראכטער, ווי ער וואלט כלל נישט געווען אויף דער וועלט, נאר ער וואלט געשוועבט אין די עולמות עליונים. דערביי האט זיין פנים געשיינט ווי די זון. אין אזא מאמענט וואס האט זיך ביי איהם גאנץ אפט איבערגעחזרט, פלעגט מען פשוט מורא האבען צו קוקען אין זיין הייליג פנים.

געווען איז ער א קדוש וטהור, וואס האט פון דער וועלט קנאפ וואס נהנה געווען, קוים די נשמה צו דערהאלטען. קיין פלייש האט ער אין א וואכען טאג קיינמאל נישט געגעסען. און אפילו אום שבת, האט ער קוים דערפון עפעס פארזוכט. ער פלעגט זאגען א סך תורה אין דער מאדיארישער שפראך, כדי דער המון זאל עס פערשטעהן. בכלל פלעגט ער זיך זעהר א סך בענוצען מיט דער מאדיארישער שפראך, — די שפראך פון אונגארישען פאלק.

אָבער דער עיקר איז ר׳ אייזיקל געווען דער גרויסער בעל-מנגן. זיין נגינה האָט געהאַט אין זיך אַזוי פיעל מתיקות, אַזוי פיעל השתפכות הנפש, אַזוי פיעל ריהרענדע קלאַנגען און טענער אַז עס האָט ממש צושרויפט־ארויסגעבראַכט פון גלייכגעוויכט און פערטראָגען אין דער אונענדליכקייט. אין דעם גרעסטען אַפיקורס האָט ר׳ אייזיקל געקענט אַריינברענגען אַ הרהור־תשובה.

שבת פאַרנאַכט צו שלוש-סעודות, פלעגען זיך פערזאַמלען פיעל שטאָדט־לייט צו הערען זיינע זמירות, און נישט נאָר יודען נאָר אויך גויים, מאַדיאַרען אונגאַרישע פויערים און זאָגאַר אינטעליגענטען האָבען זיך געטוליעט אַרום זיינע פענסטער, און איינגעזאַפט אין זיך די ריהרענדע טענער. איינגעהערט זיך אין די ספּעציעל פערפאַסטע נגונים און לידער אין דער מאַדיאַרישער שפּראַך, און ווען מען פלעגט ליכטיג מאַכען האָט מען געקענט בעמערקען, אַז דער דיל, די ערד אויף וועלכער דער עולם איז געשטאַנען, איז פייכט פון טרעהרען...

זיינע לידלעך זענען בליק-שנעל פערשפּרייט געוואָרען איבער גאַנץ אונגאַרן. אומעטום פלעגט מען זיי זינגען מיט גרויס התלהבות, מיט גרויס דבקות. ווען מען הויבט אָן זינגען דעם קאַלעווערס אַ ניגון אָדער גאָר אַ לידעל, פאַלט אַריין דער אונגאַרישער יוד אין אַ אויסטערלישער דבקות, ער פערגעסט זיך אינגאַנצען און ברומט צו דאָס ניגונדל. און נישט נאָר אַ חסיד, נאָר אויך אַ מתנגד, אַ משכיל אַנ׳אויפגעקלערטער און אַפילו אַזעלכער, וואָס איז שטאַרק אָבגעזונקט...

איינס פון זיינע שירים, וואָס איז נאָך ביזן היינטיגען טאָג געוואָלדיג פּאָפּולער אין גאַנץ אונגאַרן און ווערט געזונגען אין אַ יום טוב אָדער בעת אַ שמחה, איז דאָס מאַדיאַרישע לידעל „סאָלאַ קאַקאַש מאַר". ד. ה. דער האָן האָט שוין געקרעהט.

אין דעם דאָזיגען לידעל ווערט געשילדערט, ווי אַזוי דער מאָרגענשטערען איז אויפגעגאַנגען און מען דאַרף אויפשטעהן צו לויבען דעם בורא. דאַן ווערט געגעבען אַנ׳אָבשאַצונג איבער די גבורות הבורא. זיין אַלמאַכט און זיינע חסדים וואָס ער טהוט מיט אונז יודען. אין דעם לידעל ווערט געבראַכט צום אויסדרוק די בענקשאַפט פון יעדען יוד צו דעם הייליגען בעשעפער, די תשוקה צו ציון דער הייליגער שטאָדט און די האָפנונג אויף דער גאולה שלימה און בנין בית המקדש.

ר׳ אייזיקל קאַלעווער פלעגט שעפּען בעגייסטערונג אין די וועלדער אויף די אונענדליכע פעלדער, אויפן שויס פון דער ג־טליכער נאַטור. גאַנץ אָפט פלעגט ער פאָהרען אין וואַלד אַריין, און שפּאַצירען, דאָרט שעהן לאַנג, בעט־ראַכטען דעם וואונדערבאַרען צויבער פון דער בריאה, איינהערען זיך צום געזונג פון נאַכטיגאַל צום שאָרך פון די בוימער און דערפון אַריינפאַלען אין בעגייס־טערונג. ער פלעגט אויך זיך איינהערען אין געזאַנג פון אַ פאַסטוך, אין דעם

פייפען פון זיינע פייפלעך. און גאַנץ אָפּט פלעגט ער זיי באַלד נאָכזינגען, שאפען דערפון א זמר.

פון א פּאַסטוך־לידעל וואָס ער האָט א מאָל געהערט אויף אַ לאָנקע, האָט ר׳ אייזיקל קאַלעווער איבערגעמאַכט אויף אַ וואונדערבאַרען האַרצרייסענדען זמר׳ל. וואָס ווערט געזונגען מיט גרויס התלבות. דער זמר איז פון פאָלגענדען אינהאַלט:

גלות, גלות, ווי גרויס ביזטו!

שכינה, שכינה, ווי ווייט ביזטו!

האַלט דאָך די שכינה נעהנטער געווען

וואַלט מען דאָך אונז פון גלות אַרויסגענומען

וואַלטען מיר זיך ביידע צוזאַמענגעקומען.

ר׳ אייזיקל קאַלעווער איז עס דאָך געווען איינער פון די צוויי גוטע יודען מיט וועלכע דער הייליגער „חוזה" האָט זיך משתתף געווען אין אַ סדר־נאַכט כדי איינמאָל פאַר אלעמאָל אַראָבצוברענגען דעם מלך המשיח. די דריי זענען עס געווען. דער חוזה, דער יוד הקדוש און דער קאַלעווער זכרונם לברכה. אָבער דער שטן האָט זיך אַריינגעלעגט און נישט דערלאָזט דערצו, צושטערענדיג די סדרים ביי אַלע דריי, און די מניעה ביים קאַלעווער איז געווען, וואָס ער האָט אָבגעריכט דעם סדר אין דער מאַדיאַרישער שפּראַך...

דערפון קען מען שוין בעקומען אַ בעגריף וועגען דער גדלות פון הייליגען קאַלעווער.

פון קאַלעווער האָט דער הייליגער ראָפּשיצער זעהר פיעל געהאַלטען, און האָט אין זיין נגינה געפיהלט דעם ריכטיגען טעם און בעדייט. ווען עמיצער פון זיינע אונגארישע חסידים פלעגט איהם ברענגען א נייעם ניגון אָדער א זמר׳ל פון קאַלעווער, איז עס ביי איהם געווען אַ גרויסע שמחה. פון איהם האָט עס דער ראָפּשיצער איבערגענומען דעם ענין־נגינה, איבערגעבענדיעס צום צאַנזער און נאָך אַנדערע שפּעטערדיגע גוטע יודען, וואָס דער ענין־נגינה איז ביי זיי אַן׳עבידה קדושה.

אָבער בעזונדערס האָט זיך דער ענין נגינה פערברייטערט אין צאַנז. געווען אין צאַנז אַ גאַנצע קאַפעלע פון זינגער און משוררים, וואָס פלעגען זינגען און דאַווענען ביים עמוד. צווישען די צאַנזער מנגנים זענען זאָגאַר געווען א וועלכע וואָס האָבען געהאַט אַ רוהם מיט זייער זינגען און גרויסע חזנים האָבען געלערענט ביי זיי, איבערגענומען זייערע קאָמפּאָזיציעס.

יעדן עס האָט עמיצער פון די מנגנים פערפערטיגט א נייעם ניגון, האָט ער עס נישט געטאָרס זינגען פריהער איידער ער האָט עס פאַרן צאַנזער פאָרגעזונגען. און די גדולי המנגנים האָבען גלייך דערקענט לויט דעם אופן, ווי אַזוי דער רבי האָט זיך צוגעהערט צום ניגון, צו דער ניגון איז דעם רבין געפעלען אָדער נישט. גאַנץ אָפּט פלעגט דער צאַנזער ערקלערען אַז דער ניגון

געפעלט איהם נישט. דעם דאָזיגען ניגון פלעגט מען מעהר קיינמאָל נישט זינגען. גאַנץ אָפּט האָט ער בעפוילען אויסצובעסערען אַ ניגון איבערצואַנדערשען אַ טייל פון איהם אָדער אַראָבנעהמען עטליכע פאַלען.

דער צאַנזער פלעגט אויך הנאה האָבען פון גוטע חזנים. פלעגען דעריבער אָפּט קומען קיין צאַנז בעריהמטע חזנים מיט זייערע משוררים, כדי מהנה צו זיין דעם צאַנזער רבי'ן.

אָבער קיין מאָדערנע חזנים וואָס זינגען פון נאָטען האָט דער צאַנזער נישט געוואָלט הערען. זייער זינגען — האָט דער צאַנזער געפלעגט זאָגען — קומט נישט פון היכל הנגינה נאָר פון די נאָטען.

אויף די דאָזיגע מאָדערנע חזנים פלעגט דער צאַנזער זכרונו לברכה זאָגען: אז דערפאַר זאָגט די וועלט, דאָס חזנים זענען נאַראָנים, מחמת דער היכל הנגינה געפינט זיך אין שכנות מיטן היכל התשובה און אז דער חזן וואָס וואָלט געקענט זיך אריבערלאָפען פון היכל הנגינה אין היכל התשובה טהוט עס נישט, איז ער דאָך א שוטה.

אין יענער צייט איז אין פוילען בעקאַנט געווען דער ראַדאָמסקער רבי זכרונו לברכה, אַלס גרויסער בעל מנגן. איינער פון גרעסטע גוטע יודען אין זיין צייט צו וועלכען עס זענען געווען דבוק פיעל טויזענדער יודען. פלעגט דער אַלטער ראַדאָמסקער מיט זיין זינגען, מיט זיין דאַוונען וואונדער בעוויזען. אַלטע חסידים פלעגען זאָגען: ווער עס האָט געהערט דעם ראַדאָמסקער דאַוונען, האָט זיך געקענט פאָרשטעלען, ווי אַזוי די מלאכים זינגען שירה, מיט זיין מתיקות אין דאַוונען, פלעגט ער ממש רייניגען נשמות. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס דער הייליגער ראַדאָמסקער האָט מעהר פון אַלעמען פערשטאַנען דעם ענין נגינה, וואָס איז אין צאַנז געווען אזוי חשוב און ער האָט אויף די עלטערע יאָהרען בעשלאָסען צו ווערען א צאַנזער חסיד, צו פאָהרען קיין צאַנז...

ווי געזאָגט איז דער ראַדאָמסקער שוין דאַמאָלס געווען איינער פון די גרעסטע חסידישע רביים אין פוילען, צו וועלכען עס זענען געפאָהרען פיעל טויזענדער חסידים דעריבער איז זיך לייכט פאָרצושטעלען דעם רושם, וואָס דער בעשלאָס פון ראַדאָמסקער צו פאָהרען קיין צאַנז, האָט ארויסגערופען אין דער גאַנצער חסידישער וועלט, און מען קען זיך אויך שאַפען אַ בעגריף וועגען דעם ענין-נגינה, וואָס די דאָזיגע גדולים האָבען בעטראַכט אַלס עבודת קדושה.

יח.

# דער מלאכים ניגון.

איידער מיר פערענדיגען דאָס דערצעהלען די פערשידענע השתלשלות׳ן ביז צום צאָנזער רב׳ס עלי׳ אין דער וועלט פון לומדות און חסידות, ווע‌לען מיר נאָך דערצעהלען אַ מעשה מיט אַ זמר, וואָס איז פאָרגעקומען נאָך בײם הייליגען „חוזה", מחמת דער דאָזיגער זמר האָט אַ חשוב׳ען אָרט פערנומען ביי זיין תלמיד, דער ראָפשיצער זכרונו לברכה, און נאָך איהם — אויך אין צאַנז.

געווען איז דאָס פרייטאָג צו נאַכטס. דער הייליגער „חוזה" איז געזעסען בײם טיש, אין קרייז פון זיינע תלמידים, וועלכע זענען געזעסען אַרום איהם מיט גרויס פחד. עפּעס האָט מען געזעהען, אז דער רבי איז ווייט נישט אויף דעם עולם. זיין אויסזעהען, זיין התנהגות און זיין בליק, דאָס אַלץ האָט מעיד געווען אַז דער רבי איז שטאַרק פערקאָכט אין העכערע ענינים. פון צייט צו צייט פלעגט דער רבי אַריינפאַלען אין אַן אויסטערלישער דביקות, וואָס איז געווען ממש שלא כדרך הטבע. עס האָט אין דער לופט געשוועבט אַ רוח־הקדושא, און אַלע האָבען געפיהלט, אַז היינטיגען פרייטאָג צו נאַכטס וועט עפּעס געשעהן.

אַזוי האָט עס אָבגעהאַלטען בײם גאַנצען טיש. מען האָט דערלאַנגט די פערשידענע שבת׳דיגע מאכלים. אָבער דער רבי האָט קנאַפּ־וואָס דערפון נהנה געווען. מען האָט געזונגען זמירות, ווי תמיד, אָבער דער רבי האָט עס ווי נישט געהערט, ווייל דאָס דביקות האָט זיך פון מינוט צו מינוט געשטאַרקט.

אַז מען האָט שוין געהאַלטען בײם בענשען האָט דער רבי פּלוצים אַרויסגעלעגט די הענד אויפן טיש און אויף די הענט דעם קאָפּ און ער איז געבליבען ליגען אַזוי ווי ער וואָלט געכאַפּט אַ דרימעל.

שווער צו ברענגען צום אויסדרוק, דאָס וואָס מען האָט דאַמאָלס געפיהלט אין בית־מדרש פון „חוזה". אַזעלכעס האָט מען אין לובלין נישט געזעהען. דאָס היינטיגע התנהגות פון רבין האָט בעוויזען, אַז עפּעס וועט פאָרקומען און עס איז טאַקי געשעהן. און פון מויל צו אויער האָט מען זיך איבערגעגעבען: דער רבי האָט עלית־נשמה...

אָבער דער דאָזיגער מצב האָט די גדולי התלמידים נאָך מעהר דער־

שראַקען. זיי האָבען געוואוסט, אַז דאָס דביקות פון זייער רבין אין בורא איז אַזוי שטאַרק, אַז עס קען דערפיהרען, עד כדי כלות הנפש. זיי האָבען געוואוסט, אַז צופיעל מתקרב זיין זיך צום שורש, איז פאַר אַ בשר ודם שטאַרק געפעהרליך, אַ שטייגער, ווען מען נעהמט אַ קליין פלעמעל פון אַ ליכטעל און מען האַלט עס גאר נאָהנט פון אַ גרויסען פלאַם, פעראייניגט זיך דאָס קליינע פלעמעל מיט׳ן גרויסען פלאַם, און דאָס קליינע פלעמעל הערט אויף צו עגזיסטירען. אזוי האָבען די הייליגע תלמידים געטראַכט, וויסענדיג, אַז די נשמה פון צדיק וואָס גאַרט אַזוי צו וואַרימען זיך אין ליכט פון דער שכינה, קען מיטאַמאָל פערלאָזען דעם ערדישען גוף און עס קאָן געשעהן אַן׳אומגליק...

אבער וואָס האבען זיי געקענט טהון, כדי אָבצוהאַלטען זייער רבי׳ן דערפון?... זיצט מען אַזוי אַ שעה נאָך אַ שעה, און מען וואַרט, אַז דער רבי זאָל קומען צו זיך און מען זאָל אָבבענשען. אָבער דאָס געשעהט נישט. דער רבי איז אַלץ אַזוי אַנגעשפּאַרט אויפן טיש. אָטעמט שוואַך און דער פחד אין בית־המדרש שטאַרקט זיך פון רגע צו רגע...

ענדליך האָט מען בעשלאָסען אָנצוהויבען זינגען אויפן קול. אפשר וועט דער רבי אויפוואַכען. עס איז אפילו נישט קיין דרך ארץ ווען דער רבי דרימעלט, איבערצורייסען איהם מיט זינגען. אָבער ווען עס האַלט ביי סכנות נפשות, איז דאָך נישט שייך. האָט דער גאַנצער עולם זיך צוגאָסען אין אַ זמר יעדער האָט זיך געשטאַרקט צו זינגען מיט מעהר ברען, מיט מעהר התלהבות און די הערצער האָבען דערביי שטורמיש געקלאַפּט.

אָבער אומזיסט. מען האָט געזינגען אַ ניגון, מען האָט געזינגען אַ צווייטען. אַלע צוזאַמען האָבען געזינגען, עמיצער האָט צוגעקלאַפּט מיט די הענד, אָבער דער רבי איז אַלץ נישט אויפגעקומען.

מען האָט שוין אָנגעהויבען רעדען דערפון אויפ׳ן קול. וואָס טהוט מען, ווי אַזוי וועקט מען עס אויף דעם רבין פון אַזאַ שלאָף?... חסידים הויבען זיך אויף פון זייערע ערטער און נעהמען שפּרייזען איבערן בית־המדרש. צוקאָכט, צוטומעלט, וואָס הויבט מען אָן צו טוהן. שוין שעהנע שעה׳ן ווי דער רבי געפינט זיך אין אַזאַ צושטאַנד, און ווער ווייסט ווי לאַנג עס קאָן נאָך דויערען. דאָס אָטעמען ווערט וואָס אַמאָל שוואַכער און שוואַכער, וואָסער עצה טהוט מען זיך?...

אָבער קיין עצה איז פאָרט נישט געווען. עס וועט דאָך קיינער נישט וואַגען פשוט צוצוגעהן צום רבין און איהם נעהמען וועקען. און אויב עס וועט זיך שוין עמיצער יאָ דעצידירען דערויף — וועט עס דען העלפען? — אז דער שטאַרקער געזאַנג פון אַ גאַנצען עולם האָט איהם נישט אויפגעוועקט פון „שלאָף“?...

איז געבליבען, אַז מען זאָל זיך צוריקזעצען אויף די ערטער און וואַרטען. זאָל עס דויערען ווי לאַנג. מען וועט נישט פערלאָזען דעם טיש פריהער, ביז דער רבי וועט קומען צו זיך. אַגב האָט מען דאָך נאָך נישט געבענטש׳!

ערשט פונקט צו האלבער נאכט, האָט דער רבי זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. זיין פנים האָט געשײַנט מיט אַזוי פיעל שמחה און התלהבות אַז אַלע זענען אויסער זיך געוואָרען און באַלד האָט ער אָנגעהויבען זינגען דעם מזמור „לא׳ אַשר שבת מכל המעשים„ מיט אַ לגמרי אומבעקאַנטען ניגון. אַ ניגון, וואָס האָט געהאַט אַזעלכע וואונדערבאַרע טענער, וואָס מען האָט נאָך ביז איצט נישט געהערט. אין מיט וואָסער התלהבות, אַז דער גאַנצער עולם איז באַלד מיטגעכאַפּט געוואָרען און אָנגעהויבען מיטזינגען. עס האָט זיך געדוכט, אַז אַלץ אַרום זינגט מיט. די ווענט, דער סיפיט, די טישען, די שבת־לייכטער, וואָס זענען אויפן טיש געשטאַנען, — אַלץ האָט זיך פעראייניגט און אַ האַרמאָנישען געזאַנג און אַלע צו אַמען גיבען אָב אַ שבח דעם בורא, צוליעב דער טייערער מתנה, שבת, מיט וואָס ער האָט אונז יודען מזכה געווען.

אזוי האָט מען געזינגען אַ לענגערע צייט, ביז מען האָט אָבגעבענשט און ערשט נאָכן בענשען, האָט דער חוזה דערצעהלט פאַר זיינע מקורבים וואָס עס איז מיט איהם בעשעהן.

אַרויסגעוויזען האָט זיך, אַז דער חוזה זכרונו לברכה, איז באמת געווען אין אַ גרויסע סכנה.

ער האָט דערהערט ווי די מלאכים זינגען דעם זמר „לא׳ אשר שבת מכל המעשים״ און דאָס מתיקות פון זינגען איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז עס איז ממש געווען חוץ לדרך הטבע. לאַנג האָט עס אַזוי געדויערט און פון מינוט צו מינוט האָט זיך דער ניגון געשטאַרקט. נייע כתות מלאכים האָבען זיך בעוויזען און אַלע האָבען זיי געזונגען דעם אייגענעם זמר מיטן אייגענעם ניגון. ווער ווייסט וואָס עס וואָלט געווען מיט מיר — האָט אויסגערופען דער רבי, ווען עס קומט נישט צו אַן׳אַלטער מאַן און גיט מיך אַ וועק־אויף מיט די ווערטער: „וואָס ביזטו אַזוי פערטראַכט, האָסט פערגעסען, אַז דו האָסט נאָך נישט געבענשט?...״

ערשט דאַן האָב איך זיך אויפגעכאַפּט און גענומען זינגען דעם ניגון מיטן זמר, וואָס האָט זיך מיר אַזוי שטאַרק איינגעקריצט אין זכרון.

אין יענעם פרייטאָג צו נאַכטס איז אין לובלין אויך געווען דער ראָפּשיצער זכרונו לברכה, און ווען ער האָט אָנגעהויבען „פּ־הרצן״, האָט דער ראָפּשיצער איינגעפיהרט אַלע פרייטאָג צו נאַכטס פאַרן בענשען צו זינגען: „לא׳ אשר שבת״ מיט דעם דאָזיגען מלאכים־ניגון.

און אויך אין צאַנז האָט דער רבי זכרונו לברכה איינגעפיהרט, צו זינגען דעם דאָזיגען זמר פאַרן בענשען.

---

אָבער נאָך אַלעם האָט דער צאַנזער רב נאָך צוגעלייגט זיך מיגע געווען אין לערנען. אפילו פאַהרענדיג צו די גוטע־יודען פון זיין צייט, אַלס רודניקער רב האָט ער אויך נישט אויפגעהערט צו פערטיפען זיך אין לערנען, האַלטענדיג, אַז דאָס לומדות איז דער עיקר־העיקרים. ביים יונגען רודניקער רב האָט זיך

אַנגעהויבן וועבן דער רעיון צו פֿעראייניגען חסידות מיט לומדות, און דער דאָזיגער רעיון איז שפּעטער פֿערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ שיטה. אָבער וועגען דעם וועלען מיר שפּעטער דערצעהלען.

אין דער צייט ווען דער צאַנזער איז נאָר וואָס געוואָרען רב אין רודניק, האָט געוויילט אין לייפּניק, ביים „ברוך טעם" זיין פֿריינד, דער גאון הדור, רבי יעקב ליסער זכרונו לברכה, דער בעל „חוות דעת", שמועסענדיג אזוי אין לערנען, האָט דער ליסער רב אזוי געקרעכצט. אַז די תּורה איז זיך מתמעט, דער עולם לערנט ווייניג, און דער, וואָס לערנט שוין יאָ, לערנט אזוי אויבערפֿלעכליך, אַז אין דרייסיג — פֿערציג יאָהר אַרום וועט שוין נישט זיין אויף וועמען זיך סומך צו זיין אין אַ שאלה.

דערויף האָט דער לייפּניקער רב געענטפֿערט:

— ליסער רב, — עס האַלט נאָך חלילה נישט אַזוי שלעכט, אַט מיין איידעם ר' חיים וועט אם ירצה השם זיין אַ רב אַ גדול בתּורה, אויף וועלכען די וועלט וועט זיך קענען סומך זיין...

דער ליסער רב האָט אָבער דערמיט נישט מסכּים געווען און געענטפֿערט, אַז ער גלויבט עס נישט...

מיט יאָהרען שפּעטער, ווען ר' חיים איז שוין געווען רב אין צאַנז, איז פֿאַר איהם פֿאָרגעקומען אַ האַרבע דין־תּורה. נאָך אַ לאַנגען נאָכטראַכטען, האָט דער צאַנזער רב אַרויסגעטראָגען אַ פּסק. ווען דער קרייז־רב ר' ברוך לאַנדא האָט זיך דערוואוסט פֿון דעם פּסק, האָט ער אנערקענט, אַז רבי חיים האָט נישט גוט געפּסק'נט און גלייך האָט ער אָנגעשריבען אַ גרויסע תּשובה צום דאַמאָלסדיגען גדול־הדור, דעם ליסער רב מיט אַן אָנקלאַגע אויף ר' חיימן אַז ער האָט אַרויסגעטראָגען אַ פּסק, וואָס שטימט נישט מיטן דין. דער ליסער רב האָט גלייך מסכּים געווען מיט דער בעהויפּטונג פֿון ר' ברוך'ן און אויך אָנערקענט, אַז ר' חיים האָט נישט גוט געפּסק'נט.

ווען ר' חיים האָט זיך דערוואוסט דערפֿון, האָט ער גלייך אָנגעשריבען אַ גרויסע תּשובה צום ליסער רב און אָנגעוויזען, אַז ער האָט אַרויסגעטראָגען דעם פּסק נאָך אַ לאַנגען נאָכטראַכטען. דערביי האָט ער אויסגערעכענט די אַלע חלקי הבונה והסותר און געקומען צום אויספֿיהר, אַז דער פּסק איז עפּ"י דין שטאַרק אויסגעהאַלטען.

די תּשובה איז געווען געשריבען מיט גרויס חריפֿות און בקיאות, אַז דער „חוות דעת" איז נתפּעל געוואָרען, אַ חוץ דעם האָט די תּשובה שטאַרק אויסגענומען ביים דאָזיגען גאון און ער האָט געמוזט מודה־זיין אַז ר' חיים איז גערעכט געווען.

אין זיין ענטפֿער האָט דער ליסער רב געשריבען: „איצטער מוז איך אָנערקענען, אַז דער לייפּניקער רב בעל „ברוך טעם" איז גערעכט געווען, ווען ער האָט בעהויפּטעט, אַז אויף זיין איידעם וועט די וועלט אַמאָל זיך קענען סומך זיין..."

### יט.

# דער בית דין הגדול פון ה׳ר.

אין דער הסידישער וועלט, ווערט דער צאַנזער רב רבי חיים האַלבערשטאַם, זכרונו לברכה, בעטראַכט אַלס דער פּאַקטישער נאָכפאָלגער פון ר׳ ניילי-גען ראָפּשיצער, כאָטש דער ראָפּשיצער האָט איבערגעלאָזט אַלס ממלא מקומו זיין איידעם דעם רבי ר׳ אַ ש ר׳ ל פון ראָפּשיץ און זיין זוהן רבי א ל י ע ז ר דער דזיקאָווער רבי. אין תחילת פלעגט ר׳ חיים פאָהרען צו ביידען, אָבער שוין דאַמאָלס האָבען אַלע פערשטאַנען, אַז ער איז עס דער ווירקליכער ממלא מקום פון ראָפּשיצער.

פונדעסטוועגען האָט דער צאַנזער רב קיינמאָל נישט גערופען דעם ראָפּשיצער סתם ר ב י, ווי עס רופט אַ תלמיד זיין רבין, נאָר „דער הייליגער ראָפּשיצער“. אַלס רבי האָט ער בעטראַכט גאָר דעם רבין ר׳ צבי הירש פון זשידיטשוב זכרונו לברכה, ביי וועלכען ער איז געווען נאָר צוויי מאָל, איהם האָט עס דער צאַנזער געמיינט, ווען ער האָט זיך אויסגעדריקט „מיין רבי“ און דאָס איז געווען אַ פּלא.

ערשט מיט יאָהרען שפּעטער, האָט עס דער צאַנזער רב ביי אַ געלעגענהייט ערקלערט, אַז אין ראָפּשיץ האָט ער גאָרנישט געקענט מקבל זיין וויל דער הייליגער ראָפּשיצער איז געווען למעלה מן השכל. זיין עמקות איז געווען אויסטערליש טיף אין דעריבער האָט ער קיין רעכט נישט צו רופען איהם רבי, וויל בלויז דאָס חיצוניות האָט ער אין ראָפּשיץ מקבל געווען און נישט דאָס פנימיות. דאַגעגען אין זשדיטשוב, האָט ער ביי די צוויי מאָל וואָס ער האָט דאָרט געווײלט, מקבל געווען אַלץ וואָס ער האָט בעדאַרפען מקבל צו זיין, און דעריבער איז עס דער זשדיטשובער זיין פאַקטישער רבי...

אין יאָהר תקפ״ט, אַלט זייענדיג אַכט און דרייסיג יאָהר, ווערט ר׳ חיים אויסגעוועהלט אַלס רב אין צאַנז. זעקס און פערציג יאָהר איז ר׳ חיים געווען רב אין דער דאָזיגער שטאָדט, וועלכע איז אַ דאַנק איהר מרא־דאַתרא בעקאַנט און בערימט אין דער ברייטער יודישער וועלט.

אין דער חסידישער־וועלט ווערט די שטאָדט סאַנז אָנגערופען צ א נ ז מיט אַ צ׳ און דערמיט איז פערבונדען אַ אינטערעסאַנטער עפּיזאָד וועלכען מיר וועלען טאַקי דערצעהלען.

צום גרויסען צדיק הדור רבי מאירל פּרעמישלאַנער זכרונו לברכה, איז אַמאָל געקומען אַ חסיד פון סאַנז און דערלאַנגט איהם אַ קוויטעל, איבען

קוויטעל איז געשטאַנען אָנגעשריבען די שטאָדט „סאַנז", פון וואַנען דער חסיד קומט.

דער רבי ר' מאירל איז שוין דאַמאָלס געווען אַ זקן מופלג, פאַר װעל־כען די גרעסטע חסידישע אויטאָריטעטען האָבען געבויגען די קעפּ, פונדעסט־וועגען האָט ער שטאַרק געהאַלטען פון צאַנזער רב. דערזעהענדיג דאָס קוויטעל, האָט ר' מאירל אויסגערופען צום חסיד:

— מאירל זאָגט אַז „סאַנז" דאַרף מען נישט שרייבען מיט אַ סמך, נאָר צ אַ נ ז מיט אַ צדיק, איהר הערט! צאַנז מיט אַ צדיק, ווייל אין צאַנז װאוינט דער צדיק הדור!...

אַ וואונדערבאַרע געשיכטע ווערט דערצעהלט, וואָס איז זיך פערלאָפען צווישען אָט די ביידע גדולי הדור, רבי חיים צאַנזער און רבי מאירל פּרע־מישלאַנער, זכרונם לברכה.

איינמאָל, אין אַ פראָסטען מיטוואָך, האָט דער פּרעמישלאַנער רבי אַ רוף געטהון דעם שמש זיינעם און אַ זאָג געטהון צו איהם:

— געה שנעל ארויס אין גאַס אַריין, זיך איבער אַלע אכסניות, און ווער מיר געוואויער, מער עס איז געקומען אין שטאָדט אַריין, עפּעס אַנ'־אָדם חשוב.

דער שמש האָט גלייך ערפילט דעם בעפעהל פון רבין. אַרויס אין גאַס אַריין נאָכגעפרעגט זיך איבער אַלע אַכסניות און צוריקגעקומען מיט דעם לפדיגען.

— רבי — האָט דער שמש אויסגערופען — איך בין די גאַנצע שטאָדט אויסגעלאָפען און קיינעם נישט געטראָפען. נישט געקומען קיין שום אָדם חשוב קיין פּרעמישלאַן.

— און איך זאָג דיר, אַז דו זאָלסט נאָכאַמאָל געהן אין גאַס אַריין און זאָלסט זיך גוט נאָכפרעגען ווייל איך פיהל אַז אַ גרויסער גײַסטליכער מאַן איז געקומען קיין פּרעמישלאַן. איך בין מרגיש, אַז אַ גרויסע קדושה האָט זיך פערשפּרייט איבער דער שטאָדט!...

דער שמש איז ווידער אַוועק אין גאַס אַריין. דאָס מאָל האָט ער שוין לענגער זיך אָבגעשטעלט, בעטראַכט אַלע אורחים, איינגעקוקט זיך אין די געזיכטער פון די פרעמדע, וואָס האָבען געווײַלט אין שטאָדט. אָבער אין קיינעם האָט ער נישט דערקענט דעם אָדם חשוב, וועלכען דער רבי האָט מרגיש געווען.

אַ פערשעהמטער איז דער שמש צוריקגעקומען און ווידער געזאָגט, אַז ער האָט קיינעם נישט אויסגעפונען.

אָבער דאָ האָט שוין דער רבי אויסגערופען מיט הקפדה:

— איך זאָג דיך, אַז אַ גרויסער צדיק איז אָנגעקומען קיין פּרעמישלאַן. מאירל נאַרט זיך נישט, ווען מאירל זאָגט, אַז אַ צדיק איז געקומען אין

שטאָדט אַריין איז עס אמת. לויף נאָך אַמאָל און קום גלייך צוריק, ווייל איך בין זעהר נייגעריג צו וויסען וואָר עס לייכט אַזוי אין אַלע הימלען.

אַרויסגעהענדיג פון רבינס הויז, האָט דער שמש אָנגעטראָפען אויף אַ ביידעל׳ וואָס איז נאָרוואָס געקומען פון וועג. דער שמש איז גלייך צוגעלאָפען צום ביידעל און דערוואוסט זיך, אַז דער צאַנזער רב איז מיטן דאָזיגען ביידעל אָנגעקומען.

דערהערענדיג אַז דער צאַנזער רב איז אָנגעקומען, איז ר׳ מאירל געוואָרען מלא שמחה. אַווא — האָט צו זיך גערעדט דער אַלטער צדיק — אַזוי ליכטיג, אַזוי הייליג — און ווענדענדיג זיך נאָכאַמאָל צום שמש האָט ער אויסגערופען:

— גיה נאָכאַמאָל צום צאַנזער רב און זאָג איהם, אַז מאירל האָט איהם געבעטען, ער זאָל מוחל זיין און מטריח זיין צו איהם, ווייל מאירל איז משתוקק איהם צו זעהן. אָבער סאָקי באַלד, זאָג איהם, דעם צאַנזער רב, אַז מאירל וואָלט נישט געהאַט די העזה צו שיקען נאָך איהם און וואָלט אַליין געגאַנגען מקבל פנים זיין איהם, אָבער מאירל איז אַזוי אַלט און שוואַך און האָט קיין כח נישט...

דער צאַנזער רב, דערהערענדיג אַז ר׳ מאירל וויל זיך זעהן מיט איהם, איז תיכף ומיד אַריבער אין דער וואוינונג פון ר׳ מאיר׳לען כדי צו זעהן זיך מיט איהם.

גרויס איז געווען די פרייד, וואָס האָט ביידע צדיקי הדור בעהערשט ביי דער דאָזיגער בעגעגעניש. ר׳ מאירל האָט דערלאַנגט כיבוד און זיך שטאַרק משתשע געווען אין פערשידענע שמועסען. בעזונדערס איז געווען צופרידען ר׳ מאירל, זייענדיג מלא שמחה וואָס ער האָט זוכה געווען מקבל פנים צו זיין אַזא גרויסען גאַסט.

אין מיטען פון דעם פריינדלי׳כען שמועס, רופט זיך אָן דער רבי ר׳ מאירל:

— צאַנזער רב, איהר זענט דאָך דער בית-דין הגדול פון דור, און אַז השי״ת האָט מיר שוין יאָ געהאָלפען איך זאָל זוכה זיין מקבל פנים צו זיין דעם בית דין הגדול פון דור, וויל איך פאַר אייך האַלטען אַ דין-תורה.

דער צאַנזער רב האָט דערויף גאָר נישט געענטפערט. אָבער ר׳ מאירל האָט עס בעטראַכט אַלס צייכען פון הסכמה און ער האָט דעריבער אָנגעהויבען מסדר צו זיין זיינע טענות:

— זאָגט מיר, צאַנזער רב, איז עס ריכטיג אַזוי, איז עס גלייך אַזוי, אַז מאירל זאָל ווייטער וואוינען אין אַזאַ אָרימע דיר, אין אַ אַ ענגע דירה? איז שוין נישט צייט, אַז מאירל זאָל זיך איבערציהען אין אַ שענערע און בעסערע דירה?

— פסקנט, צאַנזער רב — האָט ר׳ מאירל מיט טרערען אין די אויגען אויסגערופען — מיט אייער פסק הלכה איז מען מסכים אין הימעל!...

דער צאַנזער רב האָט אין תחילת נישט תופס געווען די אמתע כוונה פון ר' מאירלען און דעריבער האָט ער אים שום קלער געענטפערט:

— אוודאי דאַרף דער פּרעמישלאַנער רבי וואוינען אין אַ בריוח'דיגע, און אַ שענערע דירה, אוודאי און אוודאי...

— אַזוי, איהר האַלט אויך אַזוי, — האָט דער רבי ר' מאירל ערנסט אויסגערופען — דער בית דין הגדול פון דור האָט אַזוי געפסקענט און אַזוי בלייבט די הלכה!...

ערשט יעצט האָט דער צאַנזער רב געכאַפּט זיך, וואָס דער פּרעמישלאַנער רבי איז אויסען-געווען מיט זיין שאלה און ער האָט זיך באַלד צוריק געכאַפּט אויסרופענדיג:

— מיין כוונה איז דאָך אין עולם הגשמיות, אויף דער וועלט. איך האָב געפּסקנט, אַז אויף דער וועלט דאַרף דער פּרעמישלאַנער רבי האָבען אַ שענערע דירה...

— כבר הורה זקן — האָט ר' מאיר ענטשידען אויסגעריפען — דער בית דין הגדול פון דור האָט שוין אָבגעפּסקנט און אַזוי בלייבט עס!

אין אַ קורצער צייט אַרום איז רבי מאירל פּרעמישלאַנער נסתלק געוואָרען...

---

„דער בית דין הגדול פון דור" — אַזוי האָבען בעצייכענט דעם צאַנזער רב אַלע צדיקי הדור און אַלע וואָס זענען געקומען מיט איהם אין בעריהּ-רונג.

אָבער געקרוינט איהם מיטן דאָזיגען טיטול, האָט נישט קיין אַנדערער חוי דער הייליגער ריזשינער צדיק ר' ישראל זכרונו לברכה און פאַרגעקומען איז עס ביי פאָלגענדע אומשטענדען.

דער צאַנזער רב איז אַמאָל געקומען אויף אַ בעזוך קיין ריזשין. דער דער ריזשינער האָט לכבוד דעם גאַסט געמאַכט אַ סעודה און בעת דער סעודת האָבען ביידע צדיקי הדור זעהר פיעל פערבראַכט אין הויכע שמועסן.

גאַנץ בעזונדערס האָט דער ריזשינער געשמועסט וועגען געוויסע ענינים וואָס האָבען דאַמאָלסט אינטערעסירט דער יודישער וועלט. דער ריזשינער האָט זיך אין די דאָזיגע ענינים געהאַט זיין שיטה. דערצו האָט ער געבראַכט ראיות פון האריז"ל און פון בעל שם טוב ז"ל וועלכע'נדיג אַלץ איבערצייגען דעם צאַנזער רב, אַז ער איז גערעכט.

צום סוף פון דעם שמועס האָט דער ריזשינער אויסגערופען:

— נו, צאַנזער רב, זענט איהר מיט אונז מסכים?

דער צאַנזער רב האָט אָבער שטיל געשוויגען און דערויף גאָרנישט געענטפערט.

ווען אָבער דער ריזשינער האָט איהם ווידער אַמאָל איבערגעפרעגט צו ער איז מיט איהם מסכים, האָט דער צאַנזער רב ענוות'דיג אָבגעענטפערט:

— דער ריזשינער רבי איז אַ בר־סמכא, ער דאַרף נישט קיין הסכמות!

אָבער דער ריזשינער איז מיט דער דאָזיגער תשובה נישט צופרידען געווען און ער האָט אויסגערופען:

— מיר ווילען אָבער, אַז איהר זאָלט מיט אונז מסכים זיין, ווייל איהר זענט דער בית דין הגדול אין דעם דור!...

——

דער צאַנזער רב האָט אָבער כלל נישט געגרויסט זיך מיט זיין לימדות, און בכלל קיינעם נישט אָנגעוואָרפען זיין פסק הלכה, כאָטש ער איז בטבע געווען פעסט מיט זיך, און נישט געלאָ'ט זיך בייקומען אין אַ פסק־הלכה. איז די מידה פון עניוות בעזונדערס געווען מערקבאַר.

אינטערעסאנט איז פאָלגענדע שטעלע, וואָס דער צאַנזער רב שרייבט אין דער הקדמה צו זיין ספר „דברי חיים", וועלכע מיר געבען אין אַ פרייער איבערזעצונג:

„מחמת איך האָב געזעהען אין די הייליגע ספרים אַז עס איז גלייך צו פערעפענטליכען די דברי תורה וואָס מען איז מחדש און עס נישט מעלים צו זיין פאַר דער וועלט האָב איך פערפאַסט דאָס דאָזיגע חיבור. און עס זאָל זיין דער ווילען (פון אויבערשטען) אַז איך זאָל נישט פערשעהמט ווערען נישט אויף דער וועלט און נישט אויף יענער וועלט, און דער זכות פון מיינע עלטערען זאָל מיר ביישטעהן, אַז עס זאָל זיין לרצון פאַרן האַר פון דער וועלט".

אַזוי האָט געשריבען און געדענקט דער גרעסטער אויטאָריטעט פון זיין צייט, דער בית דין הגדול פון דור, וואָס צוליעב איהם האָט מען די שטאָדט סאַנז מחבר געווען מיט אַ „צדיק".

כ.

# צדקה און גמילות־חסדים.

ווי גרויס ס'איז געווען די שלימות פון צאַנזער רב און תורה און עבודה, איז שווער פאַר מענשען מיט קנאַפע השגות ווי מיר, צו אורטיילען, ווייל גאַר ווייניג איז אונזער השגה אין די דאָזיגע ענינים. אָבער באַטראַכטענדיג די שלימות פון דאָזיגען צדיק אין די מידה פון גמילת חסדים, קען מען שוין דערפון אויך אורטיילען וועגען זיין גדלות און שלימות און די איבריגע צווייגען אויף וועלכע די וועלט לעהנט זיך אָן.

וועגען זיין צדקה און זיינע גמילות-חסדים דערציילט מען אָהן אַ שיעור עפּיזאָדען און פאַקטען, אָבער אויך דאָס וואָס עס איז בעקאַנט, איז אַ מקצת מן המקצת, פון דעם ווירקליכען. עס איז פּשוט צו שטוינען, ווי אַזוי אַ מענש אַ שטערבליכער, האָט זיך געקאָנט אַזוי הויך אויפהויבען פון די ערדישע חפצות אין בעצוג צו געלד-זאַכען און צו ווערען ווי אַ ווירקליכער פאָטער פון טויזענדער אָרימע לייט, אַלמנות און יתומים, וועלכע ער האָט מחזיק געווען מיט אַלע זייערע הצטרכות'ן בדרך כבוד.

גרויס איז געווען די הכנסה פון צאַנזער רב און האָט דערגרייכט אין די שווערע הונדערטער טויזענדער גילדען. ווי דער צאַנזער פּאָסט-דירעקטאָר האָט דערציילט, פלעגט בלויז דורך זיין האַנד אָנקומען אויפן אַדרעס פון צאַנזער רב העכער הונדערט טויזענד גילדען, און נישט נאר די דאָזיגע לעגענדאַרע סומען, האָט דער גרויסער צדיק צוטיילט צווישען אָרימע לייט, ער פלעגט דערביי פערבאָרגען און פערמשכנ'נען אַלע זיינע ווערטפולע חפצים און מאַכען צו געלד אַלץ וואָס האָט זיך נאר געלאָזט ווייל תמיד האָט ער געהאַט שווערע דאָגות אויפן קאָפּ: אוי, יענער תלמיד-חכם און בן-טובים האָט זיך געווענדעט צו מיר, יענע אַלמנה, און יענע בת תלמיד-חכם דאַרף נויטיג אַ פּאָר הונדערט רייניש, און ווי נעמט מען אויף דעם!...

דערצו דאַרף מען צוגעבען, אַז אין צאַנזער הויף האָט מען געלעבט זעהר אָרים און בעשיידען. דאָס שטוב-ווירטשאַפט איז בעשטאַנען פון אַ ביסעל אָרים מעבעל געוועהנליכע טישען און בענק און דאָס הויז-געזינד איז געווען זעהר בעשיידען געקלייד ניט פערגינענדיג זיך צו קויפען אַ בעסער מלבוש.

דאָס גאַנצע ביסעל ווערטפולע חפצים איז בעשטאַנען פון אַ חנוכה-לאָמפּ, אַ קידוש-בעכער און עטליכע פּאָר זילבערנע שבת-לייכטער. די חנוכה-לאָמפּ איז געווען פערזעצט פון איין חנוכה צום צווייטען. דער קידוש-בעכער — פון שבת צו שבת און אַפילו די זילבערנע לייכטער, אויב די רביצין האָט זיי נישט גוט בעהאַלטען, פלעגט מען זיך אויך ערב-שבת פאַרנאַכט אַרומזעהן, אַז זיי זענען נישטאָ...

ווען עס איז געווען אַנ'ערב-שבת, פלעגט זיך פּשוט ווימלען פון אָרימע לייט פאַרן רבינס וואוינונג. אין די הונדערטער פלעגען זיי זיך פערזאַמלען און בעטען זייער וועכענטליך געהאַלט פון רבין. דער רב האָט דאַן געהייסען דעם שמש איבערציילען, וויפיעל אָרימע לייט עס זענען פערהאַן און פונאַנ-דערטיילען די פּאָר גילדען וואָס ער האָט גראָד געהאַט, חלק אויף חלק.

ווען אָבער, אַז דאָס חלק האָט אויסגעמאַכט בלויז עטליכע גרייצער, האָבען די אָרימע לייט פּשוט נישט געוואָלט אָבטרעטען. זיי פלעגען פער-בלייבען פאַרן הויז פון רב און מאַכען קולות, שרייען און לאַרמען, פערהיל-כען די לופט. עס האָט אַפילו נישט געהאָלפען, וואָס דער רב איז אַליין צו זיי אַרויסגעקומען און זיך געבעטען ביי זיי, אַז דער עולם זאָל זיך צוגעהען,

הייל ער האָט נישט מעהר קיין געלד און זיי זאָלען קומען נאָך שבת ווען ער זיי צוגעבען — די אָרימע לייט פלעגען פון קיין זאַך נישט וועלען וויסען און דער רב האָט געמוזט אַרויסשיקען דעם שמש אין שטאָדט אַריין באָרגען געלד, כדי צו בעפרידיגען די אָרימע לייט.

אָבער דער רב פלעגט תמיד זיין פערשולדיגט ביי דער גאַנצער שטאָדט, און אָפט פלעגט דער שמש צוריק צוקומען מיטן לעדיגען: מען וויל דעם רב אין ערגיץ נישט לייהען!...

איינמאָל האָט צוזאַ סצענע בייגעוואוינט דער רב פון ראַטספערד (אין אונגאַרן) ר' הערצקי איז געווען זיין נאָמען. דער ראַטספערדער רב איז אויך דאַן געווען רב אין אַ קליין אונגאַריש שטעדטעל און אַ גרויסער אביון דערצו. אַלס פייערדיגער צאַנזער חסיד, פלעגט אָבער ר' הערצקי פון זיין אָרימער שכירות אָבשפּאָרען אַ פּאָר מטבעות יעדע וואָך און בעהאַלטען עס אין אַ בעזונדער טאָרבעלע. און ווען אין טאָרבעלע האָט זיך אָנגעקליבען אַ פּאָר גילדען, פלעגט ער פאָהרען קיין צאַנז און פלעגט דאָרט זיין אַזוי לאַנג, וויפיעל דאָס טאָרבעלע האָט איהם געגעבען חיונה...

דערצו איז ר' הערצקי געווען אַ גרויסער צדיק און חסיד. איבערהויפּט האָט איהם אימפּאָנירט די דאָזיגע סצענע, וואָס ער האָט בייגעוואוינט ווי אַזוי דער רבי איז מחזיק די סתם אָרימע לייט, די ארחי־פרחי, וואָס צייכענען זיך אויס מיט אַ גרויסע מאָס חוצפה און פערשייטקייט, אָבער דער רבי נעהמט זיי איין מיט גוטע רייד, מיט דברים של חיבה, אַ שטייגער, ווי זיי וואָלטען איהם געטהון אַ טובה...

ר' הערצקי האָט געהאַלטען דאָס דאָזיגע מין צדקה געבען פאַר דער גרעסטער מדרגה און געבען צדקה און ער האָט זיך דערצו צוגעקוקט מיט גרויס דביקות.

היות חי דער צאַנזער רב האָט דאַן גראָד געהאַט קנאַפּ געלד. האָט ער אַרויסגעשיקט דעם שמש איבער די שטאָדט לייהען אַ פּאָר גילדען.

דער שמש איז אַוועק און די אָרימע לייט האָבען זיך אויסגעלעגט אויפן הויף, צוואַרטען, ביז דער שמש וועט צוריקקומען און עס וועט זיך אָנהויבען די חלוקה.

אָבער ווען דער שמש איז צוריקגעקומען מיטן לעדיגען, ערקלערענדיג, אַז ער האָט אין ערגיץ נישט בעקומען קיין גרייצער, האָט די מחנה אָרימע לייט אָנגעהויבען ליאַרמען און שרייען אויפן גרויסען אופן, אַז מען האָט ממש בעקענט טויב ווערען.

דאַן איז ר' הערצקי צוגעגאַנגען צום טיש, אַרויסגענומען דאָס טאָרבעלע אין וועלכען ער האָט געהאַט ליגען די פּאָר גילדען, וואָס ער האָט זיך אַ גאַנץ יאָהר אָנגעזאַמעלט, כדי צו קענען פערבלייבען אין צאַנז עטליכע וואָכען צייט, און נישט אַרויסרעדענדיג קיין וואָרט, האָט ער איבערגעקעהרט דאָס טאָרבעלע מיט די מטבעות.

דער שמש איז דאַן צוגעגאַנגען איבערבעצאָהלט דאָס געלד און מודיע געווען דעם רבין:

— זעקס און דרייסיק זילבערנע גולדען!

דער צאַנזער רב האָט ממש אויפגעלויכטען, אין דער צייט וואָס ביז איצט איז ער געווען שטאַרק צובראָכען. ער איז צוגעלאָפען צו ר׳ הערצקין און געדריקט איהם די האַנד אויסרופענדיג:

— אַל תבטחו בנדיבים — פערלאָזט זיך נישט אויף די נדיבים, ווייל „בבן אדם שאין לו" — פון אַ מענשען וואָס ער האָט נישט, וואָס איז אַן אָרימאַן, תשועה, — פון איהם קומט די ישועה...

א חוץ דעם דאָזיגען טיפ אָרימע לייט, האָט דער צאַנזער רב מחזיק געווען אַ צווייטען טיפ אָרימע לייט, דאָס זענען די בכבודע אָרימע לייט, פון זיין שטאָדט און פון דער סביבה, אַ טייל פון זיי האָבען נאָך געשפילט אין שטאָדט אַ ראָלע פון לייטישע מענשען, ווייל קיינער האָט נישט געוואוסט, אַז זיי לעבען נאָר אַ דאַנק די החזקה פון רבין, דורך דער פערמיטלונג פון שמש די פאָר גילדען טעגליך. אויף דעם דאָזיגען מין צדקה, האָט דער צאַנזער רב אויסגעגעבען עטליכע הונדערט גילדען אַ טאָג.

עס זענען אויך געווען אין שטאָדט געוועזענע גבירים, וואָס האָבען פער־לוירען זייער מעמד, כאָטש זיי האָבען זיך געפיהרט דעם זעלבען שטאַט. די דאָזיגע מקבלים פלעגען בעקומען וואָכען געלד, וואָס דער רבי פלעגט זיי צושיקען אין אַ פערחתמעטען קאָנווערט, דורך אַ שיק־יונגעל... אַזוי אַז קיינער האָט נישט געוואוסט, אַז די דאָזיגע מענשען, זענען ל״ע מקבלים, אַ חוץ דער רבי, זיין שמש און אַמאָל אויך די רביצין.

צווישען די צאַנזער חסידים דערצעהלט מען פאָלגענדען עפיזאָד וואָס כאַראַקטעריזירט די נדיבות און דאָס צדקות פון צאַנזער רב זכרונו לברכה. אַמאָל איז די רביצין אַרויסגעגאַנגען אין אַ מאַרק־טאָג אין גאַס קויפען אַן עוף אויף שבת. די רביצין האָט געדינגען אַן אינדיק ביי דער פויערטע, וועלענדיג איהר, ווי דער שטייגער איז, געבען אַ קלענערען פרייז. ווען אָבער די פויערטע האָט דוקא זיך איינגעשפאַרט, נישט געוואָלט נאָכגעבען, האָט די רביצין איבערגעלאָזט דעם אינדיק ביי דער פויערטע זייענדיג זיכער, אַז די פויערטע וועט איהר צוריקרופען. אָבער ווי נאָר די רביצין האָט זיך דער־ווייטערט אויף עטליכע שריט, איז צוגעקומען אַן אַנדערע יודעשע פרוי און תיכף בעצאָהלט דער פויערטע דעם פערלאַנגטען פרייז.

וועגען דער דאָזיגער פרוי האָט די רביצין געוואוסט, אַז דער מאַן איהרער בעקומט אַ וועכענטליכען געהאַלט פון איהר מאַן, דעם צאַנזער רב.

עס פערשטעהט זיך, אַז די רביצין איז ממש אויפגעקאָכט געוואָרען. ס׳טייטש, ווי אַזוי ערלויבט עס זיך אַ פרוי פון אַ יודען, וואָס מוז אָנקומען צו

מצוה, צו קויפען אנ׳אינדיק פאר א פרייז, וואס אויך זי, די רביצין האט פאר זיך נישט פערגינען...

די רביצין האט דעריבער בעשלאסען צו דערצעהלען פאר איהר מאן דעם רב דעם דאזיגען פאקט.

אויסהערענדיג די מעשה, האט דער רבי זיך שטארק פערטראכט, אויסרופענדיג:

— אזוי, אזוי, אינדיקעס עסען זיי, אינדיקעס! און איך האב גארנישט געוואוסט...

די רביצין איז זיכער געווען, אז די דאזיגע פאמיליע וועט שוין א פרוסה נישט בעקומען, אבער באלד האט זי זיך ענטוישט.

— רוף מיר נאר דעם שמש, — האט דער רבי אויסגערופען.

דער שמש איז באלד אריין אין רבינס חדר און דער רבי האט זיך צו איהם געווענדעט:

— זאג מיר נאר כ׳בעט דיך, וויפיעל בעקומט ר׳ .... ביי אונז וואכען־געלד...

— פונפצעהן גילדען א וואך. — האט דער שמש אבגעענטפערט.

— שטעל צו צום צעטעל נאך דריי גילדען — האט דער רבי פייערליך אויסגערופען. פון היינט אן וועלען מיר איהם געבען אכטצעהן גילדען א וואך.

דערביי האט דער רבי צוגעגעבען מיט התלהבות, ווענדענדיג זיך צו דער רביצין:

— אז אנ׳ארימאן דארף וויין — מוז מען איהם געבען וויין, אז ער דארף א רייט־פערד, מוז מען איהם געבען א רייט־פערד און אז ער דארף אינדיקעס מוז מען איהם געבען אינדיקעס...

א חוץ דעם פלעגט דער צאנזער רב מוזען האלטען אויפן קאפ הונדערטער פון זיינע ארימע חסידים. ווער עס דארף א טאכטער חתונה מאכען, ווער עס דארף פאהרען אין די בעדער, וועמען פון די געפאלענע סוחרים, וואס מען קען נאך מיט א פאר הונדערט גילדען שטעלען אויף די פיס. ער פלעגט אויך שיקען גרויסע סומעס געלד פאר ישוב ארץ־ישראל. אזוי ארום איז אין קיין וואונדער נישט, וואס די אלע גרויסע הכנסות האבען נישט געסטאיעט אויפן סאמע וויכטיגסטען, שטענדיג האט זיך אין צאנזער הויף געפיהלט א מאנגעל אין געלד, און אז דער רבי אדער עמיצער פון זיין משפחה האט בעדארפען האבען א מלבוש, ־אט מען עס זיך קיינמאל נישט געקענט פערגינען, סיידען ווען א רייכער חסיד האט עס בעמערקט און געלאזט מאכען דאס מלבוש.

איינמאל איז געקומען צו איהם א בכבוד׳ער יוד, אנ׳ארימאן און דערצעהלט איהם, אז זיין ווייב איז קראנק און ער דארף אויסקויפען א רעצעפט אין דער אפטייק.

דער רבי האָט איהם מעהר נישט געלאָזט אויסרעדען, און אָנגעהויבען מכען אין אַלע ט׳ושען, אפשר וועט ער האָבען עפעס געלד, און ווען ער האָט זיך אַ־זומגעזעהען, אַז ער האָט נישט אַ פּרוטה, האָט ער אַרויסגענומען זיין זילבערן טאַבאַק־פּושקעלע און עס דערלאַנגט דעם אָרימאַן אויסרופענדיג:

— געה צום אַפּטייקער און זאָג איהם, אַז דאָס טאַבאַק־פּושקעלע איז מיינס, אַז איך האָב עס דיר געגעבען, וועט ער דיר אוודאי דערפאַר געבען דאָפּעלט וויפיעל עס איז ווערט, וועסט אַ חוץ דער מעדעצין אויך האָבען אַ פּאָר גילדען אָבצוקאָכען אַביסעל יויך פאַר דער קראַנקער...

אַזאַ בעל צדקה און בעל גמילת חסדים ווי עס איז געווען דער צאַנזער רב זצ״ל, דאַרף מען זוכען צווישען לאַנגע דורות...

כא.

# די וועגען פון צדקה.

ווי גרויס דער ענין־צדקה איז ביים צאַנזער רב זצ״ל געווען חשוב, קען מען זיך איבערצייגען פון זיינע אייגענע דבורים. ווי ער האָט זיך אַמאָל אויסגעדרוקט:

— איך בין געווען ביי אַ גאַנצע רייה צדיקי הדור, מיט די כוונה אָבצולערנען זיך פון זייערע מידות. צווישען אַנדערען, בין איך אויך געפאָהרען צום רבין ר׳ הירש רימאַנאָווער, וויסענדיג, אַז דער דאָזיגער צדיק איז זעהר גרויס אין דער מידה פון צדקה. אָבער צום בעדוירען, האָב איך זיך די דאָזיגע מידה פון איהם נישט געקענט אָבלערנען, ווייל דער רבי ר׳ הירש איז אין דער מידה פון צדקה געווען אַ מושלם. ער פלעגט זיך פיהרען, אַז ער פלעגט אַזעקגעבען צו די אָרימע לייט אַלץ, וואָס ער האָט פערמאָגט מיט אַנ׳אויסטערלישער שמחה. אָבער נישט אין דעם האָט געשטעקט גדלות נאָר אין דעם, וואָס ער איז געווען בשמחה, אפילו ווען ער האָט נישט געהאַט קיין איין פּרוטה אויף צדקה, איז ער דאַמאָלס געווען בשמחה פונקט ווי בשעת ער האָט צוטיילט גרויסע געלד־סומעס לצדקה. איך אָבער — האָט דער צאַנזער רב אויסגערופען — ווען איך האָב נישט קיין געלד אויף צדקה פאַלט פון מיר דאָס פלייש אַראָב...

איבערהויפּט האָט ער זיך נוהג געווען צוצוטיילען פיעל צדקה אין ערב סוכות. איינמאָל האָט ער ערקלערט, אַז ער דאַרף נויטיג האָבען עטליכע פויזענד רייניש, און אויב מען וועט איהם די סומע נישט צונויפשאַפען, וועט ער האָבען אַ פערשטערטען יום טוב.

האָבען זיך זיינע מקורבים אַרויסגעלאָזט איבערן שטאָדט און געליהען די געפאָדערטע סומע. דער צאַנזער רב דאָט דאַן די גאַנצע סומע צוטיילט אַרימעלייט און באַלד אַרויס אין סוכה אַריין מיט גרויס שמחה. אויסרופענדיג: די צדיקים לעגען אַוועק גרויסע כוחות אין דעם ענין נוי-סוכה. אונזער נוי-סוכה איז די צדקה, וואָס מיר צוטיילען אויף יום-טוב.

איינמאָל אין שבועות, האָט דער משמש איינגעלאָדען אויף קידוש צום רבין אין שטוב אַריין עטליכע נגידים. עס פערשטעהט זיך, אַז די איינגעלאַ-דענע זענען באַלד נאָכן דאַוונען אַריין אין רבינס צימער, וואו דער טיש איז געווען געגרייט מיט אַ פיינעם כיבוד. די איינגעלאַדענע האָבען זיך אויסגע-זעצט אַרום דעם טיש און געוואַרט, אַז דער רבי זאָל אַריינקומען.

באַלד איז דער רבי אַריינגעקומען זעהר אַנ׳אויפגעלעגטער, אַוועקגעזעצט זיך ביים טיש און אויסגערופען:

איהר געדענקט דאָך אַוודאי, אַז אין די יונגע יאָהרען פלעג איך אום שבועות זאָגען זעהר אַ שאַרף פשטל פאַר די לומדים. אָבער איצט אויף דער עלטער האָב איך קיין כח נישט מפלפל צו זיין זיך מיט די לומדים. אָבער פאַר אייך וועל איך זאָגען אַ שטיקעל פשטל, נאָר בקיצור נמרץ. אָבער איך בעהט, איהר זאָלט זיך צוהערען מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט.

— אַלזאָ, הערט רבותי, איך דאַרף האָבען טויזענד רייניש אויף אַ דבר נחוץ, איך וועל נישט פריהער קידוש מאַכען ביז איהר וועט צווישען זיך פונאַנדערטיילען די סומע. איך זאָל באַלד מוצאי יום-טוב האָבען דאָס געלד.

דאַן האָט ער זיך אויפגעהויבען, פערלאָזט דאָס צימער און ערקלערט, אַז ווען די סומע וועט זיין צונויפגעשטעלט, וועט ער צוריקקומען און קידוש מאַכען מיט זיינע געסט.

עס פערשטעה־ט זיך, אַז די עטליכע נגידים זענען צווישען זיך אַדורכגע-קומען און באַלד האָבען זיי מודיע געווען דעם רבין, אַז די סומע איז שוין פאַרהאַן. ערשט דאַן איז דער רבי אַריינגעקומען און קידוש געמאַכט, געפרעהט זיך מיט זיינע געסט און אויסגעדרוקט זיך:

— היינטיגען שבועות האָב איך געזאָגט אַ וואויל פשטל...

באַלד מוצאי-יום-טוב, האָט מען דעם רבין אַריינגעבראַכט די טויזענד רייניש. האָט ער געשיקט רופען אַנ׳אָרימען חסיד און אַוועקגעגעבען איהם דאָס געלד, ווייל יענער האָט בעדאַרפען אַ טאָכטער חתונה צו מאַכען.

אָבער נאָכמעהר כאַראַקטעריסטיש איז דער פאָלגענדער עפיזאָד:

דעם צאַנזער רב׳ס זוהן, רבי ברוך גאָרליצער זצ״ל, איז אַמאָל געקומען צו זיין פאָטער און דערצעהלט איהם אַז ער דאַרף חתונה מאַכען אַ טאָכטער. און ער דאַרף דעריבער אַ גרויסע סומע געלד. דער פאָטער האָט איהם דאַן געענטפערט, אַז ער האָט אַצינד נישט קיין געלד.

דער גאָרליצער רב האָט דעריבער בעשלאָסען צוצוזאָרגען ביז דער פאָטער זיינער וועט בעקומען אַ גרעסערע סומע געלד.

און ווירקליך זענען קיין צאַנז אָנגעקומען עטליכע רייכע חסידים, וועלכע האָבען דעם רבין איבערגעלאָזט זעהר אַ בעדייטענדע סומע געלד. דער גאָרליצער רב האָט זיך זעהר געפרעהט, זייענדיג זיכער, אַז איצטער וועט ער שוין געהאָלפען מיט דער נויטיגער סומע.

אָבער ווי גרויס איז געווען זיין צער, זעהענדיג ווי דער פאָטער זיינער שיקט רופען אַ בעקאַנטען אָרימאַן, וועלכער האָט געהאַט עטליכע טעכטער חתונה צו מאַכען און האָט איהם די גאַנצע סומע אַוועקגעגעבען.

דער גאָרליצער רב האָט פון דעם דאָזיגען פאַקט געהאַט גרויס חילשות הדעת און איז אַריין צום פאָטער מיט אַ טענה, ס'טייטש, ווי אַזוי קענסט עס טהון דיין אייגען קינד. מ'ר גיסטו נישט אויף חתונה הוצאות, כאָטש איך געפין מיר אין אַ זעהר געדרוקטען מצב און אַ פרעמדען גיסטו יאָ... פאַרוואָס בין איך ערגער ווי יענער אָרימאַן!...

— דו ביזט, מיין קינד, נישט ערגער פון יענעם אָרימאַן נאָר פיעל בעסער — האָט דער רבי אָבגעענטפערט. די געפינסט זיך ב"ה אין אַ פיעל בעסערע לאַגע פון יענעם יוד. דו ביזט דעם צאַנזערס אַ זוהן. אַ וועלט מיט מענשען קענען דיך און אַז דו דאַרפסט געלד, זיי זיך מטריח אין עטליכע שטעדט, וואו מען קען דיך און די סומע וועט זיך צונויפקליבען. אָבער יענער אָרימאַן האָט נישט די דאָזיגע עצה. ער וועט אַליין זיך נישט שאַפען אַזא סומע געלד. און אַז איך וועל פאַר איהם נישט זאָרגען, טאָ פונוואַנען וועט ער האָבען התונה צו מאַכען זיינע בוגרת'ן, — אַצינד פערשטעהסטו שוין מיין קינד, פאַרוואָס איך האָב דאָס געלד אַוועקגעגעבען יענעם אָרימאַן און נישט דיר?...

אַנ'עהנליכער פאַקט איז פאָרגעקומען מיט אַ צווייטען זוהן פון צאַנזער רב, וועלכער האָט זיך געניטיגט אין אַ גרעסערע סומע געלד אויף קוראַציע. היות אָבער ווי ער האָט פיעל מאָל געבעטען ביי זיין פאָטער און ער האָט איהם נישט געגעבען די געפאָדערטע סומע, איז ער אַוועק צו איינעם פון זיין פאָטער'ס מקורבים, אַ יוד, אַ נגיד און ער האָט זיך פאַר איהם פערטרויט.

דער גביר איז אַוועק צום רבין משתדל צו זיין זיך פאַרן רבינס זוהן. דער רבי האָט איהם געענטפערט, אַז פונקט איז ער זעהר פערענגט, און ער האָט נישט די געפאָדערטע סומע. דער נגיד האָט תיכף אַרויסגענומען אַ גרעסערע סומע געלד. אויך אַנדערע נגידים וואָס האָבען זיך געפונען בשעת מעשה אין רבינס חדר האָבען געגעבען דעם רבין גרעסערע נתינות. דאַן איז דער נגיד אַוועק צום רבינס זוהן און איהם איבערגעגעבען, אַז איצטער האָט שוין זיין פאָטער אַ שעהנע סומע געלד און אַז ער וועט איצט ביי איהם בעטען וועט ער זיכער בעקומען.

עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלען דעם פערדרוס פון רביס זוהן, ווען

ער האָט בעקומען פון זיין פאָטער נישט מעהר ווי פינף רייניש. באַלד איז ער ווידער געלאָפען צום נגיד און דערצעהלט איהם די גאַנצע מעשה. דער נגיד האָט זיך נישט געפוילט און אַוועק צום רבין פרעגען: היתכן.

דער רבי האָט איהם דערויף געענטפערט: גלויב מיר מיין ליבער, אַז איך בין גערעכט. מיין זוהן זאָל לעבען וועט נישט פערפאַלען ווערען. וואו ער וועט קומען און זאָגען, אַז ער איז דעם צאַנזער רב׳ס זוהן, וועט איהם קיין געלד נישט פעהלען. דאַרף ער נאָר אַ פּאָר רייניש אויף הוצאות ביז צו דער ערשטער גרעסערער שטאָדט. האָב איך איהם טאַקי געגעבען דעראויף פינף רייניש. אָבער איך האָב אַ היימישען יודען, אַן אָרימאַן אַן אביון, וואָס דאַרף פאַהרען אין באַד אַריין, אַז עס האַלט ממש ביי סכנות נפשות, — איז מעהר מצוה, אַז איך זאָל יענעם אָרימאַן אַוועקגעבען דאָס געלד, וואָס איהר האָט מיר געגעבען...

---

חסידים דערצעהלען, אַז דער ראַדאָמסקער רבי בעל „חסד לאברהם" זצ״ל פלעגט אַלע יאָהר צווישען פסח און שבועות פאַהרען קיין צאַנז און פלעגט דאָרט פערווייללען צוויי וואָכען צייט.

איינמאָל, קומענדיג קיין צאַנז, האָט דער ראַדאָמסקער רבי בעמערקט ווי מען דערלאַנגט פרייטאָג־צונאַכטס צום טיש אַ שעהנעם גאָלדענעם בעכער מיט אַ טעצעל. זייטענדיג, אַז אין צאַנז האָט מען פיינד מותרות, איז עס ביי איהם געווען אַ גרויס וואונדער. ווייל דער בעכער מיט׳ן טעצעל איז ווערט געווען אַ שעהנע סומע געלד.

נאָכ׳ן קידוש האָט דער ראַדאָמסקער גענומען דעם בעכער אין האַנד אַריין און איהם זאָרגפעלטיג בעטראַכט. האָט דאַן דער צאַנזער רבי איהם דערצעהלט, אַז צו איהם פלעגט פאַהרען אַ רייכער יונגערמאַן, וועלכער האָט קיין קינדער נישט געהאַט. דער דאָזיגער יונגערמאַן, איז געווען זעהר אַ קראַנ־קער און פאַר דער פטורה האָט ער געלאָזט אַ צוואה, אַז מען זאָל לאָזען מאַכען אַ שעהנעם קידוש־בעכער פאַר מיינעטוועגען, און איך זאָל זיך אין איהם דער מאָהנען יעדען שבת ביים קידוש.

אין אַ יאָהר אַרום, בעת דער ראַדאָמסקער רבי איז ווידער געקומען קיין צאַנז, האָט ער דעם שעהנעם בעכער מעהר נישט דערזעהן און דער רבי האָט קידוש געמאַכט מיט אַנאַלטען זילבערען בעכערל.

נאָכ׳ן קידוש האָט דער ראַדאָמסקער רבי אַ פרעג־געטהון ביי עמיצען פון רבינס קינדער, ווי דער גאָלדענער בעכער איז אַהינגעקומען. דער צאַנזער רב האָט דערהערט די שאלה און אויסגערופען:

— אויפן גאָלדענעם בעכער פרעגט איהר זיך — איך האָב איהם פער־זעצט פאַר אַ פּאָר רייניש, ווען איך האָב מיך גענויטיגט אין געלד אויף דברים שבצדקה. דער יונגערמאַן איז אַפילו שוין עטליכע מאָל געקומען צו מיר צו

חלום, פאַרוואָס איך מאַך נישט קידוש איבער'ן בעכער. אָבער האָב זאָל איך טהון, אַז איך האָב נישט קיין געלד איהם אויסצולייזען...

---

זעהר כאַראַקטעריסטיש איז פאָלגענדער עפּיזאָד, וואָס כאַראַקטעריזירט אַמבּוּלטסטען די בעציהונג פון צאַנזער רב צו אָרימע לייט און געדריקטע, וואָס זענען געקומען צו איהם בעטען הילף און רעטונג.

צום צאַנזער רב איז אַריינגעלאָפען מיט אַ געוויין אַן'אַלמנה און ערקלערט, אַז זי שטאַרבט פון הונגער מיט איהרע יתומים. זי האָט נישט פונוואָנען צו לעבען.

דער רבי האָט דער דאָזיגער פּרוי כסדר געהאָט אויפן אויג און אויף זיין עצה האָט זי מיט אַ צייט צוריק אָנגעהויבען האַנדלען מיט אויבסט, אַזוי אַז דער רבי האָט געמיינט, אַז די אַלמנה פערדינט אויף חיוּה. האָט ער דערויף מיט פערוואונדערונג אויסגערופען:

— איך האָב דאָך געמיינט, אַז איהר האַנדעלט מיט אויבסט און אַז איהר האָט פּרנסה!

– הייליגער רבי, עס איז טאַקי אמת, אַז איך האָב געהאַנדעלט מיט אויבסט, אָבער אַן'אומגליק איז מיר געשעהען. איך האָב אָבגעקויפט ביי אַ סעדער עטליכע פוהרען מיט עפּעל אין עס איז אַרויס אַ שם, אַז די עפּעל זענען זויער און פערדאָרבען. דעריבער וויל קיינער ביי מיר די עפּעל נישט קויפען און איך האָב נישט פון וואַנען דעם טאָג איבערצולעבען...

– ווער זאָגט עס, אַז אייערע עפּעל זענען זויער און פערדאָרבען — האָט דער רבי אויסגערופען, — און איך זאָג, אַז עס הויבט זיך נישט אָן די גאַנצע מעשה איך מיין, אַז אַזעלכע עפּעל ווי איהר האָט איז אין דער גאַנצער שטאָדט נישט בנמצא. העלט מיך און פאָהרט אַרויס אויפן מאַרק און אַז איהר וועט האָבען די סחורה אויפן מאַרק, זאָלט איהר מיר מודיע זיין.

באַלד האָט מען דעם רבין מודיע געווען, אַז די עפּעל געפונען זיך אויפן מאַרק און ער האָט אַרויסגערופען דעם משמש צו זיך.

– קום, לאָמיר אַרויפגעהן אויפן מאַרק פערקויפען די עפּעל. עס איז אַ גרויסע מצוה מחזק צו זיין אַן'אַלמנה.

דערזעהענדיג דעם רבין שטעהן אויפן מאַרק ביי אַ וואָגען מיט עפּעל, איז געוואָרען אַן'אָנגעלויף. הונדערטער מענשען זענען זיך צונויפגעקומען אויף וואונדער,

— קויפט ליבע יודישע קינדער די עפּעל, זיי זענען אַן'אויסנאָהם גוט. זיי זענען די בעסטע עפּעל אויפן מאַרק — האָט דער רבי אויסגערופען, — קויפט, יודישע קינדער!

עס פערשטעהט זיך, אַז עס איז געוואָרען אַ געכאַפּעריי אויף די עפּעל. אַז די אַלמנה איז מיטאַמאָל געהאָלפען געוואָרען און תמיד האָט יעדע בעל-

הבית׳סע געהאַלטען פאַר איהר חוב צו קויפען אויבסט ביי דער אַלמנה און די האָט פון דאמאָלס אָן געהאַט פּרנסה בריוח.

## כב.

# דאַס התמנות.

אין יעזע יאהרען איז שטאַרק מפורסם געווען אין די חסידישע וועלט דער רבי ר׳ מאיר׳ל פון אַפּט. בעקאַנט מיט זיין חיבור „אור לשמים".

ר׳ מאיר׳ל אַפּטער, איינער פון די גדולי התלמידים פון „חוזה" איז בעטראַכט געוואָרען אַלס זיין נאָכפאָלגער און די גאַנצע חסידישע וועלט האָט זיך צו איהם בעצויגען מיט גרויס יראת הרוממות.

דער יונגער רודניקער רב, זייענדיג שוין דאַמאָלס, אַ תלמיד פון הייליגען ראָפּשיצער זצ״ל און זיך שטאַרק מגע געווען אין חסידות, האָט גרויס חשק געהאַט צו פאָהרען קיין אַפּט, כדי קענען צו לערנען דאַס רבין ר׳ מאיר׳ל.

אַ צייט לאַנג האָט ער זיך געשלאָגען מיט די דעה צו ער זאָל נעמען רשות פון זיין רבין, דעם ראָפּשיצער צו פאָהרען קיין אַפּט. מורא האָבענדיג פאַר אַ אָבזאָג, האָט לסוף ר׳ חיים בעשלאָסען צו פאָהרען אָהן רשות.

אָנגעקומען קיין אַפּט, איז דער שפּעטערדיגער צאַנזער רב, אין פרייטאַג גלייך איז ער אריין צום רבין ר׳ מאירל שלום נעמען.

— פיניואַנען ביזטו יונגערמאַן? — האָט ר׳ מאירל אַפּטער אַ פרעג געטהון דעם אורח.

— איך בין פון „קיר״ה" (דאָס זענען די ראשי תיבות פון די ווערטער: קיסר ירום הודו. אזוי האָט מען דאמאָלס גערופען מלכות עסטרייך, צו וועלכען עס האָט אויך אָנגעהערט גאַליציען).

— און וואָס איז דיין טהון? — האָט חייטער געפרעגט ר׳ מאירל.

— איך בין רב אין רודניק און איך פאָהר קיין ראָפּשיץ.

ר׳ מאירל האָט נאָך אַ קירצע צייט בעטראַכט דעם אורח און דאַן האָט ער אויך געגומען די אַנדערע חסידים וואָס זענען געקומען צו איהם און מיט ר׳ חיים׳ן מיהר קיין וואָרט נישט גערעדט.

פרייטאַג־צונאַכטס האָט זיך ר׳ חיים מקדים געווען און איז געקומען צום טיש חען קיין איינער איז נאָך נישט געווען אין בית המדרש. ער האָט זיך אויסגעקליבען אַ אָרט נעבען אויוון און דאָרט זיך אוועקגעזעצט.

אין מיטען טיש הערט ער ווי ר׳ מאירל פרעגט זיך:

— וואו איז ערגיץ דער קירה׳שער יונגערמאַן!

ר׳ חיים האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט דערנעהנטערט זיך צום רבין וועלכער האָט איהם ביי די גאַנצע סעודה שטאַרק מכבד געווען.

אויפצומאַרגענס ביי דער סעודה האָט שוין דער רודניקער רב גע־מאוסט אז זיין אָרט איז נעבען דער שטוהל פון רבין און ער האָט טאַקי זיך דאָרט אַנידערגעשטעלט, נישט וואַרטענדיג אז דער רבי זאָל איהם צורופען.

אָבער ווי גרויס איז געווען זיין צער און צובראָכענקייט, זעהענדיג ווי דער רבי קוקט זיך גראָנישט צום אויף איהם, אַ שטייגער ווי ער וואָלט איהם גאָרנישט געקענט. אפילו ביים טיילען משקה. ווען עס האָט עמיצער פון די מקורבים דערמאָהנט אין דעם אורח פון גאַליציען, האָט דער רבי דערויף נישט געלעגט קיין אַכט.

עס איז איבריג צו שילדערען דעם שטורם וואָס עס האָט זיך צוליעב דעם דאָזיגען התרחקות אָבגעשפיעלט אין זיין האַרץ, אַזוי אַז ער האָט זיך אַ גאַנצען שבת׳דיגען טאָג קיין אָרט נישט געקאָנט געפונען.

ביי שלש סעודות, האָט ר׳ חיים ווידער פערנומען זיין ערשטען פלאַץ ביים סוף טיש, נעבען אויבען, וואו מען האָט איהם כמעט נישט אַרויסגע־זעהען.

אָבער מערקווירדיג, ווי נאָר דער רבי ר׳ מאירל איז אַריינגעקומען צום טיש האָט ער זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען און אויסגערופען:

— וואו איז ערגיץ דער קירה׳שער יונגערמאַן, זאָל ער דאָ אַהערקומען!

און ווידער רבי חיים צוגעגאַנגען צום רבין און אַוועקגעשטעלט זיך האָרט ביים רבין וועלכער האָט איהם אַרויסגעוויזען גרויס חיבה און התקרבות ביים טיש.

אז עס איז געקומען צו דער סעודת מלוה-מלכה. האָט ר׳ חיים זיך געשלאָ־גען מיט דער דעה וואו ער זאָל פערנעמען פלאַץ: צי ביים סוף טיש, נעבען אויבען, אָדער נעבען רבין. האָט ער זיך מיישב געווען, אז עס איז גלייכער אַוועקצושטעלען זיך נעבען רבין, ווייל אַנדערש וועט דער רבי זיך פרעגען אויף איהם, און אין דערגעגענוואַרט פון גאַנצען עולם צורופען צו זיך און דערפון קען ער אפשר בעקומען אַ שטיקעל התנשאות.

אָבער ווידער די אייגענע מעשה, ווי נאָר דער רבי האָט בעמערקט, אז ער שטעהט נעבען איהם. האָט ער נישט אַרויסגעוויזען צו איהם דאָס מינ־דעסטע התקרבות, אדרבא ער האָט איהם גאָר מרחק געווען פונקט ווי ביי דער צווייטער שבת׳דיגע סעודה.

פאַר גרויס צער האָט ר׳ חיים, ווי נאָר מען האָט אָבגעבענטשט, פערלאָזט דאָס בית המדרש, נישט וועלענדיג אַנטייל נעהמען אין רקוד און אוועק אויף דער אַכסניא וואו ער האָט זיך גענומען שפרייזען איבערן צימער אַרויף און אַראָב מיט גרויס מרירות און שברון-הלב.

אויף דער זעלבער אַכסניא זענען איינגעשטאַנען נאָך צוויי אורחים,

אַפּטער חסידים. די דאָזיגע חסידים זענען נאָך לאַנג פערבליבען אין בית מדרש און צוריקקומענדיג אין דער אַכסניא האָבען זיי אָנגעטראָפען ר׳ חיים׳ן אַ צובראָכענעם און פיעל מיט צער, האָבען זיי צו איהם אויסגערופען:

— יונגערמאַן, וואָס זענט איהר אַזוי געפאַלען ביי זיך, אַט האָט ערשט דער רבי געשמועסט ועגען אייך און ער האָט אייך שטאַרק מפליג געוועזן. אפנים דער רבי האַלט שטאַרק פון אייך...

די דאָזיגע דבורים האָבען ר׳ חיימן עטוואָס בערוהיגט. און צומאַרגענס אין דער פריה האָט ער אָבשיד גענומען פון רבי מאירל אַפּטער, וועלכער האָט דערביי אַרויסגעוויזען צו איהם גרויס חיבה און התקרבות. גלייך ווי ער האָט פערלאָזט אַפּט איז ר׳ חיים געפאָהרען קיין ראָפּשיץ און דערציילט דעם רבין אַז ער קומט נאר וואָס פון אַפּט און וואָס עס האָט דאָרט מיט איהם פּאַסירט.

אויסהערענדיג די דאָזיגע דבורים האָט דער ראָפּשיצער אויסגערופען:

— איך פערלאַנג פון דיר, אַז דו זאָלסט מיר מבטיח זיין נישט צו פאָהרען מעהר קיין אַפּט. זאָגסטו עס מיר צו?

— יא רבי, איך בין אייך מבטיח!

זייט דאַמאָלס איז דער צאַנזער רב מעהר נישט געפאָהרען קיין אַפּטא הגם ער האָט דערצו שטאַרק חשק געהאַט, אָבער זיין וואָרט וועט ער דאָך ה״ו נישט משנה זיין.

אין יאהרען אַרום אַזוי פאָרגעקומען אַ רבישע חתונה אויף וועלכע עס זענען זיך צונויפגעפאָהרען די צדיקים פון ראָפּשיץ און פון אַפּטא. און אויך דער צאַנזער רב איז געווען אויף דער חתונה, בעגלייטענדיג זיין רבין פון ראָפּשיץ, און היטענדיג זיין הבטחה האָט ער נישט בעזוכט דעם רבין ר׳ מאירל.

פרייטאָג-צו-נאַכטס זענען זיך אַלע צדיקים צונויפגעקומען און צוזאַמען געפראַוועט די סעודה, אין מיטן דער סעודה. האָט דער רבי ר׳ מאירל בעמערקט דעם צאַנזער רב, וועלכער איז געשטאַנען נעבען זיין רבין, דעם הייליגען ראָפּשיצער. האָט זיך דער רבי ר׳ מאירל מיט איהם שטאַרק דער-פרעהט און איהם מכבד געווען.

נאָך די סעודה, בעת דער רבי ר׳ מאירל האָט פערלאָזט דאָס בית מדרש, אוועקגעהענדיג צו זיך אויף דער אַכסניא האָט ער אָנגענומען ביי דער האַנד דעם צאַנזער רב און מיטגענומען איהם מיט זיך אויף דער אַכסניא.

דאָ האָט דער רבי ר׳ מאירל דעם יונגען גאַליצישען רב שטאַרק מכבד געווען, און געשטעלט משקה לכבוד איהם, פערטיפענדיג זיך מיט איהם אין אַ שאַרפען שמועס.

אין מיטן דעם שמועס רופט זיך אָן דער רבי ר׳ מאירל:

— מיר האָבען היינט געהאַט אַ שקלא וטריא מיטן ראָפּשיצער רבין, ווער עס זאָל זיין דער מנהיג ישראל נאָך אונז. דערביי האָבען מיר אָנגערופען

פערשידענע נעהמען, ביז מיר זענען געקומען לידי הסכם, אז איהר זאלט זיין דער מנהיג הדור, ווייל א חוץ אייער גדלות און צדקות וועט איהר אויך זוכה זיין צו אריכת ימים

אזוי ארום האבען די צוויי צדיקי הדור, דער רבי ר' מאירל פון אפט און דער רבי ר' נפתלי ראפשיצער בעשטימט דעם צאנזער רב אלס מנהיג הדור אין זיין פריהעסטער יוגענד.

כג.

# אמונת חכמים.

ווי ווייט דער צאנזער רב איז געווען דבוק אין זיין רבין דער ראפשיצער זצ"ל און שטארק מחשיב געווען יעדעס ווארט וואס איז נאר ארויסגעגאנגען פון זיין מויל בעווייזט דער פאלגענדער כאראקטיריסטישער פאקט.

געווען איז עס אין די צייטען ווען דער צאנזער איז נאך געווען רב אין רודניק. זיין נאמען איז שוין געווען בעריהמט אויף ווייט און ברייט. אין א געוויסען פריהמארגען האט ר' חיים גענומען זיין בני-בית און מיט האק און פאק אריבערגעפא רען אין קליינעם שטעדטל זאלין.

אנקומענדיג קיין זאלין, האט ער געשיקט רופען די ראשי הקהל און חשובי העיר און זיי ערקלערט, אז ער איז געקומען איבערנעהמען דאס זאלינער רבנות, פערלאנגענדיג אז זיי זאלען איהם אויפנעהמען אלס רב אין זייער שטאדט...

אויף די שאלות פון די ראשי הקהל און פון זיין בני בית: פארוואס ער וויל דאס ווערען רב אין אט דעם שטעדטל, אין דער צייט וואס מ'האט איהם אנגעבאטען פיעל גרעסערע און שענערע רבנות'ן און ער האט זיי אבגעזאגט. האט דער צאנזער געענטפערט מיט פאלגענדע מעשה:

ווי בעוואוסט איז זאלין פון שטענדיג אן א מחלוקת-שטאדט. שוין לאנגע יאהרען ווי זיי פיהרען מחלו'קת מיט זייערע רבנים. אזוי אז קיין שום רב האט זיך דא נישט געקענט דערהאלטען.

איינמאל דערצעהלט ווייטער דער צאנזער, פאהרענדיג מיטן הייליגען ראפשיצער זענען מיר אדורכגעפאה'ען דאס שטעדטל זאלין.

פערשטעה'ט זיך, אז די גאנצע שטאדט אנשים, נשים וטף זענען ארויסגעגאנגען מקבל פנים זיין דעם צדיק. פערבעטענדיג דעם ראפשיצער אין שטאדט אריין, ער זאל פערבלייבען א פאר טאג.

דער ראפשיצער האט זיך אבער ענטזאגט אריינצוקומען אפילו אין

שטאָט אַריין. די שטאָדט לייט האָבען אנגע־ויבען איהם שטארק בעטען, אז ער זאָל דאָך צו זיי אריינפאָהרען. דער ראָפשיצער האָט ויי אָבער קאָטע אָריש אָבגעזאָגט מאָטעהירענדיג עס דערמיט, אז אין אזא שטאָדט וואָס קען נישט דערהאַלטען קיין רב, וועט זיין פוס נישט איבערטרעטען.

די שטאָדטס לייט האָבען מיט טרעהרען אין די אויגען געבעטען בייס ראָפשיצער, אז ער זאָל זיי צוליעב טהון און לפחות אדורכפאָהרען די שטאָדט. אָבער דער ראָפשיצער האָט באין אופן אויך דערצו נישט מסכים געווען. אויסמוסר׳נדיג נאָך די שטאָדט לייט פאַרוואָס זיי פיהרען שטענדיג מחלוקת מיט די רבנים, שילדערנדיג פאר זיי דעם גרויסען עונש פון בעלי מחלוקת.

דער ראש, הקהל וואָס איז נישט געווען קיין חסיד, האָט זיך שטאַרק געפיעלט געטראָפען פון ראָפשיצערס ווערטער. האָט ער אויסגערופען:

— מיר זענען גאָרנישט שולדיג. אונזער שטעדטל איז זעהר קליין, א לייטישער רב חיל נישט אננעמען אונזער רבנות, נאר זוכט א גרעסערע שטאָדט און נישט קיין לייטישער רב קענען די שטאָדטס מענשען נישט פערטראָגען, ווייל זיי זענען על פי רוב תלמידי חכמים מופלגים בתורה. צוליעב דעם קען זיך ביי אונז קיין רב נישט דערהאַלטען.

— פאַרוואָס טויג אייך נישט אט דער דאָזיגער יונגעמאַן? — האָט דער ראָפשיצער געפרעגט די ראשי הקהל, אָנווייזענדיג אויף מיר.

— ער איז דאָך נאָך זעהר יונג! — האָט געענטפערט דער ראש הקהל.

– יעצט אבער – האָט דער צאַנזער פערענדיגט, – אַז כ׳בין שוין עלטער, און בין שוין ראוי איבערצונעמען דאס כסא רבנות אין אייער שטאָדט בין איך געקומען צו אייך, איהר זאָלט מיך אויפנעמען אָלס רב ווייל אַזוי איז געווען דער רצון פון הייליגען ראָפשיצער.

פערשטייט זיך, אַז די שטאָדט האָט איהם איבערגעגעבען א כתב רבנות און ר׳ חיים האָט זיך בעזעצט אין זאַלין.

ס׳האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט ווי די בעלי מחלוקת האָבען אויך אָנגעהויבען צו רודפן דעם צאַנזער. פערביטערענדיג איהם דאָס לעבען, כאָטש זיי האָבען נישט געהאַט קייגען איהם וואָס אויסצוזעצען. אַזוי אַז דער צאַנזער האָט געמוזט פערלאָזען די שטאָדט זאַלין.

פערלאָזענדיג די שטאָדט האָט ער אויף זיי געטייטש דעם פסוק:

דוד המלך זאָגט אין תהלים: ישלמו רעה תחת טובה, ישטנוני תחת רדפי טוב.

דער שטייגער איז, אַז דער מענש וואָס איז נאָך נישט מושרש, פערוואָרצלט אין שלעכטס, דער איז נישט קיין שונא דעם צדיק, פערקעהרט ער האָט איהם נאָך ליעב, דערפאַר וואָס ער טהוט גוטס.

דער וואָס איז אָבער ר״ל מושרש אין שלעכטס, איז נישט בלויז וואָס

ער האָט נישט ליעב דעם צדיק נאָר ער איז איהם אַ שונא, בלויז דערפאַר ווייל דער צדיק טהוט גוטס.

דאָס זאָגט דוד המלך: ומשלמי רעה — די מענשען וואָס זענען מושלם אין רע, תחת טובה — דאָס טוב איז ביי זיי גאָר גידעריג פון הינטען, זיי ישטנוני — האָבען מיך פיינד, בלויז דערפאַר וואס — רדפי טוב — וואס איך טהו גוטס.

די בעלי מחלוקת האבען אבער נישט געהאַט קיין גוטען סוף, דערפאַר וואס זיי האבען געטשעפּעט מיטן צאַנזער רב, וואס איז געווארען ביי זיי רב ווייל דער ראפשיצער האט זיך געפרעגט „צו עס געפעלט זיי דער דאזיגער יונגערמאַן"...

-----

אַ צווייטער כאַרקטעריסטישער פאַל, וואָס כאַראַקטעריזירט די אמונה פון צאַנזער רב אין זיין רבין דעם הייליגען ראַפשיצער:

איינער פון די בעריהמטע פערזענליכקייטען אין גאַליציען. איז דאַמאָלס געווען ר׳ נפתלי הורוויץ פון דוקלאַ.

ר׳ נפתלי הורוויץ פלעגט פון צייט צו צייט פאָהרען קיין ראפשיץ, וואו מ׳האָט איהם שטאַרק מכבד געווען צוליעב זיין לומדות, צדקות, נדבנות. פיה־רענדיג אַ ברייטען שטאַט.

קומענדיג דאָס מאָל קיין ראַפשיץ האָט זיך ר׳ נפתלי הורוויץ אַרומשפּאַצירט איבערן הויף איבער די פערשידענע חדרים און אַריינגעקומענדיג אין די קאך־שטוב האָט ער בעמערקט ווי צוויי יונגעלייט זיצען און שיילען קאַר־טאָפעל, צוגרייטענדיג אַ סעודת מלוה־מלכה. געווען זענען עס דער שפּעטער־דיגער צאַנזער רב און רבי שלום קאמינקער. ר׳ נפתלי הורוויץ האָט פער־שטענדליך קיין אכט נישט געלייגט אויף די דאָזיגע צוויי יונגעלייט. גראַד איז אַריינגעקומען דער ראַפשיצער רבי און ווענדענדיג זיך צו ר׳ נפתלין האָט ער אויסגערופען:

— וואָס זאָגסטו צו די דאָזיגע יונגעלייט, צו די דאָזיגע קאַרטאָפעל־שיילער!

— וואס זאָל איך זאָגען, גאַנץ וואוילע יונגעלייט — האָט ר׳ נפתלי אָבגעענטפערט.

— דאָס זענען אָבער שוין נישט קיין סתם „ערנטליכע־יונגעלייט" — האָט דער ראפשיצער אויסגערופען. — אָט האָסטו דעם לאָמצן, (דער צאַנזער רב איז ווי בעוואוסט, געווען שוואך אויף אַ פוס) די וועסט אַמאָל שטיין אַ האַלבע שעה ביי זיין טהור ביז מ׳וועט דיך אַריינלאָזען צו איהם.

יאָהרען זענען אוועק דער ראפשיצער איז נסתלק געווארען. ר׳ נפתלי הורוויץ איז שוין צו קיין אַנדערען צדיק נישט געפאָהרען, ווייל ער איז שוין געווען אַ זקן מופלג. דער נאָמען פון צאַנזער רב איז געוואָרען מפורסם אויף די וועלט, טויזענדטער מענשען זענען געקומען צו איהם, פרעגען עצות.

אויספועלן ישועות, און זוכען א וועג צו עבודות הבורא. אבער ר' נפתלי הורוויץ איז קיינמאל נישט איינגעפאלען צו פאהרען קיין צאנז.

איינמאל האט זיך געמאכט אז ר' נפתלי הורוויץ האט געהאט א שווערען געלד־סוכסוך מיט זיינע שותפים און עס איז ביי זיי געבליבען במוסכם צו פאהרען קיין צאנז בכדי דער רב זאל צווישען זיי פארגלייכען.

אנקומענדיג קיין צאנז האט ר' נפתלי פאר די טהיר פון רבינס חדר געטראפען א גרויסען עולם וואס האבען זיך געשטיפט און יעדער האט זיך בעמיהט וואס פריער אריינצוקומען צום רבין, דערפאר איז די ענגשאפט געווען אזוי גרויס, אז אפילו ר' נפתלי הורוויץ, וועלכער איז געווען א זקן מופלג, א נשוא־פנים, האט געמוזט שטעהען א האלבע שעה אונטער די טהיר.

פינקט צו די האלבע שעה, האט דער צאנזער רב געעפענט די טהיר און אריינגערופען צו זיך ר' נפתלין. אויסרופענדיג מיט א שמייכעל:

— זעהסט ווי דעם רבינס ווארט איז מקוים געווארען!

כד.

# די נשמה פון „קדושת לוי".

די צדיקי הדור האבען געזאגט אויפן צאנזער רב זצ"ל, אז ער האט די נשמה פון „קדושת לוי" פון בארדיטשעוו. דאס דאזיגע האבען מדגיש געווען די גדולי החסידות ביי יעדער געלעגענהייט, און אויך דער צאנזער גופא האט עס גאנץ אפט דערמאנט.

איינמאל איז אין צאנז אויסגעבראכען א שרפה אין א נישט־יודיש געגענד. די שרפה האט אנגענומען שרעקליכע פארמען, און מען האט מורא געהאט, אז דאס פייער זאל זיך נישט פערשפרייטען אויך אין די איבריגע שטאדט טיילען. קומט צו לויפען צום רב א קורץ געקלייד'עטער יוד, וועלכער האט זיך שוין לאנג דערווייטערט פון יודען און פון יודישקייט, געוואוינט צווישען גוים, און אויס ערופען צום רב:

— הייליגער רבי, ראטעוועט! מיין הויז ברענט און כ'ווער בדיל־הדל!

האט דער צאנזער רב געלאסען אויסגערופען:

— זינדיג נישט, פושע ישראל, וועט נישט ברענען, צוליעב דיר איז יאך אויסגעבראכען די שריפה!

דער יוד איז אוועק א צובראכענער פון רב'ס הויז, אבער די מקורבים

וואָס האָבן זיך דאָרט בשעת מעשה געפונען האָבן איינגעטענה'ט מיטן רבין:

— אבער רבי, א פייער איז דאָך נישט קיין קליינינקייט, א פייער פערשפרייט זיך דאָך כסדר!

דאָ האָט דער רב אָכאָפּ געטהון דאָס אויבער מלביש און אָרויס אין דרויסען, געבליקט צו דער זייט פון דער שריפה און אויסגערופען:

— זאָגט זיי דאָרט, די יודען וואָס וואוינען אין די שכנות'דיגע גאָסען, אז זיי דאַרפען זיך נישט פּאַקען, ווייל דאָס פייער וועט צו זיי מיטן אויבערשטנס הילף, נישט דערגרייכען.

אַריינקומענדיג צוריק אין שטוב האָט דער רבי דערצעהלט:

— כ'דערמאָהן זיך אַלס קינד פון א שריפה וואָס איז אויסגעבראָכען אין בראָד, וואו מיינע עלטערען האָבען אמאָל געוואוינט. דאַמאָלס בין איך אַלט געווען דריי יאָהר. שכל האָב איך שוין געהאַט, פערשטאַנען האָב איך, נאָר רעדען האָב איך נאָך רעכט נישט געקענט.

אַז די שריפה איז אויסגעבראָכען האָט מען מיך צוזאַמען מיט די איבריגע קינדער אַרויסגעראַטעוועט פון דער ברענענדיגער שטוב, און פון דערווייטענס האָב איך זיך צוגעקוקט צו דער שריפה. האָב איך געזעהען וואו פון איין זייט שטעהען מענשען און לעשען דאָס פייער, און פון דער אַנדערע זייט שטעהען „דייטשלעך" אויף די דעכער, און פערשפרייטען דאָס פייער... דאָב איך מיר געטראַכט, ווען נישט די דאָזיגע דייטשלעך וואָס מאַכען אָן די שריפות, וואָלט מען דאָך בכלל נישט בעדאַרפען לעשען...

היות ווי אויך אונזער הויז איז ביי דער דאָזיגער שריפה פערברענט געוואָרען האָבען מיר געמוזט פערלאָזען די שטאָדט בראָד און מיר האָבען זיך אבגעשטעלט אין דער שטאָדט סאַסאָוו.

פרייטאָג צו נאַכטס איז דער טאַטע געגאַנגען צום רבין ר' משה ליב סאָסאָווער צום טיש, און אויך די מאַמע איז געגאַנגען הערען קידוש פון רבין און מיך האָט זי געטראָגען אויף דער האַנד.

ווי נאָר די מאַמע איז צוגעקומען צו די שוועל פון בית מדרש האָט דער רבי ר' משה ליב אויסגערופען צום שמש:

— אָט שטעהט דאָרט א יודענע מיט א קינד אויף די האַנד, נעהם ביי איהר צו דאָס קינד און ברענג עס אהער!

האָט מיך דער שמש אָנגענומען דער ביי האַנד און צוגעפיהרט צום רבין דער רבי האָט זיך מיט מיר שטאַרק געפרעהט און געגלעט און א זאָג געטהון צו זיינע מקורבים:

— זעהט איהר. אָט דאָס קינד האָט די נשמה פון בערדיטשעווער!

ווען דער צאַנזער רב איז אָרײַן צו זיך אין צימער. האָט דער דוקלאַ־ער רב ר' אביגדור, א ברודער פון צאַנזער רב, וועלכער האָט זיך גרוד געפונען אין צאַנז אויסגערופען צו די מקורבים:

— דער ברודער, זאָל לעבען האָט אייך אַלץ נישט דערצעהלט, אבער איך בין געווען דערביי און כ׳קען אייך זאָגען, אַז יעדעס מאָל ווען דער סאַטאַ איז געקומען צום רבי׳ן ר׳ משה לייב, האָט ער זיך אויסגעפּרעגט אויף חיים׳לען און אָנגעזאָגט דעם סאַטען, אַז ער זאָל איהם גוט צוזעהען און אָבהיטען פון אַלעס שלעכטען ווייל דער דאָזיגער קליינער וועט זיין אַ מנהיג־הדור...

אויך דער רבי ר׳ אליעזר פון דזשיקאָוו האָט שטענדיג געזאָגט, אַז פון בערדיטשעווער׳ס צייטען איז נאָך אַזאַ רבי ווי דער צאַנזער נישט געווען.

דער רבי ר׳ אליעזרל פון קאָזשעניץ זצ״ל פלעגט אַלע יאָהר פאָהרען קיין צאַנז און זיך בעטראַכטען אַלס דעם צאַנזער רב׳ס אַ תלמיד. איינמאָל איז דער רבי ר׳ אליעזרל שווער־קראַנק געוואָרען, האָט ער אַ זאָג געטהון צו זיינע מקורבים, אַז ער בעדויערט, פאַרוואָס ער איז געפאָהרען קיין צאַנז, דערביי האָט ער דערצעהלט אַז נאָך דער פּטירה פון מעזריטשער מגיד, האָבען די גדולי התלמידים פון מגיד, ווי דער מגיד פון קאָזשעניץ, דער רבי ר׳ מענדעלע פון רימאַנאוו און דער חוזה פון לובלין בעשלאָסען צו פאָהרען צום „קדושת לוי״ קיין באַרדיטשעוו און פון איהם מקבל מרות זיין. אבער ווי נאָר זיי האָבען דערהערט פון „קדושת לוי״ אַז ער האָט די נשמה פון תנא רבי עקיבא, האָבען זיי מעהר נישט געוואָלט פאָהרען צו איהם, מחמת די תלמידי רבי עקיבא האָבען ווי בעקאַנט נישט מאַריך ימים געווען.

און היות ווי דער צאַנזער רב האָט די נשמה פון בערדיטשעווער, האָט ער מורא אַז ער וועט נישט מאַריך ימים זיין ווייל ער האָט זיך בעטראַכט אַלס זיין תלמיד.

און כך הוא. דער רבי ר׳ אליעזרל איז מעהר נישט אויפגעשטאַנען פון דעם בעט און איז נסתלק געוואָרען.

כה.

# „אות" און „מופת".

צאַנזער חסידים האָבען קיינמאָל נישט געהאַלטען פאַר נויטיג צו דערצעהלען מופתים פון זייער רבין. עס איז ביי זיי געווען אַ שטיק פחיתת־הכבוד צו רעדען וועגען צאַנזער רב אַלס בעל מופת. אַז צאַנזער חסידים פלעגען אַ שמועס טהון וועגען זייער רבין פלעגט זיך אייגער אויסדריקען: דער היילינער רב איז אַ גאון־הגאונים. דער „חתם־סופר" האָט אויף איהם געזאָגט, אַז אין חריפות האָט ער זיך נישט מאָס צו שעהמען פאַרן תומים (דער רבי ר׳ יהונתן אייבעשיץ זצ״ל פון פראג). האָט זיך אַ צווייטער חסיד אָנגערופען: דער

„ברוך־טעם" האט מעיד געווען אויף איהם, אז אין לומדות איז ער אזוי גרויס ווי דער „נודע־ביהודה" (רבי יצחק לאנדא זצ"ל). אבער וועגען מופתים האבען די חסידים זיינע נישט גערעדט, אויסדריקענדיג זיך הלצה'דיג: „ווער עס קאן אנ׳אות (דאס הייסט לערנען, אותיות) דארף נישט אנקומען צו קיין מופת"...

דאס הייסט נאך נישט, אז דער צאנזער רב זצ"ל האט נישט בעוויזען קיין מופתים, וואס האבען בעטהם אנגעמאכט א רושם אין דער חסידישער וועלט. וועגען דעם וואלט מען געקאנט א גאנץ חיבור אנשרייבען. מיר וועלען נאר אייניגע פון זיי דערצעהלען, כדי צו געבען א בילד וועגען דער גדלות און רוח־הקודש פון היילגען צאנזער זצ"ל.

צום צאנזער רב איז אמאל געקומען א יודענע פון קאנגרעס־פוילען. אנ׳אלמנה איז זי געווען, אזש פון לאדז. דארט האט זי פון לאנגע יאהרען געהאלטען א קרעטשמע אין ארענדע און דערפון האט זי זיך מפרנס געווען בדרך כבוד כל־זמן דער פריץ פון דארף האט געלעבט.

מיטאמאל איז דער פריץ געשטארבען און די יורשים האבען פערקויפט דאס גוט צו אנ׳אנדערען פריץ. דער נייער פריץ איז געווען א גרויסער שונא־ישראל און בעזעצענדיג זיך אין זיין נייעם גוט, האט ער קודם־כל זיך גענוי־מען צו די פאר יודען, וואס האבען דארט געלעבט, און צווישען אנדערע האט ער מודיע געווען די אלמנה, אז אין פערלויף פון דריי חדשים מוז זי פערלא־זען די קרעטשמע, וויל ער וויל קיין יודען ביי זיך נישט האלטען.

די פערצווייפעלטע יודענע איז געלאפען צום פריץ מיט א געוויין, אז ער זאל רחמנות האבען אויף איהר און איהרע יתומים. אז זי איז אומגליקליך, און אויב זי וועט זיין געצווינגען צו פערלאזען די קרעטשמע, האט זי נישט קיין אנדערען אויסוועג נאר צוווארפען זיך אין וואסער אריין צוזאמען מיט איהרע קינדער.

אבער דעם פריצס הארץ איז געווען הארט ווי א שטיין. די הארצרייסענדע יללות פון דער אלמנה מיט איהרע קינדער האבען איהם קנאפ וואס געריהרט און די פערצווייפלונג ביי דער ארימער פרוי איז געווען אין לשער.

הערענדיג פון דעם גרויסען נאמען פון היילינען צאנזער, ביי וועמען פיעל מענשען ווערען געהאלפען אין זייער נויט, האט די אלמנה זיך נישט גע־פוילט, און כאטש דער וועג פון לאדז קיין צאנז איז געווען א טייערער, צוויי מלוכות מיט א גרעניץ און דערמיט, דאך האט זי זיך געלאזט אין וועג־אריין. וואכען לאנג האט זי זיך געשלעפט איבער די וועגען, ביז זי איז אנגעקומען קיין צאנז.

ווען דער היילינער צאנזער האט אויסגעהערט איהר בקשה, האט ער, ווי זיין שטייגער איז, איהר אנגעוואונשען, אז השם יתברך זאל העלפען.

די אלמנה האט אבער מיט דער דאזיגער ברכה זיך נישט בעגניגענט. געקומען פון הינטער לאדז צום רבין קיין צאנז, וועט זי אוועק מיט א בלויזער

ברכה! — זי מוז געהאָלפֿען ווערען, אַנדערש וועט זי נישט אָבטרעטען. דער רבי מוז איהר מבטיח זיין, אַז דער פּריץ וועט איהר לאָזען צורוה און וועט איהר ווייטער געבען די קרעטשמע אין אַרענדע. אויב נישט, וועט זי בשום אופן נישט אַוועק פון דאַנען.

די פּרוי איז פּערבליבען אין צאַנז אויף עטליכע טעג. יעדען טאָג איז זי געקומען צום רבין און געקלאָגט און געוויינט, אַז עס האָט ממש דאָס האַרץ צושניטען. איינמאָל האָט זיך דער רבי שטאַרק איבער־געגומען מיט דער פערצווייפעלטער לאַגע פון דער אַלמנה און ער איז אריינגעפאַלען אין מורא־דיגער דביקות. אין אַזא צושטאַנד האָט ער זיך געפונען אַ צייט־לאַנג, ביז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און אויסגע־רופען צו דער אַלמנה:

— פאָהר צו ר' שמעון יואב'ן קיין לאַנצק!

עס פערשטעהט זיך, אַז די אַלמנה וועלכע האָט דעם נאָמען אין איהר לעבען נישט געהערט, איז ממש ווי פערשטיינערט געוואָרען פון דער דאָזיגער תשובה. אָבער נישט בלויז די אַלמנה נאָר אפילו די אַרומיגע, וועלכע האָבען פון לאַנצק יאָ געהערט און ר' שמעון יואב'ן אפילו גוט געקענט, זענען נישט ווייניג איבערראַשט געוואָרען פון דער דאָזיגער מאָדנער תשובה.

ר' שמעון יואב לאַנצקער איז געווען אַ מערקווירדיגער טיפּ, וועגען וועמען עס איז כדאי צו דערצעהלען באַריכות:

אַליין איז ער געווען אַן אַרענדאַר האַלטענדיג די אַרענדע סאַקי אין דעם דאָרף לאַנצק, וואָס געפינט זיך אינגאַנצען דריי מייל פון צאַנז. אָבער חוץ אַנדערש איז ער געווען פון אַלע אַנדערע אַרענדאַרען.

דער טיפּ אַרענדאַר איז אַלעמען בעקאַנט. דאָס זענען יודען מעהרסטענס טיילס פּערגרעבטע, קנאַפּע לומדים, וואָס זענען נאָך מעהר דערווייטערט געוואָרען פון יודישקייט לעבענדיג אין די דערפער, ווייט פון יודישע קבוצים. דערפאַר איז דאָס וואָרט אַ ר ע נ ד אַ ר געוואָרען אַ שם נרדף פאַר עם־האַרצות און פּערגרעבטקייט.

ר' שמעון איז אָבער געווען אַ גדול בתורה. אַ תלמיד מובהק פון רבי מרדכי בענעט פון ניקאָלסבורג, און פון חתם סופר, וואו ער האָט אַ געוויסע צייט געלערנט. ער איז בעקאַנט געווען אַלס אויסערגעוועהנליכער חריף און חען ער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון אַן אַרענדאַר, האָט ער בעשלאָסען, נאָכן טויט פון זיין שווער, צו האַלטען ווייטער די אַרענדע, כאָטש מען האָט איהם פאָרגעלעגט די שעהנסטע רבנות־אמטען.

אין דער יוגענד איז ר' שמעון יואב געווען אַ פערביסענער מתנגד. דעם נאָמען פון חסיד נישט געוואָלט הערען. אָבער ווי נאָר ער האָט זיך בעקענט מיטן צאַנזער רבין, איז ער געוואָרען אַ פייערדיגער חסיד און איז אויך געווען איינער פון די שעהנסטע צאַנזער חסידים

דער דאָזיגער מערקווירדיגער „אַרענדאַר" האָט אויסגעזעהען ווי אַ פּאָטריאַרך. אַ הויכער יוד, מיט אַ שניי־ווייסער באָרד, וואָס האָט איהם

גפ־רייכט ביז צום גארטעל. מיט אַ דויכען קראָרען שטעריען און ליכטיגע אויגען, מיט אַ שטענדיג שמייכעלע אויף די ליפען. אַזוי איז ער געשטאַנען און פערקויפט אָקעוויט צו די פויערים און זיך מיט זיי גוטמוטיג אונטערגעהאַלטען.

די פויערים און אפילו די הויפס־גויים מיטן פריץ בראש האָבען דעם אָרענדאַר ליעב געהאָט אַהבת־נפש. זייענדיג גרייט אויף זיין וואָרט צו געהן אין פייער און אין וואַסער. העפליך איז ער געווען ביז גאָר, און גוטמוטיג. אַלע סכסוכים צווישען די גויים האָט ער אויסגעגלייכט. אַז אַ פויער האָט זיך נעקריקט מיט זיין פויערטע, זענען זיי ביידע אַוועק צו ר׳ שמעון יואבן און זיך אָנגערעדט פאַר איהם. און ר׳ שמעון יואב האָט זיי געדולדיג אויסגעהערט און זיי זענען נישט אַוועק פון איהם פריהער ביז זיי זענען צווישען זיך גוט־געוואָרען...

פונדעסטוועגען האָט עס נישט געשטערט ר׳ שמעון יואבן צו שטעהען אין פערבינדונג און לערנען מיט די גרעסטע גאונים פון זיין צייט. זייענדיג עוסק גאַנצע נעכט איז תורה־לשמה.

אַ כאַראַקטעריסטישען עפיזאָד דערצעהלט מען וועגען ר׳ שמעון יואבן: איינמאַל איז ער געווען אין א געשעפטליכען ענין אין לעמבערג. ווען ער האָט זיך אָבגעפערטיגט מיט זיינע ענינים, איז ער אַוועק צום בעקאַנטען לעמבערגער גאון ר׳ יוסף שאול נאַטאַנזאָהן ז״ל, בעל „שואל ומשיב", כדי מיט איהם אַ שמועס צו טהון אין לערנען.

דער לעמבערגער רב האָט זיך גראָד מפלפל געווען מיט זיינע דיינים וועגען א האַרבען ענין און נישט בעמערקט דאָס אָנקומען פון פרעמדען יוד. ר׳ שמעון יואב איז דעריבער געשטאַנען אין אַ זייט און זיך צוגעהערט צום פלפול און כמעט נישט ווילענדיג האָט ער זיך אַריינגעמישט אין דער זאַך, אויסדריקענדיג זיינס אַ סברה.

דער אויספיהר פון פרעמדען יוד איז דעם לעמבערגער גאון שטאַרק געפעלען און ער האָט אָנגעהויבען זיך מפלפל צו זיין „און דער לענג און אין דער בריים" אַזוי, אַז דער פלפול האט זיך פערצויגען אויף שעהנע עטליכע שעה.

נאָכדעם ווי דער ענין איז קלאָר געוואָרען, פרעגט דער לעמבערגער רב זיין גאַסט אין וועלכער שטאָדט ער איז רב.

— איך בין נישט קיין רב — האָט ר׳ שמעון יואב געענטפערט.

— איך בין מיר אַ פשוט׳ער אָרענדאַר, וואָס ווייזט איצט צוליעב זיינע עסקים אין לעמבערג.

די דאָזיגע תשובה האָט ר׳ יוסף שאולן שטאַרק איבערראַשט. אזא למדן — אַ ג׳ארענדאַר, אין זיין לעבען זעהט ער עס צום ערשטען מאָל. ביידע גדולים האָבען זיך דאַן פונאַנדערגעשמועסט און צום סוף האָט זיך דער גאון אָנגערופען:

— צינד גיז ביי מיר ריכטיג. איהר זענט אַ צאַנזער חסיד. דער צאַנזער גאון קען זיך פערגינען צו האָבען אזעלכע אָרענדאַר׳ס ווי איהר זענט...

אָבער סוף כל־סוף איז דאָך ר׳ שמעון יואב נישט געווען קיין גוטער־יוד און אוודאי נישט קיין בעל־מופת. טאָ ווי אַזוי קען די אַלמנה געהאָלפען ווערען ביי איהם אין לאַנצק?...

די אַלמנה האָט נישט געפרעגט קיין קשיות, געשאָפט זיך אַ פוהרעל און תיכף אָבגעפאָהרען קיין לאַנצק צו ר׳ שמעון יואב׳ן.

הערענדיג די בקשה פון דער פרוי און דאָס שליחות פון זיין רבין, איז ר׳ שמעון יואב נישט ווייניגער איבעראַשט געוואָרען ווי אַלע אַנדערע. ער האָט קיינמאָל אַפילו דעם נאָמען פון דאָרף נישט געהערט. אַליין האָט ער בעשטאַמט פון אונגאַרן און אַפילו פון דער שטאָדט לאַדז האָט ער אַ קנאַפּע השגה געהאַט, ומכל שכן, ער זאָל קענען דעם פּריץ פון דעם דאָרף, פון וועמען עס איז אָבהענגיג די פרנסה פון דער אַלמנה?..

אָבער ר׳ שמעון יואב איז געווען אַ צאַנזער חסיד. דעריבער האָט ער בעהאַלטען, אַז מסתמא דאַרף עפּעס פאַרקומען. האָט ער געהייסען דער פרוי פערבלייבען ביי איהם אַ פּאָר טעג, אפשר וועט זיך עפּעס מאַכען, און מען וועט אָנהייבען צו פערשטעהן וואָס דער רבי איז אויסען געווען דערמיט, וואָס ער האָט געשיקט צו איהם דער אַלמנה, וועלכע נויטיגט זיך אין אַ ישועה.

זענען אַריבער עטליכע טעג און קיין זאַך איז נישט געשעהען. די אַלמנה איז אַרומגעגאַנגען פערצווייפעלט. די טעג לויפען, דער טערמין רוקט זיך אָן און דאָ זעהט זי נישט קיין שום אויסוועג. ר׳ שמעון יואב האָט איהר אָבער געטרייסט, אַז זי זאָל האָבען געדולד, און האָבען בטחון, אַז השם יתברך וועט איהר העלפען אין זכות פון הייליגען צדיק.

מאַכט זיך, אין עטליכע טעג אַרום ברעכט אויס אַ שרעקליכער שטורם־ווינט, וואָס האַלט אָן אַ גאַנצען טאָג. מיט דער נאַכט צוגלייך לאָזט זיך אַראָפּ אַ שלאַגס־רעגען, אַ מבול פון ג־ט.

אינדרויסען מבול׳ט כסדר. און ר׳ שמעון יואב זיצט זיך, ווי זיין שטייגער איז, איבער זיינע ספרים, פערטיפט אין לערנען. פלוצלונג הערט זיך אַ קלאַפּען אין דער טהיר. דאָס קלאַפּען ווערט פון מינוט צו מינוט שטאַרקער, ביז ר׳ שמעון יואב דעצידירט זיך צוצוגעהן צו דער טהיר, כדי צו דערוויסען זיך, ווער עס קלאַפּט.

דערהערט ער די שטים פון אַ קריסט, וועלכער בעט זיך רחמים, ער זאָל איהם עפענען די טהיר און אַריינלאָזען, ווען נישט וועט ער אומקומען.

ר׳ שמעון יואב האָט געעפענט די טהיר און פאַר איהם איז געשטאַנען אַ מענש, אויסגעווייקט פון קאָפּ ביז פיס. איינגעטינקט אין בלאָטע, אין קויט און געגאָסען האָט זיך פון איהם — גאַנצע עמערס.

ר׳ שמעון יואב האָט ניט געקלערט קיין סך, נישט געפרעגט ביי איהם

וואָס אין ווען. אָבגעצויגען פון איהם די נאַסע מלבושים, דערלאַנגט איהם אַביסעל וואַרימס און אַריינגעלעגט איהם אין זיין בעט, כדי ער זאָל זיך אויס־וואַרימען, און קומען צו די כּחות.

אין דער פריה האָט דער גאַסט דערצעהלט, אַז ער איז אַ פּריץ, פון גרויסען פּוילישען אָדעל. ער פערמאָגט אַ גוט אונטער לאָדז און ער געפינט זיך איצט אין שטשאָווניק (דריי מייל פון לאָנצק) אויף קור. נעכטען האָט זיך איהם פערגלוסט אַראָבצוגעהן פון דער בּריטשקע און צו שפּאַצירען צופוס. ביז ער האָט פערבלאָנדזשעט און עס איז אויסגעבּראָכען דער שרעקליכער רעגען. דערבּיי האָט ער מיט טרעהרען אין די אויגען געדאַנקט דעם גאַסט־פריינדליכען קרעטשמער, וועלכער האָט איהם פּשוט געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט און פאַרגעלעגט איהם אַ גרעסערע סומע אַלס בּעלוינונג.

ר׳ שמעון יואב האָט נאַטירליך קיין גראָשען געלד פון דעם פּריץ נישט גענומען. אָבער זיין מערקווירדיגע ערצעהלונג האָט איהם אין גאַנצען דערמאָהנט דער פּריץ קומט פון הינטער לאָדז. איז נישט פאַרהאַן אַמאָל אַ צוזאַמענהאַנג צווישען פּריץ און דער אָרימער אַלמנה, וואָס וואַרט אין זיין הויז אויף אַ ישועה?...

ר׳ שמעון יואב האָט זיך גענומען גענוי אויספרעגען ביים פּריץ דעם נאָמען פון דאָרף און ווי נור דער פּריץ האָט אָנגערופען דעם נאָמען פון זיין גוט, האָט ר׳ שמעון יואב מאָדנע אָנגעהויבען ציטערן, אַז הענד און פיס האָבען זיך איהם אָנגעהויבען וואָרפען.

דער פּריץ האָט מיט גרויס פערוואונדערונג בּעמערקט די אויפרעגונג פון זיין גאַסט־געבּער און געפרעגט זיך אויף דער סיבה.

ר׳ שמעון יואב האָט איהם דאַן דערצעהלט, אַז ער האָט אַ קרובה אין יענעם דאָרף, וואָס האָלט דאָרט פון כּמה יאָהרען די קרעטשמע אין אָרענדע און לעצטענס איז דאָס גיט איבּערגעגאַנגען צו אַ צווייטען פּריץ, וועלכער האָט בּעשלאָסען זיין קרובה די אַלמנה אַרויסצוּוואַרפען פון דער קרעטשמע.

— דאָס בּין איך דאָך דער פּריץ פון דאָרף און איך האָב דאָך בּעשלאָסען דער אַלמנה פון גיט אַרויסצוּוואַרפען — האָט דער פּריץ מיט גרויס איבּעראַשונג אויסגערופען — איך האָב געהאַט אַ שלעכטע מיינונג וועגען יודען, אָבער נאָך דער געשעהעניש פון דער היינטיגער נאַכט וועל איך שוין אַנדערש טראַכטען וועגען אייך. זייט מוחל בּעל־הבּית, דערלאַנגט מיר אַ בּויגען פּאַפּיר מיט טינט און פעדער, איך וועל שרייבען צו מיין עקאָנאָם, אַז די אַלמנה פערבּלייבּט אין קרעטשמע אויסן גאַנצען לעבען אָהן אַ גראָשען געלד!...

דער פּריץ האָט גלייך מקיים געווען זיין הבטחה און אַוועקגעפאָהרען מיט ר׳ שמעון יואב׳ס געשפּאַן קיין שטשאָווניק.

און פון לאָנצק איז די אַלמנה אַהיימגעפאָהרען אַ געהאָלפענע, מיט דעם געשאַנק־אַקט, אַז צו איהר געהער די קרעטשמע, וואָס דער פּריץ האָט אָנגעשריבען מיט דער אייגענער האַנד...

כו.

# צאַנזער רבנות.

דאָס איבערגעהן פון קליינעם שטעדטל רודניק קיין צאנז, ווערענדיג דאָרט בעשטימט אַלס רב־הגליל, איז נאַטירליך אַזוי לייכט נישט אָנגעקומען. בפרט ווען דער צאַנזער רב איז שוין דאמאָלס געווען בעקאַנט אַלס פייערדי־גער חסיד, און די חסידישע וועלט האָט שוין אויף איהם אָנגעהויבען קוקען ווי אויפן צוקונפטיגען מנהיג החסידות.

עס האָבען זיך אָבער געפונען אין צאַנז עטליכע פרנסים, חשובע פער־זענליכקייטען אין שטאָדט, וועלכע האָבען נישט געקאַרגט קיין מיה ביז עס איז זיי געלונגען אויפצונעמען אַלס שטאָדט־רב דעם „דברי חיים״ זצ״ל.

איינער פון די אָנגעזעהענסטע פני פון שטאָדט, אַ יוד אַ נכבד, גביר און תלמיד חכם וועלכער האָט זיך ממש מוסר נפש געווען ביז ס׳איז איהם געלונגען אויפצונעמען דעם „דברי חיים״ אין צאַנז, איז געווען דער בעקאַנטער עסקן ר׳ יודל אורלענדער.

ר׳ יודל וועלכער איז ווי געזאָגט אַליין געווען אַ גרויסער תלמיד חכם, איז גאָר שטאַרק נתפעל געוואָרען פון רודניקער רב׳ס גאונות, פון זיין דרך אין לערנען, פון זיין חריפות און עמקות. און דאָס האָט געווירקט, אַז ער זאָל זיך מכניס זיין אין די זאַך ביז ס׳איז איהם געלונגען דורכצופיהרען זיין וואונש און דער „דברי חיים״ האָט זיך בעזעצט אין צאַנז.

אָבער שפּעטער האָט ר׳ יודל איבערגעלעבט אַ אינערליכען קאַמף. די מתנגדים האָבען נאַטירלעך נישט גערוהט און האָבען זיך בעמיהט דעם נאָמען פון נייעם רב גרינג צו מאַכען אין די אויגען פון די שטאָדט־לייט. און איינער פון די דאָזיגע מתנגדים האָט זאָגאַר פאָרגעוואָרפען ר׳ יודלען, אַז דער רב וועמען ער האָט אויפגענומען, וועט איהם נושא פנים זיין ווען ער וועט האָבען מיט עמיצען אַ דין־תורה.

דאָס האָט ר׳ יודלען שטאַרק פערדראָסען און ער האָט בעשלאָסען דעם נייעם רב אויסצופּריבען. ער האָט אונטערגעשטעלט איינעם פון זיינע ידידים, וועלכער איז אַוועק צום רב און גערופען לדין ר׳ יודל אורלענדער׳ן.

ר׳ חיים האָט גלייך געשיקט דעם בית־דין שמש צו ר׳ יודלען אויס־פאָדערענדיג איהם, אַז ער זאָל תיכף קומען לדת.

ר׳ יודל האָט דעם שמש גאַנץ קאַלט אויפגענומען און אויסגערופען:

— זאָג דאָרט דעם רב, אַז איך האָב נישט קיין צייט. ער זאָל מיך צינד נישט פערדרייען דעם קאָפּ מיט דין־תורות!

ווען דער שמש איז צוריקגעקומען צום רב מיט די דאָזיגע תשובה איז דער רב אויסער זיך געוואָרען פון אויפרעגונג און אַ צווייט מאָל געשיקט דעם שמש מיט דער שליחות.

— זאָג איהם דאָרט — האָט דער רב אויסגערופען צום שמש, אַז ער זאָל נישט מיינען, אַז ער איז ביי זיך אַ תקיף, ווייל ער האָט מער געטהון אַ טובה ביים רבנות. ביי דין־תורה איז נישטאָ קיין תקיפות! און ווען אַ יוד איז עמיצען תובע לדין, דאַרף ער זיך תיכף שטעלען פאַרן בית־דין.

אָבער אויך די דאָזיגע דבורים האָבען אויף ר׳ יודלען נישט געמאַכט קיין רושם און ער האָט זיך אָנגעבייזערט אויפן שמש, אויסרופענדיג:

— וואָס האָט ער צו מיר אַלע מינוט צו שיקען אַ שמש? איך האָב דאָך געזאָגט, אַז איך האָב איצט קיין צייט נישט. און ווען איך וועל האָבען צייט, וועל איך אַליינס קומען!

ווען דער שמש איז צוריקגעקומען מיט די דאָזיגע תשובה האָט דער רב אויסגערופען צום שמש:

— געה צום דריטען מאָל צו ר׳ יודל אורלענדער און זאָג איהם: אַז אויב ער וועט נישט תיכף ומיד קומען צו די דין־תורה, וועל איך איהם מנדה זיין...

הערענדיג די דאָזיגע דבורים פון שמש איז ר׳ יודל תיכף געלאָפען צום רב און געבעטען, אַז דער רב זאָל איהם מוחל זיין פאַר דעם עגמת נפש וואָס ער האָט איהם פערשאַפט, באמת האָט ער מיט קיינעם נישט קיין דין־תורה. זיין כוונה איז נאָר געווען אויסצופרובירען דעם רב צי ער וועט איהם נישט נושא פנים זיין בדין. און איבערצייגענדיג זיך איצט, אַז אויך איהם, פון די שעהנסטע חשובים פון שטאָדט וואָס האָט זיך אַזוי פיעל משתדל געווען ביים רבנות, האָט ער נישט נושא־פנים געווען און אַרויסגעבּרעטען געגען איהם מיטן גאַנצען חומר הדין, איז ער פולשטענדיג רוהיג און בטוח, אַז ער האָט נישט געגרייזט מיט זיין וואָהל און ער איז באמת ראוי לאותו איצטלא.

---

ווי שוין דערצעהלט האָט דער צאַנזער רב געהאַט פיעל געגענער בשעת ער איז אָנגעקומען קיין צאַנז. אָבער די אַלע וואָס האָבען גערודפט דעם רב האָבען בעקומען זייער פסק.

צווישען די געגנער פון רב איז אויך געווען אַ יוד, אַ מלמד, וועלכער האָט זיך נישט אָבגעשטעלט ביי קיין זאַך און אָנגעפירט מיט די מחלוקה.

איינמאָהל, אין פורים, בעגעגענט ער אַ יונגעל וואָס טראָגט משלוח־מנות צום רב.

רופט אויס צו איהם דער מלמד:

— הער, קליינער, צו וועמען טראָגסטו עס שלח־מנות צום לאָמען רב?

דאָס יונגעל האָט דאָס דערצעהלט דעם רב און דער מלמד האָט געהאַט זיין פסק, ער האָט ר״ל, נישט מוציא שנתו געווען.

אויך עטליכע נגידים וואָס האָבן דעם רב געוואָלט, האָבן בעקומען זייער פסק: זיי זענען געוואָרען אביונים, פערלירענדיג זייער גאַנץ פערמעגען.

אין צוואַנציג יאָהר אַרום איז דעם מלמדס אַ שוואָגער געווען איינער פון די גבאים ביים צאַנזער רב זצ"ל.

אמאָהל איז ער געפאָהרען צוזאַמען מיטן רבין שפּאַצירען און זעהענדיג ווי דער רבי איז אויפגעלעגט האָט דער גבאי אויסגערופען:

— רבי, שוין אַ צייט לאַנג ווי מיך מאַטערט אַ שאלה, אָבער ס'איז נישט געווען קיין געלעגענהייט די דאָזיגע שאלה צו שטעלען. נאָר איצט דוכט זיך מיר איז געקומען די צייט זיך אַראָבצורעדען פון הארצען, זאָגט מיר רבי, פאַרוואָס האָט איהר מיין שוואָגער, דעם מלמד, מעניש געווען מיט מיתה ר"ל און די גבירים האָט איהר בלויז געמאַכט פאַר אָרימעלייט?

האָט דער רבי אַ שטרענגען בליק געטהון אויפן גבאי און אויסגערופען:

— און איצט, נאָך צוואַנציג יאָהר, מיינסטו, אַז ער איז שוין מיינע פטור?...

------

נאָך דער פטירה פון רבין ר' נפתלי ראָפּשיצער זצ"ל, האָבען די ראָפּשיצער חסידים געקרוינט אַלס מנהיג זיין איידעם ר' אשר'ל.

דער צאַנזער רב פלעגט פון צייט צו צייט פאָהרען צום רבין ר' אשר'ל ראָפּשיצער. אָבער דער עיקר האָט ער זיך בעטראַכט אַלס תלמיד פון רבין ר' הירשעלע זידיטשובער.

חסידים דערצעהלען, אַז ווען דער צאַנזער רב איז צום ערשטען מאָל געקומען קיין זידיטשוב האָט דער רבי געמאַכט פאַר איהם אַ ווארימען קבלת פנים, דערביי האָט ער געלאַכט און געוויינט...

— איך פרעה מיך — האָט דער זידיטשובער רבי מסביר געווען — דערמיט וואָס איך האָב זוכה געווען צו אַזאַ תלמיד. און דאָס האַרץ צוביים מיר פאַר יסורים ווען איך דערמאָהן זיך די סיבה וואָס האָט בעוואויגען דעם צאַנזער רב צו פאָהרען צו אונז — דאָס איז די פטירה פון הייליגען ראָפּשיצער...

ערשט נאָך די הסתלקות פון זידיטשובער האָט דער צאַנזער רב אָנגעהויבען נוהג נשיאות צו זיין און פיעל טויזענדער יודען זענען געפאָהרען צו איהם פון גאַנץ גאַליציען און אונגאַרן.

אמת, פון צייט צו צייט פלעגט דער צאַנזער רב בעזוכען אויך אַנדערע צדיקי הדור, ווי דעם בעלזער רבין ר' שלום זצ"ל, דעם ריזשינער און אַנדערע. אָבער געפאָהרען איז ער שוין נישט מעהר אַלס חסיד מיט'ן צוועק צו זיין כפוף אונטער זיי. פאַרקעהרט בעריהמטע צדיקים פלעגען קומען קיין צאַנז און זיך בעטראַכטען אַלס זיינע תלמידים.

צווישען די גדולי התלמידים פון צאנזער רב האבען זיך געפונען אזעלכע צדיקים ווי:

דער „גוטער יוד" פון ניישטאדט (א זוהן פון „מאור ושמש").

דער רבי ר' נתן דוד פון שידלאוועץ.

דער „תפארת שלמה" פון ראדאמסק.

דער מאגעלניצער רבי ר' מאיר יחיאל.

זיין זוהן דער רבי ר' אלימלך פון גראדזיסק.

דער רבי ר' יהושע'לע פון בעלז.

דער רבי ר' יצחק אייזיק פון זדיטשוב.

דער רבי ר' דודל פון דינוב.

דער רבי ר' הערש פון דוסקא.

דער רבי ר' אליעזר פון קאזשעניץ.

דער רבי ר' משה פון ראזוואראוו.

דער דזשיקאווער רבי ר' מאיר ל.

און פיעל, פיעל, אנדערע צדיקים וואס זענען אליין געווען מנהיגים פון הונדערטער און טויזענדער חסידים.

קיין צאנז, זענען אויך געפאהרען אזעלכע גאונים ווי:

הגאון ר' הלל ליכטענשטיין דער „בית הלל" פון קאלאמיא.

הגאון ר' שמואל אהרן דער „בית אהרן".

דער קאלישער רב הגאון ר' חיים אליעזר וואקס בעל „נפש חיה".

ער „קול ארי'", און פיעל אנדערע.

און פון צאנז איז זיין נאמען געווארען בעריהמט אויף די גאנצע יודישע וועלט.

# סוף ערשטע טייל

# צווייטע טייל

## כז.

# חסידות און לומדות.

צוטרעטענדיג איבערצוגעבען פאר אונזערע לעזער דעם דרך החסידות פון צאנזער רב, זכרונו לברכה, קומען מיר צו, צו איינעם פון די וויכטיגסטע מאמענטען פון דער חסידישער געשיכטע בכלל, און צו דער סיבה פארוואס עס איז ענטשטאנען א פערביטערטע מחלוקה צווישען חסידים און מתנגדים.

דער חסידישער דרך צייכענט זיך אויס, קודם כל דערמיט, וואס ער איז צוגענגליך פאר יעדען יוד. צי ער איז א גרויסער למדן, צי ער איז א קנאפערער למדן, — אויב ער איז נאר א יוד מיט נשמה, מיט הארץ, איז פאר איהם שוין אפען דער וועג צו חסידות, וואו ער קען זיך לייטערען און דערהויבען, שטייגען און קומען אלץ העכער און העכער.

אבער ביז צום בעל שם טוב, זכרונו לברכה, האט דער מאסען־יוד, דער פאלקסטימליכער יוד, דער יוד וואס האט זיך נישט אויסגעצייכענט מיט לומדות און חריפות — דער דאזיגער יוד האט קיין איבריגע חשיבות נישט געהאט. די לומדים, די רבנים האבען מיט זיך פארגעשטעלט די אריסטא־קראטיע פון פאלק. זיי זענען עס געווען די פיהרער, און די מאסע איז דורך זיי געפיהרט געווארען און בעציגען זיך צו זיי מיט גרויס יראת הרוממות.

און היות ווי לומדים, וואויל־לערנער און „גוטע קעפ" וואס זאלען זיך אויסצייכענען מיט חריפות ובקיאות זענען סוף כל סוף זעלטענהייטען, און נאר אויסדערוועהלטע יחידים זענען געבענשט דערמיט, איז די גרויסע פאלקס־מאסע ביסלעכווייז דערווייטערט געווארען פון שורש. די צייטען זענען געווען שלעכ־טע. צרות אויף צרות, נישט געזען קיין פרנסה, און ממילא האט מען דעם

קאָפּ נישט געהאַט צו פּערטיפּען זיך אין די מקורות התורה, איז דאָס פאָלק פּערגרעבט געוואָרען און געפאַלען ביי זיך, האַלטענדיג, אַז דער פּשוט'ער מאַסען־יוד טויג שוין צו גאָרנישט. די דאָזיגע המון־יודען האָבען ממש די האָפנונג פערלוירען צו דערגרייכען עפּעס אין יודישקייט.

איז געקומען דער דרך החסידות פון הייליגען בעל שם טוב, און האָט די דאָזיגע איינגעדעניש, אַז דער געוועהנליכער יוד האָט שוין אויף גאָרנישט צו האָפען, לחלוטין אָבגעלייקענט.

יעדער יוד, דער פּשוטער ווי דער למדן, דער רב ווי דער בעל מלאָכה, — האָט געזאָגט דער הייליגער בעל שם טוב זצ"ל — יעדער האָט זיין חשיבות אין הימעל, יעדער יוד איז אַ חלק אלקי ממעל, יעדען יודס נשמה איז אַ טייל פון דער הייליגער שכינה, און איז חצובה מתחת כסא הכבוד. דעריבער טאָר אַ יוד נישט פאַלען ביי זיך, און ביי יעדען אומשטאַנד זיך אָבגעבען מיט עבודות הבורא. מיט וואָס נאָר אַ יוד קען, דאַר מען דינען דעם בורא, און אַמאָל קען דער פּשוט'ער יוד וואָס איז נישט קיין למדן זיין מעהר חשוב אין הימעל ווי דער גרעסטער למדן, אויב נאָר דאָס האַרץ און די נשמה איז איבערגעגעבען צום עבודות, אויב ער טיינט עס נאָר מיטן גאַנצען האַרץ, ווייל דער עיקר איז דער ערנסט, די נשמה, דאָס האַרץ — רחמנא לבא בעי...

אַ קאַפּיטעל תהילים בכונה — לערנט דאָס חסידות — איז אַמאָל חשובער ביים אויבערשטען ווי אַ בלאַט גמרא שלא בכונה.

דער עיקר איז די כוונת הלב, די מחשבה. „המחשבה דבר גש היא נשמתו" — האָט געלערנט דער בעל שם טוב.

די חז"ל זאָגען: „בכל יום ויום בת קול יוצאת מהר חורב ומכרזת שובו בנים שובבים". דערויף פרעגט דער בעל שם טוב: ממה נפשך. אויב עס איז דער רצון השם, אַז מען זאָל די שטים הערען, טאָ פאַרוואָס הערט מען זי נישט? אויב אָבער דער רצון פון בורא איז, אַז מען זאָל דאָס בת קול נישט הערען, טאָ וואָס איז די פעולה פון בת קול?

דערויף האָט דער הייליגער בעל שם טוב, זכרונו לברכה געענטפערט:

— אין עולם העליון איז קיין דבור נישטאָ און ממילא איז קיין קול נישטאָ. דאָרט איז דאָך דער עולם המחשבה, און אַז עס קומט אין האַרץ פון אַ יוד אַ הרהור תשובה, איז עס טאַקי אַט דאָס בת קול וואָס קומט פון באַרג חורב. עס הייסט, אַז די מחשבה פון דעם ייד איז זיך מתחבר מיט דער מחשבה פון הימעל...

און אַט די שיטה, וואָס האָט זיך מיט אַ געוואַלדיגער שנעלקייט פערשפּרייט אין דער יודישער וועלט, האָט עס טאַקי אַרויסגערופען אַזאַ שטורם צווישען די לומדים, צווישען די תלמידי חכמים שבדור. זיי האָבען געטענה'ט: אויב דאָס חסידות לערנט, אַז דער עיקר איז די מחשבה, דאָס האַרץ, קען מען דאָך אויסטייטשען, אַז די מעשה איז נישט מעהר ווי אַ טפל. און אויב

אַזוי, קען מען דאָך מזלזל זיין אין די מצות מעשיות, און דאָס קען דאָך דערפיהרען צו דאָס ערגסטע רחמנא ליצלן...

צוליעב דעם איז ענטשטאַנען די מורא׳דיגע מחלוקות צווישען די מתנגדים און די חסידים, וואָס האָט אָבגעהאַלטען דורות־לאַנג.

אין דער אמתן אָבער, איז עס געווען אַ טעות מצד די מתנגדים צו מיינען, אַז די חסידישע שיטה שעצט גרינג, חלילה דעם שלחן־ערוך, די פוסקים ראשונים ואחרונים, אָדער די הייליגע גמרא.

בלויז פון דער בעציהונג פון בעל שם טוב, דער שעפער פון חסידות, צו לומדים, און צו הייליגע ספרים, קען מען שוין אָבשאַצען ווי אַזוי ער האָט געדענקט וועגען דעם. אַזוי האָט ער זיך אויסגעדרוקט, אַז אַלע חבורים, וואָס זענען פערפאַסט געוואָרען דורך אונזערע גדולים ביזן מהרש״א, ועד בכלל, זענען פערפאַסט געוואָרען ברוח הקודש, און ממילא זענען זיי אַזוי הייליג פונקט ווי די תורה גופא.

איבערהויפט האָט רעבּ בעל שם טוב געהאַלטען פון ט״ז מיטן ש״ך. זיי זענען דאָך די פוסקים אחרונים, און לויט זייערע פסקים אָרדענען מיר איין אונזער לעבען אַלס יודען.

אַפילו זיינע פערביסענסטע מתנגדים האָט ער געעהרט און בעצויגען זיך צו זיי מיטן גרעסטען כבוד. אויף איינעם פון זיינע פערביסענסטע געגנער האָט ער זיך אויסגעדרוקט: ער איז אַ גרויסער „שקרן״ ער זאָגט: אָשמנו, בגדנו, און איך זאָג, אַז דער יוד האָט קיינמאָל נישט געזינדיגט, איז ער נישט אַ „שקרן״ ?...

כדי משמש צו זיין אַ תלמיד חכם האָט דער בעל שם טוב זיך איינגאָנצען מבטל געווען. אַ חסידישע אַגדה דערצעהלט, אַז דער בעל שם איז אַמאָל ספּעציעל געפאָהרען קיין דראָהאָביטש, כדי משמש צו זיין דעם דאָרטיגען גדול, ר׳ יצחקל דראָהאָבישער ז״ל.

קומענדיג קיין דראָהאָביטש, האָט דער בעל שם אַריינגעבּראַכט פאַר׳ן גאון אַ טעפּעלע קאַווע, געהאַרט ביז ער וועט עס אויסטרינקען און דערנאָך האָט ער דאָס טעפּעלע צוריק אַריינגעטראָגען אין קיך.

צוריקקומענדיג פון קיך, האָט איהם דער גאון געפרעגט:

— מילא — אַריינטראָגענדיג די קאַווע, האָט איהר געוואָלט מקיים זיין די מצוה פון שימוש תלמידי חכמים, אָבער דאָס צוריקטראָגען, דאָס טעפּעל אין קיך, איז דאָך שוין קיין מצוה נישט!

דערויף האָט דער בעל שם טוב געענטפערט:

— החזרת הכף (דאָס צוריקטראָגען דעם כף פון קדשי קדשים אום יום כפור) איז אויך אַן׳עבודה..

אַזוי ווייט איז געווען די בעציהונג פון שעפער פון חסידות צו לומדים, צו גאונים, סיי פון די פריהערדיגע דורות, און סיי פון זיין דור.

אָבער אײנגאָנגען אומגעדרעכט זענען די מתנגדים נישט געווען. צווישען א טײל חסידים האָט זיך אַרײנגעכאַפּט אַ געוויסע באַציהונג צו תלמידי חכמים איבערהויפּט ווען די לעצטע זענען געווען מתנגדים. מען האָט זיך אַמאָל ערלויבט אַרויסצורעדען געגען די מתנגדישע רבנים שלא כהוגן, און דאָס האָט נאָך מעהר פערטיפט דעם תהום צווישען מתנגדים און חסידים.

דער צאַנזער רב, איז געווען אײנער פון די גדולים וואָס האָט פּעראײניגט אין זיך חסידות און גאונות, האָט ער זיך דעריבער געשטעלט דעם ציעל שלום צו מאַכען צווישען בײדע, אין פלוג, געגענזעצטע שיטות. ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ אויפגאַבע, אויסצוואָרצלען דעם טעות, וואָס האָט זיך אײנגעבּירגערט אין געוויסע קרײזען, אַז חסידות מיט לומדות איז נישט קײן מחותן אײנס מיטן אַנדערען. אַדרבה, ער האָט געוואָלט צוו. אַנד. אײנפיהרען, אַז דער עולם זאָל זיך מעהר אָבגעבען מיט עמקות התורה, מיט פלפולי דאורייתא, און פאַר אַ תלמיד חכם זאָל מען דרך ארץ האָבען.

דער צאַנזער רב האָט געשטעלט לומדות אויפן ערשטען אָרט און חסידות אויפן צווייטען אָרט. די יונגע לייט וואָס זענען געקומען צו איהם לערנען חסידות האָט ער קודם כל געהײסען זעצען זיך לערנען, פּשוט לערנען ווי עס געהער צו זײן, און ערשט דאַן וועט ער קענען עוסק זײן בחסידות. אָבער ווען אַ יונגערמאַן האָט געהאַלטען שוואַך אין לערנען, האָט ער איהם פּשוט נישט געלאָזט צו זיך.

א יונגערמאַן האָט אַמאָל געפרעגט דעם צאַנזער רב, פון וועלכע חסידישע ספרים ער זאָל לערנען חסידות, האָט איהם דער רבי געענטפערט:

— פון גמרא מיט תוספות..

אין זײנער אַ תשובה אין ספר „דברי חיים“, שרײבט דער צאַנזער רב אַ תשובה אויף אַ פראַגע פון אַ גאון וױ אַזוי ער ערלויבט זײנע חסידים מבטל צו זײן פון פּשטי תורה און עוסק זײן בקבלה, פאָלגענדע ווערטער:

— מיר זענען עוסק אין דער חכמת הקבלה נאָר דאַן ווען מענשען שלאָפען. פעריאָגען מיר דאַן דעם שלאָף פון אונזערע אויגען און מיר זענען עוסק אין דעם. אָבער דער עיקר זענען מיר עוסק בש״ס ובפוסקים. („דברי חיים“ חיו״ד רמ״ז)

---

נאָך דער פטירה פון גאון „חתם־סופר“ זצ״ל, איז אָנערקענט געוואָרען אַלס דער גרעסטער אונגאַרישער גאון זײן תלמיד ר׳ מאיר אַש, וועלכער איז געווען רב און ראש־ישיבה אין אונגוואַר.

אײנמאָל איז דער צאַנזער רב פערבײגעפאָהרען דער שטאָדט אונגוואַר און ער האָט בעשלאָסען דאָרט אָבצושטײגען, כדי צו בעזוכען ר׳ מאירן, דעם גרעסטען גאון אין אונגאַרן.

גרויס איז געווען די שמחה פון דאָזיגען גאון צוליעבן דאָזיגען וויזיט.

מיטן צאַנזער רב האָט זיך דער אונגוואַרער רב כסדר קאָרעספּאָנדירט, אָבער פּערזענליך האָט ער איהם נישט געקענט. און דאָ קומט ער אזוי אומגעריכט קיין אונגוואַר.

דער אונגוואַרער רב האָט תיכף געמאַכט אַ סעודה כיד המלך, צו וועלכער ער האָט פאַרבעטען אַלע גרעסטע תלמידי חכמים און זיינע בעסטע תלמידים. בעת דער סעודה האָט ר׳ מאיר געבעטען דעם צאַנזער רב, ער זאָל עפּעס זאָגען חידושי תורה. אין תחילת האָט ער זיך געפּרובט צוריקהאַלטען, אָבער לסוף האָט ער נאָכגעגעבען און געזאָגט אַ טיפזיניגען פּלפּול.

דער פּלפּול האָט אויף אַלע אַנוועזענדע געמאַכט אַ שטאַרקען רושם. אָבער ר׳ מאיר אש האָט איהם בעוואַרפען מיט קשיות און געפּרובט אָנווענדען איהם דעם פּלפּול.

דער צאַנזער רב האָט אויף די קשיות, וואָס דער אָרטיגער רב האָט איהם געשטעלט, קיין תירוץ נישט געזאָגט און דאָס איז געווען אַ פּלא.

דאַן האָט ר׳ מאיר געזאָגט אַן׳אייגענעם טיפען פּלפּול. דער צאַנזער רב איז דערביי געזעסען און זיך צוגעהערט צום פּלפּול מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. מען האָט זיך געריכט, אַז באַלד ווי דער רב וועט ענדיגען זיין פּלפּול, וועט דער צאַנזער רב מיט איין קשיא מפרק זיין דעם גאַנצען בנין, אויף וועלכען דער פּלפּול איז געבויט. אָבער דאָ איז געשעהן ווידעראַמאָל אַ פּלא: דער צאַנזער רב האָט זיך גאַרנישט אָנגערופען. נישט געפרעגט קיין קשיות. נישט געפּרובט אָבווענדען מיט קיין איין וואָרט. אַזוי, אַז ביי אַלע איז געבליבען במוסכם, אַז דער צאַנזער רב האָט נישט וואָס צו פרעגען און וואָס צו ענטפערען אויף די אויספיהרונגען פון אונגוואַרער רב ר׳ מאיר א״ש.

ענדליך האָט דער צאַנזער רב אַבשיד גענומען פון אונגוואַרער רב, און לכבידו, האָט ר׳ מאיר מיטגעשיקט זיין זוהן ר׳ מנחם א״ש צו בעגלייטען זיין גרויסען גאַסט.

ר׳ מנחם א״ש איז אויך געווען בעקאַנט אַלס גאון און בעל סברא און אויפן וועג האָבעןביידע זיך אונטערגעהאַלטען אין לערנען.

ביים אַבשיד פרעגט ר׳ מנחם דעם צאַנזער רב, צי ער האָט נישט וואָס איבערצוגעבען דעם פאָטער.

דער צאַנזער גאון האָט דאַן אויסגערופען:

— פאַרהאַן אַ גמרא אין זבחים דף... און אַ גמרא אין יבמות דף... און אַ תוספות און חולין, און אַ רמב״ם הלכות טוען ונטען — און אַזוי ווייטער האָט ער אויסגערעכענט אַ רייה גמרות, תוספות און תשובות פון ראשונים.

— איך בעט אייך, פאַרצייכענט די אַלע דאָזיגע שטעלען, וואָס איך האָב דאָ אויסגערעכענט און גיט עס איבער אייער גרויסען פאָטער.

ר׳ מנחם האט אזוי געטהון, און צוריקקומענדיג צו זיין פאטער, האט ער איהם איבערגעגעבען אלע מראי מקומות וואס דער צאנזער רב האט איהם אנגעוויזען.

א קורצע צייט האט ר׳ מאיר א״ש מעיין געווען אין די אנגעצייכענטע שטעלען, דאן איז ער אויפגעשפרינגען און אויסגערופען צו זיין זוהן:

— ער איז דאך גערעכט דער צאנזער רב. ער קען בעסער לערנען, און ער האט אזוי געקעגט זיך בעהערשען, עס איז ממש נבהל ונשתומם צו הערען.

באלד האט ר׳ מאיר געשיקט דעם שמש איינצולאדען נאכאמאל אלע לומדים און ישיבה־לייט, וואס האבען אנטייל גענומען אין דער סעודה און געהערט דעם תורה־שמועס צווישען די צוויי גאונים.

— רבותי, — האט דער אונגהארער רב אויסגערופען צו די פערזאמעלטע לומדים — איהר האט היינט געהערט דעם פלפול פון צאנזער גאון און איהר האט געהערט מיינע קשיות, וואס איך האב איהם אבגעפרעגט און ער האט דערויף גארנישט געענטפערט. מיינט איהר דאך אוודאי אז איך האב דעם רב גובר געווען, אז איך קען בעסער לערנען פאר איהם, ווארום איהר־זשע וויסען, אז עס הויבט זיך נישט אן. דער צאנזער רב איז פולקאם גערעכט אין זיינע אויספיהרונגען. דער גרויסער צדיק האט אבער געשוויגען, און מיך געשיינט, כדי מיך נישט מבייש צו זיין פאר מיינע שטאדט־לייט און כדי דער עולם זאל מיינען, אז דער אונגהארער רב קען בעסער לערנען פאר׳ן צאנזער...

— דעריבער האב איך אייך דא צונויפגערופען, קודם־כל אייך איבערצייגען, אז איפ׳ן יסוד פון די פאלגענדע שטעלעל אין ש״ס און פוסקים איז דער צאנזער רב גערעכט, און איך בין מפייס דעם גרויסען גאון פאר אייך און פאר אלע יודען, ווייל הוא אמת ותורתו אמת.

דערביי וויל איך אייך דערצעהלען א מעשה, וואס האט זיך פערלאפען מיט יאהרען צוריק, בעת איך האב געלערענט אין פרעשבורג, ביי מיין רבי׳ן, דעם „חתם סופר״ ז״ל. דאמאלס האט דער צאנזער רב געפיהרט א תורה־קארעספאנדענץ מיטן „חתם סופר״. אין מיטען לערנען, בעת׳ן שיעור, איז אנגעקומען א בריעף פון צאנז. און כאטש דער רבי פלעגט קיינמאל נישט לייענען קיין בריף אין מיטען שיעור. דאך דערהערענדיג, אז דער בריף איז פון צאנז, האט ער מפסיק געווען אין מיטען לערנען, געעפענט דעם בריף און זיך שטארק פערטיעפט אין איהם.

— איך בין דאן געזעסען נעבען דעם רבי׳ן און געבערענט פון אונגעדולד צו וויסען, וואס דער צאנזער רב שרייבט אין זיין בריף, ווייל דער גאנצער פלפול איז מיר געווען בעקאנט. ענדליך האט דער „חתם סופר״ אויסגערופען, ווענדענדיג זיך צו מיר:

— מיין קינד, דער פאלאק שטרייט גוט!...

— זעהט אויס — האט דער אונגווארער רב אויסגעפיהרט, אז דאמאלס האט דער הייליגער רבי פאראויסגעזעהן, אז אויך מיט מיר וועט דער צאנזער רב שטרייטען, און גוט שטרייטען...

מיט א געוואלדיגען דרך־ארץ בעציהט זיך דער דאזיגער גאון צום צאנזער רב אין זיין ספר „אמרי א״ש״. פערהאן דארט א תשובה צום צאנזער רב, געשריבען מיט אזוי פיעל יראת הרוממות און הדרת כבוד, וואס איז א זעלטענהייט.

אויך ווען דער צאנזער רב האט אנגעהויבען ווערען מפורסם אלס חסידי־שער רבי און הונדערטער חסידים פלעגען איהם טאג־טעגליך בעלאגערען, האט ער אויך נישט אויפגעגעבען זיינע שיעורים מיט די תלמידים. א ישיבה האט ער געפיהרט אויפן ליטווישען שטייגער און פון זיינע ישיבה־תלמידים האט ער געפאדערט בלויז לומדות און וואס ווייניגער חסידות. דער מקור פון חסידות איז גמרא, תוספות און פוסקים — פלעגט דער צאנזער גאון גאנץ אפט זאגען — און חסידות האט איהר צייט צו לערענען צו פערציג יאהר.

שפעטער, אין די עלטערע יאהרען, ווען דער צאנזער רב איז שוין גע־ווארען און ער האט קיין כח נישט געהאט אנצופיהרען מיט דער ישיבה, האט ער איינגעלאדען א ראש ישיבה, א גרויסער גאון און גדול בתורה. דעם ראש ישיבה פלעגט דער צאנזער רב אויסהאלטען פון זיין אייגענער טאש מיט כל הצטרכות.

מיט׳ן ראש־ישיבה פלעגט זיך דער צאנזער רב מיישב זיין פערשידענע תורה־ענינים, איבערהויפט האט דער ראש ישיבה געשריבען די פערשידענע תשובות, לויט ווי דער רב האט דיקטירט, ווען ער האט זיך געפיהלט שוואך און ער האט נישט געקענט שרייבען.

מערקווירדיק איז געוועזן דער אופן ווי אזוי דער צאנזער רב פלעגט שרייבען זיינע תשובות און חידושי־תורה.

פארגעקומען איז דאס שטענדיג נאך האלבער נאכט, ווען אין הויז פון צדיק האט געהערשט א שט־לקייט. דאן פלעגט ער געהן אין מקוה אריין, זיך טובל׳ען. צוריקקומענדיג פון מקוה פלעגט ער מתפלל זיין, אז ער זאל נישט נכשל ווערען בדבר הלכה און דאן פלעגט ער אנהויבען דיקטירען די תשובה פאר דעם ראש ישיבה און סעקרעטאר.

איינער פון זיינע סעקרעטארען האט אמאל דערצעהלט פאלגענדען עפיזאד, וואס איז זעהר כאראקטעריסטיש, כדי צו בעקומען א בעגריף מעגען דער גדו׳ .ז פון צאנזער רב זצ״ל.

אין יענער צייט האט זיך פיעל געטומעלט אין דער לומדישער וועלט מכח א שאלת עגונה. דער צאנזער רב האט מתיר געמאכט אן עגונה אין דער צייט, וואס די דאמאלסדיגע גאוני הדור, דער לעמבערגער רב ר׳ יוסף שאול

באַטאַנזאָהן, און דער בראָדער גאון ר׳ שלמה קלוגער, זכרונם לברכה, האָבען איהם זעהר שאַרף בעקעמפט.

די גאַנצע תורה־וועלט איז איפגערודערט געוואָרען, אָבער עס האָט קיינער נישט געוואַגט זיך אריינצומישען אין דעם וכוח, ווען אזעלכע גדולים בעקעמפען זיך אין דער הלכה. האָט זיך געפיהרט א קאָרעספאָנדענץ צווישען די ביידע דערמאָהנטע גאונים מיטן צאַנזער רב. יעדען צווייטען אָדער דריטען טאָג פלעגט די פּאָסט ברענגען א בריף פון לעמבערג אָדער פון בראָד.

איינמאָל, דאָס איז געווען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, איז דעם רבינס משמש געקומען צו לויפען צום ראש ישיבה אויף דער אַכסניא און ערקלערט אַז דער רב רופט איהם, ער זאָל תיכף קומען.

אויפן וועג צום צדיק׳ס הויז, האָט דער שמש דע׳צעהלט דעם ראש־ישיבה, אַז דער רבי איז נאָר וואָס געקומען פון מקוה און ער גרייט זיך צו־שרייבען אַ וויכטיגע תשובה.

אַריינקומענדיג אין דער ספרים־שטוב, האָט זיך דער צאַנזער רב געווענדעט צו זיין סעקרעטאַר:

— וייט זיך מכין, מען דאַרף אָנשרייבען אַ תשובה צום לעמבערגער רב אין דעם ענין עגונה.

דאַן איז דער צאַנזער רב אַוועק אין אַ ווינקעלע און אָנגעהויבען מתפלל צו זיין „והאר עינינו בתורתיך, ודבק לבינו במצוותיך״ דערביי האָט ער זיך אַזוי צוהיינט, אַז זיינע בכיות האָבען ממש געקענט דעם שטאַרקסטען מענש איבערנעהמען. דער סעקרעטאַר און דער שמש זענען ביידע געשטאַנען מיט אַנ׳אויסטערלישער צובראָכענקייט און פון זייערע אויגען האָבען געפלאָסען טרעהרען ווי פון אַ קוואַל.

אַזוי האָט עס געדויערט אַ שפּאַרע צייט. ענדליך איז דער רבי צוגעקומען צום שרייב־טיש. אַ זאָג געטהון — נו! ער האָט אָנגעהויבען דיקטירען די תשובה.

דריי שעה צייט האָט געדויערט דאָס אָנשרייבען די תשובה. פון מינוט צו מינוט איז דער צאַנזער רב געוואָרען אַלץ שטאַרקער און פעסטער. זיינע ראיות אויפן היתר האָבען פשוט צושרויפט דעם מח, אַזוי, אַז דער שרייבער האָט קוים געקענט נאָכפאָלגען מיט דער פעדער. עס האָט זיך אויסגעוויזען, ווי פאַרן גאון ליגט אויסגעשפּרייט גאַנץ ש״ס ראשונים ואחרונים און ער זוכט צווישען די דפים כסדרדיגע ראיות אויפן היתר עגונה.

ווען מען האָט געענדיגט דאָס שרייבען די תשובה, איז דער צאַנזער רב אריינגעפאַלען אין אַ מורא׳דיגער דביקות און ווי זיין שטייגער איז געווען אינמיטען פון דביקות האָט ער אויסגעשריגען אַ צעהנדליק מאָל: „לית מחשבה תפיסה בך כלל, (קיין מחשבה קען דיך נישט תופס זיין), לית אַתר פנוי מני׳ (נישטאָ קיין אָרט וואָס זאָל לעדיג זיין פון איהם)...

אזוי האט עס אבגעהאלטען א שפארע צייט. פלוצלונג האט זיך דער צאנזער רב געטהון א שטעל־אויף און אויסגערופען מיטן גאנצען כח:

— מותר, מותר, במתיבתא דרקיע פסקנט מען, אז די עגונה מעג חתונה האבען...

------

וואונדערבאר איז געווען זיין בעציהונג צו א תלמיד־חכם. פון מהנה זיין איהם איז אבגערעדט. אויף פערשידענע אופנים האט ער זיך בעמיהט מכבד צו זיין תלמידי חכמים.

א קראקאווער יוד, א תלמיד־חכם, איז אמאל געקומען צו איהם וועגען א געוויסען ענין. דער צאנזער רב האט דעם גאסט זעהר שטארק מכבד געווען און נאכן אבשיד נעהמען האט איהם דער צאנזער רב, וועלכער איז שוין דאמאלס געווען אלט און שוואך, גענומען בעגלייטען פון זיין הויז.

דער אורח איז שטארק נתפעל געווארען און אויסגערופען:

— רבי, איך בין נישט ווערט דעם כבוד. דער „מגן־אברהם" זאגט דאך, אז אויב מען גיט אפ צו פיעל כבוד א מענש, דערפאר ווייל מען מיינט, אז ער האט געלערנט א סך מסכתות, דארף ער זאגען, אז ער האט געלערנט נישט מעהר ווי איין מסכת.

— דאס איז ריכטיג, — האט דער צאנזער רב אבגעענטפערט, אבער צי ווייסט איהר וויפעל כבוד מען דארף געבען א יוד, וואס האט אויס־בעלערנט א גאנצע מסכת?...

וועגען דער צדקות און גמילת חסדים פון צאנזער רב — דאס איז א פרק פאר זיך, אבער ווען דער נצרך איז געווען א תלמיד־חכם איז גארנישט צופיעל געווען פארן דאזיגען צדיק. דאס לעצטע וואס ער האט פערמאגט האט ער אוועקגעגעבען.

די ארימע לייט האבען שוין געוואוסט דערפון און זיי פלעגען טאקי גאנץ אפט זיך ווענדען צום צאנזער רב ווי צו א טאטען.

איינמאל ווענדעט זיך דער צאנזער רב צו זיין משמש:

— ר' אפרים מלמד'ס טאכטער איז דא געווען און געוויינט פאר מיר, אז זי געהט כמעט בארוויס, האב איך איהר צוגעזאגט צו געבען אויף א פאר שיך, באלד ווי איך וועל האבען עפעס געלד. אט האסטו פינף רייניש און גיב עס איהר, אבער תיכף ומיד.

דערביי איז געשטאנען דעם רבינס א יונג מיידעל. דערהערענדיג די רייד פון איהר פאטער, האט זי זיך פונאנדערגעוויינט. אויף דער פראגע פון איהר פאטער, פארוואס זי וויינט, האט זי אויסגערופען מיט טרעהרען אין די אויגען:

— שוין עטליכע וואכען, ווי איך בעהט ביי דיר אויף א פאר שיך און דו ביזט מיך אלץ מדחה. אבער ווען ר' אפרימל מלמדס טאכטער האט ביי דיר געבעטען, בעזארגסטו עס איהר באלד, אין איינענעם טאג.

— נאַריש קינד, ווייסט דען ניט, אַז ר' אפרים'לס טאָכטער איז עפּעס אַנדערש. זי איז דאָך אַ בת תּלמיד־חכם. פערשטעהסט, וואָס עס הייסט אַ בת תּלמיד־חכם?

דער שמש, וואָס איז געשטאַנען דערביי האָט זיך מעהר נישט געקענט בעהערשען און אויסגערופען מיט אַנ'איינגעהאַלטענער שטים, אַנווייזענדיג אויפען רבינס טאָכטער:

— מען זאָגט, אַז זי איז אויך אַ בת תּלמיד־חכם...

— אַזוי, אַזוי, — האָט דער צדיק צו זיך גערעדט, מען זאָגט, אַז זי איז אויך אַ בת תּלמיד־חכם, קומט דאָך איהר על פּי דין, — טאַ גיב זשע איהר אויך פינף רייניש אויף אַ פּאָר שיך...

כח.

# א מעשה מיט א גט.

אין דער גאַנצער לומדישער וועלט איז געווען בעקאַנט דער פאַקט, אַז דער צאַנזער רב איז אין שאלות עגונות געווען אַ שטאַרקער מקיל. מיר האָבען שוין אין פריהערדיגען קאַפּיטעל דערצעהלט אַ פאַקט, אַז אין אַ געוויסען פאַל, האָבען געגען צאַנזער רב געקעמפט די גרעסטע גאַליציש־ע גדולים, וועלכע האָבען געהאַלטען, אַז די עגונה האָט נישט קיין תּקנה. און דער צאַנזער רב האָט מיט זיין כח התּורה אויפגעוויזען, אַז די אומגליקליכע קען בעפרייט ווערען פון די עגונה־קייטען און אַזוי איז טאַקי געווען.

זייט דאַמאָלס איז מען נישט בלויז פון גאַליציען און פון און אונגאַרן געקומען קיין צאַנז, ווי עס האָט זיך נאר געפונען אַ פרוי, וואָס דער מאַן איהרער איז פערשוואונדען שפורלאָז — נאָר אַפילו פון אויסלאַנד, היי פון רוסיש־פּוילען, פון די דייטשע מקומות, און פון אומעטום, ווי עס האָט נאָר דערגרייכט דער נאָמען פון הייליגען צאַנזער.

עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, אַז דאָס רוב שאלות עגונות זע־נען געווען צום צאַנזער רב געווענדעט. יעדע עגונה איז געווען זיכער, אַז אויב דער צאַנזער צדיק וועט איהר נישט העלפען, איז זי אַ פערלוירענע, דעריבער זענען די אומגליקליכע מיטן לעצטען ביסעל האָפנונג געקומען קיין צאַנז און געביטערט פאַרן גרויסען צדיק, געבעטען אַ ישועה.

אין די עלטערע יאָהרען, ווען דער צאַנזער רב איז שוין געזען זעהר שטאַרק אָבגעשוואַכט, פלעגט ער די עגונות וואָס האָבען זיך געווענדעט צו איהם, אָבשיקען צו די פערשידענע גדולים און גאונים, וואָס זענען געשטאַנען

מיט איהם אין קאָנטאַקט. דער רב פלעגט בלויז צושרייבען אַ פּאָר ווערטער, אין וועלכער ריכטונג דער גאון זאָל זיך מיגע זיין כדי די אומגליקליכע פרוי זאָל געהאָלפען ווערען.

איינמאָל איז געקומען קיין צאַנז אַן׳עגונה פון וועלכער דער מאַן איה־רער איז אַנטלאָפען שוין יאָהרען לאַנג, איבערלאָזענדיג איהר מיט צוויי קליינע קינדער. די אומגליקליכע פרוי האָט פאַרן צדיק געוויינט און געקלאָגט פאַרשטעלענדיג איהר ביטערע לאַגע. פריהער, ווען דער פאָטער איהרער האָט געלעבט און איהר אונטערגעשטיצט, האָט זי זיך נישט אַזוי מצער געווען און נישט געפּרובט נאָכזוכען איהר פערשוואונדענעם מאַן. איצטער איז שוין זייט אַ יאָהר דער פאָטער איהרער טויט. זי האָט שוין באַלד פערקייפט דאָס לעצטע קישען פון אונטערן קאָפּ כדי צו קענען זיך מיט די קינדער מפרנס זיין, און אַ קורצע צייט אַרום וועט זי שוין נישט האָבען וואָס אָראָבצופער־קויפען פון זיך. זי וואָלט געקענט געהאָלפען ווערן — האָט די אָרימע פרוי גע־שילדערט איהר לאַגע, ווייל איהרס אַ קרוב, אַן׳אַלמן, אַ יוד אַ בעל־פרנסה, וואָלט מיט איהר חתונה געהאַט ווען זי וואָלט נישט געווען קיין עגונה, און אַזוי ווי די גאַנצע וועלט זאָגט, אַז נאָר ביים הייליגען צדיק אין צאַנז ווערט מען געהאָלפען איז זי אַהערגעקומען און וועט נישט פריהער אָבטרעטען ביז זי וועט נישט געהאָלפען ווערען...

דער צאַנזער רב האָט אויסגעהערט איהר בקשה. אויסגעפרעגט זיך ווי לאַנג איז שוין זייט דער מאַן איהרער איז אַוועק, וואָס איז געווען זיין טהון, און ווי אַזוי ער איז פערשוואונדען. לסוף האָט דער צדיק אויסגערופען, אַז ער האָט פאַר איהר קיין שום עצה נישט...

די עגונה האט פערבראַכען די הענד. אָנגעהויבען וויינען אויפן קול און ערקלערט, אַז זי וועט נישט אבטרעטען פון דאַנען ביז זי וועט נישט געהאָל־פען ווערען.

די עגונה איז פערבליבען אין צאַנז. פערדינגען זיך צו פערשידענע שווערע שטוב־אַרבייט. געוואַשען וועש, געהאַרעוועט שווער און ביטער, און פון צייט צו צייט פלעגט זי אַריינפאַלען צום רבי׳ן אין שטוב און פול מאַכען דעם רבי׳נס צימער מיט איהרע יללות.

איינמאָל ווען די פרוי האט דעם רבי׳ן בעוונדערס צוּבראַכען מיט איהרע טרעהרען, האָט דער רבי זיך אַ ווייל פערטראַכט. די פרוי איז ענטשוויגען געוואָרען. אַזוי האָט עס געדויערט אַ געוויסע צייט. ביז ענדליך דער צאַנזער רב האָט זיך אָבגערופען צו דער ענגונה.

— פאָרט מיך, פאָהרט קיין באָלאַש־יאַרמוט, דאָס איז אַ שטאָדט אין אונגאַרן, דאָרט וואוינט אַ גרויסער גאון, ר׳ דוד דייטש איז זיין נאָמען. איך וועל אייך מיטגעבען אַ בריף צו איהם, אַז ער זאָל אייך העלפען אין אייער אומגליק.

עס פערשטעהט זיך אַז די עגונה האָט גלייך מסכים געווען און גענומען זיך גרייטען צו דער נסיעה קיין באַלאַש־יאַרמוט.

דער נאָמען פון ר׳ דוד דייטש איז אין יענע מקומות געווען גוט בע־קאַנט. דאָס איז געווען איינער פון די בעדייטענדסטע אונגאַרישע גדולים מיט וועלכען דער צאַנזער רב איז געשטאַנען אין פערבינדונג. אין ספר „דברי חיים" זענען פערהאַן פיעל תשובות פון צאַנזער רב צו ר׳ דוד דייטש׳ן און פערקעהרט. אָבער ביי דעם אַלעם איז ר׳ דוד דייטש געווען אַ שטאַרקער מתנגד. צום צאַנזער רב האָט ער געפיהלט אַ טיפע אַכטונג און בעצויגען זיך מיט דעם געהעריגען רעספּעקט און יראַת הכבוד, אָבער די דאָזיגע בעציהונג זיינע צום צאַנזער רב איז נישט געווען מחמת חסידות, נאָר צוליעב דער גאונות פון צאַנזער רב. וואָס ר׳ דוד דייטש, זייענדיג אַליין אַן׳אַנערקענטער גאון, האָט בעסער געוואוסט אָבצושאַצען. עס איז דעריבער פערשטענדליך, אַז דער פאַקט, וואָס דער צדיק האָט געשיקט די עגונה צו איהם נאָך תיקון, האָט אַרויסגערופען אַ געוואַלדיגע איבערראַשונג ביי אַלעמען.

נאָך מעהר האָט איבערראַשט דאָס בריוועל וואָס דער צאַנזער רב האָט מיט דער פרוי מיטגעשיקט צו ר׳ דוד דייטש. דאָס בריוועל איז געווען זעהר קורץ און ענטהאַלטען בלויז די ווערטער:

— איך בעט אייך צו טהון אַ טובה דער דאָזיגער פרוי, אַז זי זאָל בעקומען אַ גט פון איהר מאַן...

דער עולם האָט געצויגען מיט די פּלייצעס: ס׳הייסט עפּעס זי זאָל בעקומען אַ גט, אַז זי ווייסט נישט וואו דער מאַן געפינט זיך, אַז זי איז שוין קנאַפּע צעהן יאָהר אַן׳עגונה...

די פרוי האָט אבער נישט געקוקט אויף די חששות און געלאָזט זיך אין וועג אַריין קיין באַלאַש־יאַרמוט, וואו עס האָט געוואוינט ר׳ דוד דייטש.

נישט אַזוי לייכט איז עס אָנגעקומען דער אָרימער פרוי ביז זי האָט דערגרייכט דער וויטער אונגאַרישער שטאָדט. וואָכען־לאַנג האָט זי געוואַנ־דערט פון שטאָדט צו שטאָדט. ווערענדיג פערחושכט און פערמאַטערט, ביז ג־ט האָט איהר געהאָלפען און זי איז אָנגעקומען קיין באַלאַש־יאַרמוט.

ר׳ דוד דייטש האָט דער פרוי׳ס בקשה אויסגעהערט, אַז זי איז אַנ־עגונה, און אַז דער צאַנזער רב האָט איהר אָהערגעשיקט און דאָס איז דאָס בריוועלע צום באַלאַש־יאַרמוטער רב.

ר׳ דוד דייטש איבערלייענענדיג דאָס בריוועלע פון צאַנזער רב איז גע־וואָרען נבהל ונשתומם. וואָס הייסט זי זאָל בעקומען אַ גט? אַז די גאַנצע צרה איז, וואָס מען ווייסט נישט וואו דער מאַן געפינט זיך, טאָ װאָס איז אַ גט?

ר׳ דוד האָט געוויזען דאָס בריוועל צו זיינע דיינים, גוטע פריינד און סתם לומדים, וואָס האָבען זיך גראָד ביי איהם געפונען. אַלע האָבען געצויגען מיט די פּלייצעס, אויסגעדרוקט זייער פערוואונדערונג און צום סוף בעשלאָסען

אַז נישט אַנדערש, נאָר בעת׳ן שרייבן דאָס בריוועל איז דער צאַנזער רב געווען צושטאַרק פערקאַכט, האָט ער פערגעסן אַז די פרוי איז אַ אַנ׳עגונה וועלכע ווייסט נישט וואו דער מאַן איז אַ אַוועקגעקומען.

די גאַנצע צייט איז די פרוי געשטאַנען אין אַ זייט, און איהר האַרץ האט געקלאַפּט, אַ שטייגער, ווי אַ פערברעכער אין ערוואַרטונג אויף זיין גזר דין. דער גאון האָט בעטראַכט דער אָרימער פרוי, און פערשטאַנען וויפל מיה און מאטער עס האט איהר געקאסט ביז זי האט דערגרייכט קיין באַלאַש־יאַרמוס. און ווי אַזוי האט מען אַ האַרץ קורץ און שאַרף צו ערקלערען, אַז ער קען פאר איהר גאָרנישט טהון, אַז דאָס האט דער צאַנזער רב געמוזט האָבען אַ טעות אין זיין שרייבען?...

ענדליך האָט ר׳ דוד אויסגערופען צו דער פרוי:

— הערט מיך יודענע, לעת עתה קען איך אייך קיין זאַך נישט ענט־פערען. פערבלייבט דאָ אין שטאָדט אַ פּאָר טעג, איך וועל שוין בעזאָרגען, אַז איהר זאָלט ביי מיר אין שטוב בעקומען עסען און געלעגער. און איך וועל מיך מיישב זיין וואָס צו טהון פאַר אייך.

די פרוי איז טאקי פערבליבען אין באַלאַש־יאַרמוט, אָבער זי האָט נישט געוואָלט בעקומען אומזיסטע קעסט ביים רב, וועלכער איז קיין גרויסער עושר נישט געוועזן. זי האָט זיך בעסער געוואָלט פערדינען אויף חיונה און דאָס איז איהר נישט שווער אָנגעקומען. בלויז פון צייט צו צייט איז זי אַריין צום רב, פרעגען צי ער האָט נאָך נישט עפּעס אַנ׳עצה פאַר איהר, און צו דערמאָהנען איהם אַז ער זאָל זיך מיט איהר גורל פעראינטערעסירען.

איינמאָל ווען די פרוי איז אַריינגעקומען צום גאון אין שטוב, איז אויך אַריינגעקומען אַ יודישער שוסטער, וועלכער האָט פערטיג געמאַכט פאַרן גאון אַ פּאָר שיך. די פרוי האָט זיך צוגעקוקט צום שוסטער און עס האָט איהר גענומען שווינדלען פאַר די אויגען. באַלד האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ ביטער געשריי און איז געפאַלען אין אַ שווערען חלשות.

עס איז געוואָרען אַ גרויסער טומעל. פון אַלע זייטען האָט מען זיך גענומען ראַטעווען דער פרוי ביז זי איז ענדליך געקומען צו זיך.

דאַן האָט די פרוי דערצעהלט, אַז זי האָט דערקענט אין דעם שוסטער איהר פערשוואונדענעם מאַן, וועלכער איז אַנטלאָפען פון איהר מיט העכער צעהן יאָהר צוריק און דאָס איז די סיבה פון חלשות.

דער גאון ר׳ דוד דייטש איז געוואָרען אויסער זיך. איז עס מעגליך. איז עס פאַקטיש אַזוי, זאָל דער צאַנזער רב זיין אַזאַ גרויסער בעל רוח־הקודש און אויסגעפונען מיט זיין גייסטיג אויג דעם מאַן פון דער עגונה ביי איהם אין שטאָדט? און אפשר איז עס נישט מעהר ווי אַ טעות, עס קען דאָך גרייליך זיין, אַז דער אומגליקליכער פרוי האָט זיך דאָך עס אויסגעוויזען, אפשר איז ער בלויז עהנליך צו איהר פערשוואונדענעם מאַן!

דער פאַקט אָבער, אַז בעת דער מהומה איז דער שוסטער אַנטלאָפען פון שטוב, האָט אַ ביסעל בּערעכטיגט דעם חשד פון דער פרוי.

דאָך אָבער האָט קיינער נישט געוואָלט גלויבען, אַז דער שוסטער זאָל עס זיין דער ריכטיגער בעל־דבר, ער איז בעקאַנט געווען אין שטאָדט פאַר אַ סאָלידען און אָרענטליכען מענש, געלעבט דאָ מיט אַ ווייב און געהאָט מיט איהר א פאָר קינדער, זאָל ער דען פעהיג זיין אַזאַ זאַך אָבצוטהון.

דער רב האט נאַטירליך באַלד געלאזט צו זיך רופען דעם שוסטער און אָנגעהויבען אַ חקירה ודרישה. אין תחילת האט ער געלייקענט שטיין און ביין. געשוואוירען זיך ביי אַלעם הייליגען, אַז ער זעהט דער דאזיגער יודענע צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען. די פרוי האט אבער אויפגעוויזען באותות ובמופתים, אַז ער איז איהר פערשוואונדענער מאַן. דער רב האט זיך פעסטער גענומען צו איהם, און אויך געדראָהט, אַז אויב ער וועט מיט גוטען זיך נישט מודה זיין, וועט דער פראָקוראָר עס פון איהם אַרויסבעקומען. ביז ענדליך דער פאַרשוין האָט זיך פונאַנדערגעוויינט און מודה געווען, אַז אַ פערברעכערישער געדאַנק האָט איהם אָנגערעדט צו דער דאָזיגער מעשה־נבלה און ער איז גרייט אויף זיך צו נעהמען דעם פסק פון רב.

נאָך אין דעם זעלבען טאָג האָט דער שוסטער אָבגע'גט זיינע צוויי ווייבער, געגעבען דער ערשטער פרוי אַ ביסעל געלד פאַר די קינדער, וואָס ער האָט מיט איהר געבוירען און די פרוי איז אַהיימגעפאָרען אַ געהאָלפענע.

די דאָזיגע געשיכטע האָט אין מתנגדישען אונגאַרן געמאַכט אַ שטאַרקען רושם און אַפילו ר׳ דוד דייטש, דער גרויסער מתנגד, האָט געמוזט אַנערקענען דאָס גדלות פון צאַנזער רב.

אָבער ווען מען האָט דעם צאַנזער רב דערצעהלט דעם אויסגאַנג פון דער זאַך, האָט ער זיך שטאַרק אָנגעבייזערט אויף די, וואָס האָבען עס בעטראַכט פאַר אַ מופת.

— וואָס מופת, ווען מופת — האָט דער צאַנזער אויסגערופען — איך האָב געשיקט די עגונה צום גאון ער זאָל מעיין זיין אין דער הלכה, ווען אָבער זי האָט דאָרט געפונען דעם מאַן און אַרויסבעקומען פון איהם אַ גט — איז אַוודאי גוט, איז אַוודאי גוט!...

כט.

# פון אנ'ארענדאר א גיט־בעזיצער.

צווישען די „גוטע יודען" וואס האבען זיך גערעכענט צו די אנהענגער פון צאנזער רב האט זיך אויך געציילט דער בעריהמטער צדיק ר' הירשעל ליסקער זצ"ל.

דער דאזיגער ר' הירשעל איז באמת געווען א „גוטער יוד" אין פולען זין פון ווארט. א יוד מיט א גוט הארץ, וואס איז איבערגענומען פון רחמנות פאר יעדען יודען. יעדער איינער, וואס איז נאר געקומען צו איהם האט ער אויפגענומען ווי אנ'אייגען קינד און פעראינטערעסירט זיך מיט זיין מצב. און אז א יוד האט אויסגעגאסען פאר איהם זיין צער, געפינענדיג זיך אין אנ'עת צרה, פלעגט עס ר' הירשלען אזוי איבערנעמען, אז ער האט זיך פונאנדער־געוויינט, פונקט ווי עס וואלט געווען זיין אייגענער צער.

ר' הירשלען האט דעריבער די וועלט שטארק ליב געהאט און פון גאנץ אונגארן פלעגט מען פאהרען צו איהם נאך עצות און ישועות.

ר' הירשעל ליסקער איז געווען א תלמיד פון בעריהמטען אונגארישען גאון ר' משה טייטעלבוים פון אוהעל, וועלכער איז אויך געווען פערהייליגט אלס רבי פון חסידים און נאך דער פטירה פון זיין רבין, האט ר' הירשעל אנגעהויבען פאהרען קיין צאנז און איז געווארען איינער פון די גרעסטע צאנזער חסידים. דאס התפעלות פארן צאנזער רב איז ביי ר' הירשלען געווען אין לשער, אז א יוד איז געקומען פון צאנז האט ער איהם אזוי שטארק מכבד געווען, אז ער פלעגט איהם פשוט קושען און האלזען.

א קלייניגקייט, געקומען פון צאנז — פלעגט ער זאגען — דער וואס קומט פון צאנז, ברענגט ער מיט זיך א שטי'ק פון הייליגען צאנזערס קדושה.

ר' הירשעל ליסקער, כאטש ער פלעגט אליין פיהרען א גרויסע עדה יודען, פלעגט אבער אלע יאהר פאהרען קיין צאנז און דארט פערברענגען עטליכע וואכען. אין דער צייט ווען ער האט זיך געפונען אין צאנז, פלעגט דער ליסקער רבי זיין אויפן העכסטען שטאפעל פון גליק.

ר' הירשעל פלעגט זיך אויך פיהרען, אז אויב עס איז צו איהם געקומען א יוד מיט א שווערען ענין, מיט וועלכען ער האט זיך נישט געקענט קיין עצה געבען, פלעגט ער איהם אבשיקען צו זיין רבין קיין צאנז...

איינמאל איז צו ר' הערשלען געקומען זיינער א רייכער חסיד, וועלכען

די וועלט האט געהאַלטען פאַר אַ גביר עצום און איהם ענדעקט דעם סוד, אַז ער האַלט זעהר שמאָל. היות וזי ער האַלט אַ גיט אין אַרענדע ביי אַ פריץ, און ער דאַרף אין דער נאָהנסטער צייט, בעצאָהלען די האַלב־יעהריגע ראַטע, וואָס בעטרעפט אַ פינף טויזענד גילדען, און לסוף פערמאָגט ער נישט אַ פרוטה אחת. און אויב ער וועט נישט בעצאָהלען די ראַטע צום טערמין, איז ער אַ פערלוירענער אויף אייביג. דער פריץ וועט איהם גלייך משלח זיין פון גיט און ער וועט בלייבען עירום ובחוסר כל.

דערצעהלענדיג פון זיין שווערען מצב האָט זיך דער יוד שטאַרק פונאַנ־דערגעוויינט. אויך ר׳ הירשלען זענען געשטאַנען טרעהרען אין די אויגען, איבערנעהמענדיג זיך מיט זיין צער.

ר׳ הירשעל האָט גענומען שפרייזען איבערן צימער אַרויף און אַראָב שטאַרק פערמוחט, מורמלענדיג עפּעס צו זיך. ענדליך האָט ער זיך אָבגעשטעלט און אַ זאָג געטהון צום גיט־האַלטער.

— פאָהר גלייך קיין צאַנז, און זאָלסט פון דאָרט נישט אָוועק ביז דער הייליגער צאַנזער וועט דיך אָנכאַפּען ביי די לאַצען און אַרויסוואַרפען דיך, אָדער ער וועט דיך שלאָגען.

דער גיט־האַלטער איז שטעהן געבליבען ווי אַ צומישטער נישט פער־שטעהענדיג וואָס ר׳ הירשעל רעדט צו איהם. וואָס הייסט עס דער צאַנזער רב וועט איהם שלאָגען, וועט איהם אָנגעמען און אַרויסוואַרפען?...

ר׳ הירשעל האָט דאַן דערצעלט דעם גיט־האַלטער, אַז דער צאַנזער רב איז לעצטענס שטאַרק אויפגערעגט אויף די יעניגע וואָס זענען איהם מבלבל פון זיין הייליגער עבודות און אַז אַ יוד פגע׳ט זיך שטאַרק אָן און וויל בשום אופן נישט אָבטרעטען פון איהם, ווערט דער רב אויפגערעגט און זידעלט איהם מיט דעם איינציגען זידעל־וואָרט וואָס ער פערמאָגט. דאָס איז דאָס זידעל־וואָרט: גאַלאַגאַן. און איז איהם נאָך מכבד מיט דעם לילקע־ציבוך אָדער וואַרפט איהם אַרויס פון זיין חדר.

חסידים האָבען אָבער געגלויבט, אַז דער יעניגער וואָס בעקומט אויס געזידעלט און געשלאָגען פון צדיק איז אַ געהאָלפענער.

פערשטעהסטו מיך — האָט ר׳ הירשעל פערענדיגט זיין שמועס — איך זאָג דיר, אַז דו זאָלסטו פאָהרען קיין צאַנז און בעמיה זיך, אַז דער הייליגער רב זאָל דיך אויסזידלען אָדער אַרויסוואַרפען, דאַן וועסטו זיכער געהאָלפען ווערען.

פול מיט בטחון איז דער גיט־האַלטער אָבגעפאָהרען קיין צאַנז. זייענדיג זיכער, אַז עס וועט איהם כלל נישט שווער אָנקומען אויסגעזידעלט צו ווערען פון אַלטען צדיק. ער וועט איהם בלויז אַ ביסעל דערקוטשען, און דאַן וועט ער בעקומען זיין חלק.

דער הייליגער צאַנזער האָט אָבער דעם גיט־האַלטער גוטמיטיג אויסגע־הערט. קיין סימן פון הקפדה איז אויף זיין ליכטיג פנים נישט געווען צו

דערקענען. אדרבה ער האט זיך גענוי אויסגעפרעגט ווי אזוי דער יוד האט געהאנדעלט ביז איצט, די סיבה פון זיין ירידה און ווי אזוי ער זעהט בדרך הטבע אנ׳עצה געהאלפען צו ווערען, אזוי, אז דער גיט־האלטער, וועלכער איז צום ערשטען מאל געווען אין צאנז איז געווען אויסער זיך פון התפעלות.

דער צאנזער רב, אויסהערענדיג די בקשה פון דעם יוד, האט זיך אויפגעהויבען פון זיין ארט און געזאגט:

— איך מיין, אז דו האסט א פשוטע עצה, דו זאלסט אבקויפען דאס גיט!...

— הא, וואס — האט דער יוד ווי נישט מיט זיין קול אויסגערופען — וואס הייסט עפעס אבקויפען דאס גוט? אז איך האב דאס דירה־געלד נישט צו בעצאלען, ווי ארום זשע וועל איך אומשטאנד זיין צו קויפען דאס גיט!...

— אז מען קען נישט בעצאהלען דאס ארענדע־געלד קויפט מען דאס גיט — האט דער צאנזער רב נאכאמאל איבערגעחזרט און דערלאנגט די האנד דעם גיט־האלטער כדי איהם אבצוגעזעגנען.

דער ארימער גיט־האלטער האט פערלאזט דעם רבינס חדר אינגאנצען א צודולטער, ער האט זיך מיגע געווען צו פערשטעהן דעם רבינס ווערטער, וואס ער איז דערמיט אויסען, ווייל פשוט זענען זיי דאך בעשטימט נישט, עס לעגט זיך דאך כלל נישט אויפן שכל צו קויפען א גיט אין דער צייט ווען מען האט אפילו נישט א ראטע צו בעצאהלען.

דער יוד האט דעריבער בעשלאסען צו פערבלייבען אין צאנז און נאכאמאל אריינצוגעהן צום רבין פרעגען אנ׳עצה.

אין עטליכע טעג ארום איז דער גיט־האלטער ווידער געזען אין רבינס חדר און נאכאמאל אויסגעגאסען זיין בימער הארץ, בעטענדיג א ישועה.

— איך האב דאך דיר שוין איינמאל געזאגט — האט דער רבי גוטמיטיג געענטפערט — „אז מען קען נישט בעצאהלען דעם ארענדע־אבצאהל קויפט מען דאס גיט" און איצטער גאה געזונטערהייט.

דער גיט־האלטער איז ווידער אוועק. זיין צער איז געווען אונגעהויער גרויס. ער פערשטעהט נישט וואס דער רבי איז דערמיט אויסען און דערגעה א טאלק.

ערשט איצט האט ער זיך דערמאנט אז זיין רבי ר׳ הירשעלע ליסקער האט איהם אנגעזאגט, אז ער זאל זיך בעמיהען צו בעקומען געשלאגען אדער געזידעלט פון צאנזער צדיק. האט ער אנגעהויבען אפטער אריינצוקומען צום צדיק. ווי נאר ער האט זיך געקענט אריינכאפען אין רבי׳נס חדר איז ער דארט געווען. און אלץ געפייניגט דעם רבי׳ן מיט זיין ענ׳ן.

דער צאנזער רב האט איהם אלץ כסדר געגעבען די זעלבע תשובה: אז מען קען נישט בעצאהלען קיין ארענדע־אבצאהל, קויפט מען דאס גיט...

דער גיט־האלטער איז שיער נישט משוגע געווארען פאר עגמת נפש.

ענדליך האָט ער זיך געווענדעט צו איינעם פון די חשובסטע מקורבים פון רבין און פאַר איהם איבערגערעדט דאָס האַרץ און דערציילט, אַז עס גייט איהם אין לעבען צו בעקומען פון צדיק געשלאָגען אדער געזיידעלט.

דער מקורב האָט בעקומען גרויס רחמנות אויף דעם יוד, בפרט נאָך ווען ער האָט געהערט, אַז ר׳ הירשעל ליסקער האָט איהם בפירוש אַזוי אָנגעזאָגט. און ער האָט בעשלאָסען איהם בייהילפיג צו זיין אין דער זאַך.

צאַנזער חסידים ווייסען, אַז די הכנה פון צדיק צו תפילת מנחה איז געווען אין לשער, מנחה פלעגט ער דאַווענען מיט אַזעלכע בכיות און יללות אַז עס האָט הימלען געשפּאָלטען. אין דאָזיגען מאָמענט האָט קיין איינער נישט געוואַגט צו קומען צום צדיק אפילו מיט ענינים וואָס זענען נוגע פּיקוח נפש. אַפילו די אייגענע קינדער האָבען זיך געהיטען אַריינצוקומען אין יענער צייט אין רבינס חדר. אָבער דעם גיט־האַלטער האָט דער מקורב בעשלאָסען אין דאָזיגען זמן אַריינצולאָזען צום רבין.

דער גיט־האַלטער האָט זיך בעהאַלטען אין אַ ווינקעל און געזעהען ווי דער רבי טהוט זיך אָן בגדי לבן און גענומען זיך דרעהען אַרויף און אַראָב איבערן צימער, נישט אַרויסרעדענדיג קיין וואָרט. בלויז זיין הייליגע צורה האָט געפלאַמט מיט אַן׳אויסטערלישע ליכט. אין תחילת האָט דער יוד געוואָלט אַרויסלויפען פון חדר פאַר פחד אָבער ענדליך האָט ער זיך געשטאַרקט, געמאַכט אייניגע שריט און אויסגעשריגען:

— הייליגער רבי, העלפט מיר!

דער צדיק איז שטאַרק געבליבען. בעטראַכט דעם יוד און מיט אַ געשריי אויסגערופען:

— גזלן! דו ווילסט, אַז מיר זאָלען זיך מכין מתפלל צו זיין צום בורא עולם און דו וואָגסט מיך מבטל צו מאַכען! שוין אַרויס פון מיין שטוב!...

דערביי האָט איהם דער צדיק אָנגעכאַפּט ביי די לאַצען גוט צוטרייסעלט און אַרויסגעוואָרפען פון חדר.

— יודען איך בין געהאָלפען — האָט דער גיט־האַלטער אויסגערופען צו די אַרומיגע, וואָס האָבען זיך געפונען אין פאַרטיגען חדר...

און נאָך אין דער זעלבער נאַכט איז דער גיט־האַלטער אַהיימגעפאָהרען.

אין דער היים האָט ער זיך דערוואוסט דאָס דער פריץ זוכט איהם שוין זייט עטליכע טעג. דער גיט־האַלטער איז גלייך אַוועק צום פריץ.

דער פריץ האָט איהם גאַנץ גוט אויפגענומען און געהאַט אַ טענה צו איהם וואו ער איז געווען אין די לעצטע טעג, בכן ער דאַרף איהם האָבען וועגען אַ וויכטיגען ענין.

ענדליך האָט דער פריץ זיך בערוהיגט און פאָרגעלעגט איהם פאָלגענדען עסק.

— אַזוי ווי דו ווייסט, אַז קיין גרויס נחת פון גיט האָב איך נישט,

בעזונדערס ליגט מיר דאָס גאַנצע גיט אין דער לינקער פּיאה און איך וואָלט עס וועלען פערקויפען, פּטור ווערען דערפון אויף אייביג. האָב איך זיך מיישב געווען, אזוי ווי עס פּאַסט מיר נישט צו פערקויפען דאָס גיט דורך אַ ליציטאַציע, איז בײַ מיר געבליבען במוסכם, אז כ'זאָל עס דיר ליבערשט פערקויפען.

דער גיט־האַלטער איז שיעור נישט אויפגעשפּרינגען פון אָרט, אָבער דער פּריץ האָט איהם נישט געלאָזט קומען צום וואָרט און ווייטער גערעדט:

- איך ווייס, אז איצטער ביזטו געדרוקט און דו האָסט נישט קיין געלד. איך האָב שוין דערפאַר געזאָרגט, און עס וועט דיר אַ פּריץ מיינער אַ ידיד, לייהען צעהן טויזענד רענדלעך פאַר קליינע צינזען, ער האַלט פון דיר זעהר שטאַרק אַלס אָרנטליכער מענש, דו וועסט בלויז אונטערשרייבען די וועקסעלען אויף דער סומע און דאָס איבריגע וועסטו מיר אויסצאָהלען אין יעהרליכע ראַטעס, פערשטעהסטו מיך, פאַר דיר איז עס אַ מסחר, אָבער נישט פאַר מיר נו, ביזטו מסכים צו מיין פּלאַן?

עס פערשטעהט זיך, אז דער ייד האָט מסכים געווען און קויפענדיג דאָס גיט אָהן אַ גראָשען געלד, איז ער שפּעטער געוואָרען איינער פון די רייכסטע יודען אין אונגאַרן...

ז.

# אין די וואָרעם-בעדער.

ווי בעקאַנט. איז דער צאַנזער רב זכרונו לברכה, זעהר קראַנק געווען אויף אַ פוס. דעם קראַנקען פוס האָט ער, בעזונדערס אין די עלטערע יאָהרען, קוים געקענט שטעלען אויף דער ערד, און צוויי משמשים פלעגען איהם פיהרען, שטיצענדיג זיך אויף זיי. און דאָך פלעגט פּאַסירען דער פאַקט, וואָס האָט אַלעמען געבראַכט צו שטוינען: קוים איז דער צאַנזער רב אַריינגעקומען אין בית־המדרש, האָט ער גלייך אָבגעשטופּט פון זיך די משמשים און אויסשרייענדיג מיט אַ געוואַלדיגער התפּעלות „מה נורא המקום הזה" איז ער נישט נאָר געגאַנגען, נאָר ממש געפלויגען איבערן בית־המדרש ביז צו זיין מקום קבוע.

און דאָס דאַווענען גופא — קיין שום מענש האָט עס נישט געקענט משיג זיין ווי אַזוי עס דערנעהמט זיך צו אַזאַ פיזיש־שוואַכען מענש, אַזאַ כח. ער פלעגט לויפען פון איין ווינקעל צום אַנדערען, בויגען זיך אין דרייען און

בכלל אָבּאַרבּייטען אַנ'עבודה, וואָס מען האָט זי'ט דעם „קדושת לוי" זצ"ל נישט געזעהען.

בעת'ן דאַווענען פלעגען זיך איהם עפענען די וואונדען פון זיין פוס און דער דיל (פאַדלאָגע) פון בית המדרש איז רויט געווארען פון דעם בלוט, וואָס איז געפלאָסען פון זיינע וואונדען...

אזוי איז עס פאָרגעקומען דריי מאָל אין טאָג. יעדעס מאָל ווען דער הייליגער צאַנזער האט גומר געווען דאָס דאַווענען זענען די וואונדען געווען אפען און פיעל בלוט איז פון זיי אָבגעפלאָסען.

אין תחילת פלעגט נאָך יעדען דאַווענען קומען אַ דאָקטאר און פערבּאַנ־דעזשירען די וואונדען, אבער שפּעטער האבען די דאָקטוירים אויסגעלערנט עמיצען פון די משמשים ווי אַזוי דעם קראַנקען פוס צו באַנדאַזשירען.

ווי די דאָקטוירים האָבען פּערזיכערט, האָבען זיי געקענט דעם קראַנקען פוס אויסהיילען, אויב דער רב וועט פאָלגען און צופּאַסען זיך צו זייערע פאָר־שריפטען. דער צדיק האָט אָבער די דאָקטוירים נישט געוואָלט פאָלגען און דעריבער האָט ער כל ימיו געליטען איבערמענשליכע יסורים.

צאַנזער חסידים דערצעהלען, אַז איינמאָל, בעת דער דזיקאָווער רבי ר' אליעזר'ל זצ"ל, דעם ראָפּשיצער'ס זוהן, האָט געווײלט אין צאַנז און בײדע צדיקים האָבען פערברענגט צוזאַמען, איז פּלוצלינג ארײנגעלאָפען אין דעם צימער די צאַנזער רביצין, אויסבּרעכענדיג אין אַ געוויין, האָט זי זיך געווענ־דעט צום דזיקאָווער רבין אויסרופענדיג:

— הייליגער רבי, איך וועל פון דאַנען נישט אָבטרעטען ביז איהר וועט פּועל'ן בײ מיין מאַן, אַז ער זאָל זיין קראַנקען פוס מעהר שוינען! די דאָקטוי־רים זאָגען מיר, אַז זיין עבודה מיטן קראַנקען פוס, איז ממש פערבינדען מיט סכנות נפשות.

די געוויינען פון דער צאַנזער רביצין האָט דעם דזיקאָווער רבין זעהר איבערגענומען, טרעהרען האָבען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען און ער האָט אויסגערופען:

— צאַנזער רב, עס שטעהט דאָך אין דער הייליגער תורה, ונשמרתם מאד לנפשותיכם!...

— איך ווייס, איך ווייס, האט דער צאַנזער רב אָבגעענטפערט — אבער וואָס קען מען זיך אבער העלפען, ווען דאָס הארץ ווערט אויפגעשטורעמט פאר דעם בורא עולם!...

דער צאַנזער רב איז דאַן אַריינגעפאַלען אין אַ מורא'דיגער התלהבות זיין פנים האט זיך אויסטערליש צופלאַמט און מיט אַ דונערדיגער שטים האט ער אויסגערופען:

— דער הייליגער תנא רבי עקיבא האָט געזאָגט: כל ימי הייתי מצטער על הפסוק הזה: בכל נפשך אפילו נוטל את נפשך, אָמרתי, מתי יבא לידי ואקיימנו ועכשיו שבאָ לידי לא אקיימנו? ובעת מ'האָט ר' עקיבא'ן געפיהרט צו

דער הריגה, דערצעהלען די חז"ל, איז געווען זמן קריאת־שמע. האבען זיך די תלמידים שטארק מצער געווען, זעהענדיג זייער רבין אין אזא מצב. האט דער גרויסער תנא זיי געענטפערט: אלע מיינע יאהרען האב איך זיך מצער געווען אויפן דאזיגען פסוק: „זאלסט ליעב האבען דעם אייבערשטען מיטן גאנצען נפש", מיטן גאנצען חיות, אפילו ווען מען נעהמט ביי דיר דאס לעבען צו. האב איך מיר געזאגט: ווען וועט קומען דער מאמענט, און איך וועל עס קענען מקיים זיין, און אצינד, ווען אזא מאמענט איז געקומען, זאל איך נישט מקיים זיין ?...)

דעם דאזיגען מאמר האט דער צאנזער רב אייניגע מאל איבערגעחזרט מיט גרויס התלהבות, אז דער דזיקאווער רבי איז געווארען אויסער זיך. ער האט פערשטאנען, אז קיינער איז נישט פעהיג צו דינען דעם אויבערשטען מיט אזא מסירת נפש ווי דער צאנזער רב און ער האט איהם מצהר קיין קשיות נישט געפרעגט.

דערצעהלענדיג דעם דאזיגען פאקט האט דער דזיקאווער רבי צוגעגעבען:

— איהר קאנט זיך גארנישט פארשטעלען, ווי גרויס עס איז דאמאלס געווען דער צאנזער רב, איך בין שיער פערברענט געווארען פון הייליגען צדיק'ס התלהבות. נישט בחנם האט דער הייליגער טאטע (דער ראפשיצער) געזאגט, אז דער הייליגער צאנזער האט אין זיך די נשמה פון תנא רבי עקיבא.

פונדעסטוועגען האבען די הויז־לייט נישט אויפגעהערט צו זוכען עצות און תחבולות, ווי אזוי צו לינדערען די וועהטאג פון צדיק און ווי אזוי צו היילען זיין קראנקען פוס. די דאקטוירים האבען אייגעזעהען אז די בעדער אין אלט־הויפען (אינטער בודאפעסט) וועלען זעהר גוט ווירקען אויף דעם צאנזער, און זייט דאמאלס פלעגט דער צאנזער רב פאהרען קיין בודאפעסט אין באד אריין.

יעדעס מאל, ווען דער צאנזער רב פלעגט קומען אין דער אונגארישער הויפט־שטאדט, פלעגט דאס יודישע לעבען אין אונגארען שטארק אנהויבען פול־סירען. און כאטש די אונגארישע גדולים זענען כמעט אלע געווען מתנגדים, דאך אבער האבען זיי געוואוסט, אז דער צאנזער רב איז א גאון עולם און א קדוש וטהור, לויטן עדות זאגען פון „חתם סופר" זצ"ל גופא און דעריבער האבען זיי איהם גאנץ אפט בעזוכט, פארגעלעגט איהם די שווערע שאלות אין לערנען ווי אויך אין הוראה, וואס האט זיך פאר דער צייט אבגעקליבען, און דער צאנזער רב האט זעהר פיעל פערבראכט אין לערנען מיט די גדולי־אונגארען.

אויך דער דעמאלסדיגער פרעשבורגער רב, ר' אברהם שמואל בנימין סופר א זוהן פון „כתב סופר", פלעגט אויך קומען בעזוכען דעם צאנזער רב, בעת ער האט זיך געפינען אין בודאפעסט.

דאס הויז וואו דער צאנזער רב האט געוואוינט, איז תמיד געווען פול

מיט בעזוכער. רבנים, חסידים און בעלי־בתים. יעדער האָט עפּעס אַנדערש געהאַט אויפן קאָפּ און אַלע האָבען זיך בעמיהט אַנצוקומען צום צאַנזער רבין. אויך זענען געקומען קיין בודאַפּעסט חסידים פון גאַנץ אונגאַרן. טאָג־טעגליך פלעגט מען פּראַווען טישען. דער רבי האָט געזאָגט תורה. און פאַר אַ גרויסען טייל פון אונגארישען יודענטום, זענען די טעג וואָס דער רב האָט געוויילט אין דער אונגאַרישער הויפּט־שטאָדט, פערוואַנדעלט געוואָרען אין ימים־טובים, אין טעג פון התרומות הרוח.

צווישען די אונגאַרישע גדולים איז בעקאַנט געווען מיט זיין גאונות און צדקות דער טשענגערער רב, רבי אָשר אַנשל יונגדייז זצ״ל: דער דאָזיגער רב, כאָטש ער איז קיין חסיד נישט געווען, איז ער דאָך אָבער געווען אַ פּועל־ישועות. מען האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ שטיק דאָקטאָר און אַ גרויסען ידען אין חכמת הרפאה. ער פלעגט געבען מעדעצינישע עצות און רפואות, און דערפאַר איז דער טשענגערער רב געווען שטאַרק פּאָפּולער.

ווי געזאָגט איז דער טשענגערער רב נישט געווען קיין חסיד. דאָך אָבער האָט ער פון צאַנזער רב געהאַלטען. ער פלעגט שטעהן מיט איהם אין אַ שטענדיגען בריפליכען קאָנטאַקט און דערוויסענדיג זיך, אַז דער צאַנזער רב געפינט זיך אין בודאַפּעסט, איז ער ספּעציעל געקומען צו פאָהרען, כדי צו בעזוכען דעם צאַנזער רב.

געווען איז דאָס אין די „ניין טעג״, וואָס עס איז לויטן שלחן ערוך פערבאָטען צו עסען פלייש און טרינקען וויין. די אונגאַרישע גדולים זענען שטאַרק מדקדק נישט עובר צו זיין דערויף כחוט השערה. חסידים אָבער זענען זיך מקיל, אויב מען מאַכט אַ סיום אויף אַ מסכתא איז מותר צו עסען פלייש און צו טרינקען וויין, אַזוי פסקנט דאָך אויך דער רמ״א, (או״ח סימן תקנ״א) אַז אויב מען איז מסיים אַ מסכתא, איז א מצוה זיך משמח צו זיין און צו מאַכען א סעודה. אַזאַ סעודה ווערט אָנגערופען: סעודת מצוה.

ביי די אונגאַרישע לומדים איז דער דאָזיגער חסידים־מנהג געווען גע־וואַלדיג פרעמד און אומפערשטענדליך און זיי האָבען עס זעהר שאַרף פער־אורטיילט.

ווען דער טשענגערער רב איז אַריינגעקומען אין דער וואוינונג וואו דער צאַנזער רב האָט זיך אויפגעהאַלטען, האָט מען גראַד געפּראַוועט אַ טיש כיד המלך. הונדערטער חסידים האָבען אָנגעפולט דעם זאַל. צום טיש האָט מען דערלאַנגט פלייש, און דער עולם האָט געשטעלט וויין לרוב און זיך גאָר שטאַרק משמח געווען.

דער טשענגערער רב איז געבליבען שטעהן ביי דער טהיר, זייענדיג אויסער זיך אַזש העגד און פיס האָבען איהם געציטערט. היתכן, האָט ער זיך געטראַכט, דער צאַנזער רב, דער צדיק הדור זאָל פּראַווען אין די ניין טעג אַ סעודה מיט פלייש און מיט וויין, שומו שמים על זאת!

דער טשענגערער רב האָט גלייך געגומען צוריקציהען זיך און אַוועקגעהן.

מען האט איהם אָבער שוין געהאט בעמערקט און זיין בעגלייטער האָט איהם דעריבער איינגערוימט, אַז עס איז נישט גלייך ער זאָל אַוועקגעהן. די חז״ל זאָגען דאָך: „עשה דכבוד התורה עדיף״!... (ד. ה. פאַר כבוד התורה דאַרף מען אַ סך פערבייגען).

דער צאַנזער רב, דערהערענדיג, אַז דער טשענגרער רב איז געקומען, האָט ער זיך גלייך אויפגעהויבען פון זיין אָרט און אַקעגענגעלאָפען שלום געבען זיין גאַסט און אַוועקגעזעצט איהם נעבען זיך.

דער טשענגערער רב איז אָבער אַלץ נישט געווען בערוהיגט. ער האָט צומאָל קיין ווערטער נישט געהאָט פון גרויס אויפרעגונג. און ווען ער האָט זיך אַביסעל בערוהיגט, האָט ער אויסגערופען:

— צאַנזער רב!...

דער צאַנזער רב האָט איהם אָבער נישט געלאָזט אויסרעדען און אויס־גערופען:

— איך ווייס, טשענגערער רב, איהר וואונדערט זיך שטאַרק, אַז דער צאַנזער רב, אַ רבי פון חסידים, זאָל אין די „ניין טעג״ פּראַווען אַ סעודה מיט פלייש און מיט וויין...

— יאַ, יאַ, אַוודאי, — האָט דער טשענגערער רב אויסגערופען, — איך האָב דאָס טאַקע אין זינען געהאַט. איהר זענט באמת אַ יודע מחשבות,

— וועל איך אייך ענטפערען דערויף, טשענגערער רב, וועל איך אייך ענטפערען!...

דער צאַנזער רב האָט זיך פערטראַכט אַ ווײַלע און ער האָט מילד אויסגערופען:

— די הייליגע גמרא זאָגט: בזמן שבית המקדש קיים, (ווען דאָס בית המקדש איז געשטאַנען) אָדם חוטא מביא קרבן ומזבח מכפר עליו (אַז עמיצער האָט געזינדיגט, האָט ער געברענגט אַ קרבן און דער מזבח האָט איהם ריין געמאַכט פון זיין זינד) עכשיו שאין המזבח קיים (איצטער ווען מיר האָבען נישט קיין מזבח) שלחנו של אָדם מכפר עליו (איז דער טיש פון אַ מענש מכפר אויף איהם אנשטאָט דער מזבח).

דער ענין איז דעריבער אַזוי, — האָט דער צאַנזער רב שמייכעלדיג אויסגערופען — איהר אונגאַרישע רבנים, איהר זענט דאָך אמת׳ע צדיקים. איהר זענט ריין פון עברות. דאַרפט איהר דאָך נישט קיין כפרות אויף די זינד. דאַרפט איהר ממילא נישט קיין טיש. מיר אָבער, זענען בעונותינו הרבים פול מיט עוונות ופשעים, דאַרפען מיר האָבען אַ מזבח לכפרה. און אַזוי ווי קיין מזבח האָבען מיר נישט, מוזען מיר גאַנץ אָפט האָבען אַ טיש, דעריבער מוזען מיר זוכען תחבולות אפילו אין די „ניין טעג״ צו פּראַווען טיש, ווייל מיר טאָרען נישט וואַרטען!...

דער טשענגערער רב האט זיך שטאַרק צושמייכעלט. דער תירוץ האָט איהם איבערראַשט און ער האָט שוין מעהר קיין קשיות נישט געשטעלט...

לא.

# פערהיטעו פון אנ'אומגליק.

זיינפרצייט האט די גאַנצע חסיד'שע וועלט געקאַכט מיט אַנ'אויסטערלי־שער מעשה, וואָס איז זיך פערלאָפען אין בודאפעסט, בעת דער צאַנזער רב האָט דאָרט געוויילט אויף קור. איבערהויפט האָט זיך מיט דער מעשה געקאָכט אין אונגאַרן און אין גאַליציען. צוליעב דעם אָפענבאַרען רוח־הקודש, וואָס דער צאַנזער צדיק האָט אַרויסגעוויזען. און מיר וועלען די דאָזיגע מעשה איבערדערצעהלען פאַר אונזערע לעזער.

ווי שוין בעקאַנט, איז יעדעס מאָל ווען דער צאַנזער רב איז געקומען קיין בודאפעסט, די מאָדערנע שטאָדט מיט די מאָדערנע יודען און קליינער צאָהל אָרטאָדאָקסען, געווען אַ געשעהעניש פון גרויסער וויכטיגקייט. דאס יודישע לעבען וואָס איז שטענדיג אין דער דאָזיגער מערב־אייראָפעאישע הויפּט־שטאָדט געווען איינגעשלאָפען, האָט מיטאַמאָל אויפגעוואַכט. דער נאָמען פון צאַנזער רב איז געווען געוואַלדיג פּאָפּולער, אפילו אין די נישט־אָרטאָדאָקסישע קרייזען. און דעריבער איז די דאָזיגע צייט געווען די פּאַסיגסטע צו פערשטאַרקען דאָס יודישקייט אין שטאָדט.

דער רב פון דער אָרטאָדאָקסישער געמיינדע האָט עס טאַקי געוואוסט אויסצונוצען. פלעגט ער זיך פיהרען, אַז אויב עס האָט זיך גראָד געמאַכט אין שטאָדט אַ סנדקאות אדער אַ סידור־קידושין, פלעגט ער דעמיט מכבד זיין דעם צאַנזער רב. דער צאַנזער רב פלעגט אַזעלכע כיבודים זעהר גערן אָננעהמען און פלעגט עס אויסצונוצען כדי אַביסעל מוסר אַריינצוזאָגען דעם בעל־ברית, אָדער חתן־כלה, לערנען זיי ווי־אַזוי מען דאַרף זיך פיהרען אין יודישקייט.

און כאָטש די שטראָף־רייד פון צאַנזער רב האָבען זיך גוט איינגעשני־טען אין די הערצער פון די פרייע עלעמענטען, דאָך האָבען זיי עס געהאַלטען פאַר אַ גרויסע זכי׳, וואָס דער צאַנזער רב האָט אנטייל גענומען אין זייער שמחה. און שטענדיג ווען עס איז אויסגעקומען עמיצען צו מאַכען אַ שמחה אין דער צייט, ווען דער צדיק האָט געוויילט אין שטאָדט, האָט ער זיך שוין בעמיהט, אַז דער צאַנזער רב זאָל אין דער שמחה זיך בעטייליגען.

איינמאָל האָט איינער פון די רייכסטע אָרטאָדאָקסישע יודען בעדאַרפען החונה־מאַכען אַ טאָכטער אין דער צייט ווען דער צדיק האָט געוויילט אין בודאפעסט. דער מחותן איז אַוועק צום צאַנזער רב און געבעטען איהם, אַז

ער זאָל מסדר־קידושין־זיין, אָבער דעם צאַנזערס מקורבים האָבען איהם געענט־פערט, אַז דער רבי פיהלט זיך זעהר שוואַך און עס איז נישט מעגליך, אַז ער זאָל קומען אויף דער חתונה.

נאַטירליך האָט עס דעם פרומען נגיד נישט געשמעקט. ער האָט ספּעציעל אויסגעשטעלט דעם זמן החתונה אויף דער צייט, ווען דער צאַנזער רב וועט זיך אויפהאַלטען אין בודאַפּעסט און לסוף לאָזט מען איהם אַפילו נישט צו צום רב.

דער מחותן איז גלייך אַוועק צום אָרטאָדאָקסישען רב און פאַר איהם אויסגערעדט זיין ביטער הארץ, בעטענדיג איהם צו פועל׳ן ביים צאַנזער רב ער זאָל ממלא־זיין זיין בקשה.

פונקט ווי אַלע גוטע־יודען, האָט אויך דער צאַנזער רב שטאַרק מכבד געווען דעם מרא דאַתרא, מעג ער אַפילו זיין אַ שוואַכער למדן. קוים איז ער געווען שטאָדט־רב, האָט דער רבי איהם מכבד געווען און קיינמאָל זיין בקשה נישט ענטזאָגט, כדי אַזוי אַרום צו פערשטאַרקען דעם כבוד־התורה און דעם אָנזעהען פון רב אין שטאָדט.

דער בודאַפּעסטער רב האָט דעריבער גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דער צאַנזער רב וועט איהם זיין בקשה נישט ענטזאָגען, אַפילו ווען ער זאָל זיך נישט פיהלען ביים בעסטען געזונד און דאָס האָט ער דאָך נישט געוואָלט. פון דער אַנדערער זייט, האָט ער קיין הארץ נישט געהאַט אָבציזאָגען די בקשה פון דעם מחותן, דעם שענסטען מענש פון שטאָדט, אַ נגיד, אַ ירא שמים, דער ערשטער אין אַלע דברים שבצדקה. ביז ער האָט בעשלאָסען צו געהן צום צאַנזער רב און בעטען איהם אויף דער חתונה.

דער בודאַפּעסטער רב האָט טאַקי נישט קיין טעות געהאַט און אויף זיין ביטע האָט דער צאַנזער רב ערקלערט, אַז ער נעהמט אָן דעם כיבוד און ער וועט קומען צו דער חתונה.

די שמחה פון מחותן איז נישט מעגליך צו שילדערען. ער האָט געלאָזט מאַכען אַ חתונה כיד המלך. איינגעלאַדען כמעט אַ האַלבער שטאָדט און ווער האָט עס נישט געוואָלט זיין אויף אַ חתונה צוזאַמען מיטן צדיק הדור?...

דער צאַנזער רב פלעגט זיך פיהרען, צו בענשען חתן־כלה פאַר דער חופה, און אַז דער צאַנזער רב איז געקומען אויף דער חתונה האָט ער געבעטען, אַז מען זאָל איהם אָבגעבען אַ בעזונדער צימער און דאָרט זאָל מען אויך אַריינפיהרען חתן־כלה און די נאָהנטע מחותנים, ווייל ער וויל בענשען דעם זיווג פאַר דער חופה.

ווען חתן־כלה און די מחותנים האָבען זיך פערזאַמעלט אינם בעזונדערן חדר האָט דער צאַנזער רב צומערשט גערעדט אַ פּאָר ווערטער מיטן חתן אָבער אנשטאָט צו בענשען איהם ווי דער מנהג איז געווען, האָט ער צו אַלעמענס שטוינונג ערקלערט, אַז ער וועט נישט מסדר־קידושין זיין...

די דאָזיגע ערקלערונג פון צאַנזער רב האָט שווער געווירקט אויף אַלע־

מען. דער צאַנזער רב זאָגט זיך אָב מסדר־קידושין צו זיין, ווער ווייסט וואָסער אומגליק עס הענגט איבער זייערע קעפּ. די מחותנים האָבען די הענד פערבראָכען, חתן־כּלה האָבען געחלש׳ט און כאָטש מען האָט זיך בעמיהט די צעמישונג וואָס איז ענטשטאַנען צו דערשטיקען, כּדי דער ווײַטיגער עולם, די געסט, זאָלען זיך נישט דערוויסען פון דער מעשה, האָט עס אָבער נישט געהאָלפען און פון מויל צו אויער האָט מען זיך אָנגעהויבען איבערצוגעבען די דאָזיגע נייעס.

דער מחותן האָט גלײַך אויפגעזוכט דעם בודאַפּעסטער רב און איהם דער־צעהלט די גאַנצע מעשה, ווענדענדיג זיך צו איהם מיט דער בקשה, ער זאָל פּועל׳ן ביים צאַנזער רב, דאָס ער זאָל צוריקציהען זיין אָבזאָג, עס איז דאָך איהם אַ חרפּה פאַר די געסט, ער וועט עס פּשוט נישט איבערהאַלטען.

דער בודאַפּעסטער רב איז נישט ווייניג איבערראַשט געוואָרען הערענדיג דעם קאַטעגאָרישען אָבזאָג פון צאַנזער רב מסדר־קידושין צו זיין, און איבער־נעהמענדיג זיך מיטען צער פון אבי הכּלה, האָט ער געוואָגט אַריינצוגעהן אין צימער, וואו דער צאַנזער רב איז געזעסען פערטיעפט אין זיינע רעיונות.

אין תּחילת האָט דער צאַנזער רב דעם אַריינקומענדיגען אפילו נישט בעמערקט. אַזוי פערטראַכט איז ער געווען. דער אָרטיגער רב איז געשטאַנען אַזוי אַ לענגערע צייט, ברענענדיג פאַר אומגעדולד, וויסענדיג, אַז אין דרויסען שטעהען די מחותּנים און וואַרטען מיט הארץ־קלאַפּונג אויף זיין אינטער־ווענץ. אָבער זעהענדיג, אַז דער צאַנזער רב שענקט איהם אפילו נישט קיין בליק האָט ער זיך איינגעשטעלט און מיט אַ ציטערדיגער שטים האָט ער אויס־גערופען:

— רבּי, פאַרוואָס ווילט איהר נישט מסדר־קידושין זיין, די מחותּנים וועלען דאָך פּשוט נישט איבערהאַלטען דעם בּיוש און דעם צער.

דער צאַנזער רב האָט זיך געגעבען אַ כאַפּ אויף, אָבגעמאָסטען דעם רב מיט זיין בליק און טרויעריג אָבגעענטפערט:

— איך ווייס אַליין נישט בודאַפּעסטער רב, אָבער איך פיהל, דאָס הארץ זאָגט מיר, אַז דאָ קומט עפּעס פאַר. איך קען זיך נישט ענטשליסען מסדר־קידושין צו זיין, כאָטש איך פיהל גאַנץ גוט דעם צער פון די מחותּנים און דעם בזיון פון חתן־כּלה, אָבער וואָס זאָל איך טהון, אַז דאָס הארץ לאָזט מיר נישט !...

אַ לענגערע ווײַלע האָט דער צאַנזער רב געשוויגען און ענדליך האָט ער זיך ווידער אָנגערופען:

— און אויך אייך, בודאַפּעסטער רב וואָלט איך געראַטען, אַז איהר זאָלט נישט מסדר־קדושין זיין דעם דאָזיגען זיווג, ביז איהר וועט נישט פריהער חוקר ודורש זיין דעם ענין און זיך דערוויסען אַלץ גענוי, וועגען דער פערגאַנגענ־הייט סיי פון חתן און סײַ פון דער כּלה.

דערהערענדיג אַזעלכע אויסטערלישע דיבורים, איז דער בודאַפּעסטער

רב ממש אַרויס פון די כּלים. גלייך איז ער אַרויסגעלאָפען פון דעם צדיק׳ס חדר און אין אַ ווײַלע אַרום, איז ער צוריקגעקומען מיט׳ן מחותן, דער פאָטער פון דער כּלה.

דער צאַנזער רב האָט איהם מיט אַ פאָטערליכען בליק ענטפאַנגען און געבעטען איהם צו בערוהיגען, ווייל ער וויל איהם שטעלען אייניגע פראַגען.

— איך בין גרייט אויף אַלעמען אייך צו ענטפערען הייליגער רב — האָט דער מחותן מיט אַ געבראָכענער שטים אָבגעענטפערט.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, וויפעל קינדער האָט איהר?...

— דריי טעכטער פערמאָג איך — האָט דער מחותן אָבגעענפערט און די כּלה איז די עלטסטע.

— האָט איהר קיינמאָל מעהר נישט געהאַט קיין קינדער? — האָט דער צדיק ווייטער געפאָרשט.

דעם מחותּנ׳ס פּנים האָט בעקומען אַ מאָדנע גרימאַסע, ווי עס וואָלט זיך איהם פערוואָלט אויסבּרעכען אין אַ געוויין און דאַן האָט ער אויסגערופען:

— איך האָב געהאַט אַ בּן־יחיד, איז ער מיר אַוועקגעקומען ווען ער איז אַלט געווען אַכט יאָהר. אָה, דאָס דאָזיגע אומגליק האָט מיך אינגאַנצען צובראָכען, קראַנק געמאַכט און עד היום פיהל איך דעם וועהטאָג, וואָס דאָס דאָזיגע אויסטערלישע אומגליק האָט מיר פערשאַפט.

— האָט איהר נישט די מינדעסטע ידיעה וואו דער יונגעל אייערער איז אַוועק? — האָט ווייטער געפרעגט דער צאַנזער רב.

— די מינדעסטע ידיעה נישט — האָט דער מחותן אָבגעענטפערט — אַ טייל האָבען געהאַלטען, אַז ער איז אַריינגעפאַלען צו די ציגיינער, און צוזאַמען מיט זיינע ברויט־געבער איז ער ערגיץ וואו אַוועק אין דער וועלט. אַנדערע האָבען איינגעפונען, אַז דאָס יונגעל האָט זיך געוואָרפען אין דעם דאַניי אַריין, איך האָב די גאַנצע פאָליציי געשטעלט אויף די פיס, נישט געשפּאָרט קיין געלד מצו האָט געזוכט און געפאָרשט, וואו די וועלט האָט אַנ׳עק, אָבער אומזיסט, דאָס יונגעל איז פערפאַלען, ווי אין וואַסער אַריין.

— און דעם חתן אייערען — האָט דער צדיק ווייטער געפאָרשט נישט שענקענדיג קיין בליק דעם מחותן, וואָס איז פאַר איהם געשטאַנען — אין בּיין, וואו האָט איהר איהם געפונען?...

— וואָס הייסט וואו? אין דער ישיבה, אין דער פרעשבּורגער ישיבה!

— האָט דער מחותן כמעט ווי אויסגעשריגען, — איך בין געפאָהרען קיין פרעשבּורג, געבּעטען ביים ראש־ישיבה, דעם „חתם סופר׳ס" זוהן, ער זאָל מיר אויסקלויבּען אַ גוטען בחור, האָט ער מיר אָנגעוויזען אויף איהם, אַנ׳עלענדער בּחור אָהן עלטערען, אין אַ וואויל־לערנער. האָב איך איהם בעשטימט אַלס אַ חתן פאַר מיין טאָכטער.

אין צימער איז ענטשטאַנען אַ פּיינליכע שטילקייט. אַלעמענס הערצער

האָבען שטאַרק געקלאַפּט ווייל מען האָט אָנגעהויבען פערשטעהן אַז די מעשה איז נישט פשוט.

— א יוגגעל פון אַכט יאָהר זאָגט איהר איז ער געוועזן בעת'ן פערשוואונדען — האָט דער צאַנזער רב אַ פרעג געטהון — איז דאָך די מעשה אַ פלא. אָבער אפשר האָט איהר אויף אייער קינד וועלכע עס איז סימנים, פערבאָרגענע. .

— יאָ פערהאָן — האָט דער מחותן אינגאַנצען צומישט אויסגערופען — ער האָט געהאַט אַ שפּיקעל שוואַם אויף די פּלייצע.

— גו, דאַרף מען בודק זיין! — האָט דער צאַנזער רב אַ מורמעלגעטהון.

תיכף האָט מען אריינגעפיהרט דעם חתן אין אַ זייטיג חדר'ל און ווען מען האט איהם געווען אונטערזוכען, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער חתן איז עס טאַקי דער לייבליכער ברודער פון דער כלה און דער פערשוואונדערנער זוהן פון דעם מחותן...

שווער צו שילדערען דעם רעש, וואָס די דאָזיגע מעשה האָט אַרויסגערופען אין בודאַפעסט. עס פערשטעהט זיך, אַז די חתונה איז שוין נישט פאָרגעקומען אָבער די געסט האָט מען נישט אָבגעלאָזט אַהיים, נאָר מען האָט זיך משמח געווען אויף'ן גרויסען אופן מיט'ן געפונענעם זוהן פון מחותן, וועלכער איז גרייט געווען חתונה צו האָבען מיט זיין אייגענער שוועסטער, נאָר דער צאַנזער רב האָט מיט זיין רוח־הקודש אָבגעהאַלטען דערפון.

נאָך דער דאָזיגער געשיכטע איז דער נאָמען פון צאַנזער רב נאָך מעהר בעריהמט געוואָרען אין דער יודישער וועלט.

לב.

# פדיון נפש.

דאָס רוב גוטע יודען פלעגען זיך פיהרען, ווען עס זענען צו זיי געקומען מענשען מיט אַ מבוקש, געהאָלפען צו ווערען מיט אַ בן זכר, פאַר אַ געפעהרליכען חולה ר"ל, אדער אַנדערע הצטרכות'ן, האָבען זיי זיך אויסגעביטען געלד, וויפיעל עס בערטרעפט דאָס וואָרט „בן", די גימטרי' פון חולה'ס נאָמען אָדער סתם אַ סומע געלד און ווען דער מבקש האָט געגעבען די געפאָדערטע איז ער דאַן געהאָלפען געוואָרען.

דאָס איז נישט געווען צוליעב זייער ליעבשאַפט צו געלד, ווייל ס,איז בעקאַנט, אַז גראַד די גוטע־יודען וואָס האָבען זאָגאַר נישט געקענט קיין

צורת מטבע האָבען זיך אויסגעפיטען גרויסע געלד סומעס. נאָר צוליעב אַנדערע הויכע טעמים.

דער הייליגער צאַנזער זצ״ל האָט זיך אָבער נוהג געווען נישט צו נעהמען קיין געלד כדי אויסצובעטען אַ ישועה פאַר אַ יוד׳ס וועגען.

אַ כאַראַקטעריסטישען, עפּיזאָד וואָס אילוסטרירט אמבולט׳סטען דאָס דאָזיגע התנהגות פון צאַנזער רבין, ווערט דערצעהלט צווישען די צאַנזער חסידים.

נאָך דער פטירה פון צאַנזער רב׳ס ערשטע פרוי, די טאָכטער פון לייפּניקער גאון דער בעל „ברוך טעם״, האָט דער צאַנזער רב גענומען דעם לייפּניקער רב׳ס אַ צווייטע טאָכטער פאַר אַ פרוי.

באַלד נאָך דער חתונה ווען זיין פרוי איז גראָד געווען אין די שלום־שטוב, איז אַריינגעקומען אַ צאַנזער חסיד וואָס האָט שוין פיעל מאָל געבעטען דעם רבין ער זאָל געהאָלפען ווערען מיט קינדער, דער צאַנזער רב פלעגט איהם אָבער שטענדיג מדחה זיין, קיינמאָל איהם נישט געבען קיין קלאָרען ענטפער. יעצט איז ער ווידער געקומען צום רבין ער זאָל פאַר איהם מתפלל זיין. דערלאַנגענדיג דאָס קוויטעל האָט ער אויסגערופען צום רבין:

— הייליגער צדיק, בעט אייך אויס וויפיעל געלד איהר ווילט, וועל איך אייך געבען...

— אז דו וועסט מיר געבען הונדערט רובל, וועסטו געהאָלפען ווערען דאָס יאָהר מיט אַ בן זכר — האָט אויסגערופען דער צאַנזער רב.

דערהערענדיג דאָס, איז דער חסיד געוואָרען מלא שמחה שנעל געאיילט צו זיך אויף די אַכסניא זיך צו פערשאַפען די דאָזיגע סומע.

ווען ער איז אַריין געקומען מיטן געלד אין רבי׳נס חדר איז שוין די רביצין נישט געווען. ווי ערשטוינט איז ער געוואָרען הערענדיג פון רבין, אַז ער וויל ביי איהם דאָס געלד נישט נעמען.

— ס׳טייטש, — האָט דער חסיד מיט טרעהרען אין די אויגען אויסגערו־פען — איהר האָט דאָך מיר אַליין געהייסען ברענגען הונדערט רובל?...

דער צאַנזער רב האָט דאַן שמייכעלדיג אויסגערופען צו דעם יודען:

— אין מדרש ווערט דערצעהלט: שלמה המלך איז אַמאָל געשטאַנען אויף די טעראַסע פון זיין פאַלאַץ וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטען אריין, האָט ער געזעהען ווי צוויי פייגל שמועסען צווישען זיך. ווען ער האָט זיך צוגעהערט צו דעם שמועס האָט ער געהערט ווי איין פויגעל זאָגט צום צווייטען:

— דו זעהסט דעם פאַלאַץ וואָס דער קעניג שלמה האָט זיך געלאָזט אויפשטעלען פון די גרעסטע קינסטלער — אַז איך זאָל וועלען קען איך מיט איין פוס איבערדרעהען דעם גאַנצען פאַלאַץ...

שלמה המ[ל]ך האָט זיך שטאַרק געוואונדערט אויף דעם דאָזיגען בעריה־

מעריי. שפּעטער ווען ער האָט געטראָפן דעם פויגעל אַליין, פרעגט איהם שלמה המלך:

— ווי אַזוי האָסטו געהאַגט אַזוי זיך צו בעריהמען, צו ביזטו טאַקי אַזוי שטאַרק?...

דער פויגעל האָט זיך דאַן געוואָנדען צום קעניג:

— אדוני המלך, זאָלסט וויסען, אַז דער צווייטער פויגעל איז מיין ווייב און פאַר מיין ווייב האָב איך זיך געוואָלט בעריהמען מיט מיין גבורה...

אויך איך — האָט פערענדיגט מיט אַ שמייכעל דער צאַנזער רב איך האָב ערשט דאָ נישט לאַנג חתונה געהאַט, האָב איך געוואָלט ווייזען מיין ווייב, אַז איך קען זעהר לייכט פערדינען הונדערט רובל... אָבער באמת, האָב איך גאָר-נישט בדעה געהאַט צו נעהמען ביי דיר געלד. פאַהר אהיים דער אויבערשטער וועט אַזוי אויך העלפען און דו וועסט דאָס־יאָהר געהאָפלען ווערען מיט אַ בן זכר!

און כך הוא אין דעם אייגענעם יאָהר איז זיין ווייב געהאָלפען געוואָרן מיט אַ בן זכר.

------

אָבער נישט אַלעמאָל האָט דער צאַנזער רב געשאָנקען דאָס געלד וואָס מ'האָט איהם געוואָלט געבען. האַלטענדיג, אַז דאָס געלד געהערט שוין צו צדקה, ווייל דער נותן האָט עס דערויף בעשטימט.

ווי מיר האָבען שוין דערצעהלט, פלעגט דער צאַנזער רב אין די לעצ-טע יאָהרען פאָהרען קיין בודאַפעסט אין די ווארעם־בעדער. איינמאָל ווייל־ענדיג אין דער אונגאַרישער הויפּט־שטאָדט, איז געקומען צו איהם אַ אָרטיגער גביר מיט אַ יללה, בכן זיין איינציגער זוהן איז געפעהרליך קראַנק. די דאָקטוירים האָבען איהם שוין פערזאָגט דאָס לעבען. איז ער געקומען צום רבין איהם מזכיר זיין. דערביי האָט ער אַרויפגעלעגט אויפן טיש אַ פדיון, דריי הונדערט רוסישע רובל.

דער רבי האָט אָבער דעם פדיון נישט געוואָלט צונעהמען און ערקלערט, אַז דער קראַנקער וועט סיי ווי געזונד ווערען.

און אַזוי איז טאַקי געשעהען. דער קראַנקער איז געזונד געוואָרען און דער גביר האָט ביסלעכווייז פערגעסען, אַז זיין זוהן לעבט אין זכות פון צאַנזער צדיק.

איינמאָל איז געקומען פאַרן צאַנזער רב זיינער אַ חסיד אַ יוד אַ תלמיד חכם און אַ גרויסער אביון און דערצעהלט איהם, אַז ג-ט האָט איהם געהאָל-פען און ער האָט געמהון אַ שדוך הגון און זיך מתחייב געווען מסלק צו זיין דריי הונדערט רובל נדן, אָבער ער האָט נישט קיין פרוטה אחת.

קלערט דער צדיק אַ ווייל און ענטפערט:

— הער אויס, איך וועל דיר געבען אַ בריוועל צו אַ נגיד אין

בודאפעסט, אַז ער זאָל דיר געבען די דריי הונדערט רובל. ווי דער נגיד הייסט מיטן נאָמען, ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר, אַז ער הייסט משה... פונדעסטוועגן, אַז דו וועסט נישט זיין קיין בטלן וועסטו איהם אויסגעפונען. דו זאָלסט איהם געבען מיין בריוועל און ביי איהם אַ פּרוטה נישט נעהמען ווייניגער פון דריי הונדערט רובל.

דער אָרימאַן האָט גענומען דאָס בריוועלע און געלאָזט זיך אין וועג אריין.

מיט גרויס מיה איז איהם אָנגעקומען ביז ער האָט דערגרייכט די שטאָדט בודאַפּעסט. אָבער וואו געהט מען, און צו וועמען ווענדעט מען זיך? אַז ער איז אַ פרעמדער, און דערצו ווייסט ער נישט דעם נאָמען פון דעם נגיד, צו וועמען דער רבי האָט איהם געשיקט.

האָט דער פרעמדער יוד אָנגעהויבען וואַנדערען פון איין בית המדרש צום אַנדערען נאָכפרעגען זיך אייף אַ נגיד, וואָס הייסט משה. אָבער מען האָט איהם פשוט אויסגעלאַכט. דער יוד איז אַרומגעגאַנגען זעהר פערטרויערט און פערצוגט. אָבער ער האָט געוואוסט, אַז מיטן לעדיגען וועט ער פון דאַנען נישט אַוועק. מעג עס דויערען אַ גאַנץ יאָהר. אַז דער צאַנזער צדיק האָט איהם געשיקט, איז עס אַ זיכערע זאַך. אלא, עס קומט איהם אָן מיט יסורים, מסתמא איז זיין מזל דערצו גורם.

איינמאָל האָט ער זיך פונאַנדערגעשמועסט מיט אַן׳אַלטען שוהל־שמש און דערצעהלט איהם זיין ביטער הארץ. דער שמש, וועלכער האָט גוט געקענט דעם צאַנזער רב האָט איהם מיט אויפמערקזאַמקייט אויסגעהערט, און עס איז איהם איינגעפאַלען, אַז דאָס מיינט מען אַ בעוויסען מאַנופאַקטור־סוחר, וועלכער האָט שוין לאַנג פערגעסען, דאָס ער האָט געהאַט אַ יודישען נאָמען משה. נאָר פאַרן רבין האָט ער זיך געמוזט מזכיר זיין מיטן יודישען נאָמען.

רופט אויס דער שמש צום פרעמדען יוד.

— איך וועל אייך אָנווייזען דעם פּאַרשוין צו וועמען דער הייליגער צדיק האָט אייך געשיקט און איך בין אויך בטוח, אַז איהר וועט די דריי הונדערט קערבלעך בעקומען במילואו. אָבער איך וועל אייך פריהער נישט ווייזען דאָס, סיידען, איהר זאָלט מיר מבטיח זיין אַ פינפערל פאַר מיין טרחה.

דער פרעמדער האָט נאַטירליך תיכף מסכים געווען אויפן פאָרשלאָג פון שמש און דאַן האָט איהם דער שמש געפיהרט צום געשעפט פון נגיד.

דאָס געשעפט פון נגיד האָט פערנומען אַ גאַנץ הויז אויף דער פרינ־ציפּאַל גאַס פון שטאָדט. העכער פינפציג משרתים האָבען געאַרבייט. אַ וועלט מיט קונים. אַלע זענען אַרומגעלאָפען פערשמייעט און מען האָט זיך אַפילו אויף דעם יוד נישט אומגעקוקט. שטהעט אַזוי דער יוד און טראַכט ווי אַזוי ער קען צוקומען צום אייגענטימער. ווענדעט ער זיך צו איין משרת צו אַ צווייטען.

די משרתים קוקען זיך אָבער אפילו ניט אום אויף איהם, ער שטעהט שוין אין געשעפט א שעה צייט און עס דאַכט זיך איהם, אַז עס וועט נישט נעהמען קיין טאָלק.

ענדליך קומט צו איהם צו אַ לאָקיי און פרעגט איהם וואָס ער פערלאַנגט.

— איך פערלאַנג אויפגענומען צו ווערען פון דעם פרינציפּאַל אַליין. איך האָב צו איהם זעהר אַ וויכטיגען ענין.

— מסתמא אַ נדבה — פרעגט דער לאָקיי און לויפט צו צו דער קאַסע נאָך אַ פּאָר פּרוטות פאַר דעם יוד.

אָבער דער יוד וויל זיך אַפילו ניט אומקוקען דערויף און בעט דעם לאָקיי, אַז ער זאָל איהם אָנמעלדען ביים פרינציפּאַל דאָס ער קומט אין שליחות פון צאַנזער רב.

דער לאָקיי איז גלייך אַוועק און צוריקגעקומען, אַז דער פרינציפּאַל ערוואַרט איהם אין עס־צימער.

דער נגיד מיט זיין הויז־געזינד איז גראָד געזעסען ביים מיטאָג ווען דער פרעמדער יוד איז אַריינגעקומען.

דער פרעמדער דערלאַנגט איהם דאָס בריוועלע. אָבער דער נגיד קעהרט עס אויף אַלע זייטען און קען עס נישט איבערלייענען, ווייל ער איז נעבעך געווען אַ גרויסער עם־הארץ.

— אפשר ווייסט איהר, וואָס אין בריוועל שטעהט געשריבען, ווענדעט זיך דער נגיד צום פרעמדען יוד.

— אַוודאי ווייס איך, רופט ער אויס מיט שמחה — אין דעם בריוועל בעט בײַ אייך דער הייליגער צדיק, דאָס איהר זאָלט מיר געבען דריי הונדערט רובל.

— דריי הונדערט רובל? איז דאָס מעגליך — רופט אויס דער נגיד, ווי נישט מיט זיין קול, — אַ נדבה פון דריי הונדערט קערבלעך, — דאָס מוז זיין אַ טעות און ווענדענדיג זיך צום לאָקיי, הייסט ער אַריינרופען עמיצען פון זיינע משרתים, וועלכער האָט געקאָנט לייענען לשון קודש.

דער משרת קומט אַריין און לייענט איבער דאָס בריוועל, אַז דער צאַנזער רבי בעט אויסצוצאָהלען דעם יודען דריי הונדערט רובל.

ווערט דער נגיד נאָך מעהר מבולבל. הייסט עס, אַז דער פרעמדער האָט קיין ליגען נישט געזאָגט.

אָבער דריי הונדערט קערבלעך איז דאָך פאָרט אַ מטבע. ווי אַזוי האָט עס דער צאַנזער געקאָנט פון איהם פערלאַנגען.

פרובט דער נגיד מיטן יודען צו האַנדלען. גיט איהם אַ פינפציגער, אַ הונדערטער. אָבער דער פרעמדער יוד וויל אפילו נישט הערען. ס'הייסט עפּעס, און אַז עס זאָל פעהלען אַ גראָשען וועל איך ביי אייך נעהמען דאָס.

געלד? — דריי הונדערט רובל און נישט קיין צוויי הונדערט ניין און נײַנציג — און אַפילו איהר זאָלט מיר געבען דריי הונדערט רענדלעך, וועל איך אויך נישט נעהמען, נאָר דריי הונדערט רוסישע רובל...

קלערט אַ ווײַלע דער נגיד און קוקט זיך אום אויף זיין הויז-געזינד, די מעשה איז דאָך אַ פּלאַ׳דיגע.

ענדליך רופט זיך אָב די פרוי זיינע:

— עס איז ריכטיג, עס קומט איהם! דעם צדיק קומט ביי אונז דריי הונדערט רובל. דו דערמאָהנסט זיך, אַז יוען אונזער זוהן איז נישט היינט געדאַכט קראַנק געווען, האָסטו איהם געטראָגען אַ פּדיון פון דריי הונדערט רובל און דער צדיק האָט עס פון אונז נישט געוואָלט געהמען. איצטער האָט ער געשיקט נאָך דעם געלד!...

ערשט דאַן האָט דער נגיד זיך דערמאָהנט די גאַנצע מעשה. עס פערשטעהט זיך אַז דער אָרימאַן האָט בעקומען אויסגעצאָהלט זיין געלד און דערצו האָט ער נאָך בעקומען טייערע מתנות און פערשידענע שטאָפען פאַר זיין טאָכטער די כלה...

## לג.

# ברייטע פרייצעם.

דער צאַנזער רב זצ״ל — האָט מען געשמועסט אין דער חסידישער וועלט — האָט געהאַט ברייטע פלייצעס. ער האָט אַ סך געשטעלט אויף זיך און גאַנץ אָפט מבטל געמאַכט דאָס וואָס אַנדערע גוטע־יודען האָבען גוזר געווען, צוליב זיין גרויס רחמנות און מסירת נפש פאַר אַ יוד׳ס וועגען.

חסידים דערצעהלען פאָלגענדע מעשה:

נעבען דער שטאָדט צאַנז, אין דאָרף יאַלקאָוויץ, האָט געהאַלטען אין אַרענדע די שענק, אַ יוד מיטען נאָמען ר׳ נחום. דער דאָזיגער ר׳ נחום איז נישט געווען ווי אַנדערע ישוב׳ניקעס, פערגרעבט, נאָר ער איז געווען אַ תלמיד חכם, אַ ירא שמים, אַ צאַנזער חסיד.

ר׳ נחום איז אויך געווען אַ גרויסער בעל מכניס־אורח, ער האָט ליעב געהאַט מהנה צו זיין אַ יוד. בפרט ווען דער יוד איז געווען אַ תלמיד חכם אדער געהאַט אַ איידעלען אויסזעהן.

איינמאָל איז געקימען צו ר׳ נחום׳ן אין די קרעטשמע אַ וואַנדערענדער יוד מיט צוריסענע מלבושים און נעבעכדיגען אויסזעהן. ר׳ נחום האָט דעם דאָזיגען אָרימאַן דערלאַנגט שלום, צוגעפיהרט איהם צום טיש און געגעבען איהם אַ

זאַטע סעודה. נאָכדעם ווי דער אורח האָט אָבגעגעסען צו דער זעט און אָבגעבענשט, האָט ר׳ נחום אַרויסגענומען, אַ מטבע און איהם דערלאַנגט. דער יוד האָט זיך אָבער אָבגעזאָגט צו נעמען דאָס געלד, און ווען ר׳ נחום האָט געפּרובט מוסיף זיין אויף די נדבה, האָט דער אורח אויסגערופען:

— איך בעט אייך זייט מיך נישט מפציר, אז איך זאָל ביי אייך נעמען די נדבה, ווייל באמת בין איך אַ גרויסער עושר און איך בעדאַרף חלילה נישט אָנצוקומען צו קיין נדבות.

דערהערענדיג די דאָזיגע דבורים ג״ז ר׳ נחום שטאַרק פערוואונדערט געוואָרען, בעטראַכט דעם אָרים־געקליידעטען יוד, און בשעת מעשה געטראַכט, אַז דער יוד מוז נישט זיין ביי די קלאָרע געדאַנקען.

— איהר מיינט אַוודאי, אַז איך רעד אַזוי, צוליעב אַ גרויסקייטס מאַניע, — האָט דער אורח אויסגערופען זעהענדיג די פערוואונדערונג פון ר׳ נחום׳ן. — טאָ הערט, וועל איך אייך דערצעהלען וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט.

— איך בין אַ איינוואוינער פון די שטאָדט בודאַפּעסט — די הויפּט שטאָדט פון אונגאַרן — ווי איך האָב אייך שוין דערצעהלט בין איך אַ גרויסער עושר, איך פערמאָג הייזער, גיטער, פעלדער, וויינגערטנער — גאַנצע דערפער. איך פיהר אויך גרויסע געשעפטען און איהר קענט אין מיין הויז שטענדיג געפונען שווערע צענדליגער טויזענטער.

איינמאָל איז פון מיין הויז פערשוואונדען גאָר אַ גרויסע סומע געלד. עס איז ביי מיר קיין שום ספק נישט געווען, אַז עמיצער פון מיינע הויז מענשען, מיינע משרתים, האָבען דאָס געלד צוגעגנב׳ט. דער חשד איז געפאַלען אויף אַ דינסט־מיידעל, אַ יתומה וואָס איז אין מיין הויז געווען בלויז אַ קורצע צייט. און עס איז ביי מיר געבליבען במוסכם, אַז נאָר זי האָט אויסגעפיהרט די גנבה. און היות ווי זי האָט געלייקענט שטיין אוןביין, און צו קיין זאַך נישט מודה געווען זיך. האָב איך וועגען דעם געמאָלדען די פּאָליציי, מען האָט דאָס מיידעל אַרעסטירט און די פּאָליציי־לייט האָבען איהר געשלאָגען מיט גרויס אכזריות, אַז זי זאָל זיך מודה זיין אין די גנבה. אָבער אויך די קלעפּ האָבען נישט געהאָלפען, זי האָט זיך געהאַלטען ביי דאָס איהריקע, אַז זי האָט אין דער גנבה קיין שום אַנהונג נישט.

פון די בעקומענע קלעפּ איז די אָרימע יתומה שווער קראַנק געוואָרען און מאַטערענדיג זיך עטליכע טעג איז זי אין יסורים אָבגעשטאָרבען.

אין עטליכע טעג אַרום האָט זיך די גנבה אָבגעפונען. און אַרויסגעוויזען האָט זיך, אַז נישט זי, די פערשטאָרבענע יתומה, נאָר עמיצער אַנדערש האָט אויסגעפיהרט די גנבה.

דאָס געוויסען האָט מיך שטאַרק אָנגעהויבען פּייניגען, צוליעב דעם וואָס איך בין געווען אַ חושד בכשרים און דערצו גורם געווען צו דעם פּאָליציי־טיגען טויט פון אַ אָרימע עלענדע יתומה.

נישט האָבענדיג קיין רוה אויף מיין הארץ בין איך געפאָהרען קיין פרעמישלאַן צום רבין ר׳ מאיר׳ל, און געבעטען, אַז ער זאָל מיר ארויסגעבען אַ תשובה וואָס זאָל מכפּר זיין אויף מיין זינד.

דער רבי ר׳ מאירל האט אַ לענגערע צייט אַ שטאַרק פערטראַכטער בעשפּרייזט איבער זיין צימער און ענדליך צו מיר אויסגערופען:

— דו קאָנסט דיר אויסקלויבען איינס פון די דריי, וואָס איך וועל דיר פאָרלייגען: אָדער דו וועסט שטאַרבען פאַר די צייט, דאַן וועט דער טויט זיין אַ כּפּרה פאַר דיינע זינד און דו וועסט זוכה זיין צו עולם הבא. אָדער דו וועסט אויף זיך נעמען יסורים, דריי יאָהר קראַנק צו זיין און ליגען צו בעט, ווי די חז״ל זאָגען: „יסורים ממרקין עוונותיו של אדם״. אָדער דו וועסט אויף זיך נעמען גלות גאַנצע דריי יאָהר צייט. דו זאָלסט זיין נע ונד ווי דער דין איז, אַז מען הרג׳ט אַ מענש בשוגג...

עס פערשטעהט זיך, אַז איך האָב זיך נישט געקענט דעצידירען אויף קיין איינס פון די דריי זאַכען. און נישט געבענדיג דעם רבין קיין תשובה־ברורה בין איך אהיימגעפאָהרען קיין בודאַפּעסט.

עטליכע טעג זענען אריבער און איך האָב אָנגעהויבען פיהלען אַ שטאַרקער קאָפּ־ווערטאָג, איך האָב דערפון קיינעם נישט דערצעהלט, רעכענדיג, אַז דער דאָזיגער מיחוש וועט אַריבער, אָבער איך האָב אַ טעות געהאַט. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך זיך מעהר נישט געקענט האַלטען אויף די פיס, איך האָב געמוזט ליגען צו בעט. מען האָט גלייך געשיקט נאָך אַ דאָקטאָר וועלכער האָט פעסטגעשטעלט, אַז מיין לעבען איז אין סכּנה.

דאַן האָב איך פערשטאַנען, אַז דאָס האָט דער פרעמישלאַנער פאַר מיר אויסגעקליבען, דעם טויט אַלס כּפּרה פאַר מיין זינד. איך האָב אָבער נישט געוואָלט אַזוי גיך זיך שיידען מיט די וועלט. האָב איך גלייך געשיקט אַ דעפּעשע קיין פרעמישלאַן מיט אַ פּדיון און געבעטען, אַז דער צדיק זאָל פאַר מיר מתפּלל זיין, אַז איך זאָל געזונד ווערען, און דערביי פערזיכערט, אַז ווי נאָר איך וועל קומען צו זיך וועל איך אַראָבקומען קיין פרעמישלאַן און דאָרט וועל איך אויף זיך מקבּל זיין אַלץ וואָס דער רבי וועט בעפעהלען.

און כּך הוא, איך בין געזונד געוואָרען. און עטליכע וואָכען אַרום בין איך ווידער געווען ביים רבין ר׳ מאירל אין פרעמישלאַן, און איך האָב צו איהם געזאָגט:

הייליגער צדיק! צו שטאַרבען האָב איך נאָך צייט, איך בין דאָך נאָך יונג. יסורים האָב איך דאָך שוין געליטען. בין איך מקבּל אויף זיך גלות! איך בין גרייט צו זיין נע ונד דריי יאָהר צייט, ווי איהר האָט אויף מיר גוזר געווען און איך בעט אייך, אַז איהר זאָלט מיר ארויסגעבען אַ סדר ווי אַזוי איך זאָל מיך נוהג זיין אין די גלות צייט.

אויב אַזוי — האָט דער רבי אויסגערופען — הער־זשע וועל איך דיך לערנען, ווי אַזוי מ׳ריכט אָב גלות. קודם כּל טוה אויס דיינע מלבּושי־כּבוד

יאָס דו טראָגסט אויף זיך און דאָס געלד וואָס דו האָסט ביי זיך לאָז איבער ביי מיר. דו וועסט אָנטוהן מלבושים פון אַ אָרימאַן, אַ מדינה געהער. דאָרט וואו דו וועסט טאָגען זאָלסטו נישט נעכטיגען. און דאָרט וואו דו וועסט נעכטיגען זאָלסטו נישט טאָגען. קיין עסען אָדער געלד זאָלסטו נישט בעטען אַפילו ווען דער הונגער וועט דיך שטאַרק דערקוטשען. נאָר ווען מ'וועט דיר געבען עסען אָדער אַ פּאָר פרוטות מעגסטו נעמען. אזוי זאָלסטו זיך פיהרען דריי יאָהר צייט, און במשך די דאָזיגע צייט זאָלסטו קיין איינמאָל נישט קומען אהיים. דו טאָרסט אויך נישט פאָהרען אויף אַ פוהר, נאָר גיין צו פוס, סיי זומער סיי ווינטער. דערביי בין איך דיר מבטיח, אַז עס וועט דיר פון דיין פערמעגען נישט געמינערט ווערען אויף קיין האָר, אדרבא דיין עשירות וועט נאָך וואַקסען.

צום סוף האט מיר דער צדיק אָנגיזאָגט, אַז נאָכ'ן סוף פון יעדען יאָהר זאָל איך קומען קיין פּרעמישלאָן זיך צו ווייזען פאַר איהם.

איך האב אויף מיר, מ'ין ליבער יוד, מקבל געווען אַלץ וואָס דער צדיק האט אויף מיר גוזר געווען. און שוין צוויי יאָהר ווי איך בין נע ונד און איך ריכט אָב גלות מיט גרויס מסירת נפש.

שטעלט אייך אבער פאָר מיין צער, ווען איך האב זיך, נאָך צוויי יאָהר אָבריכען גלות, געלאזט זיך אויפן וועג קיין פּרעמישלאָן, האב איך זיך אויפן וועג דערוואוסט, אַז דער צדיק געפונט זיך שוין מעהר נישט צווישען די לעבעדיגע. איך האב דעריבער נישט געוואוסט וואָס צו טוהן. הערענדיג אַז אין צאַנז געפינט זיך אַ גרויסער צדיק, האָב איך בעשלאָסען זיך צו ווענדען צום צאַנזער צדיק און צו פרעגען ביי איהם אַ עצה, וואָס איך האָב ווייטער צו טוהן.

דערפאַר קען איך ביי אייך קיין נדבה נישט נעמען — האָט דער אורח מסיים געווען, ווייל איצט בין איך דאָך נישט קיין נע ונד'ניק, איך גיי דאָך צום הייליגען צאַנזער.

אויסהערענדיג די דאָזיגע אויסטערלישע געשיכטע האָט ר' נחום יאַלקאָוויצער תיכף געלאָזט שפּאַנען פערד און וועגעלע און צוזאמען מיט דעם יוד אָבגעפּאָהרען קיין צאַנז.

אויסהערענדיג די מערקווירדיגע געשיכטע פון דאָזיגען יוד, האָט דער הייליגער צאַנזער אויסגערופען:

— פאָהר אַהיים, און דו זאָלסט פערביי פאָהרען די שטאָדט פּרעמישלאָן. דאָרט זאָלסטו זיך אָבשטעלען און גיין אויפן קבר פון הייליגען פּרעמישלאָנער און זאָלסט זאָגען; אַז איך, חיים צאַנזער זאָג: אַז צוויי יאָהר גלות מיט אזוי פיעל מסירת נפש איז גענוג!

דער בודאַפּעסטער יוד האָט מקיים געווען וואָס דער צאַנזער צדיק האָט בעפוילען און מיט גרויס שמחה איז ער אַהיימגעפּאָהרען בשלום.

לד.

# דרשה געשאַנק.

אַ װאונדערליכע געשיכטע װערט דערצעהלט צװישען חסידים װאָס בעװייזט דאָס גדלות פון צאַנזער רב זצ״ל.

אַמאָל איז אויסגעבראָכען אין צאַנז אַ עפּידעמיע ר״ל. מענשען זענען געפאַלען װי די פליגען, און בכדי ניצול צו װערען פון דער עפּידעמיע, זענען פיעל איינװאוינער פון די שטאָדט אַנטלאָפען. אויך דער צאַנזער רב איז צוליעב די הפצרה פון זיינע שטוב־מענשען און מקורבים אַװעק פון שטאָדט. אָבער פאַרן פערלאָזען די שטאָדט האָט ער בעפוילען, אַז מען זאָל אויסזוכען אַ יתום מיט אַ יתומה און די שטאָדט זאָל זיי חתונה מאַכען און די חופה זאָל מען שטעלען אויפען בית־עולם.

עס פערשטעהט זיך, אַז די שטאָדטס־לייט האבען פונקטליך מקיים געװען דעם בעפעהל פון צדיק. מען האָט אויסגעפונען צװיי אָרימע יתומים װעלכע מ׳האָט בענעהט און בעקלייד, מען האט צוזאַמענגענומען אַביסעל געלד אַלס נדן, געפּראַװעט אַן „אָרימע־חתונה״ אויפען בית עלמין. דערנאָך איז פאָרגעקומען אַ סעודת מצוה אין װעלכע עס האָבען אַנטייל גענומען אַלע שטאָדט מענשען־מען האט דאס פאַר פאָלק געגעבען דרשה געשאַנק און געדונגען אַ שטוב צו װאוינען, אַלץ װי דער צאַנזער רב האָט בעפוילען.

און השי״ת האָט געהאָלפען די מגפה האָט אויפגעהערט. און די אַנטלאָפענע פון שטאָדט האָבען אָנגעהויבען צוריקצוקומען אַ היים.

גלייך װי דער צאַנזער רב איז אַהיימגעקומען, האָט ער געפראַװעט אַ סעודה לכבוד דעם אָרימען פּאָרל. צו װעלכע ער האָט אויך איינגעלאָדען די אָנגעזעהענסטע בעלי־בתים פון שטאָדט און מ׳האָט זיך שטאַרק משמח געװען. אין מיטען די סעודה האָט זיך דער צאַנזער רב געװענדעט צום יונגערמאַן, װעלכען מ׳האָט גערופען דער „שטאָדטס־איידעם״ און אויסגערופען:

— הגם איך בין נישט געװען אויף דיין שמחה, דאָך װעל איך דיר דיין דרשה־געשאַנק אָפּגעבען. נאר פריהער װעל איך דיר דערצעהלען אַ מעשה װאָס איז זיך פערלאָפען ביים רבין ר׳ אלימלך פון ליזענסק זצ״ל:

אין די צייטען פון רבין ר׳ אלימלך, האָבען אין אַ שענק געאַרבייט אלס משרת אַ אָרימער בחור, װי אויך אַלס דינסט אַ אָרימע עלענדע יתומה. געװען זענען עס צװיי עהרליכע יודישע קינדער װאָס צוליעב דחקות האבען זיי געמוזט זיך פע־דינגען פאַר עטליכע רובל שכירות אַ יאָהר. אָבער בכדי דאָס

געלד זאָל זיי נישט צושווימען ווערן האָבען זיי בעשלאָסען, איבערצולאָזען דאָס געלד ביים בעל הבית וועלכער איז געווען אַ איש בטוח. אין די האָפנונג אַז און עטליכע יאָהר וועט זיך אָנזאַמלען אַ גרויסע סומע וועלען זיי שוין וויסען וואָס דערמיט צו טוהן.

אויסגעלאָזט האָט זיך אָבער אַנדערש. נאָך עטליכע יאָהר אָפּאַרבייטען עבודת הפרך האָבען די צוויי אָרימע קינדער זיך אַרומגעזעהן, אַז קיין געלד וועלען זיי שוין ביי דעם בעל הבית נישט אַרויסקריגען, מחמת דער שענקער איז אראָב פון דער מערכה, און געוואָרען אַנ'אביון, אַזוי אַז ער האָט געמוזט פערמאַכען די שענק און אַרויס בעירום ובחוסר כל.

דער משרת און די משרתת האָבען נאַטירליך געמוזט פערלאָזען זייער אַרבייטס־פּלאַץ. געזעגענט זיך מיט זייער פריערדיגען בעל הבית מוחל זייענדיג איהם דאָס געלד מיטען גאַנצען האַרץ און זיך פערדינגען צו אַרבייט אין אַ אַנדערע שטאָדט.

אין אַ יאָהר אַרום האָט דער משרת דערזעהן זיין פריערדיגען בעל הבית צווישען אַ מחנה אָרימע מדינה־געהער, געהענדיג איבער די הייזער ר"ל צונויפזואַמלען נדבות. האָט דעם בחור שטאַרק איבערגענומען דאָס רחמנות אויף זיין פריערדיגען בעל הבית וועלכער איז ערשט מיט אַ קורצע צייט געווען אַ שענער נגיד און אַצינד זאָל ער דאַרפען זיין אַ מחזיר על הפתחים און ער האָט זיך געווענדעט צו איהם:

— זאָגט מיר בעל הבית איך בעט אייך, צו קענט איהר זיך נישט אויסקלויבען עפּעס אַ שטיקעל פרנסה, אַז איהר זאָלט נישט דאַרפען אויף די עלטער צו זיין נע ונד און וואַנדערען איבער דער מדינה?

דער געוועזענער עושר האָט שטאַרק אָבגעקרעכצט און אויסגערופען:

— וואָס זאָל איך טוהן מיין קינד, אַז עס איז מיר פון מיין פריערדיגע בעל־בתישקייט גאָרנישט געבליבען. ווען איך וואָלט געקענט צוזאַמענשטעלען אַ סומע פון הונדערט גילדען וואָלט איך מיר אין שטעדטעל געעפענט אַ קרעמעל און איך וואָלט מיט השי"ת הילף געקענט זיך מפרנס זיין בכבוד. אָבער וואו נעהמט מען אַזאַ סומע ווי הונדערט גילדען?...

האָט דער משרת אַ ווײַלע געקלערט און אַ זאָג געטוהן צו זיין פריערדיגען בעל הבית: וואַרט דאָ אַ ווײַלע איך וועל באַלד צוריקקומען אפשר וועט עס מיר געלונגען צונויפצוזאַמלען די דאָזיגע סומע וואָס עס וועט אייך אָפּראַטעווען פון דחקות און שפלות.

אַזוי רעדענדיג איז דער משרת אַוועק אַהיים ווי ער האָט אַוועקגערופען אין אַ זייט דאָס דינסט־מיידעל. וועלכע האָט אויף די זעלבע שטעל געאַרבייט, און דערצעהלט איהר וועגען דעם מצב פון זייער פריערדיגען בעל הבית און צו וואָס פאַר אַ מצב ער איז צוגעקומען. און צום סוף האָט ער אַ זאָג געטהון:

— היות ווי מיר האָבען זיך פערדינגען צום איצטיגען בעל הבית פאַר

פינפציג גילדען שכירות א יאָהר און מיר האָבען ביז איצט צוזאַמען אַ סומע פון הונדערט גילדען. איז מיין עצה, אַז מיר זאָלען די גאַנצע הונדערט גילדן אונזערע אָוועקגעבען אונזער פריהערדיגען בעל הבית וועמען עס איז פיעל ערגער פאַר אונז און מיטן דאָזיגען געלד וועט ער זיך ראַטעווען. און אין דעם זכות וועט אונז דער אויבערשטער העלפען, אַז מיר זאָלען נישט וויסען פון קיין נויט.

אויסהערענדיג די דאָזיגע דבורים האָט דאָס מיידל אַ זאָג געטוהן.

— אמת, דיין עצה איז אַ ריכטיגע און מיטן גאַנצען האַרץ בין איך גרייט אָוועקצושענקען מיינע פינפציג גילדען פאַר אַזאַ גרויסע מצוה. אָבער דו מוזט דאָך נעמען אין אַכט, אַז איך בין דאָך שוין אַ בתולה אין די יאָהרען אָהן אַ גראָשען געלד און עס וועט דאָך מיר אויסקומען צו זיצען ביזען גראָהען צאָפּ. נאָר אויב דו וועסט מיר געבען תקיעת־כף, אַז דו וועסט מיט מיר חתונה האָבען אָהן געלד, בין איך מסכים דיר אָוועקצוגעבען דאָס געלד כדי צו ראַטעווען אונזער פריהערדיגען בעל הבית.

דער גוט־האַרציגער בחור האָט אויך דערצו מסכים געווען, און אויפן אָרט האָבען זיי געמאַכט אַ התקשרות. דאַן האָט דער משרת אָוועקגעטראָגען און אָפּגעגעבען זיין פריהערדיגען בעל הבית דאָס געלד וואָס זיי האָבען פערמאָגט.

די שמחה וואָס עס האָט בעהערשט זייער פריהערדיגען בעל הבית איז געווען אָן לשער. מיט טרעהרען אין די אויגען האָט ער געדאַנקט די אָרימע קינדער פאַר די הילף וואָס זיי האָבען איהם געגעבען אין אַ עת צרה, נישט איבערלאָזענדיג פאַר זיך אַפילו איין פּרוטה.

עס איז אַוועק אַ שטיקעל צייט, האָבען זיך די אָרימע חתן כלה מיישב געווען וואָס וועט זיין דער תכלית זייערער, מען וועט אָפּאַרבייטען אַזוי אין די שענק פאַר דעם קליינעם שכירות וואָס זיי פערדינען, זיי זענען דאָך שוין נישט קיין יונגע קינדער און מ׳ווערט דאָך וואָס אַמאָל עלטער. און זיי האָבען בעשלאָסען אָפּצוזאָגען זיך פון זייער אַרבייט אין דער שענק, צו קויפען זיך אַ פערד און וועגעלע און אָוועקצופאָהרען זיך איבער די מדינה מקבץ צו זיין נדבות. און ווען ס׳וועט זיך אָנקלייבען אַ ביסעל געלד וועלען זיי חתונה האָבען.

די דאָזיגע התנהגות פון די צוויי אָרימע קינדער האָט געמאַכט אַ גרויסען רעש אין הימעל, וואָרען אַזאַ מסירת נפש צו ראַטעווען אַ יוד און מיט אַזוי פיעל כח מקיים צו זיין די מצות צדקה האָט נאָך קיינער נישט אַרויסגעוויזען.

דאָס אַלץ האָט מיט רוח הקודש געזעהען דער הייליגער רבי ר׳ אלימלך פון ליזענסק, און ער האָט שטאַרק חשק געהאַט צו זיין אויף די חתונה פון דאָזיגען פּאָרל.

און תיכף האָט דער רבי ר׳ אלימלך געהייסען שפּאַנען פערד און װעגעלע, מיטגענומען אַ מנין פון זיינע הייליגע תּלמידים און געלאָזט זיך אין װעג אַריין.

נאָך עטליכע שעה פאָהרען האָט דער רבי ר׳ אלימלך מיט זיינע תּלמידים אָבגעשטעלט זיך אין אַ דאָרפישע קרעטשמע. געװען איז עס אין אָוונט.

האָט דער רבי ר׳ אלימלך געשטעלט זיך דאַװענען מעריב מיט מנין. נאָך מעריב האָט ער בעמערקט װי עס זיצט אין די זייט אַ אָרימער בחור און דערנעבען זיצט אַ מיידל און דרימעלט.

האָט דער רבי ר׳ אלימלך זיי צוגערופען און זיי געפרעגט װער זיי זענען און װאָס זיי טוהן דאָ.

דער בחור װעלכער האָט דערקענט, אַז דאָס איז נישט עפּעס אַ סתם יוד נאָר אַ הייליגער מאַן, האָט ער דערצעהלט אַלץ װאָס עס האָט מיט איהם פּאַסירט, און איצט פאָהרט ער מיט זיין כּלה איבער די מדינה צונויפצוזאַמלען אַביסעל געלד אויף צרכי החתונה.

איך זעה דאָך — האָט דער רבי ר׳ אלימלך אויסגערופען — אַז איהר זענט עהרליכע כּשר׳ע קינדער, זאָג איך אייך, אַז ס׳איז נישט גלייך, אַז חתן כּלה זאָלען זיך צוזאַמען אויפהאַלטען. גלייכער װאָלט געװען, אַז איהר זאָלט חתונה האָבען, שטעלען אַ חופּה און דאַן װעט איהר קענען פאָהרען איבער די מדינה בהיתּר אַלס מאַן און װייב, װי לאַנג איהר װעט װעלען.

די דאָזיגע עצה איז די אָרימע חתן כּלה שטאַרק געפעלען, און תּיכף האָט מען זיך גענומען גרייטען צו די קידושין.

דער קרעטשמער האָט די גאַנצע מעשה אויסגעלאַכט און צונויפגערופען די דאָרפס־לייט, אַז זיי זאָלען זיך אויך משמח זיין אויף דער חתונה װאָס מ׳װעט דאָ באַלד פּראַװען, װייל אויך אַ חופּה־װיעטשערע האָט דער רבי ר׳ אלימלך בעשטעלט ביי איהם.

נאָכדעם װי דער רבי ר׳ אלימלך האָט מסדר־קדושין געװען האָט מען געפּראַװעט אַ סעודה מצוה. די תּלמידים האָבען געזינגען זמירות און שטאַרק זיך משמח געװען, אין דער צייט װאָס דער קרעטשמער און זיינע קאַמעראַדען זענען געשטאַנען אין דער זייט און חוזק געמאַכט.

ביים סוף פון דער סעודה האָט זיך דער רבי ר׳ נפתּלי פון ראָפּשיץ אַרויפגעשטעלט אויפן טיש און אָנגעהויבען רופען דרשה־געשאַנק.

— איך גיב דאָס דאָזיגע דאָרף אַלס דרשה־געשאַנק — האָט דער רבי ר׳ אלימלך דער ערשטער אַ זאָג געטוהן.

— און איך גיב די גרויסע װאַסער־מיל מיט איהרע זעקס שטיינער װאָס געפינט זיך אין צווייטען דאָרף — האָט אַ תּלמיד אַ זאָג געטוהן.

— און איך גיב טויזענד רייניש מזומן — האָט אַ דריטער אויסגערופען.

און איהר בעל הבית — האט דער ראפשיצער זיך געווענדעט צום בעל הבית — וואס גיט איהר דרשה־געשאנק?

— איך קען אייך געבען וועט איהר האבען אוועקצוטראגען — האט דער קרעטשמער אויסגערופען מיט חוזק.

אויב אזוי — האט דער ראפשיצער· א זאג געטהון, — גיב איך דאס פאר פאלק אלס מתנה די דאזיגע קרעטשמע און די דערביייאיגע בראנפען ברענעריי אויף עולמות.

די דאזיגע „מתנה" האט ארויסגערופען גרויס געלעכטער ביים קרעטש־מער און זיינע מענשען.

נאכן בענטשען איז דער רבי ר' אלימלך מיט זיין חבריא צוריקגעפאה־רען קיין ליזענסק, און אויך דאס פאר פאלק איז זיך געפאהרען זייער וועג, הגם ס'איז נאך געווען נאכט. נישט וועלענדיג צוווארטען ביז אין דער־פריה, צוליעב דעם חוזק און ליצנות פון דעם קרעטשמער און זיינע לייט אויף זייער חשבון.

פערבייפאהרענדיג דעם וואלד האט זיך צו זיי דערטראגען פון דערווייי־טענס א קול ווי עמיצער רופט נאך הילף. איז דער יונגערמאן אראפגעשפרינגען פון וואגען, און געלאפען אין וואלד פונוואנען עס האט זיך געטראגען די הילפס־רופען.

קומענדיג אויפן בעשטימטען ארט דערזעהט ער ווי א יונגערמאן געקליי־דעט ווי א פריץ זינקט אין בלאטע און שרייט נאך הילף.

מיט גרויס מיה און מסירת נפש איז געלונגען דעם יונגערמאן ארויסצו־ראטעווטען דעם פריץ פון דער זומפ און צוגעטראגען איהם צום פוהרל ווי ער האט איהם ארויפגעלעגט, ווייל אליינט איז ער געווען שטארק פערמאטערט און נישט געקענט ריהרען מיט קיין אבר.

ווען דער יונגער פריץ איז עטוואס געקומען צו זיך האט ער דערצעהלט וואס עס האט מיט איהם פאסירט, אז ער איז דער זוהן פון כראביע צו וועמען עס געהערט דאס דארף, און נאך פיעל אנדערע דערפער. און נעכטען איז געפראוועט געווארען זיין חתונה מיט די טאכטער פון פריץ פון א שכנות־דיגען דארף.

און אין פאטערס הויז זענען איצט פערזאמעלט פריצים און שלאכטשי־צעס פון נאהנט און פון ווייט זיי זענען זיך משמח אויף גאר א גרויסען אופן.

אין מיטן דער סעודה — דערצעהלט ווייטער דער יונגער פריץ — האט זיך אין מיר דערוועקט א חשק צו לאזען זיך אין וואלד אריין אויף יאגד. כדי צו איבערראשען די געסט מיט פרישע פייגל און האזען וואס איך וועל פאנגען.

און נישט דערצעהלענדיג קיינעם האב איך א כאפ געטוהן א רייט־פערד און אין גאלאפ זיך געלאזט אין וואלד אריין אויף יאגד. אבער פלוצלינג

האָט זיך די ערד אונטער מיר געעפענט און איך בין מיט מיין פערד אַריינ־
געפאַלען אין אַ זומפּ. איך האָב גענומען זינקען אַלץ טיעפער און טיעפער.
שוין עטליכע שעה ווי איך שריי און רוף נאָך הילף אָבער אומזוסט... און
ווען דו וואָלסט נישט דערהערט מיינע הילפס־רופען און מיך אַרויסגעראַטעוועט
פון די זומפּ וואָלט פון מיר שוין נישט געבליבען קיין זכר.

און איצט בעט איך דיך, מיין לעבענס רעטער, פיהר מיך אַ היים, צו
מיינע עלטערען, זיי וועלען דיך רייך בעלוינען דערפאַר וואָס דו האָסט
אָבגעראַטעוועט מיין לעבען.

דער יוד האָט אַ טרייב געטוהן דאָס פערדל און געלאָזט זיך צום הויף
פון פריץ. אָבער שוין ביים איינגאַנג פון דאָרף האָט ער בעמערקט דעם פריץ
מיט זיינע לייט, וועלכע זענען געווען שטאַרק בעאומריהוגט צוליעבן פעהלען
פון יונגען פריץ און זיי האָבען אַרויסגעשיקט שלוחים אויף אַלע זייטען איהם
אויפצוזוכען. גרויס איז דעריבער געווען די שמחה ווען זיי האָבען איהם דער־
זעהן אַ לעבעדיגען.

נאָך דער ערשטער פריידיגער בעגעגעניש האָט דער יונגער פריץ זיי
דערצעהלט וואָס עס האָט מיט איהם פּאַסירט.

— זאָלסט וויסען טאַטע, אַז אַט דעם יוד האָב איך צו פערדאַנקען
מיין לעבען, ווען נישט אַט דער יוד וואָלט שוין געווען נאָך מיר...

מיט טרעהרען אין די אויגען האָט דער פריץ געהאַלזט און געקושט
דעם יוד און געדאַנקט איהם פאַר דער רעטונג פון זיין זוהן.

און דאַן האָט ער איהם צוזאַמען מיט זיין פרוי געפיהרט אין זיין שלאָס
אַריין ווי ער האָט זיין לעבענס רעטער פאַרגעשטעלט פאַר זיינע געסט.

— אַלס דאַנקבאַרקייט פאַר די דאָזיגע רעטונג האָט דער פריץ פייער־
ליך אויסגערופען — שענק איך דיר אַוועק דאָס דאָזיגע דאָרף אַלס מתנה.

און איך פון מיין זייט האָט — אויסגערופען די פריצה׳טע — שענק
דיר אַוועק די קרעטשמע מיט די בראָנפען ברענעריי.

דאַן האָט דער צווייטער פריץ, דער מחותן, געשאָנקען די וואַסער מיהל
און זיין ווייב — טויזענד רייניש מזומנים.

גלייך האָט מען געשריבען אַ געשענקס אַקט אויף די אַלע מתנות, און
ס׳איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ באַפעהל צו אַלע פערוואַלטערס, אַז פון איצט
אָהן איז דער דאָזיגער יוד דער בעל־הבית איבער דעם אַלעם.

ס׳איז אויך באַלד אָנגעקומען אַ באַפעל צום קרעטשמער אין וועלכע
עס איז פאַרגעקומען די חתונה — אַז ער זאָל אָפּרייניגען די קרעטשמע מיט
די בראָנפען ברענעריי, ווייל דאָס געהערט מהיום והלאה צו דעם יוד וואָס
האָט געראַטעוועט דאָס לעבען פון פריץ.

דער דאָזיגער בעפעהל האָט דעם קרעטשמער שטאַרק ערשיטערט און
ער איז אַוועק קיין ליזענסק און בדמעות שליש געבעטען: אַז ער זאָל בלייבען
אין די קרעטשמע.

איך קען דיר גאַרנישט העלפען — האָט דער רבי ר' אלימלך אויס-גערופען — לאַ די וואָס דו האָסט דעם אָרימען פאַר פאָלק גאָרנישט געהאָלפען האָסטו נאָך פון זיי חוזק געמאַכט און פערשאַפט בזיונות, אצינד איז שוין אַלץ פערפאַלען...

און ווען דער הייליגער צאַנזער האָט מסיים געווען די דאזיגע וואונ-דערליכע געשיכטע האָט ער זיך געווענדעט צום „שטאָדטס-איידעם" און געזאָגט:

— און אויך איך פון מיין זייט שענק דיר במתנה דאָס דאָרף אין וועלכען איך האָב זיך אויפגעהאַלטען, אַנטלויפענדיג פון די שטאָדט.

אין אַ קורצע צייט אַרום, האָט דער יונגערמאַן שטאַרק מצליח געווען און געקויפט זיך דאָס דאָרף מיט דעם פאַלוואַרק אַרום, און געלעבט זיך אין נחת און אין גרויס עשירות, ביז אין דער טיפער עלטער.

לה.

# כבוד תלמידי חכמים.

דער צאַנזער רב זצ"ל איז געווען שטאַרק נזהר אין כבוד תלמידי חכמים. אַפילו פון די יעניגע תלמידי חכמים וואָס האָבען ארויסגעוויזען זייער התנגדות צום דרך החסידות, אויך האָט ער זיינע אָנהענגער שטאַרק מזרז געווען נזהר צו זיין אין זייער כבוד, מכל שכן נאָך משפיל צו זיין זיי אין די אויגען פון המון.

איינמאָל זענען געקומען צו איהם שאַרפע יונגעלייט אויף וועלכע ער האָט דערקענט, אַז זיי בעציהען זיך נישט מיט דעם געהעריגען כבוד צו דעם מרא דאתרא פון זייער שטאָדט, האָט ער זיי אַפילו קיין שלום נישט געוואָלט געבען, נאָר זיי געהייסען גלייך אַהיימפאָהרען און מפייס זיין דעם רב, און ערשט דערנאָך קומען קיין צאַנז.

אַ פלא'דיגע מעשה ווערט דערציילט מכח זיין בעציהונג צו די אונגאַרישע גדולים.

אין דעם שטעדטל קאַפאניע, וואָס ליגט צווישען די צוויי שטעדט סעליש און כוסט (היינט געהערט עס צו טשעכען). האָט געוואוינט אַ גרויסער למדן און נגיד מיטן נאָמען ר' יצחק זיין הויז איז געווען אַ בית ועד לחכמים און אַ אָפען הויז פאַר אַלעמען. פלעגען זיך דעריבער אָבשטעלען ביי איהם אין הויז לומדים פון די סביבה און מ'פלעגט פערברענגען אין פלפולים טאָג און נאַכט.

איינמאָל האָט ר׳ יצחק זיך מתווכח געווען וועגן אַ האַרבע שאלה מיט איינעם פון די לומדים פון דער סביבה. ר׳ יצחק האָט אויסגעדריקט זיין מיינונג, אַז די הלכה איז אַזוי, ברענגענדיג צו דעם ראיות און סברות פון פערשידענע מקורים. און זיין בר פלוגתא האָט אויפגעוויזן מיט ראיות, אַז די הלכה איז אַנדערש פונקט להיפך.

ביידע האָבן געקעמפט מיט זייערע סברות און נישט געוואָלט אָפּטרעטען פון זיין שטאַנדפונקט.

רופט זיך אָהן ר׳ יצחק׳ס בר פלוגתא:

— אָבער ר׳ יצחק, איהר מוזט דאָך נעמען אין אַכט, אַז דער סעלישער רב ר׳ שמעלקע האָט געפסק׳נט להלכה אַזוי ווי איך זאָג אייך. (דער סעלישער רב ר׳ שמעלקע איז געווען אַ גאון מובהק אין אַ שטאַרקער מפלפל. ער האָט געשמט פאַר אַ חריף און בקי, דערצו איז ער אויך געווען אַ בעל מקובל און אַ קדוש עליון, אָבער זייענדיג אַ נחבא על הכלים, האָט מען וועגן זיין צדקות און גדלות קיין גרויסע ידיעה נישט געהאַט).

ר׳ יצחק קאַפּאַניער איז אָבער דערפון נישט נתפעל געוואָרען און אָבגעענטפערט:

— איהר ברענגט מיר אַ ראי׳ פון סעלישער רב, דאָס איבערצייגט מיך נאָכנישט. דער סעלישער רב קען באמת זאָגען א גוט פשטל, אָבער להלכה חייס איך נישט צו מען קען זיך אויף איהם סומך זיין. גיכער קען מען זיך סומך זיין אויפן כוסטער רב, (אין כוסט איז דאַמאָלס געווען רב דער בעריהמטער גאון „מהר״ם שיק״).

אין עטליכע וואָכען אַרום איז געפאָהרען אַ חברותא אונגאַרישע חסידים קיין צאנז. אין דער דאָזיגער חברותא האָט אויך זיך געפונען דער אויבענדערמאַנטער ר׳ יצחק קאַפּאַניער, ווי אויך דער סאַפּינקער רב ר׳ יוסף מאיר זצ״ל (וועלכער איז שפּעטער געווען אַ בעריהמטער רבי צו וועלכען עס זענען געפאָהרען טויזענטער חסידים).

היות ווי דער וועג האָט געפיהרט איבער סעליש, זענען זיי אַריין צום אָרטיגען רב ר׳ שמעלקע און ביי איהם שלום גענומען. דער רב האָט זיך מיט די דאָזיגע לומדישע און חסידישע יונגעלייט שטאַרק דערפרעהט און זיך מיט זיי אַריינגעלאָזט אין אַ תורה שמועס.

אין מיטן שמועס רופט זיך אָהן דער סעלישער רב צום סאַפּינקער רב (וועלכער איז פריהער געווען זיינער אַ תלמיד און נאָך די חתונה איז ער געוואָרען אַ תלמיד פון ר׳ אייזיקל זידיטשויבער, און דערנאָך אויך געוואָרען זיין ממלא מקומו):

— ר׳ יוסף מאיר, דו ביזט דאָך מיר שילדיג אַ שבת, און אַזוי ווי איך האָב יעצט געלערנט מקוואות און דאָרט ברוך השם אַ סך מחדש געווען, וואָלט גלייך געווען, אַז דו זאָלסט קומען צו מיר אויף אַ שבת און דערנאָך

בלייבען נאָך אויף עטליכע טעג, כדי מיר זאָלען קענען אדורכשמועסען די דאָזיגע חדושים.

דער סאַפּינקער רב האָט דערויף גאָרנישט געענטפערט און זיך משתמט געווען.

שפּעטער האט ער אויסגערופען צו זיינע חברים:

— דער סעלישער רב מיינט נאָך אַלץ, אַז מיין מח איז צו זיינע פשטלעך און צו זיינע שפּיצלעך. און אין באמת, ווען איך וואָלט איהם נישט נוהג כבוד געווען אַלס מיין רבי, וואָלט איך איהם גע׳עצהט, אַז ער זאָל שוין אָפּלאָזען מיט די פשטלעך. וואָרען עס איז פיעל וויכטיגער איין מאַמר פון „עץ חיים“ און פון „פּרי עץ חיים“ (בעריהמטע קבלה ספרים וועלכע עס האט מחבר געווען דער בעריהמטער גאון און מקובל ר׳ חיים וויטאַל זצ״ל) ווי אַלע זיינע פשטלעך.

אַנקומענדיג קיין צאַנז, האָט דער צאַנזער רב גלייך דערקענט אין זיי א שמץ זילותא דתלמידי חכמים. ביים שלום נעמען האָט ער אַלעמען אויסגע־פרעגט פון וואַנען זיי זענען. ווען דער סאַפּינקער רב האָט זיך צו איהם דער־נענטערט, פרעגט איהם דער צאַנזער רב:

— פון וואַנען ביזטו יונגערמאַן? (הגם ער האָט איהם גוט געקענט)

— איך בין פון סאַפּינקע.

— וואו איז דאָס — האָט דער צאַנזער רב ווייטער געפרעגט.

— נעבען סיגעט.

— און וואו איז דאָס? (דער צאַנזער רב האָט קיינמאָל נישט אָנגערופען קיין שטאָדט ביים נאָמען, האַלטענדיג אַז יעדער שטאָ״ט ווערט אָנגערופען אויפן נאָמען פון א עבודה זרה, און עס שטעט דאָך „את שם אלהים אחרים לא תזכירו“).

דער סאַפּינקער רב האָט ווייטער גענומען אויסרעכענען די שכנות׳דיגע שטעדט:

— דאָס געפינט זיך נעבען כוסט, סאַטמאַר, בערגסאַס, סעליש.

ערשט דאָ האט דער צאַנזער רב איהם אָפּגעשטעלט און אויסגערופען:

— אַזוי, וואָס־זשע מאַכט דער אונגאַרישער בעל מקובל?

דער סאַפּינקער רב האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערען דערויף, נישט וויסענדיג וועמען דער צאַנזער רב מיינט דערמיט, און וועמען ער רופט אָהן דער אונגאַרישער בעל מקובל.

דערנאָך איז צוגעגאַנגען ר׳ יצחק קאַפּאַניער. אויך איהם האָט ער גע־פרעגט פון וואַנען ער איז.

האָט ר׳ יצחק געענטפערט, אַז ער איז פון שטעטעל קאַפּאַניע וואָס געפינט זיך נעבען סעליש.

— אַזוי, און וואָס־זשע מאַכט דער אונגאַרישער בעל הוראה?

האט ר׳ יצחק נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן נישט וויסענדיג וועמען ער מיינט דערמיט.

דער צאנזער רב האט איהם נישט אפגעלאזט און ווידער אויסגערופען:

— אייך סאפינקער רב פרעג איך: וואס מאכט דער אונגארישער בעל מקובל, און אייך ר׳ יצחק פרעג איך: וואס עס מאכט דער אונגארישער בעל הוראה, און אויסען בין איך איינעס; דעם גאון ר׳ שמעלקע וועלכער איז א גרויסער בעל הוראה און איז אויך קלאר בעל פה אין „עץ חיים" און אין „פרי עץ חיים". נישט מעהר ער איז א הצנע לכת און מאכט נישט פון זיך קיין עסק. דעריבער דארפט אי ר ביידע איהם מפייס זיין.

ערשט דאן האבען אלע איינגעזעהן דעם רוח הקודש פון צאנזער רב און ווי ווייט ער איז מדקדק און איז נזהר אין כבוד תלמידי חכמים.

------

א עהנליכען עפיזאד ווי ווייט דער צאנזער רב איז געווען נזהר אין כבוד תלמידי חכמים און אויך געווען א מודה על האמת, ווערט דערצעהלט:

בשעת דער בעריהמטער קאלאמעער רב ר׳ הלל ליכטענשטיין דער „בית הלל", איז דאס ערשטע מאהל געקומען קיין צאנז, האט זיך דער צאנזער רב מיט איהם שטארק דערפרע ט איי דאך דער „בית הלל" געווען בעקאנט אלס גרויסער צדיק און בעל מוכיח, וועלכער פלעגט גאנץ אפט ארויסטרעטען מיט שטארקע מוסר דרשות וואס האבען איבערגעלאזט א שטארקען רושם.

דער צאנזער רב האט געהייסען ברענגען לעקעך און בראנפען כדי מכבד צו זיין דעם חשוב׳ן גאסט.

— איך וועל ביי אייך גארנישט טועם זיין — האט דער קאלאמע־ער רב אויסגערופען.

— פארוואס עפעס — האט דער צאנזער רב מיט פערוואונדערונג געפרעגט.

— דערפאר, ווייל איך זעה אז די גאנצע שטוב איז ביי אייך אויסגעקאלכט און עס איז נישט פערהאן קיין ליידיג ארט אלס זכר לחורבן, ווי דער דין איז אין שולחן ערוך.

— אזוי זאגט איהר! — און גלייך האט דער צאנזער רב געהייסען ברענגען א לייטער מיט א מעסער, אליין ארויף אויפן לייטער און מיטן מעסער אזוי לאנג געקראצט דאס קאלעך, ביז עס האבען זיך ארויסגעוויזען די ציגעל, ווי דער דין איז.

דאן האט דער צאנזער רב אפגעגעבען א יישר כח דעם „בית הלל" דערפאר וואס ער האט איהם נישט געשוינט און איהם געמוסר׳ט ווען ער אט עס געהאלטען פאר נויטיג. הגם מען קען געפונען א סך התרים, דאך אבער דארף מען אין אנ׳ארט וואו מ׳לערנט זיך אב, נישט זוכען קיין התרים און טהון לפנים משורת הדין.

ל״ו.

# גוטע-יודען אין צאַנז.

אין אייעם פון די פריהערדיגע קאַפּיטלען האָבען מיר דערציילט, אַז אויף די עלטערע יאָהרען האָט דער ראַדאָמסקער רבּי זכרונו לברכה, אָנגעהויבּען פאָהרען קיין צאַנז.

קיין צאַנז זענען געפאָהרען זעהר פיעל פון די חסידישע רביים און אויטאָריטעטען פון פוילען. גענוג צו דערמאָהנען דעם גראָדזיסקער רבּין, דעם שידלאָווצער, דעם ניישטעטער זכרונם לברכה. פון די גאַליצישע גוטע יודען איז דאָך שוין אָבּגערעדט. אפילו דער בעלזער רבּי, רבּי יהושע זצ״ל איז אויך געפאָהרען קיין צאַנז.

אָבּער די נסיעות פון די דאָזיגע גוטע יודען קיין צאַנז זענען פאָרגעקומען אין מיטען יאָהר, דאַגעגען אויף די ימים־טובים, איז יעדער געווען ביי זיך אין דערהיים, און מכּל שכּן אויף שבועות, ווען חסידים פאָהרען מערסטענטיילס צום רבּין.

און מיטאָמאָל דערוואוסט מען זיך אין ראַדאָמסק, אַז דער רבּי האָט בּעשלאָסען איבּערצולאָזען זיינע חסידים, וואָס קומען צו איהם מקבּל זיין די תּורה, און פאָהרט אויף שבועות קיין צאַנז.

עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלען דער רושם וואָס די דאָזיגע ידיעה האָט געמאַכט, און דער עלטסטער זוהן פון ראַדאָמסקער רבּין — דער שפּעטערדיגער ממלא מקומו ר׳ אַברהם׳לע, זצ״ל איז אוועק צו זיין פאָטער פרעגען היתּבן, ווי אַזוי איז ער עס מצער די טויזענדער יודען וואָס קומען צו איהם אויפן הייליגען יום־טוב.

— הער מיין קינד — האָט דער רבּי געענטפערט — מען ווערט אַלט און איך וואָלט נאָך געוואָלט פיהלען דעם טעם פון קבּלת התּורה און דאָס קען מען נאָר פיהלען אין צאַנז.

און אַזוי איז טאַקי געווען. קיין ראַדאָמסק זענען געקומען ווי תּמיד טויזענדער יודען, אָבּער דער רבּי איז נישט געווען אין דער היים, געווען אין צאַנז.

קומענדיג קיין צאַנז איז דער צאַנזער רב געלאָפען מיט גרויס שמחה מקבּל פּנים זיין דעם גרויסען גאַסט. ביידע צדיקים האָבען פערבּראַכט א לאַנגע צייט, און צוריקקומענדיג אַהיים האָט דער צאַנזער רב אויסגערופען צו זיינע חסידים:

– אָהאַ, אָהאַ, דער הייליגער ראַדאָמסקער איז שוין גרייט צו קבלת התורה, און מיר האַלטען נאָך נישט דערביי...

אום יום טוב האָט דער צאַנזער מכבד געווען דעם ראַדאָמסקער רבין מיטן דאַווענען פאַרן עמוד. אין תחילת האָט דער ראַדאָמסקער זיך אַביסעל געקווענקעלט. אין צאַנז זאָגט מען פיוטים און אין ראַדאָמסק נישט. אָבער דער צאַנזער האָט באַלד אַ זאָג געטהון:

– ווען רבי שלמה'לע ראַדאָמסקער דאַווענט פאַרן עמוד דאַרף מען נישט זאָגען קיין פיוטים...

און אַלטע חסידים פלעגען שפעטער דערצעהלען מיט גרויס התפעלות.

– אין יענעם שבועות האָט מען אין צאַנז טאַקי נישט געזאָגט קיין פיוטים, עס איז אָבער געווען אַ שבועות, ממש מעין מעמד הר סיני, עס איז געווען: ויחרד כל העם אשר במחנה...

------

אין יאָהר תרכ"ד איז דער ראַדאָמסקער רבי דער בעל „תפארת שלמה" שווער קראַנק געוואָרען. די שלאָפקייט פון ראַדאָמסקער רבין האָט געמאַכט אַ שטאַרקען רושם אין די יודישע וועלט און אַלע גדולי הדור האָבען מעורר רחמים געווען פאַר זיין געזונד.

בעזונדערס האָט מען אַלאַרמירט דעם צאַנזער רבין זצ"ל וועלכען דער ראַדאָמסקער האָט בעטראַכט אַלס זיין רבי און פלעגט צו איהם פאָהרען פון צייט צו צייט.

דער צאַנזער רב האָט ווירקליך איינגעלעגט וועלטען, גאַנצע טעג האָט ער געסדר'ט מנינים צו זאָגען תהלים אָהן הפסקה. און גאַנץ אָפט געשיקט דעפעשען כדי זיך צו דערוויסען ווי עס האַלט מיטן געזונד פון זיין ידיד נאמן.

אז השי"ת האָט געהאָלפען און עס איז געקומען אַ רפואה שלימה, האָט מען אין ראַדאָמסק געפראַוועט אַ סעודת הודעה ביי וועלכען מען האָט זיך שטאַרק משמח געווען. אין מיטן דער סעודה בשעת דער ראַדאָמסקער רבי, וועלכער איז געווען בעקאַנט אַלס גרויסער מנגן, האָט געזונגען דעם זמר „אל מסתתר" איז אָנגעקומען אַ בריעף פון ירושלים פון זייגעם אַ חסיד מיטן נאָמען ר' פנחס ראַדעמער וועלכער, האָט דאָרט געוואוינט.

דער ראַדאָמסקער רבי פלעגט אַלע וואָך שיקען אַ רובל צו ר' פנחס'ן, כדי ער זאָל דערפאַר פראַווען אַ שלוש סעודות צוזאַמען מיט אַ מנין יודען, דאָס איז אין ירושלים בעקאַנט געווען מיטן נאָמען: „ראַדאָמסקער שלוש סעודות"

ר' פנחס איז געווען אַ גרויסער צדיק און בעל מקובל און ער פלעגט שטעהן מיטן רבין אין אָפטער קאָרעספאָנדענץ, זייענדיג איהם מודיע וואָס עס פאַסירט אין ארץ ישראל בכלל און אין ירושלים בפרט. אין דעם דאָזיגען בריעף וואָס איז דערהאַלטען געוואָרען אין מיטן דער סעודה שרייבט ר' פנחס צווישען אַנדערען פאָלגענדעס:

„איך קען מיך נישט בעפרייען פון מיין פליכט און נישט צו דערציילן די פאָלגענדע פלא׳דיגע פּאַסירונגען וואָס האָט מיט מיר געטראָפען:

ערב ראש חודש אייר (פון יאָהר תרכ״ד) זענען מיר, אַנ׳ערך פופצען פערזאָן, אוועק צום קבר רחל וואָס געפינט זיך אויפן וועג קיין בית לחם. דאָרט האָבען מיר פערבראַכט אַ גאַנצען טאָג אין תהילים און תפילות פאַר זיך און פאַרן גאַנצען כלל ישראל. דערנאָך האָבען מיר געדאַווענט מנחה און מעריב און מיר האבען צוזאַמען געגעסען און געטרונקען און זיך צוגעשפּאַרט כדי עטוואָס אָפּצורוהען זיך.

אַרום חצות האָבען מיר זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און גענומען אָפּריכטען חצות און „תקון רחל" ווי דער מנהג איז. ביי די תפילות האָט מיך בעהערשט אַ שרעקליך געוויין, הגם איך האָב נישט געוואוסט די סיבה פון דאַזיגען געוויין. פון פיעל וויינען און האַרץ קלע־מעניש איז געפאַלען אַ שלאָף אויף מיינע אויגען. האָב איך געהערט אין חלום אַ געוואַלדיגען רעש וואָס האָט זיך געטראָגען פון אַלע זייטען. האָב איך געפרעגט וואָס איז די סיבה פון דאַזיגען רעש, אָבער קיינער האָט מיר נישט געענטפערט. פּלוצלינג האָט זיך פאַר מיר פערביי גע־טראָגען דער צדיק ר׳ פנחס הלוי פון אַפּט, דער זוהן פון ר׳ מאיר׳ל אַפּטער (בעל „אור לשמים") און איך האָב איהם אָנגעכאַפּט ביי די פּאָלעס און געפרעגט איהם:

— זאָגט מיר די סיבה פון דאַזיגען רעש.

האָט ער מיר געענטפערט:

ווייסט דען נישט, אז דער רבי ר׳ שלומה׳לע ראַדאָמסקער געפינט זיך אין אַ גרויסע סכנה און דאָס איז דער צאַנזער רב אַזוי מרעיש עולמות.

דערהערענדיג, אז מיין רבי געפינט זיך אין אַ גרויסע סכנה האָב איך זיך שטאַרק צוויינט, און געפיהלט, אַז עס ענדיגט זיך מיט מיר. פּלוצלינג האָט זיך צו מיר בעוויזען מיין מוטער עלי׳ השלום און מיך בערוהיגט אויסרופענדיג:

— שוויג מיין קינד, עס איז ברוך השם גאָר נישט קשה. קום וועל איך דיר וויזען ווי דער ראַדאָמסקער צדיק ויצט אין פראַוועט. האָט זי מיך אָנגענומען ביי די האַנד אַריינגעפיהרט אין אַ קליין צימערל. האָב איך געזעהען ווי אויבענאָן ביים טיש זיצט דער רבי און זיין פנים לייכט ווי אַ פלאַם פייער, אזוי אַז איך האָב מורא געהאַט צו קוקען אין זיין ליכטיג פנים, און אַרום איהם זיצען עטליכע מקורבים. פּלוצלינג האָט דער רבי אָנגעהויבען זינגען דעם זמר „מי אל כמוך" מיט אַ וואונדער־באַרען ניגון און דאָס האָט מיך דערקוויקט, און איך בין אויפגעקומען פון שלאָף אָבער דעם ניגון געדענק איך נאָך אַצינד".

דער דאָזיגער וואונדערבאַרער בריעף האָט געמאַכט אין ראַדאָמסק אַ שטאַרקען רושם.

גלייך ווי דער ראַדאָמסקער רבי איז געזונד געוואָרען האָט ער אָפּגעשריבען אַ בריעף צום צאַנזער רב אין וועלכען ער דאנקט איהם פאַר די תפילות וואָס האָבען איהם אויסגעבעטען.

דערויף ענטפערט דער צאַנזער רב פאָלגענדען בריעף:

לידידי הרב המאור הגדול קדוש ד׳ בנש״ק פאר הזמן והדרו.
רבים ילכו לאורו. פ״ה ע״ה נר ישראל כבוד קדושת שמו
תפארתו מו״ה שלמה נ״י.

געכטען האָב איך דערהאלטען דיין בריעף. איך האָב זיך שטאַרק געפרעהט מיטן חסד וואָס דער אויבערשטער האָט דיר גומל געווען און עס איז דיר לייכטער געוואָרען פון די שלאַפקייט. אזוי זאָל דער אויבערשטער גומר זיין צום גוטען, אַז דו זאָלסט זיין געזונד ווי פריהער. עס זאָל בענייט יוצרען דיין יוגענד ביז צו אַ גוטע עלטער מיט שלום, רוה און זיכערקייט אין זיין היכל. און די קינדער זאָלען ווי איילבירט־פלאַנצען אַרומרינגלען זיין טיש. און דו זאָלסט זעהען פון זיי זרע קודש. דו זאָלסט האָבען נחת פון אלע יודישע קינדער און ג־ט זאָל זיי געבען ברויט און אַלדאָס גוטס און מ׳זאָל בקרוב אויסגעלייזט ווערען.

והי׳ שלום וברכה כנפש ידידו דורש שלום תורתו ומשתוקק באַהבתו הק״ חיים האַלבערשטאַם.

און אַז דער ראַדאָמסקער רבי איז פולשטענדיג געזונד געוואָרען איז ער געפאָהרען קיין צאַנז און לכבודו האָט דער צאַנזער געפראַוועט אַ סעודה. ביי אַ געלעגענהייט האָט דער ראַדאָמסקער רבי געוויזען דעם פלא׳דיגען בריעף פון ירושלים און ווי גרויס עס איז דער נס וואָס איז מיט איהם געשעהן.

------

גרויס איז אויך געווען די אהבה צווישען צאַנזער רב מיטן בעל „חידושי הרי״ם" פון גער, וועלכע זענען געשטאַנען אין ברישליכע בעציהונגען.

איינמאָל האָט דער צאַנזער רב געווײלט אין וואַרשא. עס פערשטעהט זיך, אַז דער „חדושי הרי״ם" האָט זיין גרויסען גאַסט שטאַרק מקרב געווען און לכבודו געפראַוועט אַ גרויסע סעודה. אויף די דאָזיגע סעודה האָבען זיך פערזאַמעלט די שענסטע חסידים און תלמידי חכמים פון וואַרשא, מען האָט געשמועסט פיעל תורה און די שמחה איז געווען זעהר גרויס.

אָבער דער צאַנזער רב האָט זיך געפיהלט אַ ביסעלע נישט מיט אַלעמען, ווייל ער האָט צווישען עולם נישט געהאַט קיין איינעם פון זיינע מקורבים.

גראָד אין זעלבען טאָג איז געקומען קיין וואַרשא איינער פון די צאַנזער

חסידים אין געשפּטס אַנגעלעגענהייטען. דערהערענדיג, אַז זיין רבי געפינט זיך אין וואַרשאַ האָט ער איבערגעלאָזט אַלע זיינע געשעפטען און געקומען צולויפען, טרעפענדיג אין מיטן דער סעודה. דער צאַנזער רב האָט זיך מיט זיין מקורב שטאַרק דערפרעהט, און פאַר גרויס שמחה האָט ער אָנגעהויבען מיט איהם צו טאַנצען. דאַן איז צו זיי צוגעלאָפען דער „חידושי הרי״ם״ און אַלע דריי האָבען געטאַנצט אַ לענגערע צייט..

---

אויך דער אַלטער בעלזער רבי ר׳ שלום זצ״ל האָט שטאַרק מחשיב געווען דעם צאַנזער רב.

חסידים דערצעהלען: בעת די לעצטע קראַנקהייט פון בעלזער רב זצ״ל פאַר זיין הסתלקות, דאָס איז געווען אין יאָהר תרט״ו, האָט ער בעפוילען, אַז מען זאָל שיקען אַ דעפּעשע צום צאַנזער רב און איהם מזכיר זיין. עס פערשטעהט זיך, אַז מען האָט באַלד אַרויסגעשיקט אַ דעפּעשע קיין צאַנז.

גראַד האָט זיך אין בעלז געפונען אַ מקורב וועלכער פלעגט האַנדלען מיט איינעם פון צאַנזער רב׳ס מקורבים מיטן נאָמען ר׳ יוסף שיף ז״ל פון טורנאַ. און ווייסענדיג, אַז ר׳ יוסף פאָהרט אויף ראש השנה קיין צאַנז, האָט ער איהם דערפעשירט, אַז בעת ער וועט זיין ראש השנה אין צאַנז זאָל ער מזכיר זיין דעם בעלזער רבין.

קומענדיג קיין צאַנז ערב ראש השנה איז ער גלייך אַריין צום רבין מזכיר צו זיין דעם בעלזער רב. אָבער דער צאַנזער רב האָט איהם דערויף גאָרנישט געענטפערט. שפּעטער בעת דער סעודה פון ערב ראש השנה וואָס מען פלעגט פראַווען אין צאַנז, האָט ר׳ יוסף נאָכאַמאָל מזכיר געווען דעם בעלזער רב, אַז ער דאַרף האָבען אַ רפואה. אָבער אויך דאָס מאָל האָט ער קיין ענטפער נישט בעקומען.

ראש השנה ביינאַכט בעת׳ן „לשנה טובה״ וואונטשען האָט ווידער ר׳ יוסף מזכיר געווען דעם בעלזער רב. און ווען אויך אַצינד האָט ער קיין ענטפער נישט בעקומען, איז עס איהם געווען אַ גרויס וואונדער. היתכן, דער צאַנזער רב זאָל נישט שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט אַזאַ ענין? און עס האָבען זיך אין איהם דערוועקט פערשידענע מחשבות.

אויף צומאָרגענס אינדערפריה, פאַר תקיעות, האָט דער צאַנזער רב אַריינגערופען ר׳ יוסף טורנער און איהם דערצעהלט פאָלגענדע פלאַ׳דיגע מעשה:

ווי בעקאַנט איז דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזענסק זצ״ל שוין אַלס יונגערמאַן, פאָהרענדיג קיין מעזריטש צום רבין ר׳ בער, געווען אַ גרויסער בעל מדרגה. אַזוי גרויס, אַז יעדעס יאָהר די ערשטע נאַכט פון ראש השנה פלעגט זיך צו איהם בעווייזען אליי׳ הנביא און איהם מגלה זיין אַלץ וואָס קומט פאָר אין הימעל.

אין די ערשטע נאַכט פון יאָהר תקל"ג האָט איהם אליי' הנביא דער־צעהלט, אז אין הימעל שמועסט מען; דאַס די וועלט שטעהט היינט אויף די תפילות פון דריי גדולי הצדיקים. און די דריי צדיקים זענען: דער רבי ר' שמעלקע ניקעלשבורגער, דער רבי ר' אלימלך און דער רבי ר' זושא.

איז עס דעם רבין ר' אלימלך געווען שטאַרק קשה, היתכן, און וואָס איז מיט די תפילה פון זיין רבין, דעם מגיד פון מעזריטש?

איז דער רבי ר' אלימלך לאַנג אַרומגעגאַנגען מיט די דאָזיגע פיינליכע מחשבות. און ערשט מיט די פטירה פון רבין ר' בער וואָס איז פאָרגעקומען י"ט כסלו אין דעם זעלבען יאָהר (תקל"ג), איז איהם פערענט־פערט געוואָרען די דאָזיגע קשיא.

פון די דאָזיגע מעשה וואָס דער צאַנזער רב האָט דערצעהלט, האָט ר' יוסל שיף פערשטאַנען, אז אין בעלז האָט געמוזט פאָרקומען אַנ'אומגליק דערפאַר ענטפערט איהם נישט דער צאַנזער רב בשעת ער איז מזכיר דעם בעלזער רבין. און אַזוי איז ווירקליך געשעהן. דער בעלזער רב זצ"ל איז נסתלק געוואָרען כ"ז אלול. און בעת ר' יוסל האָט איהם מזכיר געווען אין ערב ראש השנה איז ער שוין געווען אין גן עדן.

------

בשעת דער רבי ר' אליעזר'ל דשיקאָווער (א זוהן פון רבין ר' נפתלי ראָפשיצער זצ"ל) איז קראַנק געוואָרען. איז איהם געקומען מבקר חולה זיין דער צאַנזער רב זצ"ל, וועלכער איז געווען זיינער אַ מחותן.

דערזעהענדיג דעם צאַנזער רב האָט זיך דער רבי ר' אליעזר'ל שטאַרק צוויינט און אויסגערופען:

— הייליגער מחותן, בעטס מיך אויס. איך וויל נאָך לעבען!

דערויף האָט איהם דער צאַנזער בעענטפערט:

— צו וואָס אייגענטליך דאַרפט איהר זיך אַזוי שטאַרק איינשפאַרען צו פערבלייבען אויפן עולם השפל, איז דען נישט פיעל בעסער „בעלמא דקשוט"?

— אמת, אַז אויפן עולם האמת איז גאַנץ גוט — האָט דער רבי ר' אליעזר'ל געענטפערט — אָבער נאָר פאר דעם וואָס האָט מיט וואָס אַהינ־צוקומען, אָבער איך האָב דאָך נישט מיט וואָס אהינצוקומען.

דערויף האָט איהם דער צאַנזער רב געענטפערט:

— הא, הא, זייט נישט ביי זיך קיין עניו מחותן, הלואי זאָל יעדער יוד האָבען מיט וואָס צו גיין אויפן עולם העליון ווי איהר.

— אָבער פאַרוואָס זאָלט איהר נישט, מחותן לעבען, רחמנות האָבען אויף מיינע קינדער, איך לאָז זיי איבער אָהן פרנסה. פונוואַנען וועלען זיי האָבען זיך מפרנס צו זיין?

— און פונוואַנען זענען זיי זיך מפרנס ווען איהר לעבט — האָט דער צאַנזער רב געפרעגט.

— אַפּיסעל בין איך זיי מחזיק און איך בין זיך משתדל פאַר זיי אויסצוגעפונען פּאַסיגע רבנות־אַמטן כדי זיי זאָלן זיך מפרנס זיין בכבוד — האָט דער דזשיקאָווער געענטפערט.

— גו, אויב ס'זאָל אייך גיין אין דעם, קען איך אייך מבטיח זיין — האָט דער צאַנזער רב געענטפערט — דאָס איך וועל זיך מטריח זיין פאַר אייערע קינדער און פאַר זיי אויסגעפונען פּאַסיגע רבנות שטעדט כדי זיי זאָלען זיך מפרנס בכבוד פונקט ווי איהר וואָלט געלעבט.

— אָבער הייליגער מחותן! וויסען זאָלט איהר, אַז ווען מיר זינגען אין די ימים נוראים דעם פּיוט „אין קצבה לשנותיך" ווערט אַ שמחה אין אַלע עולמות עליונים. און די גאַנצע פּמליא של מעלה טאַנצט־מיט מיט גרויס שמחה. און אַז מיר וועלען נסתלק ווערען וועט דאָך פעהלען דער דאָזיגער נחת רוח אין הימעל...

פון די דאָזיגע דבורים איז דער צאַנזער רב שטאַרק נתפעל געוואָרען און אַ זאָג געטוהן:

— אויב אַזוי מוזען מיר אייך אויסבעטען, כדי דער דאָזיגער נחת רוח זאָל נישט פעהלען אין הימעל.

און גלייך איז דער צאַנזער רב געגאַנגען אין מקוה אריין זיך טובל זיין. און צוריקקומענדיג איז ער אריין אין צימער וואו דער רבי ר' אליעזר איז געלעגען. און אַ זאָג געטוהן מיט שמחה:

— מחותן, מיר האָבען אייך שוין אויסגעבעטען.

און גלייך דערנאָך האָט אָנגעהויבען דעם רבין ר' אליעזר בעסער צו ווערען ביז וואַנען ער איז געזונד געוואָרען און נאָך געלעבט זעקס יאָהר.

------

ווי גרויס עס איז געווען דער רבי ר' אליעזר פון דזשיקאָוו קען דינען די פאָלגענדע כאַראַקטעריסטישע מעשה:

דער רבי ר' אברהם פון מיקאָלייעוו זצ"ל (דער איידעם און ממלא מקומו פון רבין ר' מאירל פון פּרעמישלאַן) האָט שטאַרק חשק געהאַט צו קענען די צחיי צדיקי הדור: דעם צאַנזער רב און דעם דזשיקאָווער רב. אָבער כדי זיך נישט דערקענען צו געבען ווער ער איז האָט ער זיך איבערגעטוהן אין מלבושים פון אַ פשוט'ן יוד, די זעלבע מלבושים וואָס עס האָט געטראָגען זיין משמש, און ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אריין.

צום ערשט איז ער געגאַנגען קיין צאַנז. גראָד איז דאַמאָלס געווען אַ „גרויסער שבת" עס איז געווען אַ עולם חסידים פון נאָהנט און פון ווייט און זיך געשטיפּט שלום צו נעמען פון צאַנזער רב. בתוך הבאים האָט זיך אויך דער רבי ר' אברהם פון מיקאָלייעוו אריינגעשטיפּט כדי שלום צו נעמען.

אָבער תיכף ווי דער צאַנזער רב האָט אָנגערירט זיין האַנט האָט ער אַ פרעג געטוהן:

— פונוואַנען זענט איהר?

— איך בין פון נעבען לעמבערג.
— טאָ ווער זשע זענט איהר?
— איך בין זיך אַ יוד!...
דערויף האָט דער צאַנזער רב געענטפערט מיט אַ שמייכעל.
— הא, הא. פאר מיר וועט איהר זיך נישט אויסבעהאַלטען. ווייל תיכף ווען מיר האָבען אָנגערירט אייער האנד האָבען מיר מרגיש געווען אַז דאָס איז אַ רבי'שע האנד... טאָ מעגט איהר דאך שוין זאָגען ווער איהר זענט.
באין ברירה האָט דער מיקאַלייעווער זיך געמוזט אויסגעבען. די שמחה פון צאַנזער רב איז געווען אין לשער. בעת די שבת'דיגע סעודה האָט דער צאַנזער רב אויפגעזעצט דעם גרויסען גאסט נעבען זיך. און איהם מכבד געווען מיט תורה זאָגען. אָבער דער מיקאַלייעווער רבי האָט נישט געוואָלט זאָגען קיין תורה, ווייל דאָ איז ער געקומען אַלס חסיד — איז געווען זיין ענטפער.
ערשט ביי שלוש סעודות האָט דער מיקאַלייעווער רב נאָך גרויסע הפצרות ממלא געווען דעם רצון פון צאַנזער רב און געזאָגט תורה. זייענדיג ווי זיין מנהג איז געווען מקיים צו זיין זיינע תורה שמועסען מיט זעקס־און־דרייסיג „יהי רצונ'ס". וואָס האָבען דערהאַלטען ברכות פאַרן כלל ישראל אין פערשידענע ענינים פון ישועות וואָס יודען דאַרפען צו האָבען. און נאָך יעדען יהי רצון, האָט דער צאַנזער רב געענטפערט מיט גרויס כוונה: אָמן!
נאָך שבת איז דער מיקאַלייעווער רבי אָבגעפאָהרען פון צאַנז מיט גרויס כבוד, און געפאָהרען קיין דשזיקאָוו.
אָנקומענדיג קיין דזשיקאָוו איז אויך דער מיקאַלייעווער אַריין צום רבין אַלס אונבעקאַנטער. און נעמענדיג שלום האָט דער רבי ר' אליעזר'ל אויסגערופען:
— ווער זענט איהר און פון וואַנען זענט איהר?
— איך בין זיך אַ יוד פון נעבען לעמבערג — איז געווען די תשובה פון מיקאַלייעווער רבין.
— לאָזט שוין געמאַכט מיט אייער ענוות. עס וועט אייך גאָנישט ניצן — האָט רבי אליעזר'ל אויסגערופען — וואָרען שוין דריי טאָג ווי מ'האָט אונז מודיע געווען מן השמים, אַז עס פאָהרט צו אונז אַ קינד פון רבין ר' מאירל פרעמישלאַנער. טאָ וואָס זשע דאָס בעהאַלטען זיך?
עס פערשטעהט זיך, אַז דער מיקאַלייעווער רבי האָט זיך געמוזט אויסגעבען ווער ער איז. און אויך דאָרט איז ער געבליבען אויף אַ שבת און אָוועקגעפאָהרען בכבוד גדול.

---

איינער פון די חשובסטע תלמידים פון די אָנגעזעהענסטע גוטע־יודען וואָס פלעגט פאָהרען קיין צאַנז איז געווען דער רבי ר' נתן דוד פון שידלאָווצע אַן'אייניקעל פון „יוד הקדוש".

ווען דער שידלאָווצער רבי איז דאָס ערשטע מאָל געקומען קיין צאַנז, איז די שמחה דאָרט געווען זעהר גרויס. און נאָך די סעודה וואָס איז לכבוד איהם געפּראַוועט געוואָרען, ווען דער שידלאָ צער רבי איז נעגאַנגען אויף זיין אַכסניא, האָט איהם בעגליידט א גרויסער עולם.

אויפן גאַנצען וועג האָט דער שידלאָווצער נ׳שט אויפגעהערט מפליג זיין בשבחו פון צאַנזער רב או סדריקענדיג זיך: אַז דער צאַנזער רב וועט זיין דער רבי זיינער עד ביאת הגואל.

זייט דאַמאָלס פלעגט דער שידלאָווצער רבי קומען קיין צאַנז יעדעס יאָהר אויף א שבת. און אהיימפאָהרענדיג פלעגט ער מיטנעמען א חפץ וואָס איז געשטאַנען אויף זיין טיש, כדי ער זאָל זיך תמיד דערמאָנען אין צאַנזער רבין.

-------

פונדעססטוועגען האָט דער צאַנזער רב שטאַרק מקפיד געווען, אַז זיינער אַ חסיד זאָל נישט פאַהרען צו קיין אַנדערע גוטע יודען.

איינמאָל איז געקומען קיין צאַנז זיינער א חסיד וואָס איז געווען א גרויסער עושר און געפּראַוועט זיך ביים צאַנזער רב. דערנעבען איז געשטאַנען אַ רב פון אונגאַרן וועלכער איז געווען אַ מקורב אין צאַנז.

בין הדברים האָט דער עושר דערצעהלט, אַז ער קומט נאָר וואָס פון דזשיקאָוו און דער דזשיקאָווער רבי האָט איהם געגעבען אזא און אזא עצה.

דערויף האָט דער צאַנזער רב גאָרנישט געענטפערט. אָבער דער אונגאַרישער רב, וואָס איז געשטאַנען דערנעבען, האָט דערקענט אַז דער צאַנזער רב האָט שטאַרק תרעומות אויף דעם חסיד וואָס איז געפאָהרען צו אַנ׳אַנדערען גוטען יוד.

באַלד דערנאָך האָט דער צאַנזער רב אַרויסגענומען פון שאַנק אַ פלאַש וויין אָנגעגאָסען אַ כוס איבער די ברעגעס און דערלאַנגט דעם חסיד צו טרינקען. אָבער דער אונגאַרישער רב, וואָס איז געשטאַנען דערנעבען, האָט אַ וואונק געטוהן דעם חסיד, אַז ער זאָל נישט טרינקען.

אין אַ ווײַלע שפּעטער האָט דער צאַנזער רב, אַ צווייט מאָל אָנגעגאָסען אַ כוס וויין. אָבער אויך דאָס מאָל האָט דער אונגאַרישער רב געגעבען א צייכען דאָס ער זאָל נישט טרינקען, דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען צום דריטען מאָל. און ערשט ווען דער רב האָט א פירט מאָל אָנגעגאָסען א כוס וויין, האָט דער אונגאַרישער רב געגעבען א צייכען, אַז ער קען שוין טרינקען.

אַרויסגעהענדיג פון צאַנזער רב׳ס חדר האָט דער אונגאַרישער רב מבאר געווען דעם חסיד; אַז זעהענדיג די הקפדה פון רבין, האָט ער פערשטאַנען, אַז דער צאַנזער רב וויל איהם מכבד זיין מיט... שכרות. דערפאַר האָט ער איהם נישט געהייסען טרינקען, נאָר ערשט ביים פירטען מאָל, ווען ער האָט דערקענט, אַז די הקפדה איז שוין אַריבער האָט ער איהם געהייסען ערשט טרינקען דעם דערלאַנגטען כוס.

לח.

# צדקות און פקחות.

ווי בעקאַנט איז דער הייליגער צאַנזער תמיד געווען אַ פערנומענער אַ צוקאָכטער און אָפט מאָל איז איהם שווער געווען אָבצורייסען פון זיין הייליגער עבודות. ווער שמועסט נאָך פון גלאַט אַזוי שמועסען, זאָגען אַ ווערטעל — דערפון איז ער שטאַרק ווייט געווען, להיפך פון זיין רבין ר׳ נפתלי ראָפשיצער זצ״ל, וועלכער פלעגט תמיד זאָגען גלייך־ווערטלעך וואָס זענען געווען מלא חכמה.

פונדעסטוועגען דערצעהלט מען נאָך פון צאַנזער רב זצ״ל זעהר שעהנע ווערטלעך, וועלכע עס איז כדאי איבערצודערצעהלען:

אין צאַנזער רב׳ס בית המדרש איז יאָהרען לאַנג געווען אַ גבאי אַ יוד אַ תקיף נאָך פון אַלטען שניט, וועלכער איז נאָך געפאָהרען קיין ראָפשיץ. דער צאַנזער האָט פון דעם דאָזיגען גבאי גאָר שטאַרק געהאַלטען און נישט געלאָזט אויף איהם קיין שלעכט וואָרט פאַלען. דאַגעגען האָבען פון איהם נישט גאָר שטאַרק געהאַלטען די בית מדרש בעלי־בתים. שטענדיג האָבען זיי זיך מיט איהם אַרומגעקריגט און אַרומגעריסען, בכן זיי האָבען געפאָדערט אַ חשבון פון די נדרים־געלדער וואָס ער האָט איינקאַסירט. און ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט געבען קיין חשבון, טענה׳דיג אַז ער איז אַזאַ בטוח ווי אַן אַנדערער און ער איז נישט מחוייב פאַר וועמען עס איז אָבצוגעבען דין וחשבון פון זיינע געלדער.

די דאָזיגע תקיפות פון גבאי האָט אַלעמען אַרויסגעבראַכט פון די כלים מען האָט שטאַרק געמורמעלט אויף איהם, אַז ער איז נישט גאָר קיין עהרליכער מאַן. און אַז אַ גרויסער טייל פון די געלדער, ווערען נישט פערווענדעט פאַרן אייגענטליכען צוועק. דעריבער האָט מען אָבגעהאַלטען אַספות און בעשלאָסען איהם מעביר צו זיין פון זיין אַמט אַלס הויפּט־גבאי.

ווען מען איז אָבער געקומען צום רב מיטן דאָזיגען בעשלוס, האָט זיך דער אַלטער צדיק צושמייכעלט און פערטיידיגט דעם גבאי, נישט לאָזענדיג איהם מעביר זיין פון גבאות.

און ווען די פערביטערונג געגען גבאי איז צווישען עולם געוואַקסען, האָט זיך געשאַפען אַ קאָמיטעט מעביר צו זיין דעם גבאי. און אין קאָמיטעט האָט מען אויך אַריינגענומען דעם צאַנזער׳ס יונגסטער זוהן ר׳ ברוכ׳ל רודניקער.

ר׳ ברוכל איז ביי זיין גרויסען פאטער זעהר שטארק חשוב געווען. דאס וואס קיין שום מענש האט ביים צדיק נישט געקענט פועל׳ן, האט ער גאנץ לייכט געפועלט, דער רודניקער רב. דעריבער איז דער חשבון געווען א גאנץ אפענער, ווען נאר דער רודניקער רב וועט זיך מכניס זיין בעובי הקורה און בעמיהען זיך ביי זיין פאטער אראבצוזעצען דעם גבאי וועט עס זיך איינגעבען.

אבער די בעלי בתים האבען דאס מאל אויך א טעות געהאט. וואס וואס. אבער פועלן ביי זיין פאטער מעביר צו זיין דעם גבאי פון זיין גבאות — דערצו איז אויך ר׳ ברוכל רודניקער נישט געווען בכח...

דערווייל איז דאס בית מדרש געווארען אבגעלאזט. דער דאך איז גע־ווארען געלעכערט, די ווענט זענען געווען אבגעריסען. מען האט נויטיג בעדאר־פען א ביסעל אויפפרישען דאס בית מדרש. אבער היות ווי דאס געלד האט געהאלטען דער גבאי האט מען גארנישט געקענט אויפטהון. אויף די ווענדונגען פון פערשידענע פערזאנען צו דעם גבאי, פאר וואס ער פערלאזט דאס בית מדרש האט ער געגעבען אויסמיידענדע תשובות און אפטמאל פשוט חוזק געמאכט פון די משתדלים.

איינמאל איז געקומען קיין צאנז א רייכער חסיד פון רוסלאנד, אויף וועלכען דער קלאגעדיגער אויסזעהען פון בית מדרש האט געמאכט זעהר א שווערען איינדרוק. האט דער גביר שבת ביי דער עלי׳ לתורה צווישען אנדערען אויך מנדב געווען הונדערט רובל צו פעררעכטען דאס בית מדרש.

דער בעלי־בתים קאמיטעט האט אבער געוואוסט, אז קוים פאלען אריין די הונדערט רובל צום גבאי אין די הענד וועט דערפון גארנישט ווערען, האבען זיי דעריבער בעשלאסען, אז מען טאר נישט דערלאזען אז דאס געלד זאל אריינפאלען דעם גבאי אין די הענד.

שבת האט זיי דאך אבער נישט געפאסט צו רעדען מיטן מנדב וועגען דעם געלד, האט מען געמוזט צווארטען ביז ליכט־אנצונדען דאן האט ר׳ ברוכל רודניקער אנגעשריבען א צעטעל צום נגיד און אוועקגעשיקט א שליח מיטן צעטעלע נאך די הונדערט רובל.

ווי ערשטוינט זענען אבער געווארען די בעלי בתים ווען דער שליח איז צוריקגעקומען און דערצעהלט אז דער גבאי האט זיך מקדים געווען און שוין אבגענומען דאס געלד.

ר׳ ברוכל, יעלכער איז געווען א שטארק אויפגערעגטער, האט זיך צו־בייזערט און אויסגערופען:

— אצינד מוז ער שוין ארינטער פון גבאות, זאל זיין וואס עס וויל.

תיכף איז ר׳ ברוכל בראש פון קאמיטעט אוועק צום הייליגען צאנזער און דערצעהלט די גאנצע מעשה ווי אזוי דאס בית מדרש איז כמעט חרוב, מען דארף עס פעררעכטען און דער גבאי וויל דערויף קיין געלד נישט געבען. איצטער ווען עס איז געפאלען א הונדערט רובל האט מען גערעכענט, אז מען וועט אנהויבען זיך נעהמען צום תיקון בית מדרש. ווי גרויס איז אבער אונזער

בעס ווען מיר יאָ־ען זיך דערוואוסט, אַז דער גבאי האט שוין דעם הונדער־טער פערכאַפּט און ער לאכט פשוט פון אונז אַזא פארשוין מוז ווערען אויס גבאי. איצטער איז שוין דאָס מעסטעל זיינס איבערפולט געווארען.

אַזוי האט געפּייערט ר׳ ברוכל רודניקער א:ער דער צאַנזער רב האט דערביי גוטמוטיג געשמייכעלט און צום סוף האט ער אויסגערופען:

— די ספרים זאָ:ען, אז אין גן־עדן שטעהט א בעזונדערע שטוהל פאַר אַ ג:אי צדקה, וואָס האט עוסק געווען אין זיין גבאות באמונה, זאגט די וועלט, אַז די שטו ל שטעהט נאָך אַלץ א ליידיגע, וויל עס איז נאך ביז איצט נישט עקומען אויפן עולם האמת אַ גבאי אהן אַ פגימה׳לע. ווילסטו דען, מיין קינד, אַז אונזער גבאי זאל אַרויפגעזעצט ווערען אויף דער דאזיגער שטוהל ?. .

טשעפּעט נישט מיט אונזער גבאי — האט דער צאַנזער פערענדיגט מיט אַ שמייכעלע, — זאל די שטו ל ווייטער בלייבען לעדיג...

און דער גבאי איז פערבלי:ען ביים גבאות ביזן טויט...

---------

צאנזער חסידים דערצעהלען וועגן א שעהנעם עפּיזאד, וואָס איז זיך פערלאפען אין צאַנזער בית מדרש אין יום כפור, ווען דער הייליגער צדיק איז ממש געווען אויסגעטוהן פון דעם עולם און זיין עבודה איז געווען אין לשער.

יום כפור פאַר נעילה, ווען דער עולם האט זיך אַ ביסעל אָבגערוהט, איז פלוצלינג געווארען אַ טומעל און רעש אין בית מדרש, בכן אַ יוד איז שטאַרק דורשטיג געווארען און עס האַלט ממש ביי פיקוח נפש.

דער יוד איז געלעגען אויפן בית מדרש הויף. זיינע מלבושים צושפּילעט און געמאכט אַזעלכע משונה׳דיגע געוואַלדען ווי להבדיל אַן אָקס נאך דער שחיטה.

ווען דער היימישער עולם איז צוגעגאַנגען צו דעם יוד און דערקענט איהם, איז דער טומ ל געוואָרען נאך גרעסער, מחמת דער יוד איז געווען אַ בעקאנטער צאנזער נגיד אבער אַ גרויסער קמצן וואָס פלעגט אפילו אַ ביסעל וואַסער אַ יוד זשאלעווען.

קען מען זיך שוין פאַרשטעלען, וואָס עס האָט זיך דארט אָבגעטהון. חברה לציים האבען זיך אָוועקגעשטעלט און געוויצעלט זיך אויפן קמצנ׳ס חשבון.

— גוט אזוי — האָט עמיצער געשריגען אויפן קול — אַ גאַנץ יאָהר קען אַ יוד אויסגעהן פאַר זיין ביסעל וואַסער, זאל ער איצטער פיהלען דעם טעם !...

— וואָלט ער אַ גאַנץ יאָהר מיטגעפיהלט דעם אָרימאַן זיין הונגער און זיין דורשט — האָט אַ צווייטער געשריגען — וואָלט מען עס איהם איצטער נישט געגעבען צו פיהלען...

אָבער אַ ווערטיל אַהין אַ ווערטיל אַהער, דער יוד געהט ממש אויס פאַר דורשט און דאָס איז כּלל נישט קיין געלעכטער, אַ יוד שטאַרבט אַוועק און מען דאַרף איהם ראַטעווען.

איז מען געלאָפען פרעגען די דיינים וואָס מען זאָל טהון. האָט מען גע׳עצהט צו טהון ווי דער דין איז, צו געבען איהם צו טרינקען קליינע לעפעלעך ווייניגער ווי דער שיעור.

אָבער מיט יעדען לעפעלע וואַסער וואָס דער נגיד האָט פערזוכט, אַלץ מעהר האָט זיך דער דורשט געשטאַרקט ביי איהם. די קליינע וואַסער־טראָפען האָבען איהם נאָך מעהר צורייצט און דעם דאַרשט צופלאַקערט. איז מען נאָך אַמאָל געלאָפען צו אַ דיין און דערצעהלט איהם, אַז די לעפעלעך וואַסער בערוהיגען נישט דעם יוד, און דער דורשט דערקוטשעט איהם סכנות נפשות...

היות דער ענין איז געווען זעהר אַ האַרבער, און דער דיין האָט נישט געוואָלט שטעלען אויף זיך, האָט דער דיין בעשלאָסען איבערצופרעגען דעם שטאָדט־רב, דעם הייליגען צאַנזער וואָס מען זאָל טהון אין דעם פאַל.

אָבער עס איז לייכט צו זאָגען אַ פרעג־טהון דעם רבין. אַז דער צדיק איז אַזוי פערקאַכט אין זיין עבודות, אַז ער זיצט אין זיין חדר סגור ומסוגר, פערטיפט אין זיך און עס איז נישט מעגליך צוצוקומען צו איהם...

עס שמעקט דאָך אָבער מיט סכּנות נפשות, אַ יוד געהט שיעור נישט אויס פאַר דורשט, איז עס עפּעס אַ קלייניגקייט!...

בלית ברירה האָט דער דיין צוזאַמען מיט עמיצען פון צאַנזערס קינדער און דער הויפּט־גבאי אַריינגעגאַנגען צום צדיק אין חדר און גענומען אָנוועגדען פערשידענע תחבולות. ווי אַזוי דעם צדיק אויפצוועקען פון זיין איצטיגען צושטאַנד.

גרויס מיה האָט עס זיי געקאָסט ביז דער צדיק האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבען, אַרומגעקוקט זיך איבערן חדר געוואָרפען אַ בליק אויף די פּאָר פאַרשוין וואָס זענען אין איין פּחד געשטאַנען און ענדליך האָט ער אַ פרעג געטהון:

— וואָס איז געשעהען, ברידער?

דער דיין האָט דערצעהלט די גאַנצע מעשה, ווי אַזוי אַ יוד איז אַוועקגעפאַלען און בעקומען דורשט־קאָנוואולסיעס. עס שמעקט ממש מיט סכנות־נפשות. קיין חצי־שעור בעפרידיגט איהם נישט, און ער ווייסט נישט וואָס צו טהון. עס איז דאָך עפּעס יום כפור.

הערט אויס דער צאַנזער רבי די מעשה, טראַכט אַ ווייל און רופט אויס:

— און ווער איז עס דער יוד, וואָס ברענט איהם אַזוי דער דורשט?

עמיצער האָט אָנגערופען דעם נאָמען פון קמצן, וועלכען דער צדיק האָט גוט געקענט.

— אהא — האָט דער צדיק אויסגערופען — איהם ברענט דאָס

אזוי דער דורשט — זאָגט איהם, אז פאַר יעדען גלאָז וואַסער, וואָס ער וועט היינט טרינקען זאָל ער געבען מארגען הונדערט רייניש לצדקה, וועט עס איהם נישט געדעכענט ווערען פאַר קיין זינד, ווי אין פסוק שטעהט: „וחטאך בצדקה פרוק" (און דיין זינד לייז אויס מיט צדקה.) און ווען דער יוד וועט דערויף מסכים זיין קענט איהר איהם געבען וואַסער וויפיל יער וויל. דאַגעגען, ווען ער וועט נישט מסכים זיין, טאָר מען איהם אַפילו אַ לעפעלע וואַסער נישט געבען...

מיטן דאזיגען פסק דין איז דער דיין אַוועק צום דאַרשטיגען נגיד און איהם דערצעהלט, אַז ער קען בעקומען וואַסער וויפיל ער וויל, נאר אַ גלאָז וואַסער קאָסט הונדערט רייניש...

ווען דער דאַרשטיגער קמצן האָט דערהערט דעם דאָזיגען מוראדיגען פסק האָט ער זיך מאַמענטאַל אויפגעכאַפּט פון אָרט און אַ צומישטער האָט ער זיי נישט מיט זיין קול אויסגערופען:

— עס איז מיר שוין בעסער, איך דאַרף שוין נישט קיין וואַסער. איך בין שוין נישט אזוי דורשטיג...

מיט דעם דאָזיגען עפּיזאָד האָט זיך גאַנץ לאַנג גערודערט צווישען די צאַנזער חסידים...

------

איינמאָל האָט ביים צאַנזער רב געווײלט אַלס גאַסט דער רבי ר' דוד'ל פון דינוב זצ"ל.

בעת דער מסיבה האָט דער צאַנזער רב מכבד געווען זיין גאַסט מיט אַ כוס וויין, האָט זיך דער דינובער רב פערענטפערט, אז ער טרינקט נישט קיין שום משקה, ווייל דער דאָקטאָר האָט עס איהם פערזאָגט.

דערויף האָט דער צאַנזער רב אָפּגעענטפערט מיט אַ שמייכעל:

— עס שאַדט נישט דינובערער רב, איצט מעגט איהר טרינקען מחמת אייער דאָקטאָר וואָס האָט אייך פערזאָגט צו טרינקען שלאָפט אַצינד. .

------

איינמאָל איז צו איהם געקומען, אַ פאַרטגעשריטענער מענש און דער-לאַנגט דעם רב אַ קוויטעל מיט אַ פדיון, דערביי האָט ער געביטערט, אז ער געפינט זיך אין אַנ'עת צרה.

האָט איהם דער צאַנזער רב מבטיח געווען, אַז עס וועט אַלץ איבערגע-קערט ווערען צום גוטן.

פאַר די דאָזיגע בשורה האָט דער יוד אָפּגעענטפערט:

— איך דאַנקע.

דערויף האָט דער צאַנזער אויסגערופען:

— דנקא שתות (דאָס איז אַ גמרא אין ב"מ. דערמיט האָט ער געמיינט צו זאָגען, אַז דאָס ענטפערען „דאַנקע" איז אַ שטות.) יישר כח דאַרף מען זאָגען!...

איינמאָל איז געקומען צום צאַנזער רב אַ עושר און געקלאָגט זיך, אַז ער איז אַ גרויסער בעל הוצאה. ווייל אויסער וואָס איך דאַרף אויסהאַלטען אַ שטוב מיט קינדער און איידעמס, האָב איך אַ משפחה אָרימע לייט וואָס איך מוז, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, שטיצען.

דעריף האָט איהם דער צאַנזער רב געענטפערט:

— רעד יאָ אויס, נאָר גיב אַ סך צדקה...

------

איינמאָל איז געקומען צום צאַנזער רב אַנ׳ארענדאַר און זיך פערקלאָגט, אַז אַ „שעהנער יוד" האָט איהם אויסגעדינגען די קרעטשמע און איז איהם משיג גביל.

דער צאַנזער רב האָט פערשטעהט זיך גלייך געשיקט נאָך דעם משיג גביל און איהם שטאַרק אויסגעמוסרט פאַרוואָס ער טהוט אזא זאַך.

— רבי — האָט דער משיג גביל אויסגערופען — איהר נעמט זיך נאָך אָן די קרייוודע פון יענעם פאַרשוין? ער איז דאָך אַ רשע, אַ פושע ישראל און עס איז דאָך אַ מצוה איהם צו בעגראָבען.

— עס איז אַ מצווה צו בעגראָבען אַ רשע? — האָט דער צאַנזער רב מיט אַ שמייכעל אַ זאָג געטהון — איך ווייס נישט פון אזאַ מצווה. פערקעהרט פון די תורה איז משמע, אַז דאָס בעגראָבען אַ רשע איז גאַרנישט קיין מצווה. אָט געפונען מיר ביי די מכה פון חושך, ווערט געזאָגט אַ טעם פאַר־וואָס דער אויבערשטער האָט געברענגט חושך אויף די מצריים, ווייל עס האָבען זיך געפונען אין יענעם דור אַ סך רשעים צווישען יודען, וועלכע האָבען נישט געוואָלט אַרויסגעהן פון מצריים זענען זיי אויסגעשטאָרבען אין די שלשת ימי אפילה בכדי די מצריים זאָלען נישט זעהען זייער עונש, און מ׳האָט זיי קובר געווען אין דער פינסטערניש.

לסוף זאָגען די חז״ל, אַז ווען עס איז געקומען די צייט פון די גאולה האָבען די יודען נישט געהאַט קיין מצוות אַלס זכות אויסגעלייזט צו ווערען, און דער אויבערשטער האָט זיי געגעבען די צוויי מצוות: דם פסח און דם מילה. און לויט ווי איהר זאָגט, אַז בעגראָבען רשעים איז אַ מצווה, האָבען דאָך די יודען געהאַט פיעל מצוות, זיי האָבען דאָך בעגראָבען אַסך רשעים... ווייזט דערפון אויס, אַז בעגראָבען אַ רשע איז גאַרנישט קיין מצווה. דעריבער זאָג איך דיר, גיב אָב די אַרענדע דעם פריהערדיגען בעזיצער, אויב נישט וועסטו חרטה האָבען.

------

ווי חשוב און הייליג עס איז געווען דער צאַנזער רב ביי זיינע חסידים און אָנהענגער קען דינען דער פאָלגענדער עפיזאָד:

צוריקפאַהרענדיג פון צאַנז האָט אַ רב פון אונגאַרן, וועלכער איז געווען פון די מקורבים ביים צאַנזער רב זצ״ל, צונויפגעטראָפען זיך מיט איינעם פון די אונגאַרישע מתנגדישע גדולים. און פערפיהרט מיט אַ איהם שאַרפען תורה

שמועס. בעתן דאזיגען שמועס רופט זיך אהן דער אונגארישער מתנגדישער גדול:

— איך ווייס נישט די סיבה פארוואס איהר דארפט פאהרען אזש קיין צאנז. וואס אייגענטליך זוכט איהר אין צאנז? תורה געפינט מען נאך ב"ה אין אונגארן גאנץ גענוג. און דאכט זיך, אז אויך איך בין נישט אונטערשטעליג אין לערנען לגבי דעם צאנזער רב. אויב איהר זוכט יראת שמים קען מען עס דאך האבען אין דער היים אויך ווי אין פסוק שטעהט: „בכל מקום מוקטר ומוגש לשמי". און אויך איך בין ב"ה א ירא שמים...

— איהר זאלט מיר מוחל זיין — האט דער צאנזער חסיד אבגעענטפערט

— אבער איך מיז אייך זאגען, אז איהר האט נישט קיין שום השגה וועגען די קדושה פון צאנזער רב. וועלכער איז געגליכען צו א מלאך ד' צבאות וואס תורה יבקשו מפהו. שטעלט אייך פאר איך בין דער קלענסטער פון די קלענסטע פון זיינע תלמידים פונדעסטוועגען בין א יודע מחשבות. און מכל שכן מיין רבי דער הייליגער צאנזער רב.

וואס, איהר זענט א יודע מחשבות? — האט דער גאון אויסגערופען — זאגט זשע מיר וואס איך טראכט אצינד.

— איהר טראכט אצינד פון: „שויתי ד' לנגדי תמיד" און אז דער כבוד ד' איז אויף די גאנצע וועלט.

— איך שווער ביי אלעם הייליגען — האט דער מתנגדישער גאון אויסגערופען — אז עס איז מיר גאר נישט עולה על הדעת געווען דערפון.

— אויב אזוי — האט דער צאנזער חסיד מיט א שמייכעל אויסגערופען

— הייסט שוין שפאנען א פערד און וואגען און פאהרט קיין צאנז. איך בין מעיד אויפן צאנזער רב, אז קיין איין רגע איז ער נישט מסיח דעת פון זיין הארץ, פון זיין מחשבה דעם פחד ד'. — נו, איז צוליעב דעם אליין נישט כדאי צו פאהרען קיין צאנז?

— איהר האט מיך מנצח געווען — האט דער אונגארישער גאון נאך א קורצע נאכטראכטען אבגעענטפערט.

לט.

# שנת כת״ר.

ר׳ אליעזר דזשיקאווער זצ״ל האָט זיך נוהג געווען, יעדען ראש השנה, בעת דער עליי לתורה צו מאכען מי־שברך׳ס אַלע גוטע יודען פון דור. דער שמש פלעגט אויפשרייבען די נעהמען פון אַלע צדיקים מיט די מוטער׳ס נעמען און אין זיין געגענוואַרט פלעגט דער בעל־מקריא מאַכען די מי־שברך׳ס

ווענען דער גדלות פון דאַזיגען צדיק, דערצעהלט מען פאָלגענדע אויסטערלישע געשיכטע.

ווי בעקאַנט איז געווען פערשפרייט צווישען פאָלק די אמונה, אז אין יאָהר תר״כ, (1860) וועט משיח קומען און עס וועט זיין די גאולה שלימה.

פערשידענע לומדים, רבנים, מקובלים און סתם דורשי רשימות האָבען אויסגעפונען פערשידענע בעווייזען, רמזים און גמטריאות, אז אין דאַזיגען יאָהר וועט זיין די גאולה. פון דער תורה, גמרא, מדרשים, זוהר האָט מען אויסגעפונען דערויף בולט׳ע בעוויזען. און צום שטאַרקסטען האָט מען אפעררירט מיטן ווערטעל: ויתני לך „כתר״ מלוכה — כתר — זענען די אותיות תר״כ...

די אמונה צווישען פאָלק, אַז אין דעם דאַזיגען יאָהר וועט משיח קומען איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ווער עס האָט געוואַגט מטיל ספק צו זיין דערין האָט מען פערשריגען אַלס אַפיקורס.

מיט יעדען טאָג, וואָס מען איז געקומען נעהנטער צום דאַזיגען יאָהר, האָט זיך אַלץ מעהר פערשטאַרקט דער גלויבען דערין. סוחרים האָבען פער־נאַכלעסיגט די געשעפטען. מען האָט קיין זאך נישט אין זין געהאַט. יודען גבירים האָבען אָבגעזאָגט זיך פון די סאמע וויכטיגסטע עסקים — צו וואָס דאַרף מען דאָס — האָט מען צווישען זיך גערעדט, אַז נישט לאַנג וואָרטענדיג וועט מען שוין אויפגעריכט ווערען מיט דער אמת׳ער הילף.

און ענדליך איז דאָס לאַנג־ערוואַרטעטע יאָהר געקומען.

די ימים־נוראים האָבען יודען אָדורכגעלעבט מיט אמת׳ער קדושה וטהרה. אַ קליינינקייט, מען דאַרף זיך דאָך עפּעס צוגרייטען צו דער גאולה. די שטימונג איז געווען זעהר אַ געהויבענע און אַ פייערליכע. די שפּאַנונג איז געוואַקסען, די אמונה איז געווען אַזוי גרויס, אַז יודען האָבען געגלויבט אויפהויבענדיג זיך אין דער פריה, אַז היינט וועט משיח קומען...

דערווייל איז אָנגעקומען סוכות. חסידים האָבען אין דאָזיגען סוכות, פונקט ווי אין די ימים־נוראים נישט געוואָלט בלייבען אין דער היים, און יעדער איז געפאָהרען צו זיין רבין. צו זיין צוזאַמען מיט איהם און צוזאַמען פּראַ ען דעם הייליגען יום־טוב.

אויך קיין דזשיקאָוו איז אָנגעקומען אויף יום־טוב אַ ריזיגער עולם, צו וועלכען מען איז קיינמאָל נישט געוואוינט געווען אין דזשיקאָוו. דער רבי האָט בעטראַכט דעם עולם, און עס איז איהם געוואָרען טרויעריג אויפן האַרצען. ביי די חסידים האָט דאָס אַרויסגערופען אַ וואונדער. אַלע האָבען געגלויבט צו געפונען, דעם רבין אַ פרעהליכען, אַ אויפגערוימטען און לסוף איז ער גאַר צוגעלעגט – האָבען חסידים צווישען זיך גערעדט מיט שרעק.

דערווייל האָט מען בעדאַרפען צוגרייטען דעם יום־טוב. די שטענדיגע סוכה איז געווען צו קליין פאַרן גרויסען עולם, האָט מען געמוזט אויפשטעלען אַ ריזיגע סוכה, כדי דער גאַנצער עולם זאָל האָבען אָרט צו שטעהן כאָטש ביים טיש.

עס איז געקומען די ערשטע נאַכט יום־טוב, דער רבי האָט קידוש געמאַכט מיט גרויס התלהבות, געזאָגט תורה וועגען ענין גאולה און אמונת המשיח. אַ שרעק האָט אַלעמען בעהערשט. דער עולם איז געשטאַנען פעסט צונויפגעדריקט און מיט אַ פערכאַפּטען אָטעם האָט מען זיך צוגעהערט, צו יעדען דבור צו יעדער תנועה פון דעם רבין.

ענדליך האָט מען געהאַלטען ביים בענשען. דער עולם האָט אָבגעבענשט און געוואָרט דער רבי זאָל פערענדיגען דאָס בענשען אויפן קול, ווי דער שטייגער.

דאָס מאָל האָט אָבער דער רבי לענגער פערבראַכט ביים בענשען, פון צייט צו צייט אַריינגעפאַלען אין גרויס דבקות, פערטראַכט זיך און שטיל געשוויגען. און באַלד האָט ער ווידער אָנגעהויבען, אַזוי האָט עס געדויערט אַ לענגערע צייט.

פלוצלינג האָט זיך דער רבי ר׳ אלזעזרל אויפגעשטעלט פון אָרט און אויסגערופען מיט התלהבות:

– רבונו של עולם! מיר בעטען ביי דיר: הרחמן הוא יקים לנו את סוכת דוד הנופלת. רבונו של עולם, שיק אונז דעם מלך המשיח, נאָר נישט אין דעם היינטיגען יאָהר שנת תר״כ.

עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלען וואָסער אויסטערלישען רושם די דאָזיגע דבורים האָבען אויף אַלעמען געמאַכט. אין שרעק האָבען די חסידים זיך אומגעקוקט. אַ צאָהן אין אַ צאָהן האָט ביי אַלעמען געקלאַפּט, ווי האָבען פערשטאַנען, אַז די מעשה איז נישט פשוט. וואָס הייסט עס עפּעס, דער רבי זאָל מתפלל זיין, אַז משיח זאָל נישט קומען, אַז די גאַנצע וועלט איז בטוח דערין און אַז די ספרים זענען מרמז דערויף...

אָבער דאָס האָט געדויערט נאָר אַ ווײַלע און באַלד האָט זיך ווידער

געהערט די הייליגע ציטערדיגע שסים פון רבין ר׳ אליעזרל, וועלכער האָט אויסגערופען מיט גרויס התלהבות:

— רבותי, אתם עדי, אַז איך שווער, אַז דאָס היינטיגע יאָהר וועט משיח נישט קומען...

און באַלד האָט ער פערענדיגט דאָס בענשען און אַריין צו זיך אין חדר.

שווער צו שילדערן, וואָס עס האָט זיך דעמאָלסט געטהון אין דזשיקאָוו. א מורא׳דיגע שרעק האָט בעהערשט פון גרויס ביז קליין. מיט אמאָל זענען צערינען געוואָרען אַלע האָפנונגען וואָס מען האָט געלעגט אויפן יאָהר תר״כ, ווייל עס איז ביי קיינעם קיין ספק נישט געווען. אַז נאָך דער תפילה פון צדיק און נאָך זיין שבועה, וועט משיח שוין בעשטימט נישט קומען אין היינ-טיגען יאָהר, ווייל „צדיק גוזר והקב״ה מקיים״...

אָבער וואָס איז פאָרט די סיבה, וואָס האָט געבראַכט דערצו? האָבען די חסידים די קעפּ זיך געבראָכען, פאַרוואָס האָט דער רבי זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַזאַ שרעקליכע שבועה, מרי דעלמא כולא!...

ערשט אין חדשים אַרום, האָט ר׳ אליעזרל דזשיקאָווער ערקלערט פאַר זיין זוהן, ר׳ מאיר׳ל די סיבה פון זיין שבועה:

— איך האָב געזעהן האָט דער צדיק אויסגערופען, אַז די אמונה, אַז משיח וועט היי יאָהר קומען איז זעהר שטאַרק צווישען המון עם, האָב איך מורא געהאַט, טאָמער וועט משיח נישט קומען און דער עולם וועט בלייבען ענטוישט, וועט מען זיך אין גאַנצען מייאש זיין. און צווישען חסידים גופא וועלען זיך מתרבה זיין אפיקורסים, וואָס וועלען נישט גלויבען אין דער גאולה און כדי דאָס צו פערמיידען, האָב איך מכריז געווען, אַז משיח וועט דאָס יאָהר נישט קומען, ממילא וועט די אמונה נישט ליידען און מען וועט זאָגען, אַז אליע״ר דזשיקאָווער איז שולדיג דערין, וואָס משיח איז נישט געקומען אין שנת כת״ר...

אזעלכער איז געווען דער דזשיקאָווער רבי — איינער פון די הייסטע אָנהענגער פון צאַנזער רב.

ווי ווייט דער דזשיקאָווער רבי האָט געהאַלטן פון צאַנזער, בעווייזט דער פאָלגענדער פאַקט:

איינמאָל ראש־השנה, האָט זיך דער דזשיקאָווער רבי שטאַרק צוויינט ביים טיש, אויף דער פראַגע פון זיין זוהן ר׳ מאירל, וואָס איז די סיבה פון זיין וויינען ? האָט דער דזשיקאָווער רבי געענטפערט:

— ווי זאָל איך נישט וויינען, אַז איך ווייס, דאָס אין צאַנז געפינט זיך אַן׳אור־עולם, אַן׳איש אלקים קדוש און איך בין נישט ביי איהם ראש־השנה...

------

איינמאָל האָט דער צדיק ר׳ אליעזר׳ל דזשיקאָווער זצ״ל געשיקט א שליח מיוחד צום צאַנזער רב מיט אַ קוויטעל, אין וועלכען ער האָט מודיע געווען, דאָס איינער אַ פּאַרשוין, „אַ וואוילער יונג״, אַ מסור דערגעהט איהם ממש די יאָהרען, וויל ארומפיהרען די גאַנצע שטאָדט ביים קאָפּ און טהוט אָן צרות צרורות.

ר׳ אליעזר׳ל, כאָטש ער איז בעקאַנט געווען אַלס מזג טוב, האָט ער דאָך אָבער געשיקט זאָגען דעם פּאַרשוין, דאָס אויב ער וועט נישט אָבזיצען, וועט ער איהם מחרים זיין. היות ווי דער פּאַרשוין האָט זיך נישט אָבגעשראָקען דערפאַר, האָט איהם טאַקי דער דזשיקאָיוער מחרים געווען און קיינער פון די שטאָדט לייט האָט נישט געוואָלט האָבען מיט איהם קיין מגע ומשא, נישט געוואָלט שטהן אין זיינע פיער איילען.

דאָס האָט דעם פּאַרשוין ארויסגעבראַכט פון די כלים און ער האָט גע- שפּאַנט אַ פערד און העגעלע און אָבגעפאָהרען קיין לעמבערג צום שטאַאַט- האַלטער, בכדי צו פערמסר׳ן דעם דזשיקאָיוער רב.

אין יענע יאָהרען, האָט פאַר לעגען אין חרם אריין עמיצען אָהן דער הסכמה פון דער מאַכט, געדראָהט א גרויסע שטראָף. דערפון האָט גוט בע- וואוסט דער דזשיקאָווער רב, דעריבער האָט ער תיכף געשיקט קיין צאַנז א שליח מיוחד זיך מזכיר צו זיין פאַרן צדיק הדור.

דער צאַנזער רב האָט א ווײַלע געטראַכט און ארויסגערופען:

— זאָג דעם דזשיקאָווער רב, אז ער זאָל זיך גאָרנישט שרעקען. ער וועט נישט מסר׳ן. ער וועט זיך אפילו פאַרן שטאַאַט־האַלטער נישט שטעלען, וויל ער וועט פריהער האָבען זיין פּסק!...

דער דזשיקאָווער האָט די תשובה שטאַרק איבערראַשט. אין עטלי- כע טעג ארום האָט ער זיך דערוואוסט, אז דער מסור האָט זיך געפונען אין וואַרטע־זאַל פון דער שטאַאַט-האַלטעריי, וואַרטענדיג אויף זיין רייהע אויפגע- נומען צו ווערען דורכן שטאַאַט־האַלטער, האָט ער פּלוצלינג בעקומען אַ האַרץ אַטאַק און תיכף געשטאַרבען...

ס,

# אין זכות פון שבת.

אין איינער פון די צאַנזער אכסניות, וועלכע זענען תמיד פיעל געווען מיט אורחים וועלכע זענען געקומען פון אַלע עקען לאַנד צום צאַנזער זצ״ל, האָט זיך איינמאָל בעוויזען אַ קורץ־געקליידעטער פּאַרשוין וועלכער האָט

אפילו נישט קיין צורה פון קיין יוד. און אויסגעפרעגט זיך ביי דעם בעל־אכסניא ווי אזוי עס איז דער שטייגער ביים רבין, ווען ער נעמט אן אורחים און אזוי ווייטער.

דאס אויספרעגען זיך פון אזא שטייגער מענש אויף די דאזיגע ענינים, האט ארויסגערופען גרויס פערוואונדערונג ביי אלעמען. זעהענדיג די נייגערי־קייט פון עולם צו דערוויסען זיך מכח דעם אורח האט איהם דער בעל־אכסניא אויסגעפרעגט: פון וואנען ער איז און נאך וואס ער בעדארף צום צאנזער רב.

— איך שטאם פון וויען — האט דער פרעמדער דערצעהלט — פון א אסימילירטער וויענער פאמיליע. און איך האב פון מיין קינדהייט אן געהאט א קנאפע שייכות צו יודען און יודישקייט. באלד נאך די חתונה האב איך זיך פערלעגט אין וויען א סקלאד פון ברעטער און האלץ.

ארום די שטאדט וויען איז פערהאן א ריזיגער וואלד וואס געהערט צו די רעגירונג, בעקאנט מיטן נאמען דער „קייזער וואלד". מיט די צייט בין איך געווארען א מקורב מיט די אדמיניסטראציע פון דאזיגען וואלד מיט וועלכע איך האב אנגעהויבען האנדלען. איך האב ביי די הויכע מלוכה לייט שטארק נושא חן געווען און זיי האבען מיר געגעבען א פרייע קאנטע צו בעציען געהילץ פון דאזיגען וואלד אויף קרעדיט — א זאך וואס איז נעגען געזעץ. דערפון בין איך געווארען א גרויסער עושר, דאס געשעפט איז גוט אוועק ווייל איך בין אומשטאנד געווען צו קאנקורירען מיט אנדערע האלץ־סוחרים.

עס פערשטעהט זיך אז צוליעב די דאזיגע גרויסע געשעפטען וואס איך האב געפיהרט האב איך כלל פערגעסען, אז איך בין א יוד. מיין געשעפט איז געווען טעטיג אין שבת ווי אין א וואכען טאג, איבריגענס בין איך דערצו געוואוינט געווען פון מיין פריהסטע יוגענד אן, עס האט אויף מיר קיין איברי־גען איינדרוק נישט געמאכט.

זעהענדיג מיין הצלחה האבען זיך אין מיר מתקנא געווען אונזערע האלץ־סוחרים און האבען דערלאנגט אויף מיר א מסירה אין לאנדווירשאפטלי־כען מיניסטעריום, אז איך האב איבערגעקויפט די אדמיניסטראציע פון „קייזער וואלד" פון וואנען איך בעציה סחורה אויף קרעדיט און נאך אנדערע שווינד־לערייען.

איך האב פון די דאזיגע מסירה קיין אהנונג נישט געהאט. נאר איינמאל אין מיטן די נאכט, ווען איך בין געווען פערזינקען אין א טיפען שלאף, איז מיין וואוינונג פלוצלינג ארומגערינגעלט געווארען פון זשאנדאמעריע. וועלכע האבען געמאכט אונטערזוכענגען אין מיין וואוינונג. צום סוף האט מען מיך אבגעפיהרט אין אונטער־ערדישען ארעסט הויז, וואו עס ווערען איינגעזעצט שווערע מלוכה פערברעכער.

צומארגענס אינדערפריה האט מיין פרוי אנגעהויבען ארומצולויפען אין

פערשידענע מלוכה אַמטען כדי זיך צו דערוויסען וואו איך בין אַהינגעקומען. אבער קיינער האָט איהר נישט געקאָנט געבען די מינדעסטע אויסקונפט, וועגען מיין גורל.

אזוי האָט זיך מיין פרוי געפּלאָגט גאַנצע פיער חדשים כדי זיך כאָטש צו דערוויסען וואָס מיט מיר האָט פּאסירט, אבער זי האט זיך גאָרנישט געקענט דער׳ויסען. און איהר פערצווייפלונג איז געווען אונגעהויער גרויס.

איינמאָל האָט זי זיך פערטרויט פאַר אַ בעקאַנטען וועגען דעם אומגליק וואָס האָט איהר געטראָפען און יענער האָט איהר גע׳עצהט, אַז זי זאָל פאָהרען קיין צאַנז וואו עס געפינט זיך אַ „װאונדער־רבי" צו וועלכען מען קומט צו פאָהרען, פון ברייט און ווייט מיט פערשידענע קשות און אַלע ווערען געהאָלפען.

ווען מען טרינקט, זאָגט די וועלט, כאַפּט מען זיך אָהן אין אַ שטרוי. און הגם מיין פרוי שטאַמט פון גאַנץ אַסימילירטע קרייזען און זי האָט קיינמאָל נישט געהאלטען פון די אַלע וואונדער רביים, אבער נישט האָבענדיג קיין אויסוועג, האט זי, בעשלאָסען צו פאָהרען קיין צאַנז.

דערלאַנגענדיג דעם צדיק דאָס קוויטעל האָט דער צדיק געענטפערט:

— פאָהר אַ היים און זעה זיך מיט דיין מאַן און זאָג איהם, אַז אויב ער וועט אויף זיך מקבל זיין, אַז מהיום והלאה וועט ער נישט מחלל שבת זיין בין איך איהם מבטיח, אז ער וועט באַלד אַרויסגעלאזט ווערען אויף דער פריי.

— אבער הייליגער רבי — האט מיין פרוי אויסגערופען אַ פערצווייפעלטע — ווי אַזוי קען איך זיך אויסשמועסען מיט מיין מאַן, אַז איך ווייס נישט וואו ער געפינט זיך צו ער לעבט צומאָל.

— פאהר אַ היים האט דער צדיק אבגעענטפערט — און אויפן אויפן וועג וועסטו זיך שוין דערוויסען וואו דיין מאַן געפינט זיך.

אויפן וועג אַהיימפאָהרענדיג, זיצענדיג אויף די באַן האט מיין פרוי געגאסען טרעהרען אויף איהר ביטער גורל, זי האט זיך גאַרנישט געקענט בעהערשען, ווייל זי האָט נישט געזעהען קיין אויסוועג זיך צו דערשלאָגען צו מיר און מיר איבערגעבען די ווערטער פון צדיק. פערשידענע געדאַנקען זענען אין איהר מוח אויפגעשוואומען זוכענדיג עצות ווי אַזוי זיך צו דערשלאָגען צו עמיצען פון די רעגירונגס פאַרשטעהער פון וועמען זי וועט זיך קענען דערוויסען וואו מיין געביין איז אַהינגעקומען, אָבער אומזיסט.

אין דעם זעלבען קאפּעע געגענאיבער איהר איז געזעסען אַ מיליטער־מאַן פון אַ העכערע ראַנגע אויף וועמען מיין פרוי האָט געצויגען די אויפמערקזאַמקייט. אַט זיצט אַ פרוי שוין שעהנע עטליכע שעה און גיסט מיט טרעהרען, וואָס זאָל דאָס בעדייטען?

— וואָס זענט איהר אַזוי פערצוגט, פרוי, פארוואָס וויינט איהר אַזוי אָהן אויפהער, וואָס איז די סיבה? זאָגט מיר כ׳בעט אייך אפשר וועל איך אומשטאַנד זיין אייך צו העלפען — האָט אויסגערופען דער מיליטער־מאַן מיט אַ גערירטער שטום.

די אויסריכטיגע ווערטער פון מיליטער־מאַן האָבן געהאַט אַ ווירקונג, און מיין פרוי האָט אָנגעהויבן דערצעהלען פאַר דעם פרעמדען מאַן איהר טראַגעדיע. ווי איהר מאַן, ערשט מיט אַ קורצע צייט אַ רייכער און פארנעמער סוחר מיט אַ נאָמען און אָנזעהן אין די חשוב'סטע קרייזען, שמאַכט איצט ערגיץ־וואו אין אַ תפיסה און זי ווייסט נישט צומאָל וואו ער איז אַהינגעקומען.

אויסהערענדיג די רייד פון מיין פרוי, וועלכע האָט אויך אָנגערופען מיין נאָמען, האָט זיך דער מיליטער־מאַן אָנגערופען:

— ווירקליך אַ אינטערעסאַנטער פאַל — איך בין טורמע־שעף אין די ווינער צענטראַל־תפיסה און אייער מאַן געפינט זיך אין דער דאָזיגע תפיסה אונטער מיין רשות.

עס איז איבעריג צו שילדערן די פרייד פון מיין פרוי זעהענדיג ווי די הבטחה פון צאַנזער צדיק ווערט מקוים.

בקיצור, וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען, אָנקומענדיג קיין ווינען האָט דער טורמע־שעף צוגעפיהרט מיין פרוי צו דער תפיסה און ערלויבט אַ זעהונג מיט מיר.

בעת דער דאָזיגער זעהונג האָט מיר מיין פרוי דערצעהלט אויף וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרען אופן זי האָט זיך צו מיר דערשלאָגען און דעם בעדינג וואָס דער צאַנזער צדיק שטעלט פאַר מיין בעפרייאונג.

אין תחילת האָב איך זיך זיך שטאַרק געוואָקעלט צוגעבען אַ הבטחה, אַז איך וועל מעהר נישט מחלל שבת זיין. ווי אַזוי וועל איך דען קענען אויסקומען, האָב איך זיך געטראַכט, נישט צו פערצייכענען אין שבת סחורה־טראַנספאָרטען וואָס קומען אָהן און געהען אַוועק. און ווי אַזוי וועל איך בכלל קענען פיהרען אַזאַ מסחר ווען דאָס געשעפט וועט זיין געשלאָסען אין שבת'דיגען טאָג. אָבער נעמענדיג אין אַכט אין וואָס פאַראַ מצב איך געפון זיך און וואָס פאַרא שטראָף מיך ערוואַרט אויב מען וועט מיך שטעלען פאַר א געריכט, און די טרויעריגע פערספעקטיוון אויף די צוקונפט — האָב איך זיך ענדליך דעצידירט מסכים צו זיין אויף די פאָדערונג פון צדיק און גענומען אויף זיך מהיום והלאה מעהר נישט מחלל שבת צו זיין.

מיט טרעהרען אין די אויגען האָט מיין פרוי אָפּשיד גענומען פון מיר. און גלייך פון דער תפיסה איז זי אוועק צום באַהן־הויף און גענומען אַ בילעט קיין צאַנז, בכדי מודיע צו זיין דעם רבין, אַז איהר מאַן האָט אויף זיך מקבל געווען אָבצוהיטען שבת אַזוי ווי יעדער פרומער יוד.

אָנקומענדיג קיין צאַנז האָט דער צדיק נישט געוואָרט ביז זי וועט איהם מיטטיילען וועגען מיין בעשלוס, נאר תיכף אַזוי ווי זי האָט זיך בעוויזען אויף די שוועל פון זיין צימער האָט ער אַ זאָג געטוהן:

— פאַהרט אַ היים, אייער מאַן איז דאָך שוין אויף די פריי.

און ווירקליך איז אַזוי געווען. אַהיימקומענדיג פון צאַנז האָט זי מיך שוין געטראָפען אין דער היים. און איצט בין איך געקומען קיין צאַנז כדי

פערזענליך צו דאנקען דעם צדיק פאר דעם חסד וואס ער האט מיט מיר געטוהן.

מא.

# איז קאמף מיט די רעפארמער.

דער צאנזער רב זצ"ל איז געווען איינער פון די שארפסטע בעקעמפער פון רעפארם אין זיין צייט. א דאנק זיין גרויסע השפעה אויף די ברייטע מאסען וועלכע האבען זיך בעצויגען צו איהם מיט די גרעסטע אכטונג און בעטראכט אלס דעם מנהיג ישראל, האט ער אין פיעל צענדליגער פאלען גע ווירקט צו פאראליזירען די בעמיהונגען פון די רעפארמער איינצופיהרען די אדער יענע ענדערונגען אין יודישען לעבען סיי פון יחיד סיי פון כלל.

דער צאנזער רב איז אין דעם פאל געווען ריקזיכטלאז, קנאות'דיג און גישט געוואלט איינגעהן אויף דעם מינדעסטען אבנויג פון קיין שום דין אדער מנהג.

וועגען זיין בעקעמפען די רעפארמער און די משכילים געפינט מען פיעל תשובות אין „דברי חיים".

אזוי האט ער בעקעמפט דאס בויען כאר־שוהלען. שארף ארויסגעזאגט זיך געגען דעם אוועקגעשטעלען דעם ארון־הקודש אדער בעלעמער פון זייערע בעשימטע ערטער, ווי דער מנהג איז בכל תפוצות ישראל.

שארף ארויסגעזאגט האט ער זיך געגען איינשטעלען משוררים אין די שוהלען וואס שטעהען אויף א אבגעטיילט ארט. בעטראכטענדיג עס אלס א מנהג עכו"ם. ווי אויך געגען בעשטימען ספעציעלע פרעדיגער וואס זאלען האלטען זייער פרעדיגט אין א פרעמדע שפראך.

מיט דער גאנצער שארפקייט האט דער צאנזער רב בעקעמפט דאס נישט־צנועת'דיגע קליידונג ביי פרויען וואס האט אנגעהויבען אריינצודרינגען אין פאלק.

אזוי האט אויך דער צאנזער רב אונטערגעשטיצט די בעמיהונגען פון פערשידענע גדולים וועלכע האבען אונטערגענומען א קאמף מיט די רעפארמער. מיר געפינען אויך זיין חתימה אויף די בעשלוסען פון די אונגארישע גדולים וועלכע זענען זיך צוזאמענגעקומען אין די שטאדט מיהאליוויץ וואו עס זענען אנגענומען געווארען א גאנצע רייה תקנות צו שטעהן אויף די וואך פון תורה און טראדיציע.

דער צאנזער רב איז אויך געווען א אנהענגער פון די ארגאניזאציע

„מחזיקי הדת" וועלכע איז געגרינדעט געווארען מיט דער איניציאַטיוו פון די גאַליצישע גדולים מיט דעם בעלזער רבין ר׳ יהושע זצ"ל און דער קראָקאווער רב ר׳ שמעון סופר זצ"ל בראש.

אין יאָהר תרל"ב איז פאַרגעקומען אַ גרויסע קאָנפערענץ פון די רעלי־גיעזע יודען און גדולים פון אונגאַרן מיטן צוועק אַרויסצוטרעטען פון די עגזעסטירענדע קהלות אין וועלכע די רעפארמער און חופשים האָבען געהאַט אַ קענטיגע השפעה און צו גרינדען בעזונדערע קהלות.

אויף דער דאָזיגער אַסיפה איז אויך אויסגעאַרבייט געווארען די „אָרגאַ־ניזאציאָנס־סטאַטוטען" פאַר די אָרטאָדאָקסישע קהלות. און צווישען אַנדערע איז בעשלאסען געוואָרען צו פעראייניגען די אָרטאָדאָקסישע קהלות אין איין פער־באַנד וועלכער האָט בעקומען דעם נאָמען: „ארטאדאקסיש־לאַנדעס־קאַנצליי". די דאָזיגע סטאַטוטען זענען אויך צוגעשיקט געווארען צום צאַנזער רב וועלכער האָט געמאַכט אַ רייה אויסבעררונגען און אויך געגעבען אויף זיי זיין הסכמה. אויך האָט דער צאַנזער רב אַרויסגעשיקט אַ ספּעציעלען בריעף צו זיינע חסידים אין אונגאַרן אויפפאדערענדיג זיי אַרויסצוטרעטען פון די ביז איצטיגע קהלות און אַריינטרעטען אין די ניי־געגרינדעטע קהלות.

דער צאַנזער רב האָט זעהר שטאַרק משבח געווען דאָס גרינדען פון די בעזונדערע ארטאדאקסישע קהלות און זיך אויסגעדריקט: הלואי וואָלט מען עס אויך דאָ אין גאַליציען געקענט איינפיהרען, אָבצוטיילען זיך אינגאַנ־צען פון די חפשים און גרינדען בעזונדערע קהלות פון יראי ד׳.

-------

דער צאנזער רב זצ"ל איז געווען אָנערקענט אויף די גאַנצע וועלט אלס פוסק אַחרון וועמענס דעה עס האָט מכריע געווען אין אַלע ענינים. נאָך אין זיין פריהסטע יוגענד האָט ער זיך איבערגעשריבען אין הלכה מיט די גדולי הדור, אַזוי האָט ער געשריבען תשובות צום גאון „בעל ישועות יעקב" צום גאון בעל „חוות דעת" צום „נתיבות" צו ר׳ שלמה קליגער, צום „חדושי הרי"ם" און אַנדערע.

אַזוי זענען פערהאַן תשובות צו איהם אין „שואל ומשיב" פון לעמבערג־ער רב אין „כתב סופר" פון פרעשבורגער רב אין „חסד לאַברהם" ווי אויך „תשובות הרי"ם" פון גערער רבין זצ"ל.

דער צאַנזער רב האָט אויף זיך געשטעלט אין עניני הלכה אַפילו ווען די חכמי הדור האבען מיט איהם נישט מסכים געווען.

דער צאַנזער רב האָט מחבר געווען די פאלגענדע ספרים:

שאַלות ותשובות „דברי חיים" צוויי חלקים.

„דברי חיים" אויף מקוואות און הלכות גיטין.

„דברי חיים" אויף תורה.

כאראַקטעריסטיש. אַז שאלות ותשובות „דברי חיים" חלק ב׳ איז ערשי־נען פריהער פאַרן חלק א׳. צוליעב פאָלגענדע סיבה:

ווען מ׳האט פאר איהם געברענגט פון דרוק די ערשטע עגזעמפלארען פון „דברי חיים" האט ער געדופען זיין גבאי און איהם בעפוילען גלייך צו שיקען א טעלעגראמע צו ר׳ שמואל אהרן׳נען (דער בעל „בית אהרן") אז ער זאל תיכף קומען.

ווען דער „בית אהרן" איז געקומען קיין צאנז האט איהם דער צאנזער רב געוויזען דאס ספר און זיך פאר איהם געקלאגט, אז דער מעתיק און מסדר האט איהם קאליע געמאכט דאס ספר, דערמיט וואס ער האט ניט אנגעצייכענט קיין שום מראה מקום אויף די דברי חז״ל ווי אויך די פסקי הלכה אין די ראשונים. און אזוי ווי אונזער שטייגער איז מקצר צו זיין אין די דבורים איז עס א גרויסער חסרון פארן ספר. היות ווי די חז״ל זאגען אז רישא דמילתא לא מחסרא" (דער אנהויב זאל כאטש זיין אהן א פעלער) האב איך בעשלאסען דאס דאזיגע ספר צו בעשטימען אלס חלק ב׳. און דו מיין פריינד פאהר גלייך קיין לעמבערג צום דרוקער און זאלסט מיטנעמען דעם כתב יד פון חלק ב׳, וואס געפונט זיך ביי מיר, און דארט זאלסטו זיצען מסדר און מגיה זיין דאס ספר וועלכעס עס וועט בעשטימט ווערען אלס חלק א׳. און כל זמן דו וועסט זיין אין לעמבערג וועל איך דיר צאהלען דרייסיג רובל א וואך, א חוץ די הוצאות וואס דו וועסט מאכען אין לעמבערג.

עס פערשטעהט זיך, אז דער „בית אהרן" איז גלייך אבגעפאהרען קיין לעמבערג, וואו ער איז געזעסען פיער וואכען און מסדר געווען דאס ספר.

דאס ספר דברי חיים האט געמאכט א גרויסען רושם אין די לומדישע וועלט. און ווערט בעטראכט אלס איינס פון די דעצעדירענסטע פסקי האחרונים.

ווען עס איז ערשינען דאס ספר „דברי חיים" אויף תורה, איז אמאל געקומען צו איהם א גרויסער תלמיד חכם פון לעמבערגער קאנט. האט איהם דער צאנזער רב געפרעגט: וואס זאגט די לומדישע וועלט צו מיין ספר? (אין יענע יאהרען האט זיך אין לעמבערג קאנצעטרירט די לומדישע יונגעלייט פון גאליציען וואס האבען געלערנט ביי די דארטיגע גדולים).

דער אורח האט געענטפערט, אז דאס דאזיגע ספר איז אין די לומדי-שע קרייזען זעהר חשוב.

דערויף האט דער צאנזער רב געפרעגט:

— צי איז עס אזוי חשוב ווי דער „אוהב ישראל" פון אפטער רב?

בכלל האט דער צאנזער רב שטארק מחשיב געווען דאס ספר „אוהב ישראל" און אויף די עלטערע יאהרען פלעגט דער צאנזער רב לערנען יעדען טאג א שיעור אין ספר „אוהב ישראל".

מב.

# זיין התנהגות.

דער צאַנזער רב פלעגט שטאַרק ליעב האָבען אַ יוד אַ תּלמיד חכם. קוים פלעגט קומען צו איהם אַ תּלמיד חכם פלעגט ער איהם מכבד זיין מיט אַלע מיני כּבודים און זיך אינגאַנצען מבטל זיין צו איהם. גאַנץ אָפט פלעגט טרעפען, אַז עס פלעגט קומען צו איהם אויף שבת אַ גוטער־יוד אדער אַ תּלמיד חכם פלעגט ער איהם זעצען אויבענאָן און איהם מכבד זיין מיט תּורה זאָגען.

איינמאָל האָט דער צאַנזער רב בעגלייט אַ תּלמיד חכם וועלכער האָט ביי איהם געווייזלט צו גאַסט.

אויפן וועג געהענדיג האָט זיך צו איהם דערנעהנטערט עמיצער און איהם דערלאַנגט אַ קוויטעל מיט אַ פּדיון.

האָט דאָס דעם רבין שטאַרק פערדראָסען און אויסגערופען:

— דו גאַלגאַן (מיטן דאָזיגען „זידעל־וואָרט” פלעגט ער זיך שטענדיג בעניצען) זעהסט, אַז איך געה מלווה זיין אַ תּלמיד חכם ווילסטו מיך מבטל זיין פון די מצווה...

------

איינמאָל האָט געווייזלט אין צאַנז אויף אַ שבת דער רבי ר׳ דוד׳ל דינוב׳ער זצ״ל.

ביים שבת׳דיגען טיש האָט דער צאַנזער רב געהאַלטען אַ גרויסען שמועס און דערביי האָט ער געזאָגט, אַז דער רבי וואָס הערט נישט זאָגען תּורה אין הימעל טאָר נישט זאָגען קיין תּורה פאַרן עולם.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט דער צאַנזער רב מכבד געווען זיין גאַסט מיט זאָגען תּורה.

דערויף האָט ר׳ דוד׳ל מיט גרויס ענוות אָבגעענטפערט:

— ווי אַזוי קען איך זאָגען תּורה, אז איך הער נישט פון הימעל...

------

אין די לעצטע יאָהרען פאַר זיין פּטירה פלעגט זיך דער צאַנזער רב פיהרען, אַז יעדע נאַכט פאַרן שלאָף האָט ער אויסגערופען:

— השם יתברך זאָל מיר העלפען, אַז איך זאָל דינען דעם בעשעפער ווי דער רמב״ם, ווי דער רבי ר׳ שמעלקע און ווי דער ט״ז.

די דאָזיגע ווערטער פלעגט ער איבערחזרן אונצעהליגע מאָהל ביז ער איז איינגעשלאָפען.

בכלל האָט דער צאַנזער רב מחשיב געווען דעם גאון בעל הט"ז. ער פלעגט דערצעהלען:

עס איז אַמאָל עמיצער געקומען צום ט"ז און געבעטן פאַר איהם, אז זיין פרוי איז אַ מקשה לילד און דער גאון זאָל פאַר איהר מתפלל זיין.

האָט דער ט"ז איהם געענטפערט:

— וואָס זאָל איך דיר טוהן מיין זוהן, איך בין נישט קיין רבי און נישט קיין בעל שם.

— איך וועל פון דאנען נישט אָבטרעטען ביז איך וועל געהאָלפען ווערען — האָט אויסגערופען דער יוד.

— וואָס קען איך דיר העלפען — האָט דער ט"ז איהם געענטפערט — נאר אזוי ווי איך האָב היינט פארענטפערט אַ שווערע קשיא פון תוספות. יהי רצון אזוי ווי איך האָב אויפגעבינדען די דאָזיגע קשיא, אזוי זאָל אויפגעבינדען ווערען דער טראַכט פון דיין פרוי.

ווי נאר דער יוד איז אהיימגעקומען האָט מען איהם מבשר געווען, אז זיין פרוי איז אויפגעבינדען געוואָרען.

--------

שטאַרק פערעהרט האָט דער צאַנזער רב דעם „נודע ביהודה". ווען איך וואלט געלעבט אין זיין צייט — פלעגט דער צאַנזער רב זאָגען — וואָלט איך זיך געוואָלגערט אונטער זיין טיש. און הגם ער איז געווען אַ שטאַרקער מתנגד אויף חסידות, דאָך איז זיין כוונה געווען לשם שמים.

איינמאָל האָט ער בעדאַרפען נאָכקוקען אין ש"ות „נודע ביהודה", נישט האָבענדיג אונטער די האנד דאָס ספר האָט ער געדינגען אַ שליח און איהם געשיקט דריי מייל וועגס כדי איהם צו ברענגען דאָס ספר.

איינמאָל אַריינקומענדיג אין בית המדרש האָט ער בעמערקט ווי בחורים שפּעטען וועגען „נודע ביהודה" האָט דער צאַנזער רב אַ זאָג געטהון צו זיי:

— הערט, וועל איך אייך דערצעהלען וועגען דער קדושה און גדלות פון „נודע ביהודה":

ווען דער „נודע ביהודה" איז געווען רב אין פראג האָט ער געהאָט גרויסע התנגדות און רודפים פון אלע זייטען. די דאָזיגע רודפים האָבען אָבער בעקומען זייער פסק און זייער עונש, און דעם גרעסטען טייל האָט ער אָוועקגעשיקט אויף יענער וועלט.

איינער פון זיינע רודפים האָט געהאַט אַן עלוי'ש יונגעל וועלכער האָט נישט קוקענדיג אויף דער התנגדות פון זיין פאָטער, שטאַרק מחבב

געפֿינען דעם „נודע ביהודה״, געלערנט אין זיין ישיבה און געווען בעליעבס ביים גרויסען גאון.

מאַכט זיך אַז דער דאזיגער עלוי ווערט שווער קראַנק און די דאקטוירים זענען איהם מיאש ר״ל.

עס פערשטעהט זיך אַז אין זיין עלטערען־הויז איז ענטשטאַנען אַ בהלה ווייל זיי האבען פערשטאַנען אז דאָ הויבט זיך אָן די בעצאָהלינג פאַר די רדיפות וואָס דער פאָטער פון דעם עלוי רודפט דעם רב.

זענען די קרובים פון דעם עלוי געלאָפען צום „נודע ביהודה״, אַז ער זאָל מתפלל זיין פאַר דעם געזונד פון זיין תלמיד. זיי האָבען אבער נישט געטראָפען דעם רב אין דערהיים, ווייל ער איז גראָד געגאַנגען אין מקוה צוריכטן פאַרן דאַוונען. די קרובים זענען גלייך געלאָפען אין מקוה אריין וואו זיי האָבען מיט גרויס געוויין פארגעשטעלט דעם מצב פון זיין בעליעבטען תלמיד.

— דאָ קען איך אייך גאָרנישט העלפען – האָט דער „נודע ביהודה״ געענטפערט — נאר לויפט גלייך אריין צו מיר און נעמט דאָס ספר „צל״ח״ און לייגט אונטער דאָס ספר דעם חולה צוקאָפּענס, וועט עס ווירקען על כל פנים אַז ער וועט אויסהאַלטען ביז וואַנען איך וועל צוריקקומען פון מקוה, און ווען איך וועל אהיימקומען וועל איך זעהען וואָס צו טוהן.

און תיכף ווי מ׳האָט אונטערגעלייגט דעם „צל״ח״ צוקאָפּענס פון חולה איז איהם באַלד בעסער געוואָרען און מ׳האָט שוין מעהר נישט בעדאַרפען בעאומריהוגען דעם רב.

------

איינמאָל אין אַ ווינטער־נאַכט, האָט דער דער שמש, וועלכער פלעגט שלאָפען אין שכנות פון רבינס חדר, בעמערקט ווי פון רבינס חדר רייסט זיך ארויס אַ געדיכטער רויך.

דער שמש האָט אָנגעהויבען מיטן גאַנצען כּוח צו האַקען אין דער טהיר, וועלכע איז געווען פערשלאָסען, אָבער קיינער האָט איהם נישט געעפענט.

אַ דערשראָקענער האָט דער שמש געכאַפּט אַן אייזען, אויפגעבראָכען די טהיר און אַזוי אַרום אַריין אין צימער.

דאָ האָט זיך פאַר איהם פארגעשטעלט אַ אויסטערלישע סצענע: דער גאַנצער טיש, ביי וועלכען דער רב פלעגט זיצען, איז געשטאַנען אין פלאַמען און נעבען טיש איז געשטאַנען דער צדיק, איין פוס אויפן דיל און דעם אַנדערען פוס אויף אַ שטוהל. און אַזוי שטעהענדיג, האָט ער ביים ליכט פון פלאַמענדען טיש מעיין געווען אין אַ ספר...

דער צדיק איז געווען אַזוי שטאַרק צוקאַכט, אַז נישט נאר וואָס ער האָט נישט בעמערקט ווי דער טיש ברענט און דאָס פייער געפינט זיך שוין גאַנץ נאָהנט פון איהם, נאר אַפילו דעם רעש, וואָס דער שמש האָט אָנגעמאַכט מיט זיין אויפרייסען די טהיר און דאָס אַריינלויפען מיט אַ געשריי אין צימער

אריין, האָט ער אויך נישט דערהערט, מחמת דער שטאַרקער דביקות און פער־נומענקייט.

דער שמש האָט געכאַפּט אַ פּאָר מלבושים, אַ וואָרף געטהון אויפן ברענענדיגען טיש, און מחמת גרויס צוטראַגענקייט, האָט ער אויך עפּעס אַרויפגעוואָרפען אויפן צדיק. דאָ האָט זיך דער צדיק אויפגעכאַפּט פון זיין דביקות און געוואָלט „מכבד" זיין דעם שמש מיט זיין לילקע־ציבעק, פאַרוואָס ער האָט איהם געשטערט.

און ווען דער שמש האָט איהם אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דער טיש ברענט און עס האָט געפעהלט אַ קלייניגקייט, אַז אויך דער רבי זאָל שטעהן אין סכנה, האָט ער ערשט זיך אַרומגעקוקט, ווי עמיצער, וואָס וואָלט זיך כלל נישט דאָ געפונען און נישט פערשטאַנען. אַז אַ דאַנק דעם שמש, איז ער ניצול געוואָרען פון אַ גרויסער סכנה...

-------

איינמאָל איז ער געפאָהרען הינטערוועגס. הינטער דער שטאָדט באַריאָת איז ער פערבייגעפאָהרען אַ דאָרף, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען מאַקאַלקי. און צו אַלעמענס שטוינונג האָט ער בעפוילען, מען זאָל זיך אָבשטעלען אין דאָזיגען דאָרף.

האָט מען זיך אָבגעשטעלט פאַר דער קרעטשמע און דער צדיק האָט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש און געבעטען עפּעס צו טרינקען.

אַזוי זיצענדיג האָט ער זיך אָנגערופען צום קרעטשמער:

— ווי אַלט זענט איהר ר' יוד!...

— פינף און פערציג יאָהר. — האָט דער קרעטשמער אָפּגעענטפערט.

— און ווי לאַנג געפינט איהר זיך שוין אין דעם דאָרף — האָט דער צדיק ווייטער געפרעגט.

— ס'הייסט ווי לאַנג, אַז איך בין דאָ געבוירען געוואָרען, חתונה געהאַט און איבערגענומען די קרעטשמע פון מיין טאַטען. אַלע מיינע יאָהרען בין איך דאָ אין דעם דאָרף.

— קענט איהר מיר אפשר זאָגען, וועלכע פון די צדיקים עס זענען דאָס דאָרף פערביי־געפאָהרען און דאָ זיך אָבגעשטעלט.

דער קרעטשמער האָט אָנגעהויבען אויסרעכענען די נעמען פון די צדיקים, וועלכע ער האָט געדענקט אויפן זכרון. אָבער דאָס אַלץ האָט דעם צאַנזער נישט בעפרידיגט.

— אָבער עמיצער פון די צדיקים פון פערגאַנגענעם דור האָט דאָ אין דעם דאָרף זיך אויפגעהאַלטען אַ צוויי וואָכען צייט — האָט דער צאַנזער אויסגערופען — קענט איהר זיך נישט דערמאָנען ווער דאָס איז געווען?

דער קרעטשמער האָט געצויגען מיט די פּלייצעס, נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערען. ענדליך האָט ער זיך געכאַפּט און אויסגערופען:

— איך האָב ביי מיר אַנ'אַלטע מאַמע. זי איז שוין אין די נייַנציגער, ווען דער רבי פּערלאַנגט וועל איך איהר ברענגען. אפשר וועט איר ווייסט זי בעסער.

דער צאַנזער האָט זיך מיטן דאָזיגען פאָרשלאָג שטאַרק דערפרעהט און תיכף געהייסען ברענגען די אַלטיטשקע קרעטשמערין.

די אַלטיטשקע האָט זיך קוים געקענט דערשלעפּען. אָבער הערענדיג, אַז דער צאַנזער צדיק רופט איהר, האָט זי מיט די לעצטע כוחות, שטיצענדיג זיך אויף איהר זוהן, זיך פאַרגעשטעלט פאַרן צדיק.

הערענדיג די פראַגע, אין וואָס עס האַנדעלט זיך, האָט זיך די זקנה שטאַרק דערפרעהט און אויסגערופען:

— אַוודאי געדענק איך, אַ שאלה דאָס איז. ווען איך בין נאָך אַ קינד געווען געדענק איך, ווי איינמאָל האָט דאָ זיך אויפגעהאַלטען דער הייליגער בערדיטשעווער רב, וועלכער איז צוריקגעקומען פון אַ נסיעה אין אונגאַרן. צוויי וואָכן צייט האָט ער דאָ פערבראַכט און די דאָזיגע צוויי וואָכען וועל איך קיינמאָל נישט פערגעסען.

— דערצעהלט מיר, כ'בעט אייך, ווי אזוי דער בערדיטשעווער האָט זיך נוהג געווען ביי אייך אין שטוב — האָט דער צאַנזער אַ צושטאַהלטער אויסגערופען.

ווען די אַלטיטשקע האָט אָנגעהויבען דערצעהלען פון דעם בערדיטשעווערס הנהגות: פון זיין דאַווענען, פון זיין לערנען, פון זיין עסען, האָט זיך דער צאַנזער, ווי זיין שטייגער איז געווען אין אַ מאָמענט פון התלהבות און דבקות, זיך אויפגעשטעלט אויף איין פוס און דעם אַנדערען פוס האָט ער געהאַלטען אויף דעם בענקעל און אזוי איז ער געשטאַנען און געהערט אַלץ, וואָס די זקנה האָט דערצעהלט פון דעם הייליגען בערדיטשעווער.

ווי נאָר די זקנה איז אַוועק, האָט דער צאַנזער געהייסען שפּאַנען פערד און וואָגען און מען איז תיכף אַוועקגעפאָהרען.

זיצענדיג אויף דער פוהר, האָט זיך דער צאַנזער געווענדעט צו זיינע בעגלייטער:

— אָט דאָס הייסט אַ צדיק, דער בערדיטשעווער מיין איך, אַזוי פיעל יאָהרען זענען אַוועק און נאָך פיהלט מען אין די לופט זיין עבודות אין דעם דאָזיגען דאָרף. אַיוואַ, הפלא ופלא...

---

ווי בעקאַנט זענען די גדולי האחרונים שטאַרק אַרויסגעטרעטען געגען דעם לימוד על פי דרך הפלפול, וואָס האָט זיך איינגעבירגערט אין די פּויִלישע ישיבות. בעזונדערס שטאַרק אַרויסגעטרעטען געגען די פּלפּולים, די פּשטלעך זענען: דער של"ה הקדוש, ר' שלמה יאיר בכרך זצ"ל (דער „חוות יאיר" און אַנדערע גדולים.

איינמאָל איז דער צאַנזער רב געזעסען אין אַ מסיבה פון תלמידי חכמים צווישען וועלכע עס איז אויך געווען דער לעמבערגער רב דער גאון

ר׳ יצחק שמעלקעס (דער „בית יצחק״), איז געקומען צו רייד וועגן די פשט־לעך וועלכער די מתנגדישע גדולים האָבן נישט גורם געווען.

האָט זיך אָנגערופען דער צאַנזער רב בדרך צחות:

— אז איך וועל קומען אויף יענע וועלט, און מען וועט מיך ברענגען פאַרן בית דין של מעלה און מען וועט מיך דן זיין פאַר מיינע פשט׳לעך, וועל איך טענה׳ן פאַר דעם בית דין של מעלה: מורי ורבותי! איהר זענט מיך דן פאַר די פשט׳לעך וואָס איך האָב געזאָגט. וויל איך קודם כל וויסען צי דאָס פשט׳ל איז מיינס, טאמער איז עס נישט מיין פשט׳ל. וועט דאָך דער מלאך המקטרג מיזען איבערזאָגען דאָס פשט׳ל וואָס איך האָב מחדש גע־ווען, וועל איך האָבען פון דאָזיגען פשט׳ל אזוי פיעל תענוג, אז איך וועל גאָרנישט מרגיש זיין דעם גהינום וואו מען וועט מיך פיהרען פאַר די דאָזיגע „זינד״...

-------

אינטערעסאַנט זענען די מנהגים וואָס דער צאַנזער רב האָט איינגעפיהרט אין פסח.

פון ר״ח ניסן האָט ער אָנגעטוהן דאָס שטריימעל, וואָס ער האָט גע־טראָגען בלויז שבת און יום טוב, און עס געטראָגען ביז אסרו־חג יום טוב.

די נשיאים, וואָס מען לייענט פון ר״ח ביז ערב פסח, האָט ער יעדען טאָג אליינט געלייענט אין ספר. דערביי האָט ער געזאָגט, אז דעם טאָג וואָס מען לייענט דעם נשיא דן — געפאַלט ראש־השנה. דער סימן איז: דן ידין עמו...

ווי בעקאַנט האָט דער צאַנזער רב שטאַרק מזהיר געווען צו זאָגען יוצרות. און אז עס איז אויסגעפאַלען שבת ערב פסח, ווען דער עולם איילט זיך זעהר כדי צו קענען עסען די המץ׳דיגע סעודה אין די צייט, האָט ער בעפוילען, אז מען זאָל דעם יוצר פון שבת־הגדול, זאָגען מיט אַ שבת פריהער. אזוי ווייט האָט ער מחשיב געווען די פיוטים פון „יוצר״.

די ווייץ פון מצה שמורה האָט ער אליינט געמאָלען ביי זיך אין שטוב אין אַ ספעציעל מילעכעל.

אַ גרויס ענין איז געווען דאָס נעמען מצה־וואַסער. דערביי האָט ער זיך אָנגעטוהן אַ ספעציעל מלבוש אלס הדור מצווה.

ערב פסח אין דערפריה האָט ער געגעסען מיטן עולם אַ פליישיגע סעודה ביי וועלכע מען האָט געזונגען זמירות און געטיילט שיריים.

אַ גרויסע עבודה איז געווען אין צאנז דאָס באַקען מצות אין ערב פסח. ביי וועלכען אלע האָבען געמוזט אָנטוהן בגדי יום טוב און מען האָט געזונגען קאַפּיטלעך הלל.

די טייגלעך האָט מען נישט געשניטען מיט קיין מעסער נאָר ער אליינט האָט אָבגעריסען שטיקלעך טייג און געטיילט צווישען עולם.

געבאַקפּן האָט ער נישט מעהר ווי צעהן מיירעס. צו יעדע מיירע האָט געמוזט זיין אַ נייער בעקען און צו יעדע מצה אַ בעזונדער וואַרגעל־האָלץ.

און געפּיהרט האָט ער זיך, אַז די אורחים וואָס זענען געקומען צו איהם אויף פּסח און געגעסען ביי זיין טיש, האָט ער געגעבען די גאַנצע סעודה, אַ חוץ אַ כּוס אויף וויין און מצה שמורה וואָס יעדער איינער האָט זיך געמוזט מיטבּרענגען.

צו אַרבּע כּוסות האָט ער גענוצט אַ גלעזערען כּוס נישט קיין זילבּערנס.

ביים סדר האָט איינער פון זיינע קינדער געפרעגט מה נשתנה. און אויף די קשיות האָט ער אָנגעהויבּען מיט אַ ברייטען שמועס פון בריאַת העולם אָן. מיט דעם דאַגיען לשון:

— השי״ת האָט בעשאַפען אַ יש מאַין אין זעקס טאָג. אין זעקסטען טאָג האָט ער בעשאַפען אָדם הראשון דער יציר כפּיו של הקב״ה. אַזוי האָט ער אַלץ דערצעהלט וואָס האָט פּאַסירט מיט אָדם הראשון׳ען ביז נח׳ן ווי אַזוי די וועלט איז געוואָרען פערדאָרבּען און דער אויבערשטער האָט געבּרענגט אַ מבּול און פון מבּול איז ניצול געוואָרען נח מיט זיינע קינדער. און אַלץ וואָס האָט פּאַסירט אין די צעהן דורות פון נח ביז אַברהם. ווי אַזוי אַברהם האָט מקדש געווען שם שמים און געוויזען, אַז עס איז דאָ אַ בורא עולם אויף די וועלט. און די פּאַסירונגען פון אונזערע אָבות יצחק און יעקב. ווי אַזוי ער האָט געקעמפט מיט עשו׳ן און מיט לבן הרמאי. און ווי אַזוי יעקב איז געקומען קיין מצרים. ערשט דאַן האָט ער אָנגעהויבּען זאָגען עבדים היינו לפרעה במצרים.

אויף האָט ער געזאָגט תּורה אויף די הגדה אין מיטן סדר.

צו כּרפּס האָט ער גענומען רויטע רעטיכלעך (ר״ח רעטעכלעך) צו מרור — סאַלאַטען. און צו כּורך — צוריבענעס־כריין.

אין די יונגע יאָהרען פלעגט ער ניצען צו מרור — נישט צוריבּענעם כריין, נאָר צוליעב זיין שלאָפקייט האָבּען איהם די דאָקטוירים פערזאָגט. און ער ער האָט אָנגעהויבּען ניצען סאַלאַטען.

חסידים דערצעהלען: אַז ביים ערשטען מאָל ווען ער האָט געמוזט זיך אָבזאָגען פון נישט־צוריבּענעם כריין, האָט ער זיך געהייסען דערלאַנגען אַ וואָרצעל כריין און געמאַכט אויף דעם אַ ברכה בשם ומלכות און פערענדיגט אַשר קדשנו במצותיו וצונו ונשמרתם לנפשותיכם.

דעם כּזית מצה האָט ער געגעסען זעהר גיך כּדי ער זאָל אַראָבשלינגען דעם כּזית מצה אויף אַמאָל.

איינמאָל נאָך דעם אַפּיקומן האָט ער זיך שטאַרק צוקאָכט אַריינגעפאַלען אין אַ שטאַרק התלהבות און אויסגערופען:

די חז״ל זאָגען: אין פּוחתין משׁשׁה טלאים המבוקרים במקדש. טאָ ווי זענען היינט די ששה טלאים אהינגעקומען? ווערט געבּרענגט אין ספרים, אַז ט׳האָט זיי געבּראָכט אין די מדבר וואו זיי זענען זיך פּרה ורבה. און אלי׳

הנביא איז מקריב פון זיי יעדן טאָג צוויי קרבנות, איינס אין דערפריה דאָס צווייטע פארנאכט.

האָט זיך דער רב פון אוהעל, ר׳ משה טייטעלבוים זצ״ל, געבעטען, אַז ער וויל דאָס זעהען מיט פליישיגע אויגען. האָט איהם דער אויבערשטער געוויזען ווי אלי׳ שטעהט און איז מקריב קרבנות אַלס כהן הדיוט און מלאך מיכאל איז כהן גדול.

און אַז עס קומט פסח איז אלי׳ הנביא מקריב א קרבן פסח און די מנויים זענען די צדיקי־הדור צו וועלכע אלי׳ הנביא ברענגט יעדן איינעם אַ שטיקעל פון קרבן פסח.

און היות ווי דער קרבן פסח טאָר מען נישט עסען מחוץ לחומה ברענגט אלי׳ הנביא דעם אַויר פון ארץ־ישראל און דעם אויר פון ירושלים צו די צדיקים און עס איז גלייך וואו מען וואָלט געזעסען אין ירושלים און געגעסען דעם קרבן פסח.

און די יודען וואָס זענען נישט ראוי צו עסען פון קרבן פסח, קוים האַלטען זיי זיך ביי די צדיקי הדור און גלויבען, אַז צדיקים עסען איז אַזוי גוט ווי זיי אַליינט האַלטען געגעסען פון קרבן פסח.

איהר וועט אוודאי מיינען אַז דאָס איז אַלעס לויטער רוחניות — האָט דער צאַנזער אויסגערופען — זאָג איך אייך בפירוש, אַז מען מיינט פשוט בגשמיות אַ שטיקעל געבראָטען פלייש פון קרבן פסח און דאָס איז גאָרנישט קיין פלא. מען דערצעהלט: אַז דער רבי ר׳ זישא זצ״ל איז אַמאָל געזעסען אין אַ שוהל און אנטשלאָפען געוואָרען. געשעהן איז עס אין שבת, און דער רבי ר׳ זישא האָט נישט געהאט קיין מעגליכקייט אַרויסצובעקומען זיך פון שוהל כדי צו עסען די סעודת שבת. האָט דער רבי ר׳ זישא אויסגערופען:

— רבונו של עולם! ווען עס איז דיר ליב איז עס מיר ניחא, וועט זישא פאַסטען אין שבת...

און תוך כדי דבור איז געקומען מלאך מיכאל און געברענגט אַ שטיק פיש פון לויתן און וויין פון יין המשמר אויף קידוש. דערויף האָט דער רבי ר׳ איצקל זצ״ל (דער „חוזה" פון לובלין) געזאָגט: דאָס איז געווען וויין ממש און אַ רעכט שטיקעל פיש.

אַזוי אויך צו די היינטיגע צדיקים ברענגט אלי׳ אַ שטיקל פלייש פון קרבן פסח. טאָמער וועט איהר קלערען, אַז מיר זענען טמאי מתים. ווי אַזוי מעגען מיר עסען דעם קרבן פסח? איז דער תירוץ: טומאה הודחה בציבור. זאָג איך אייך יודען, אַז מיר זענען אין ירושלים און עסען פון קרבן פסח; דער יוד וואָס גלויבט אין מיינע ווערטער איז גוט ווי ער וואָלט אַליינט געגעסען פון קרבן פסח..

---

ווי באַקאַנט האָט דער צאַנזער רב איינגעפיהרט, אַז בחורים זאָלען לייגען תפילין אין חול־המועד.

חסידים דערצעהלען, אַז איינגעפיהרט האָט ער עס צוליעב פאלגענדע סיבה:

איינמאָל אין חול־המועד איז דער צאַנזער רב אריינגעקומען אין בית־מדרש אריין און געטראָפען אַ חברא בחורים וועלכע האָבען צווישען זיך געאַמפּערט און אַנגעמאַכט אַ גרויסען טומעל.

האָט עס דעם צאַנזער רב שטאַרק פערדראָסען און ער האָט אויסגערופען:

— דאס איז דערפאַר, ווייל איהר האָט היינט נישט געלעגט קיין תפלין. ווען איהר וואָלט געלייגט תפלין וואָלט איהר געהאַט אויף זיך מורא שמים און איהר וואָלט נישט מבטל געמאַכט די צייט מיט נאַרישקייטען...

זייט דעמאָלט איז איינגעפיהרט צווישען צאַנזער חסידים אַז בחורים לייגען תפילין אין חול־המועד.

------

די צווייטע נאַכט פסח פלעגט דער צאַנזער רב צוזאַמען מיט זיינע חסידים זיך טובל זיין פאַר ספירה־ציילן, וואָס ער האָט געציילט ביים סדר און נישט ביים דאַווענען.

חול־המועד פלעגט ער צוויי מאָהל אין טאָג פראַוועון סעודות פונקט ווי שבת און יום טוב.

מוצאי־יום טוב האָט ער געמאַכט קידוש איבער ביער, וואָס מען האָט געקויפט ביי אַ גוי.

אַ כאַראַקטעריסטישער עפיזאָד ווערט דערצעהלט ווען דער צאַנזער רב האָט זיך איינמאָל אָבגעזאָגט צו מאַכען הבדלה איבער ביער.

געווען איז דעמאָלס אין צאַנז אַ משרת, אַ גאַנץ פראָסטער מענש וועמען מען פלעגט מוצאי יום טוב נאָך מעריב שיקען נאָך ביער צו אַ גוי. און היות ווי דער ביער שענקער האָט געוואוינט אין די ווייטערע גאַסען האָט געדויערט ביז ער האָט געבראַכט דאָס ביער. פלעגען די חסידים איהם תמיד פייניגען, פאַרוואָס ער פערזוימט זיך אַזוי לאַנג. האָט ער זיך איינמאָל מיישב געווען און ערב פסח בעהאַלטען אין קעלער אַ פלאַש ביער, כדי ער זאָל תיכף מוצאי יום טוב האָבען גרייט און נישט דאַרפען לויפען צום גוי׳שן שענקער...

ווען מען האָט אַנגעגאָסען אַ גלאָז ביער און דער צאַנזער רב האָט עס גענומען אין די האַנד, אַ בליק געטוהן דערויף, האָט ער עס גלייך אַוועקגעשטעלט און געהייסען זיך דערלאַנגען אַ גלאָז וויין אויף הבדלה.

דער עולם האָט גענומען חוקר ודורש זיין ביים משרת, ביז מ׳האָט זיך דערוואוסט אַז דאָס ביער איז געווען חמץ שעבר עליו הפסח.

------

חול־המועד פסח האָט דער בעל תפלה געזונגען ביים דאַווענען: א׳ מלך גדול, קדיש, כולם אהובים, כולם מקבלים און אַזוי ווייטער פונקט ווי אין יום טוב.

אַ גרויס עבודות פלעגט דער צאַנזער רב פערלעגען אין סיכות בײַ די נענועים און בײַ די „הושענות“. תּמיד פלעגט דער צאַנזער רב אַליין זאָגען הלל פאַר'ן עמוד. דאָס האָט געדויערט עטליכע שעה. זײַנע בכיות זענען געווען אין לשער, אַזוי אַז ווען ער פלעגט אַוועקגעהן פון עמוד איז די ערד נאָס געווען פון טרעהרען.

אָרגינעל זענען די צאַנזער הקפות. קודם כל פלעגט מען אין צאַנז זאָגען הקפות סײַ שמיני־עצרת בײַנאַכט און סײַ בײַטאָג.

דער נוסח הקפות פון שמיני־עצרת איז אַנדערש ווי פון שמחת תּורה און פון בײַנאַכט אַנדערש ווי פון בײַטאָג.

דער נוסח פון צאַנזער הקפות זענען אָבגעדרוקט אין אַ ספּעציעל ספר'ל און זײַ ווערען געזאָגט אין פיעל יודישע קהלות אין גאַליציען.

------

גרויס איז געווען דאָס דביקות פון צאַנזער בײַם צינדען חנוכה־ליכט. זײַן פּנים האָט געלויכטען ווי די זון און אינגאַנצען איז ער געווען אויסגעטוהן פון די וועלט. אַזוי האָט עס געדויערט דרײַ־פיער שעה. ערשט דאַן איז ער געקומען צו זיך.

אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל דערצעהלט מען וועגען זײַן דביקות:

איינמאָל איז בײַם צינדען חנוכה־ליכט געווען אַ גרויס געדראַנג, דאָס ענגשאַפט איז געווען אין לשער, אַזוי אַז איינער פון די קינדער פון צאַנזער רבין זצ"ל איז געפאַלען אין אַ שווער חלשות. אַלע בעמיהונגען מיט היימישע מיטלען צו דערמינטערען דעם פערחלש'טן האָבען נישט געווירקט און מ'האָט געמוזט אַרויסרופען עטליכע דאָקטוירים און ערשט זייערע אַנשטרענגונגען האָבען דערמינטערט דעם פערחלש'טן.

עס פערשטעהט זיך, אַז די דאָזיגע געשיכטע האָט אַרויסגערופען אַ גרויסען רעש אין שטאָדט און פאַר'ן רבינס הויז האָבען זיך פערזאַמעלט אַנשים נשים וטף און די געוואָלדען זענען געווען אין לשער. און ווען דער רבי האָט פערענדיגט זײַנע כּוונות און ערוואַכט פון זײַן דביקות האָט ער דערזעהען אַ גאַר גרויסען עולם פערזאַמעלט פאַר זײַן הויז, האָט ער זיך געפרעגט: וואָס איז די סיבה פון דעם דאָזיגען רעש און צו וואָס האָבען זיך עפּעס פערזאַמעלט די גאַנצע שטאָדט?...

אַזוי ווייט איז ער געווען פערטוהן אין זײַן עבודות און דביקות אַז ער האָט גאָרנישט מרגיש געוועזן וואָס אַרום איהם טהוט זיך.

------

זײַן גוט הארציגקייט האָט גאַר קיין גרונד נישט געהאַט. זעלטען ווען ער האָט אָבגעזאָגט אַ הסכּמה אויף אַ ספר אָדער אַ כּתב המלצה. צוליעב דעם זענען פערהאַן מעהר ווי צוויי־הונדערט הסכּמות וואָס ער האָט געשריבען אויף ספרים.

כאַראַקטעריסטיש איז, אַז אויפ'ן ספר „אור הגנוז“ שרייבט ער אין יאָהר

תרכ"ו אין די הסכמה: הגם ער האט בעשלאסען מעהר נישט צו שרייבען קיין הסכמות צוליעב דעם וואס פיעל מחברים האבען אבגעדרוקט אין זיין נאמען ענינים וועלכע ער האט קיינמאל נישט אין זינען געהאט. דאך אבער מאכט ער דאס מאהל אן אויסנאם וכו'. אבער אויך נאך דעם יאהר געפינט מען פון איהם פיעל הסכמות אויף ספרים.

דאס זעלבע איז אויך מיט מכתבי־המלצה וואס ער פלעגט ארויסגעבען יהי' מי שיהי' צוליעב זיין גרויס רחמנות.

איינמאהל איז געקומען צו איהם א גאר פראסטער מענש נאך א כתב־המ- לצה. האט דער צאנזער רב בעפוילען דעם משמש, אז ער זאל אויפשרייבען דאס כתב און ער וועט עס חתמענען.

דער שמש האט אבער געהאלטען. אז עס איז גארנישט לפי כבודו, אז דער צאנזער רב זאל געבען א כתב אזא שטייגער פארשוין, האט ער זיך דע- ריבער משתמט געווען פון שרייבען. האט דער צאנזער רב זיך אנגעבייזערט אויף איהם און אויסגערופען:

— איך פערשטעה נישט ווי אזוי א יוד קען האבען א זיין פערשטיי- נערט הארץ, וויסענדיג אז צוליעב מיינע פאר ווערטער קען זיך א יוד פער- שאפען א פאר גראשען זאל איך איהם דאס אבזאגען?...

און אליין האט ער זיך אוועקגעזעצט ביים טיש און אנגעשריבען א כתב המלצה פאר'ן מבקש.

מג.

# דאס הסתלקות.

אין די לעצטע יאהרען פלעגט דער צאנזער רב זיך גאנץ אפט אבשלי- סען פון עולם אויף עטליכע טעג און פון זיין חדר פלעגט מען הערען זיינע זיפצען און בכיות וואס האבען אלעמען צוטרייסעלט.

איינמאל ביי שלוש סעודות האט ער זיך שטארק צוקאכט און אויסגע- רופען:

— ווען איך וואלט היינט געפונען אן ארט וואו צו שעפען יראת שמים אזוי ווי איך האב געשעפט אין ראפשיץ. וואלט איך אפילו איצט, ווען איך בין אלט, קראנק און שוואך, געגאנגען צו פוס כדי צו שעפען דארט א ביסעל יראת שמים.. דערביי האט ער צוגעגעבען אז אין ריזשין פלעגט מען שעפען יראת שמים מיט שעפלען.

אין יענע צייטען פלעגט ער זיך גאנץ אפט בייזערען און שרייען אויף

די מענטשען וואָס זענען געקומען צו איהם מיט בקשה־קוויטלעך, און גאַנץ אפט זיי שלאָגען.

דער רבי ר׳ מענדעלע וויזשניצער האָט דאָס מבאר געווען דערמיט וואָס דער צאַנזער רב איז געווען שטאַרק דבוק אין די עולמות העליונים און ער האָט בשום אופן נישט געקענט פערטראָגען די עניני גשמיות. און ווען מ׳פלעגט איהם שטאַרק דערקוטשען מיט גשמיות׳דיגע עניגים פלעגט ער זיך בייזערן און אויפרעגען זיך.

איינמאָהל האט געוויילט צוגאַסט ביי איהם זיין מחותן דער טלוסטער רב זצ״ל און בשעת דער צאַנזער רב האט גענומען פראַווען דעם עולם איז דער טלוסטער רב געזעסען דערביי און זיך צוגעקוקט. האט ער דערזעהן ווי עמיצער דערלאַנגט אַ בקשה־קוויטעל און ווי נאר דער צאַנזער רב האט גענו־מען דאָס קוויטעל אין האַנד אַריין, האט ער זיך גענומען בייזערן אויף איהם, אַזוי אַז יענער איז אין גרויס פחד אַנטלאָפען.

שפּעטער האט זיך דער יוד ווידער צוגעשטופּט צום רב. אָבער פאַר גרויס פחד האָט ער קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדען פון מויל. האָט זיך אָנגערופען דער טלוסטער רב:

— מחותן לעב, וואָס איז די סיבה וואָס איהר בייזערט זיך אַזוי אויף דעם יוד?

— איך וועל אייך זאָגען מחותן – האט דער צאַנזער רב געענטפערט — איינמאָל איז אין בית המדרש פון רבין ר׳ נחום׳טשע טשערנאָבלער אַריינגע־קומען דער רבי ר׳ דודל פון מיקאָלעיעוו. גראָד איז עס געווען אין מיטען מנחה. האָט דער רבי ר׳ נחומטשע מרגיש געווען, אַז עס איז אַריינגעקומען אַנ׳אָדם גדול. און גלייך ווי ער האט גומר געווען דאָס דאַווענען האָט ער זיך גענומען אַרומקוקען און זיכען דעם אָדם גדול. איז זיין בליק געפאַלען אויף דעם רבין ר׳ דודל וועלכער איז געשטאַנען אין ווינקעל און געדאַווענט שמונה־עשרה. ווען ער האָט אָפּגעדאַווענט האָט ער איהם דערלאַנגט שלום און געפרעגט: פונוואַנען קומט אַ יוד? האָט איהם ר׳ דודל געענטפערט: איך קום פון עולם האַצילות, ווייל תפילת מנחה איז כנגד עולם האַצילות... נו, פרעג איך אייך – האָט דער צאַנזער מסיים געווען – אַז אַ מענש קומט פון עולם האַצילות און מען נעמט איהם פערדרעהען דעם קאָפּ מיט נאַרישקייטען זאָל ער זיך נישט בייזערען?

— איך וועל אייך נאָכזאָגען אַ וואָרט פון מיין עלטער שווער דער בעל „תורת חיים" זצ״ל פון קאָסאָוו – האָט דער טלוסטער רב אויסגערופען — אויפען פסוק „וירד משה מן ההר אל העם" זאָגט רש״י: מלמד שלא פנה משה לעסקיו, אלא מן ההר אל העם. פרעגט די וועלט: וואָס פאַרא עסקים האָט דאָס משה געהאָט אין די מדבר, צו איז ער געווען אַ קרעמער אָדער אַ סוחר? נאר ווען משה רבינו איז אַראָבגעקומען פון הימעל, פון די עולמות העליונים, וואו ער האט עוסק געווען און גאָר גרויסע ענינים, דערצעהלט

אונז די תורה, אַז משה רבינו האָט אַראָפּקומענדיג צווישען יודען נישט עוסק געווען אין זיינע עסקים — אין מוחין דגדלות — ווי ער איז געוואוינט געווען אין הימעל. נאָר תיכף מן ההר — אל העם, גלייך צום פאָלק, אָבגעגעבען זיך מיט די גשמיותדיגע ענינים, אויסגעהערט זייערע בקשות און זיי געטוהן פערשידענע טובות. אָט דערמיט דאַרף זיך גרויסען אַ מנהיג ישראל...

דערהערענדיג דאָס דאָזיגע וואָרט, האָט דער צאַנזער רב צוגערופען דעם יוד און אויסגעהערט זיין בקשה. אזוי האָט ער דעם דאָזיגען אָוונד געפּראַוועט דעם גאַנצען עולם וואָס האָט זיך דאָרט געפונען.

---

אין די לעצטע צייטען פלעגט דער צאַנזער רב זיך אויסדריקען:

— ווען איך בין יונג געווען האָב איך בדעה געהאַט מתקן צו זיין די גאַנצע וועלט און אַלע מענשען מחזיר למוטב צו זיין, זיי זאָלען דינען דעם אויבערשטען. אָבער זעהענדיג, אַז דאָס איז אַ שווערע אויפגאַבע האָב איך גערעכענט, אַז ס'וועט מיר געלונגען על כל פנים מתקן צו זיין מיינע שטאָדט לייט. אַ גרויסע אַרבייט האָב איך אויף דעם פערלעגט, צום סוף האָב איך איינגעזעהען אַז דאָס איז אויך אונמעגליך. האָב איך בעשלאָסען על כל פנים מתקן צו זיין מיין הויז־געזונד זיי זאָלען זיין אמת'ע עובדי השם. אָבער שפּעטער האָב איך פערלעגט אַרבייט על כל פנים זיך אַליין מתקן צו זיין. אָבער — האָט ער מסיים געווען מיט אַ טיפען קרעכץ — מיט מיר אַליין בין איך נאָך אויך נישט פערטיג!..

---

עטליכע וואָכען פאַר פּסח פון יאָהר תרל"ו איז דער צאַנזער רב שווער קראַנק געוואָרען. אין דער חסידישער וועלט איז געוואָרען אַ רעש ווייל צוליב זיין הויכער עלטער איז דער מצב געווען אַ מסוכנ'דיגער. מען האָט אַראָפּגעבראָכט די גרעסטע דאָקטוירים פון קראָקא און וויען, אָבער זיי האָבען געגעבען שוואַכע האָפנונגען איהם צו דערהאַלטען ביים לעבען.

נישט קוקענדיג אויף זיין שווערע קראַנקהייט האָט דער צאַנזער רב אויף קיין האָר נישט משנה געווען זיין סדר. זיין עבודות אין די דאָזיגע טעג איז געווען אין לשער, ממש עד כדי כלות הנפש.

די סדרים האָט ער געפּראַוועט מיט אַזאַ התלהבות אַז זיינע שטוב־מענשען און מקורבים וועלכע מען האט צוגעלאָזט צו די סדרים זענען אויסער זיך געוואָרען פאַר פחד. און הגם די דאָקטוירים האָבען איהם שטרענג פערזאָגט אַז ער זאָל נישט עסען קיין מצה און מרור און נישט טרינקען קיין וויין, האָט ער נישט געקוקט דערויף און מיט די גרעסטע מסירת נפש מקיים געווען די דאָזיגע מצוות מיט גרויס שמחה. ווען איינער פון זיינע קינדער האָט איהם אַ פרעג געטוהן: טאַטע, דער דאָקטאָר האָט דאָך דיר פערבאָטען די דאָזיגע זאַכען, פאַרוואָס זשע געדענקסטו נישט אין דעם „ונשמרתם מאד לנפשותיכם"? האָט דער צאַנזער רב געענטפערט:

– הער מיין קינד, כל ימי האב איך געהאפט מקיים צו זיין אַ מצווה מיט מסירת נפש און אַצינד ווען איך האב אַ געלעגענהייט דערצו, ווילט איהר מיך אָבהאַלטען דערפון?...

---

ביז צום לעצטען טאָג פון זיין לעבען האט ער נישט מסיח דעת געווען קיין איין רגע פון כלל ישראל און אינטערעסירט זיך מיט'ן גורל פון יעדען יוד וואָס האט זיך נאר געוואנדען צו איהם. און ווען ער האט געהערט, אז מען לאזט נישט צו צו איהם, צוליעב זיין קראנקהייט, האט ער שטאַרק אַנגעשריגען אויף די דאזיגע מקורבים און געהייסען אַלעמען אַריינלאזען.

דריי טאָג נאָך פסח, כ"ה ניסן, צעהן טאָג אין ספירה אין יאָהר תרל"ו איז דער צאַנזער רב רבינו חיים האַלבערשטאַם נסתלק געוואָרען אין עלטער פון ניין און זיבעציג יאָהר. איבערלאָזענדיג אַ דור, זוהן, איידעמס, אייניקלען און אור־אייניקלעך, צדיקים רבנים יראים ושלמים.

אין צאַנז גופא איז ער געזעסען אויפן כסא רבנות זעקס און פערציג יאָהר. פערוואַנדעלנדיג די שטאָדט אין אַ צענטער פון תורה און חסידות.

נאָך בחייו האָט אין דער חסידישער וועלט געשמט דער נאָמען פון זיין עלטסטען זוהן דער רבי ר' יחזקאלע פון שינאַווע. וועגן וועלכען מיר וועלען נאָך שרייבען אויספיהרלעך.

די ווייטערע זוהן פון צאַנזער רב זענען:

ר' דודל קשאַנעווער.

ר' אהרן — דער צאַנזער קרייז־רב און ממלא מקום פון זיין פאָטער.

ר' ברוכ'ל גאָרליצער.

ר' מאיר נתן — דער שטאַם־פאָטער פון דער באָבאָווער גזע.

ר' שלום אליעזר — רב אין ראַטספערד.

און ר' ישעי'לע פון קראָקא.

ער האָט אויך איבערגעלאָזט זיבען איידעמס גדולים און מפורסמים.

און עד היום שטראַמען אין טאָג פון דער יאָהרצייט טויזענדער און טויזענטער יודען אויפן ציון פון היילינגען צאַנזער רב וועמענס נאָמען עס ווערט דערמאָנט מיט יראת הרוממות, אַלס איינער פון די הייליגסטע און חשובסטע פערזענליכקייטען אין דער חסידישער וועלט.

מד.

# רבי יחזקאל'ע שינאווער.

דער עלטסטער זוהן פון צאַנזער רב, הרב הקדוש ר' יחזקאל שרגא האַלבערשטאַם, רב אין ראָזדאָל, סטראָפּקאָוו און שינאווע, בעקאַנט אין דער חסידישער וועלט אַלס דער רבי ר' יחזקאלע שינאָווער, דער מחבר פון ספר „דברי יחזקאל", איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר תקע"א אין לימפּניק, וואו זיין פאָטער האט געגעסען קעסט ביי זיין שווער דער בעל „ברוך טעם" זצ"ל.

שוין פון זיין פריהסטער יוגענד צייכענט ער זיך אויס מיט זיין עהרליכ־קייט, יראַת שמים און גדלות בתורה. בעזונדערס פלעגט ער זיך מוסר נפש זיין פאַר'ן אמת. דערפאַר האָט מען איהם טאַקע גערופען דער איש אמת.

גאַנץ יונג האָט ער חתונה מיט די טאָכטער פון ווישניצער רב הרב הקדוש ר' לייבוש ליפשיץ מחבר פון ספר „ארי' דבי עילאה" וועלכער איז געווען אַנ'איידעם פון בעריהמטען צדיק ר' משה טייטעלבוים פון אוהעל מחבר פון ספר „ישמח משה" אַ תלמיד פון רבין ר' אלימלך פון ליזענסק און פון „חוזה" פון לובלין.

דער „ישמח משה" האָט שטאַרק ליעב געהאַט זיין איינינקעל ר' יחזקאלע און ער האָט אויסגעפועלט ביי זיין איידעם אַז ער זאָל עסען קעסט ביי איהם אין אוהעל, וואו ער האָט עוסק געווען בתורה ועבודה און געפיהרט אַ ישיבה.

אין עטליכע יאָהר אַרום איז געשטאָרבען זיין יונגע פרוי, דאָס איינינקעל פון „ישמח משה".

גרויס איז געווען דער טרויער פון בעל „ישמח משה" צוליעב דעם טויט

פון זיין יונג אייניקעל, בפזונדערס וואָס צוליעב דעם איז דערוווייטערט גע־וואָרען פון איהם איהר מאַן ר׳ יחזקאלע, צו וועלכען ער האָט זיך שטאַרק צוגעבינדען און איהם ליעב געהאַט ווי אַ אייגען קינד, ביז ער האָט ביי איהם גפועלט אז ער זאָל חתונה האבען מיט די טאָכטער פון זיין אייניקעל דער האָלישיצער רב וועלכער איז געווען אַן אייניקעל פון „ארי׳ דבי עילאה״.

ביים דאָזיגען שידוך האָט זיך דער בעל „ישמח משה״ מתחייב געווען אויסצוהאַלטען דאָס פּאָרפּאָלק אויף זיינע קאָסטען, צאָהלענדיג זיי שכירות אכט רובל אַ וואָך.

אין אַ יאָהר אַרום איז דער בעל „ישמח משה״ נפטר געוואָרען און די יורשים האבען זיך אָבגעזאָגט ווייטער איהם צו צאָהלען שכירות. האט ר׳ יחזקאלע גערופען די יורשים פון „ישמח משה״ לדין. איז געבליבען במוסכם אַז מען זאָל זיך ווענדען מיט אַ שאלה צום צאַנזער רב, אַז ער זאָל פסקנען להלכה.

די דאזיגע תשובה אין וועלכען דער צאַנזער רב שטעלט פעסט להלכה אַז עס קומט זיין זוהן ר׳ יחזקאלע די פולע החזקה פאַר די גאַנצע צייט לויט דעם מדובר, איז אָבגעדרוקט אין שאלות־ותשובות „דברי חיים״.

צווישען חסידים דערצעהלט מען אַ כאַראַקטעריסטישען עפּיזאָד. בשעת דער רבי ר׳ יחזקאלע האט געגעסען קעסט ביי זיין עלטער־שווער אין אוהעל איז דער שפּעטערדיגער קראָקעווער רב ר׳ שמעון סופר געקומען צו פאָהרען קיין אוהעל, כדי צו נעמען אַ ברכה פון בעל „ישמח משה״ פאַר זיין חתונה. חייל אָזוי איז געווען דער רצון פון זיין פאָטער דער „חתם סופר״ זצ״ל.

ווען ר׳ שמעון סופר האט פערלאזט דאס צימער פון אוהעלער רב, נאָך דעם ווי ער האט מקבל געווען אַ ברכה, איז איהם נאָכגעלאפען דער בעל „ישמח משה״ און אויסגערופען:

פרעשבורגער רב׳ס זוהן! פאלג מיך און געה אריין צו מיין אייניקלס מאַן ר׳ יחזקאלע און נעם פון איהם אַ ברכה, ווייל ער איז אַ איש צדיק און זיין ברכה וועט געוויס מקוים ווערען

פערשטעהט זיך אַז ר׳ שמעון סופר האט געפאלגט און מקבל געווען אַ ברכה פון שפּעטערדיגען שינאַווער רבין.

דעם זעלבען פאַקט האט אויך ר׳ שמעון סופר שפּעטער אליין דער־צעהלט בזה הלשון:

פאַר מיין התונה האט מיך דער טאַטע זצ״ל געשיקט קיין אוהעל מקבל צו זיין אַ ברכה פון בעל „ישמח משה״. עס פערשטעהט זיך אַז איך האב זיך צוגעגריידט מיט אַ גוט פשט׳ל ווי דער שטייגער איז. אַנקומענדיג קיין אוהעל האב איך שלום געגומען פון בעל „ישמח משה״ און אויסגעדריקט מיין וואונש צו זאָגען פאַר איהם מיין פשט׳ל. האט דער ישמח משה אויסגערופען:

— דאָס פשט׳ל וועסטו זאָגען פאַר מיין אייניקעל ר׳ יחזקאל.

איך האב אָבער נישט געוואוסט ווער עס איז דער ר׳ יחזקאל און

וואו ער געפינט זיך, האט דער בעל „ישמח משה" מיך אריינגעפיהרט אין דעם צימער וואו עס איז געזעסן ר' יחזקאל און געלערנט. געווען איז ער נאך גאר א יונגערמאן. נאך דעם ווי איך האב פאר איהם געזאגט דאס פשט'ל און מיר האבען זיך מפלפל געווען א לענגערע צייט, האט זיך אנגערופען דער בעל „ישמח משה" צו ר' יחזקאל'ן:

— מיין קינד, איך האב צו דיר א בקשה און איך בעט דיך אז דו זאלסט מיר נישט אבזאגען. דער דאזיגער יונגערמאן איז א זוהן פון גאון בעל „חתם סופר" און דער פאטער האט איהם געשיקט צו מיר אז איך זאל איהם געבען א ברכה פאר די חתונה. בעט איך דיך אז אויך די זאלסט איהם בענ-שען. באין ברירה האט ר' יחזקאל ממלא געווען דעם וואונש פון זיין עלטער-שווער און מיך געבענשט.

עס זענען אריבער א גאנצע רייהע מיט יאהרען — דערצעהלט ווייטער ר' שמעון סופר — איך בין געווארען רב אין קראקא און דער נאמען פון ר' יחזקאלע שינאווער האט געקלינגען איבער דער גאנצער מדינה. במשך די גאנצע צייט האבען מיר זיך נישט געזעהען. און ערשט ווען עס איז פארגע-קומען אין לעמבערג די גרינדונג פון די חברא „מחזיקי הדת", וועלכע איז געגרינדעט געווארען אויף מיין איניציאטיוו, איז אויך געקומען דער שינאווער רב. בין איך געגאנגען אויף זיין אכסניא איהם אבצושטאטען א וויזיט. גע-בענדיג איהם שלום האב איך אויסגערופען:

— שינאווער רבי! איך וויל אייך דערמאהנען, אז איהר האט מיך געבענשט פאר די חתונה אין אוהעל. דערויף האט אבגעענטפערט דער שינא-ווער רב מיט א שמייכעל.

— קראקאווער רב! איהר דערמאהנט מיך די ברכה וואס איך האב אייך געגעבען, און איך וועל אייך דערמאהנען דאס פשט'ל וואס איהר האט מיר געזאגט..

און גלייך האט ער גענומען איבערזאגען דאס פשט'ל וואס איך האב איהם געזאגט מיט עטליכע צענדליג יאהר צוריק.

------

אויף דאס צווייטע ווייב האט נישט לאנג געלעבט און ער האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פון רבין ר' יהודה צבי פון ראזדאל, בעזעצענדיג זיך דארט. אין א קורצע צייט ארום איז נפטר געווארען זיין שווער און די גאנצע שטאדט האט איהם אויפגענומען אלס ממלא מקום פון זיין שווער.

צוליעב פערזענליכע סיבות און אומגליקען (אויך דאס ווייב האט נישט מאריך ימים געווען און ער האט חתונה געהאט א פירט מאהל און אויך א פינפט מאהל) האט ער פערלאזט ראזדאל און אויפגענומען געווארען אלס רב אין שינאווע און פון דארט איז ער אוועק קיין סטראפקאוו (אונגארן) וואו ער האט פערבראכט עטליכע יאהר און צוריק אוועק קיין שינאווע.

א לענגערע צייט האט דער שינאווער רב פערבראכט אין ארץ ישראל

וואו ער האָט אַ סך עוסק געווען אין קבלה און געלאָזט אויך דרוקען די פירושים: „אור החמה“ און „זהרי חמה“ אויף זהר. דאָן איז ער צוריקגעקו־מען קיין שינאָווע וואו ער האָט פערבראַכט ביז אין סוף פון זיין לעבען.

מה.

# פאָטער און זוהן.

צום רבין ר׳ יחזקאל׳ע שינאָווער זצ״ל, זענען נאָך בחיי אָביו געפאָהרען פיעל טויזענדער חסידים.

די בעציהונגען צווישען דעם פאָטער און דעם זוהן זענען געווען זעהר מאָדנע און אונפערשטענדליכע. ר׳ יחזקאל׳ע פלעגט שטענדיג מחולק־זיין מיט׳ן פאָטער. פלעגט פאָהרען צו אַנדערע גוטע יודען און נישט צו זיין פאָטער, און אַז מען פלעגט פאָר איהם עפּעס דערצעהלען פון זיין גרויסען פאָטער פלעגט ער ענטפערען:

— וואָס דערצעהלט איהר מיר אַזעלכע מעשיות, — איך בין נישט דעם טאַטענס חסיד!

אין די חסידישע קרייזען דערצעהלט מען זיך אָן זעהר פיעל עפּיזאָדען, וואָס כאַראַקטעריזירען די דאָזיגע מאָדנע בעציהונגען צווישען דעם צאַנזער רב און זיין זוהן ר׳ יחזקאל׳ע. לויט די בעהויפּטונג פון די גדולי החסידים, זאָל די סיבה זיין דערפון, וואָס דעם שינאָווער האָט זיך געחלומ׳ט אַ חלום, אַז עס איז געקומען די צייט, אַז ער זאָל ווערען רבי, זיין אַ מנהיג פון חסידים, און דעריבער מוז זיין פאָטער, דער צאַנזער רבי, נסתלק ווערען...

און כּדי די דאָזיגע גזירה מבטל צו מאַכען האָט ר׳ יחזקאל׳ע אָנגעהוי־בען זיך פיהרען אַזוי מאָדנע געגען זיין פאָטער. ער פלעגט נישט פאָהרען צו איהם לשם־חסידות, פלעגט שרייען כסדר, אַז ער איז נישט דעם טאַטענס חסיד, און ער האָט אויך אָנגעהויבען ווערען רבי פון חסידים בחייו, כּדי צו ווייזען, אַז ער בעטראַכט זיך נישט אַלס נאָכפאָלגער פון זיין פאָטער.

איבערהויפּט האָט זיך געפיהרט אַ שאַרפע חילוקי־דעות צווישען דעם צאַנזער רב און זיין זוהן, דעם שינאָווער, צוליעב פאָלגענדער געשיכטע:

אין אונגאַרן האָבען זיך געפינען זעהר פיעל יודישע אַרענדאַרען וואָס פלעגען נעמען אין אַרענדע גאַנצע גיטער מיט האָק און פּאָק. די פּריצים פלעגען אָבגעבען די גיטער צו זייערע יודען פאַר אַ בעשטימטען יעהרליכען־אָבצאָהל, און זיי פלעגען אַוועק אין די גרויסע שטעדט, אָדער גאָר קיין אויסלאַנד און פערברענגען זייערע טעג אין וואוילטאָג.

פארשטעהט זיך אז די יודישע גיט־האלטער האבען זיך נישט געהאט צו בעקלאגען אויף פרנסה און פיעל טויזענטער יודען האבען זיך אויסגעלעבט בדרך כבוד.

אבער אין די לעצטע יאהרען זענען די פריצים קלוגער געווארען און גענומען פאדערען סיעל העכערע פרייזען פון זייערע יודישע ארענדארען. די יודען האבען כאין־ברירה געמוזט נאכקומען די הויכע געלד־אפעטיטען פון זייערע פריצים, וויענדיג שוין איינגעווארצעלט אויף דער פריצישער ערד פון כמה דורות און נישט סיהלענדיג זיך בכח צו נעהמען זיך צו אנדערע פרנסות.

אבער דא איז ארויסגעקומען די שבת־פראגע אין דער גאנצער שארפ־קייט. אמת, אין דער צייט ווען דער ארענדע־אבצאהל האט געקאסט ביליגער האבען די פרומע יודישע ארענדארען געקענט זיך ערלויבען אבצושטעלען די גאנצע ווירטשאפט איבער'ן שבת'דיגען טאג נישט אקערען די ערד. נישט פערזייהען, נישט איסמעלקען די קוה און נישט טהון קיין שום מלאכה, וואס איז א חילול־שבת. אבער שפעטער, ווען די פריצים האבען פיי זייערע יודישע ארענדארען אויסגעזויגען דעם גאנצען תמצות, איז דער שבת'דיגער טאג געווארען ביי זיי א געוואלדיגער נסיון, ווייל לויטן רעכנונג זענען זיי געווען באנקראט, אויב זיי זאלען רוהען סיי אום שבת און סיי אום זונטאג, סיי אין די יודישע ימים־טובים און סיי להבדיל אין די חגאות־טעג.

די יודישע א־ענדארען האבען זיך געפינען אין א זעהר שווערע לאגע, און זיי האבען זיך געווענדעט צו די אונגארישע גדולים ווענען איסגעפינען עפעס אנ'עצה, ווי אזוי נישט צו פערלירען דעם שבת'דיגען ארבייטס־טאג דורך דער ארבייט פון די נישט יודישע פאראבקעס אבער קיינער פון די אונגארישע רבנים האט נישט געוואגט צו דעצידירען זיך אין דעם פאל, וויסענ־דיג, אז דער ענין איז א גאנץ הארבער און דערצו זעהר א פעראנטווארטלי־כער, וואס מען קען בעת־מעשה נישט פארזעהן די נאכקומענדע פאלגען.

האבען זיך איינינע גרויסע אונגארישע רבנים געווענדעט מיט א גרויסע שאלה צום צאנזער רבי'ן, וועלכער איז בעטראכט געווארען אלס גרויסער אויטאריטעט אין דער לומדישער וועלט. אין דער דאזיגער שאלה האבען זיי אין די טונקעלסטע פארבען געשילדערט די שרעקליכע לאגע פון די טויזענדער יודישע נפשות, ווענען עס שטעהט פאר צו פערלירען דאס שטיקעל ברויט, אויב מען וועט נישט אויסגעפינען אנ'עצה, ווי אזוי זיי צו ערלויבען בעשעפ־טיגען די גוי'שע פאראבקעס אום שבת.

דער צאנזער רב. וועמען די נויט פון א יודען, פון צבור ווי פון יחיד איז שטענדיג געווען נאהנט צום הארצען, האט זיך מיט דער געשיכטע שטארק איבערגענומען, ער האט אנגעהויבען זיך שטארק אריינטראכטען אין דער זאך און לסוף אויסגעפינען, אז אין דעם פאל קען מען אנווענדען די עצה פון א

שטר־מכירה. פונקט ווי מען קען ערב פסח פערקויפען צו א גוי דאס חמץ, אזוי קען מען אויך פערקויפען דאס גיט מיט אלץ מיט אנ׳אנדער ערב שבת — צו א גוי.

צו דער דאזיגער עצה האבען אויך מסכים געווען פיעל פון די גדולי הדור. און א דאנק דעם זענען פיעל טויזענדער יודען בעראטעוועט געווארען פון אונטערגאנג.

אבער אין דער צייט וואס קיין איינער פון דעמאלסדיגע גדולי הדור האט נישט געזאגט ארויסצוטרעטען געגען פסק פון צאנזער רב אין דעם ענין פון שבת־שטר־מכירה. האט זיך געפינען גאר א נאהנטער פון צאנזער רב, וועלכער האט בשום אופן נישט געקענט מסכים זיין דערצו. און דאס איז געווען דעם צאנזער רב׳ס עלטסטער זוהן רבי יחזקאלע שינאווער זצ״ל.

ווי שוין דערמאהנט. איז ר׳ יחזקאלע געווען א שטארקער נזהר אין שלחן־ערוך, נישט ערלויבט אוועקצוגעהן א האר דערפון. און דערפאר איז ער שטארק אויפגעבבראכט געווארען אויף דער עצה פון זיין פאטער און ער האט זיך גישט געפוילט ספעציעל געקומען קיין צאנז און גענומען ארבייטען, אז זיין פאטער זאל דעם היתר מיט׳ן שטר־מכירה צוריקציהען.

וואכען־לאנג האבען זיך פאטער און זוהן מפלפל געווען וועגן דעם ענין שטר־מכירה אויף שבת. זעהר שטורמיש זענען געווען די וכוחים, אבער דער צאנזער רב האט פאר די אויגען אויך געהאט די סכנה פון אונטערגאנג, וואס האט געשוועבט פאר פיעל טויזענדער נפשות און ער האט זיך געהאלטען ביי דאס זייניגע.

איינמאל האט ר׳ יחזקאלע זעהר שטארק דערקוטשעט זיין פאטער מיט דעם ענין שטר־מכירה, דער צאנזער רב איז געווארען אויפגעבראכט און אויסגערופען:

— זאלסט נישט וואגען מעהר מיין שוועל איבערצוטרעטען!...

אין דאזיגען מאמענט איז ר׳ יחזקאלע, זכרונו לברכה, ארויסגעשפריגגען דורכ׳ן פענסטער, נישט וועלענדיג עובר זיין אויף זיין פאטערס בעפעהל נישט איבערצוטרעטען דער שוועל. אין יאהרען לאנג האט ער זיין פאטער נישט בעזוכט, ביז דער צאנזער רב האט די דאזיגע גזירה צוריקגעצויגען.

אבער ר׳ יחזקאל׳ע האט זיך געהאלטען ביי דאס זייניגע. ער האט זעהר שטארק געדרודפט די יעניגע, וואס האבען זיך בענוצט מיט א שטר־מכירה, כדי צו לאזען אין גאנג זייערע געשעפטען אום שבת. ער האט זיי פשוט אויף די שוועל נישט געלאזט, און די יעניגע וואס האבען איהם פארט נישט געפאלגט האבען קיין גרויס נחת נישט געהאט, נישט נאר פון די שבת׳דיגע עסקים נאר אויך פון זייערע וואכעדיגע געשעפטען...

------

נאך א כאראקטעריסטישער עפיזאד דערצעהלט מען צווישען צאנזער עולם וועגען דער בעציהונג צווישען דעם צאנזער רב און זיין זוהן דעם שינאווער.

איינמאָל איז ר׳ יחזקאלע געזעסען אין חדר פון זיין פאָטער און צוואַ־מען פערבראַכט אין אַ גוטמוטיגען שמועס. פלוצלינג האָט זיך די טהיר גע־עפענט און אַ היימישער חסיד, אַ יוד אַנ׳אביון, האָט זיך געווענדעט צום צאַנזער מיט פאָלגענדע בקשה:

הי׳ות חי איך דארף אין די נאָהנסטע טעג חתונה מאַכען אַ טאָכטער, האָב איך שוין געליעבט דעם איבערשטען אַלץ פערטיג, עס פעהלט מיר בלויז אויף אַ טלית מיט אַ שטריימעל פאַר׳ן חתן...

ר׳ יחזקאל׳ע וועלכער איז, ווי געזאָגט, געווען אַנ׳איש אמת, און ער האָט זיך נישט געקענט אויף די פערשידענע תחבולות, וואָס ווערען ליידער אין אונזערע צייטען אָנגעווענדעט, האָט זיך נישט געקענט בעהערשען און אויסגערופען אַ דערשראָקענער, ווי נישט מיט זיין קול:

— ס׳טייטש, איך האָב דאָך אליין געזעהן ווי דו האָסט נעכטען געקויפט אין בית מדרש ביי אַ מוכר־ספרים׳ניק אַ טלית מיט אַ שטריימעל און איצט קומסטו ביים טאַטען בעטען געלד דערויף?...

דער יוד איז געוואָרען שטאַרק מבולבל. מען האָט איהם הייסט עס, געכאַפט ביי דער האַנד, און דערויף האָט ער זיך נישט געריכט. געמיינט, אז ער וועט בעקומען אַ שענע פאַר רייניש פון רבין, וואָס וועלען איהם תמיד צונוץ קומען, האָט ער אויסגעטראַכט די ערמה מיט׳ן טלית און שטריימעל. דער יוד איז אַ ווײַלע געשטאַנען בפחי נפש, ביז ער האָט זיך צוגעשאַרט צו דער טהיר און זיך אַרויסגעשלעפט פון חדר מיט געבראָכענע טריט.

ווי נאר דער יוד האט פערלאָזט דאָס חדר, האט דער צאַנזער רב אָנגעהויבען שרייען:

ווער איז מיר, ר׳ יחזקאלע וואָס האסטו געטוהן! האסט מבייש געווען אַ יוד, קען זיין, אַז דער יוד האט בלויז דעם טלית און דאָס שטריימעל געקויפט, אבער נישט בעצאָהלט דערפאַר, ווייל ער האט נישט געהאַט צו בעצאָהלען. וואָס האסטו געטוהן!

ר׳ יחזקאלע האט זיך שטאַרק דערשראָקען. חרטה בעקומען אויף זיינע רייד, ער האט פערשטאַנען, אַז ער האט געטוהן אַנ׳עולה און געוואַרט אויפ׳ן פסק פון פאָטער.

— געה שוין ר׳ יחזקאלע — האט דער צדיק אויסגערופען — זוך אויף דעם יוד און זיי איהם מפייס.

ר׳ יחזקאלע איז אַרויסגעלאָפען דעם יוד אויפזוכען, אבער אין בית־מדרש האט ער איהם שוין נישט געפונען, שעהמענדיג זיך פאַר דער מעשה...

ר׳ יחזקאלע איז אַרויס אויפ׳ן גאַס, ביז ער האט דעם יוד געפונען

ווען ר׳ יחזקאלע האט אָנגעהויבען בעטען ביים יוד, אַז ער זאל איהם מוחל זיין, פאַרוואָס ער האט איהם מבייש געווען, איז דער יוד געוואָרען תקיף ביי זיך און נישט געוואלט הערען דערפון. ענדליך איז געבליבען, אַז מען זאל געהן האַלטען אַ דין־תורה ביים צאַנזער רב און ווי ער וועט פסקנען, אַזוי וועט בלייבען.

תיכף ומיד זענען ביידע צוריקגעקומען צום צאנזער רב אין חדר, אבער ווי נאר זיי האבן זיך בעוויזען אויף דער שוועל, נאך איידער זיי האבען אנגעהויבען טענה'ן, האט זיך דער צאנזער רב אנגערופען צום יוד:

— הערסט וואס כ'זאג דיר, דו זאלסט ר' יחזקאל'ען פריהער נישט מוחל זיין, ביז ער וועט קויפען א טלית מיט א שטריימעל פאר'ן חתן און דערצו זאל ער נאך אלע חתונה־הוצאות אויסהאלטען. הערסט וואס כ זאג דיר? נישט ער זאל געבען געלד און דו זאלסט קויפען. נאר ער זאל מיטגעהן מיט דיר איינקויפען אלצדינג, פונקט ווי אנ'אייגענער מחותן און ווען ער וועט דעם דאזיגען פסק מקיים זיין, זאלסטו איהם מוחל זיין...

עס פערשטעהט זיך, אז דער שינאווער רבי האט מקיים פסק געווען, ארויס אין גאס און געקויפט א טלית מיט א שטריימעל. מיט גרויס פזרונות געגעבען אויף אלע צרכי החתונה און האט זיך שטארק משמח געווען ווי א מחותן וואס פיהרט צו דער חופה זיין בן־זקונים'ל...

מו.

# שינאווער נוסח.

דעם ערשטען שבת נאך דער פטירה פון צאנזער רב, זענען אלע קינדער פון צאנזער רב, מיטן שינאווער רב בראש, געזעסען ביים טיש און מען האט נישט אנדערש גערעכענט, נור אז אלע זאלען מקבל מרות זיין פון שינאווער רב, אבער אין מיטען דער סעודה האט דער שינאווער רב געזעהען, אז נישט אלע זענען מסכים און ער האט אויסגערופען:

— איך זעה, אז איהר אלע האט חשק נוהג נשיאות צו זיין. וויל איך אייך בלויז פרעגען צי ווייסט איהר דאס ווארט וואס דער טאטע זצ"ל האט געזאגט: אז מען קען פריהער נישט ווערען קיין רבי ביז וואנען מען קען זיך אויף דעם שורש נשמה פון יעדען יוד וואס קומט זיך צו איהם פראווען. זאגט זשע מיר פריהער צי איהר ווייסט כאטש אייער אייגענעם שורש נשמה...

די דאזיגע ווערטער האבען געמאכט א שטארקען רושם און דער רבי ר' ברוכל גארליצער איז געפאלען אין חלשות.

------

אין די יוגענד פלעגט דער שינאווער רב בעזוכען פיעל פון די צדיקי הדור כדי פון זיי צו לערנען א דרך אין חסידות. אבער צוליעב זיין עניוות האט ער זיך נישט אויסגעגעבען ווער ער איז.

איינמאל איז ער געקומען קיין טשערנאבל צום רבין ר' אהרן זצ"ל.

האָט ער פרייטאָג צו נאַכטס בתוך הבאים גענומען שלום ביים טשערנאָבלער רבין. דער רבי האָט אָבער תיכף מרגיש געווען, אַז ער איז נישט קיין סתם מענש און ער האָט צו איהם אויסגערופען:

— איהר וועט זיין מיין אורח. גלייכצייטיג האָט ער בעפוילען איינעם פון זיינע משמשים אָבצוגעבען איהם אַ בעזונדער חדר מיט אַלע דצטרכות'ן.

צוזאַמען מיט'ן בעטען אים... צומאָרגענס ביי קריאת התורה האָט מען איהם געפרעגט אויף זיין נאָמען כדי איהם צו געבען אַן עליה. האָט ער געענטפערט, אַז ער הייסט: יחזקאל שרגא בן חיים. האָט דער טשערנאָבלער רבי בעמערקט דעם אויפרופער: מורה מורנו ר' יחזקאל בן מורה מורנו ר' חיים.

נאָך די עליה האָט זיך אָנגערופען צו איהם דער טשערנאָבלער רבי:

— מילא אייער כבוד קענט איהר מוחל זיין, אָבער ווי אַזוי קענט איהר מוחל זיין דעם טאַטענס כבוד?...

צווייטען מאָהל איז דער שינאַווער רב געווען ביים רבין ר' מענדעלע ווישניצער זצ"ל. דאָס ערשטע מאָל ווען ער איז געקומען קיין וויזשניץ האָט ער זיך בעהאַלטען אונטער דעם אויבען און זיך צו קיינעם נישט געגעבען צו דערקענען. אָבער דער רבי ר' מענדעלע האָט זיך גלייך אָנגערופען, אַז ער איז מרגיש אַ חמימות ביים דאַווענען פון עפּעס אַ פרעמדען מענש.

עס פערשטעהט זיך אַז מען האָט גענומען זוכען ביז מען האָט זיך אָבגעשטעלט אויף איהם און ער האָט געמוזט מודה זיין אַז ער איז דער שינאַווער רב. דער וויזשניצער רבי האָט איהם שטאַרק מכבד געווען בפרט ביים צווייטען מאָהל ווען ער איז געווען ביי איהם.

אָבער בעטראַכט האָט ער זיך אַלס תלמיד מובהק פון רבין ר' שלום פון בעלז. אין אַלע זיינע מנהגים האָט ער זיך נוהג געווען ווי דער בעלזער רב. צווישען אַנדערען האָט ער זיך נוהג געווען ווי דער בעלזער רב ביי „מים אמצעים" וואַשענדיג זיך די הענד אין מיטען דער סעודה נאָך די פיש, הגם זיין פאָטער האָט זיך נוהג געווען נישט צו וואַשען זיך.

חסידים דערצעהלען, אַז איינמאָל איז דער שינאַווער רב געזעסען ביים טיש פון זיין פאָטער און זיך געוואָלט וואַשען די הענד אין מיטען די סעודה. האָט ער זיך נישט געקענט קיין עצה געבען צוליעב דעם כבוד פון זיין פאָטער.

דער צאַנזער רב האָט דאָס מרגיש געווען און געהייסען דעם גבאי דערלאַנגען אַ ביסעל וואַסער פאַר זיין זוהן צו וואַשען די הענד...

דער בעלזער רב פלעגט זיך נוהג זיין, אַז ער האָט די רבי'שע קינדער וואָס זענען צו איהם געקומען בעגלייט ביז צו די טהיר, אַפילו די וואָס האָבען שוין אַליין נוהג נשיאות געווען. אָנ'אויסנאַהם האָט ער געמאַכט פאַר'ן שינאַווער רב וועלכען ער האָט אַרויסבעגלייט ביז צו די פוהר און ער איז נישט אַריינגעגאַנגען אין שטוב אַריין ביז די פוהר איז אַוועקגעפאָהרען.

אויף די פראַגען פאַרוואָס ער איז משנה פון זיין מנהג גראָד ביים שינאַווער רב. האָט דער בעלזער רב געענטפערט:

— גלויבט מיר, אַז מען האָט אַזאַ זוהן קען מען רוהיג שלאָפען.

------

בשעת דער שינאַווער רב איז געווען רב אין סטראָפקאוו, איז איינמאָל געקומען צו פאַהרען קיין צאַנז אַ סטראָפקאָווער יונגערמאַן. האָט דער צאַנזער רב איהם אויסגעפרעגט וואָס עס מאַכט זיין זוהן ר׳ יחזקאלע און ווי אַזוי ער איז זיך נוהג אין עבודות השם. האָט דער יונגערמאַן דערצעהלט ווי אַזוי דער רב איז זיך נוהג.

— און ווי אַזוי איז ער זיך נוהג אין דעם ענין צדקה? — האָט דער צאַנזער רב געפרעגט.

— ער פיהרט זיך, אַז ער גיט אַ חומש.

— הייסט עס — האָט דער צאַנזער רב אויסגערופען — ווען ער האָט פינף רובל גוט ער איין רובל. און וואָס טהוט ער אַז דער אָרימאַן דאַרף די גאַנצע פינף רובל?

דער יונגערמאַן האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערען.

אַהיימקומענדיג האָט ער איבערדערצעהלט דעם גאַנצען שמועס ר׳ יחזקאלען. האָט זיך ר׳ יחזקאל אָנגערופען:

איך וועל דיר ענטפערען אַ תירוץ.

יונגערמאַנסווייז האָב איך צוזאַמען מיט מיין חבר דער רבי ר׳ פנחסל פון בריגעל פערבראַכט ביים רבין ר׳ אָשרל פון ראָפשיץ. איך בין געווען אַ גרויסער מפזר, אַלץ וואָס איך האָב פערמאָגט האָב איך צוטיילט אָרימעלייט. און מיין חבר ר׳ פנחס איז געווען אַ גרויסער פאַסטער. אַלע זיינע טעג האָט ער פערבראַכט אין תעניתים און אין סיגופים.

איינמאָל איז אַריינגעקומען אין בית המדרש, וואו איך צוזאַמען מיטן ר׳ פנחס׳ן האָבען געלערנט, דער רבי ר׳ אָשר׳ל. און ווענדענדיג זיך צו אונז האָט ער אויסגערופען:

— אויף דיר יחזקאל האָב איך געהערט. אַז דו ביזט אַ גרויסער מפזר אויף צדקה. זאָג איך דיר אַן, אַז דו זאָלסט מיין ווי קיין חומש נישט געבען, דיין טאַטע מעג געבען אָבער דו זאָלסט אַזוי נישט טהון.

און דו פנחס — האָט ער זיך געוואַנדען צו מיין חבר — הער איך, אַז דו ביזט אַ גרויסער פאַסטער, זאָג איך דיר אַז מיין דעה איז, דו זאָלסט אַזוי פיעל נישט פאַסטען.

איך האָב געפאָלגט די עצה פון רבין ר׳ אָשר׳ל — האָט דער רבי ר׳ יחזקאלע אויסגערופען — און איך האָב טאַקי נישט קיין חרטה. אָבער ר׳ פנחסל האָט נישט געפאָלגט און ער האָט טאַקי חרטה.

------

איינער פון די גדולי החסידים פון צאנזער רב איז געווען דער ראָפּשיצער רב ר' הערצקע זצ"ל, וועלכער איז אַליין געווען אַ גרויסער בעל מדרגה און געהאַט פיעל אַנהענגער.

נאָך די פטירה פון צאַנזער רב האט דער ראָפּשיצער רב בעשלאָסען צו פאַהרען קיין שינאַווע. אין מיטען וועג האט דער ראָפּשיצער רב צו זיך אַזוי גערעדט:

אייגענטליך צו וואָס פאָהר איך צום שינאַווער רב? בשלמא אין צאַנז האט מען געזעהען אַז השי"ת איז געווען מיט איהם אין אַלע זיינע פעולות און עס איז כדאי געווען צו פאַהרען צו איהם. אבער וואָס וועל איך זעהן ביים זוהן. איז דען נישט גלייכער צו זיצען אין דער היים און לערנען תורה און נישט פערשוואַרצט ווערען צוליעב דעם טלטול הדרך.

אין אַ ווייל אַרום האט ער זיך מיישב געווען, פונדעסטוועגען איז פארט כדאי די נסיעה, מיר וועלען זיך טרעפען מיט גוטע פריינד, מיט חסידים מיר וועלען זיך פרעהען צוזאַמען ווי אין פסוק שטעהט: מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד.

גלייך ווי דער ראָפּשיצער רב איז געקומען קיין שינאַווע ווען ער האט נאר איבערגעטרעטען די שוועל פון רבינס חדר, איז איהם אַקיינגעגאַנגען דער שינאַווער רב מיט אַ פנים שוחקת און אויסגערופען:

— אייגענטליך פערשטעה איך נישט נאך וואָס איהר זענט געקומען צו מיר. בשלמא צום טאַטען איז כדאי געווען צו פאַהרען וויל מען האט געזעהן גרויסע ענינים. אבער ביי מיר וואָס וועט איהר זעהן? — נאר בדיעבד איז גאַנץ גלייך וואָס איהר זענט געקומען, איהר וועט זיך זעהן מיט היימישע מענשען, מיט חסידים... אַזוי האט ער פאַר איהם פארגעזאָגט אַלע זיינע מחשבות.

דערהערענדיג דאָס איז דער ראָפּשיצער רב געפאַלען אין חלשות, קוים מען האט איהם געקענט דערמונטערען.

מז.

# די נסיעה קיין ארץ ישראל

זייענדיג שוין רב אין שינאווע האט זיך פלוצלינג דערוועקט אין רבין ר׳ יחזקאלע א חשקות עולה צו זיין קיין ארץ ישראל אין ארץ ישראל האט דער שינאווער רב געוויילט א קורצע צייט וואו ער איז אויפגענומען געווארען בכבוד גדול און מתקן געוועז א רייה תקנות. דערנאך איז ער צוריקגעקומען קיין שינאהע וואו ער איז שוין פערבליבען ביז אין סוף פון זיינע יאהרען.

וועגען צוועק פון זיין נסיעה האבען אין דער הסידישער וועלט קורסירט פערשידענע ממרות. אזוי דערצעהלט מען, אז זיין נסיעה אין הייליגען לאנד איז געוועז פערבינדען מיט זיין עוסק זיין אין הכמת הנסתר, והראי׳ וויל זייענדיג אין ירושלים האט ער צוזאמען מיט הרב הגאון ר׳ יצחק פין קראלי אפגעדרוקט דאס ספר „אור החמה“ אויפ׳ן זוהר, וואס ער האט דארט געפונען. ער האט אויך אבגעדרוקט דאס ספר „הגלגולים השלם“ וואס ער האט דארט געפונען. אין יאהר תרמ״א האט ער ארויסגעגעבען דאס ספר „זהרי חמה“ אויפ׳ן זוהר. און אין סוף ימיו האט ער אבגעדרוקט דעם „אור החמה“ צוזאמען מיט׳ן „זהרי חמה“. אזויפיל האט ער זיך בעמיהט פערשטענדליך צומאכען דעם זוהר הקדוש.

אין בערוהמטען ספר „שדי חמד“, פון הגאון ר׳ חיים חזקי׳ מדיני, ווערט געברענגט אין נאמען פון א גרול, אז די עיקר כוונה פון שינאווער רב מיט זיין נסיעה קיין ארץ ישראל איז געוועז מזהיר צו זיין די כהנים, אז זיי זאלען נישט געהן אויף די קברי צדיקים וויל זיי שפילן מיט׳ן לעבען. ווי בעקאנט איז דער שינאווער רב געוועז א שטארקער קעמפער געגען דעם וואס די כהנים בעזוכען קברי צדיקים זייענדיג דערויף מרעיש עולמות.

איידער ער איז געפאהרען קיין ארץ ישראל איז צו איהם געקומען איינער פון זיינע מקורבים א גרויסער נגיד וועלכער האט תמיד מחזיק געוועז דעם שינאווער רב. ביים אבשיד האט דער גביר צו איהם א זאג געטוהן:

— שינאווער רב, איהר נעמט זיך דאך אונטער א ווייטע נסיעה טאמער וועט אייך פעהלען געלד, דא האט איהר א טשעק אויף דרייטויזענט רייניש וואס איהר וועט קענען אין קאנסטאנטינאפאל איינטוישען אויף געלד.

פאהרענדיג אויף די שיף האט דער שינאווער רב זיך שלעכט געפיהלט און נישט געקענט דאווענען, ביז ער האט פערשטאנען אז דאס איז צוליבע דעם טשעק וואס ער האט ביי זיך. גלייך האט ער גענומען דעם טשעק און

איהם פערבערענט. ערשט דאַן האָט ער געקענט דאַווענען מיט התלהבות ווי זיין שטייגער איז געווען...

שפעטער האט ער מבאר געווען דעם טעם דערפון, ווייל האָבענדיג ביי זיך אַזאַ גרויסע סומע געלד איז די אמונה און בטחון עטוואָס שוואַכער געווארען, דערפאַר האט ער נישט געקענט דאַווענען ווי עס געהערט צו זיין.

ענהליכעס דערצעהלט מען, אַז אויף די שיף האט ער זיך בעקענט מיט אַ אַנגעזעהענעם אויסלענדישען יוד וועלכער האט געהאט גרויסע פערביני־דונגען מיט די טערקישע מלוכה לייט און די פּאַשאָס וואָס האבען געוועלטיקט אין ארץ ישראל. דער שינאַווער רב האט ביי דעם דאזיגען פערזאן שטאַרק נושא חן געווען און וועלענדיג איהם מיט עפּעס מהנה זיין האט ער איהם דערלאַנגט זיין וויזיט־קאַרטע אויף וועלכע ער האט אויפגעצייכענט אַ רייהע מאָסגעבענדע פּערזענליכקייטען אין ארץ ישראל צו וועלכע ער קען זיך ווענדען אין זיין נאָמען און זיי וועלען איהם זיכער אַ טובה טוהן.

אבער האָבענדיג די דאזיגע וויזיט קאַרטע אין טאַש האט ער געהאט בלבול הדעת און נישט געקענט מכוון זיין די כוונות התפלה נישט לאַנג קלערענ־דיג האט ער די וויזיט־קארטע אַריינגעוואָרפען אין ים אַריין...

בעת דער שינאַווער רב האט געווײלט אין ארץ ישראל איז גראַד אויס־געפאַלען ל"ג בעומר, ווען גרויסע מאַסען זענען עולה קיין מירון וואו עס קומט פאָר די הדלקה אויפ'ן קבר פון תנא רבי שמעון בן יוחאי. פערשטעהט זיך, אַז דער שינאַווער רב האט שטאַרק חשק געהאַט בייצוואוינען די הדלקת לכבוד רבי שמעון בן יוחאי. אבער אויספרעגענדיג זיך וועגען די מנהגים ביי די דאזיגע הדלקה און דערוואוסענדיג זיך, אַז דערביי ווערט פערברענט טייערע קליידער און טיכער, האט ער רעזיגנירט דערפון. ערקלערענדיג אַז ער קען נישט צוקוקען ווי עס ווערען פערברענט טייערע טיכער און קליידער און מען איז עובר אויף בל תשחית.

האט ער אויסגעדריקט זיין וואונש צו געהן אויפ'ן קבר פון רבי מאיר בעל הנס וועמענס יאָהרצייט עס פאַלט אויך אויס אין ל"ג בעומר. אבער אויך דערפון האָט ער רעזיגנירט ווי נאר ער האט זיך דערוואוסט, אַז בשעת דער שמחה מישען זיך אויס מענער און פרויען צוזאַמען.

דאַן האט ער זיך דערוואוסט, אַז אויך די יאָהרצייט פון תנא יונתן בן עוזיאל געפאַלט אויס אום ל"ג בעומר. האט ער בעשלאָסען צו געהן אויפ'ן דאזיגען קבר.

צווישען זיינע בעגלייטער האט זיך אויך געפונען איינער פון די עלטסטע ירושלימער מקובלים. מיט וועמען דער שינאַווער רב האט אַ סך פערבראַכט אין עניני קבלה. אויפ'ן וועג, ווען זיי זענען געגאַנגען אויפ'ן קבר פון תנא יונתן בן עוזיאל, האט איהם דער דאזיגער מקובל מוסר געווען אַ אַלט כתב מיט פאָלגענדען אינהאַלט:

„לימים װעט קומען קיין ארץ ישראל אײנער װעמענס שורש נשמה עס שטאַמט פון קין און דעם פּאַטערס שורש נשמה שטאַמט פון הבל. און ער װעט אין ל״ג בעומר נישט װעלען געהן אויף די קברים פון רבי שמעון בן יוחאי און רבי מאיר בעל הנס צוליב טעמים כּמוסים און ער װעט אויסװעהלען דאָס קבר פון יונתן בן עוזיאל. און אויב דאָס דור װעט ראוי זײַן װעט דער דאָזיגער זײַן משיח״...

די װעלט זאָגט, אַז דאָס איז אויך די סיבה װאָס דער שינאַװער רב איז אין אַ סך ענינים נישט געװען אײנשטימוג מיט זײַן פּאַטער דער בעל „דברי חיים״ זצ״ל, װײַל זיי האָבען זיך נישט געקענט אויסגלײַכען צוליעב דעם פֿער־שידענאַרטיקײַט פון זײַער שורש נשמה.

מח.

# דער פּועל ישועות.

דער שינאַװער רב איז אויך געװען אַ גרױסער פּועל ישועות און װעגען די מופתים װאָס מען האָט בײַגעװאוינט בײַם שינאַװער רב האָט מען געקענט אָנשרײַבען גאַנצע חבורים. מיר װילען בלויז עטליכע עפּיזאָדען ברענגען אַלס כאַראַקטעריסטיק.

אײנמאָל האָט מען צו איהם געבראַכט אַ פּאַרשוין אין װעלכען עס איז ר״ל אַרײַן אַ דיבוק. אבער דער דאָזיגער דיבוק האָט בשום אופן נישט געקענט אַרײַנגײַין אין בית המדרש אַרײַן. און װען מען איז געקומען צום שינאַװער רב ער זאָל אַ טובה טוהן דעם דאָזיגען פּאַרשוין האָט ער מדחה געװען מיט פערשידענע תירוצים.

אײנמאָל האָט זיך דער דיבוק אָנגעלעגט אויף די שװעל פון בית המדרש און װען דער שינאַװער רב האָט געװאָלט אַרײַנגײַין אין בית מדרש אַרײַן, האָט ער אָנגעהויבען שרײַען מיט אַ יאָמערליך קול:

— װײ איז מיר, װינד איז מיר! די גאַנצע װעלט, אַלע יודען זענען אין בית מדרש און דאַװענען. נאָר איך מוז ליגען פאַר די טהיר פון בית מדרש...

דערהערענדיג דאָס, האט דער שינאַװער רב אויסגערופען:

— װער לאָזט דיך דען נישט, װער האַלט דיך צו; געה אין בית מדרש אַרײַן!

און גלײַך איז דער פּאַרשוין אויפגעשטאַנען פון דער ערד אַרײַנגעגאַנגען אין בית המדרש און גענומען דאַװענען גלײַך מיט אַלע.

פרייטאָג צונאַכטס ווען דער שינאַווער רב איז אַריינגעגאַנגען צום טיש איז דער „דיבוק״ געשטאַנען ביי די טיהר און צוגעהערט זיך ווי דער רב זאָגט „שלום עליכם״.

ווען דער רב האָט אויסגערופען די ווערטער: „אדון כל הנשמות״ האָט עס איהם געגעבען אַ וואַרף אַוועק פון די טיהר ביז צום טיש און ער האָט אינגאַנצען געפלאַטערט פון שרעק.

און נאָך עטליכע וואָכען איז דער דאָזיגער יוד אַהייםגעפאָהרען פון שינאַווע אינגאַנצען אַ געזונטער.

------

אין די יונגע יאָהרען פלעגט דער שינאַווער רב כסדר אַרומפאָהרען פון איין אָרט אויפן צווייטען צונויפשאַפען געלד אויף פערשידענע דברים שבצדקה. דערביי פלעגט ער די צדקה פערטיילען אויף אַזאַ אופן, אז קיין שום יליד אשה האָט דערפון נישט געוואוסט. אַזוי פלעגט ער זיך טרעפען מיט די נצר־כים אין אַ וואַלד אין פעלד אָדער זיך אָבשמועסען, אַז זיי זאָלען אַרויסקומען אין וואַלד אַריין וואו זיי וועלען טרעפען ליגען דאָס געלד אויף אַ בעשטימט אָרט, אַלץ כדי נישט מבייש צו זיין דעם מקבל.

אויף איינער פון זיינע נסיעות אין אונגאַרן וואו ער איז געפאָהרען מיט זיין משמש, האט ער פלוצלינג געהייסען אָבשטעלען די בויד און אַוועק אין וואַלד אַריין. דער משמש איז זיכער געווען, אַז דאָס איז דער רבי געגאַנגען אויף נקיות. ווען עס איז אבער אריבער אַ לענגערע צייט און דער רבי איז נישט צוריקגעקומען, איז דער משמש אַריין אין וואַלד אויפצוזיכען דעם רבין. האט ער פון דערווייטענס בעמערקט ווי דער רבי לעגט אַרויף אַ שטיין אויף אַ שטיין און מאַכט אַ בערגעל שטיינער. ווען ער איז פערטיג געוואָרען מיט די אַרבייט איז ער צוריקגעגאַנגען צו דער בויד. דער שמש אבער איז שטעהן געבליבען אויפ׳ן אָרט, און ווען דער רבי האט זיך דערווייטערט איז ער צוגעגאַנגען צום בערגל שטיינער אויפגעהויבען עטליכע שטיינער און דערזעהען ווי עס ליגט אַ פולער הויפען מיט מטבעות. האָט ער נישט לאַנג געקלערט צונויפגעקליבען דאָס געלד אַריינגעלייגט צו זיך אין טאַש אריין און צוריקגעגאַנגען צו דער בויד.

ווי נאָר זיי האָבען אָנגעהויבען ווייטער צו פאָהרען איז דער משמש פלוצלינג פער׳חלשט געוואָרען. ווען מען האָט איהם דערמונטערט האָט ער אָנגעהויבען שרייען מיט שרעקליכע קולות פון יסורים. האָט דער שינאַווער רבי אויסגערופען:

— אפשר האָסטו גענומען דאָס געלד פון אונטער דעם בערגעל שטיינער?

און ווען דער שמש האָט זיך מודה געווען האָט איהם דער רבי בע־פוילען צוריקצוגעהן צום זעלבען ארט און צוריקלעגען דאָס געלד. ערשט ווען ער האָט דאָס מקיים געווען איז איהם בעסער געוואָרען.

------

איינמאָל איז געקומען צום שינאָווער רב איינער פון זיינע אָנגעזעהנסטע חסידים וועגען אַ געוויסען ענין. אבער גלייך ביים שלום נעמען, נאָך איידער ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין מבוקש, האָט דער שינאָווער רב אויסגערופען צו איהם:

— אין די הייליגע תורה שטעהט: ואהבת לרעך כמוך. „רעך" איז די ווערטער: רע-לך (שלעכט צו דיר). עס זענען פערהאַן דריי מינים שלעכטע מענשען: א) רע לשמים ורע לבריות — שלעכט צום אויבערשטען און צו מענשען. ב) טוב לשמים ורע לבריות — גוט צום אויבערשטען און שלעכט צו מענשען. ג) טוב לשמים ולבריות ורע לאָדם אחד — גוט צום אויבערשטען און צו מענשען, נאר שלעכט צו איין מענש.

דער וואָס איז שלעכט סיי צום אויבערשטען און סיי צו מענשען — איהם איז אַ מצווה פיינד צו האָבען, אזוי ווי אין פסוק שטעהט: הלא משנאך ד׳ אשנא. וופר עס איז גוט צום אויבערשטען און שלעכט צו מענשען — דאַרף מען אויך פיינד האָבען, ווייל די חז"ל זאָגען, כל שאין רוח הבריות נוחה הימנו אין רוח המקום נוחה הימנו. און ווען ער איז שלעכט צו מענשען איז אַ סימן אַז ער איז אויך שלעכט צום הימעל, נאר ער פערשטעלט זיך אַזוי פאַר מענשען אז ער זאָל אויסזעהען ווי אַ טוב לשמים. אָבער ווער עס איז גוט צום אויבערשטען און צו מענשען, נאָר שלעכט בלויז צו איין מענש, טאָר דער מענש, וועלכער יענער האָט פיינד, נישט אַרומגעהן מיט דער דעה: וואָס קומט דערויס וואָס ער איז טוב לשמים ולבריות אַז צו מיר איז ער שלעכט — ווייל דערויף זאָגט די תורה: ואהבת לרעך כמוך. „רעך" איז די אותיות רע-לך דאָס הייסט אַפילו דער מענש וואָס א'ז שלעכט צו דיר זאָלסטו איהם אויך ליעב האָבען.

נאָך דעם ווי דער שינאָווער רב האָט פערענדיגט די דאָזיגע תורה, האָט ער זיך געוואַנדען צום דאָזיגען אורח און געפרעגט:

— נו, וואָס ווילסטו?

— רבי, איך האָב שוין נישט וואָס צו זאָגען — האָט דער חסיד געענטפערט.

שפּעטער האָט ער דערצעהלט, אַז ער איז געקומען צום רבין מיט אַ אָנקלאָגע אויף איינעם אַ תלמיד חכם און בעל צדקה וועלכער פייניגט איהם שטאַרק, אַז דער רבי זאָל איהם טוהן אַ טובה. אָבער די תשובה פון רבין איז געקומען פריהער איידער ער האט אַרויסגעזאָגט זיין בקשה...

------

איינמאָל האָט דער שינאָווער רב געוויילט אין אַ קליין אונגאַריש שטעדטעל וואו ער האָט פערבראַכט עטליכע טעג.

דאָנערשטיג אינדערפריה זענען געקומען די בעלי בתים און איהם געפרעגט צי ער האָט בדעה דאָ שבת צו האַלטען, ווייל זיי דאַרפען וויסען כדי צו מאַכען די נויטיגע הכנות.

— וואָס איז אייך דען די נפקא מינה צי איך וועל דאָ יאָ בלייבען

שבת אדער נישט. און וואָס פאַרא הכנות בעפאָרפט איהר דאָס מאַכען — האָט דער רבי אויסגערופען. און מיין האָט ער גאָרנישט געענטפערט.

פרייטאָג אינדערפריה זעהענדיג אַז דער רבי האָט נישט פערלאָזט די שטאָדט האָבען די שטאָרט לייט צוגעגרייט אַ שבת כנהוג.

שבת אינדערפריה פאַר'ן דאַוונען האָט דער רבי געפרעגט: ווער ווייסט וואו עס וואוינט דער שניידער וואָס מאַכט היינט אַ „אויפרופען" פון זיין זוהן. ווייל ער וויל דאַווענען ביים דאַוונען שניידער און נישט אין בית מדרש.

אין שטאָדט האָט דאָס אַרויסגערופען גרויס פערוואונדערונג, וואָס דער רבי האָט דוקא אויסגעוועהלט צו דאַווענען ביי אַט דעם שניידער, בפרט יוען באַלד נאָך דעם דאַווענען איז דער רבי צוריקגעקומען אין בית המדרש וואו ער האָט געגעסען די שבת'דיגע סעודה און געפיהרט טיש.

ערשט נאָך זיין אַבפאָהר האָט דער שמש געשריבען אַ בריף אין שטעטעל אַריין וואו ער האָט אויפגעקלערט די כוונה פון רבין מיט זיין דאַווענען ביים שניידער אין שטוב. ווייל פאַר שבת איז דעם שניידער'ס זוהן געקומען מיט אַ קוויטעל און געבעטען אַז דער רבי זאָל איהם בענשען פאַר די חתונה. דערביי האָט ער זיך פערטרויט פאַר'ן רבין: אַזוי ווי דער מנהג איז, אַז דעם חתן איז מען מכבד מיט מפטיר און ער איז נישט קיין גרויסער למדן, האָט ער מורא אַז ער זאָל נישט פערשעהמט בלייבען, בעט ער דעם רבין אַן עצה וואָס צו טוהן. האָט דער רבי איהם געענטפערט. אַז אַן עצה וועט ער איהם געבען שבת. דעריבער איז ער געקומען שבת דאַווענען צום שניידער. בעת מען האָט אויפגערופען דעם חתן און ער האָט געמאַכט די ברכה האָט דער רבי אָנגעהויבען קלאַפען און בעלעמער אריין און אָנגעהויבען מאַכען פערשידענע קולות און הויות. דער עולם האָט געמיינט אַז דער רבי איז מכוון דערמיט גרויסע כוונות. די אמתע כוונה איז אָבער געווען כדי דער עולם זאָל נישט הערען די גרייזען פון חתן...

דערפון קען מען זעהען ווי גרויס עס איז געזען דאָס צדקות פון שינאַווער רב פערלייגענדיג אַזאַ עבודה כדי נישט צו דערלאָזען פערשעהמען דעם מינדעסטען יוד.

# מדות און מנהגים

גרויס איז געווען דער שינאַווער רב אין זיינע מדות, פאַר'ן אמת האָט ער זיך ממש מוסר נפש געווען און ער האָט קיינעם נישט נושא פנים געווען.

איינמאָל איז געקומען צו איהם צו גאַסט זיינער אַ ברודער, וועלכער האָט שוין געהאָט פיעל אָנהענגער. אָבער קיין רב אין אַ שטאָדט איז ער נישט געווען. בשעת די עלי' לתורה האָט מען איהם אויפגערופען מיט דעם טיטול „מורה מורנו". האָט דער שינאַווער רב שטאַרק מקפיד געווען, ערקלערענדיג אַז דעם דאָזיגען טיטול דאַרף מען אָבגעבען גאָר אַ רב וואָס זיצט אויף אַ כסא רבנות.

איינמאָל איז ער געקומען קיין אוהעל און געלאָזט מכריז זיין אַז ער וועט שבת האַלטען אַ דרשה אין בית מדרש. פערשטעהט זיך אַז די גאַנצע שטאָדט האָט זיך פערזאַמעלט כדי צו הערען די דרשה פון שינאַווער רב.

אַרויפגעהענדיג אויף די בימה, האָט ער אַ קלאַפּ געטוהן און אויסגערופען:

— רבותי! מיט פיעל יאָהרען צוריק האָב איך ביי אייך אין שטאָדט געהאַלטען אַ דרשה, אָבער דערביי איז מיין כוונה נישט געווען אינגאַנצען לשמים. און דאָס איז אַ גרויסער חטא, אַז מ'דרשנט פאַר יודענס וועגען און מען האָט דערביי אַ אַנדערע פניה. איך האָב צוליעב דעם נישט קיין רוה אויף מיין הארץ און איך וויל תשובה טהון. און אַזוי ווי די חז"ל זאָגען, אַז תשובה דאַרף זיין דוקא באותו מקום, בין איך געקומען צו אייך און זאָג פאַר אייך די דאָזיגע דרשה בלויז מיט ריינע כוונות און איך בעט ביים רבונו של עולם, אַז ער זאָל מיר מוחל זיין דעם דאָזיגען חטא.

אָבזאָגענדיג די דאָזיגע דבורים איז דער שינאַווער רב אַראָב פון דער בימה. אָבער דער רושם פון די דאָזיגע דרשה איז געווען אַ געוואַלדיגער, זעהענדיג ווי ווייט מען דאַרף מורא האָבען פאַר ג-ט און זעהען מתקן צו זיין די מעשים.

------

דער רבי ר' יחזקאלע שינאַווער פלעגט זיך נוהג זיין צו זאָגען תחנון יעדען טאָג, אפילו אין די יאָהרצייט טעג פון די צדיקים פלעגט ער אויך זאָגען תחנון. זייענדיג שטאַרק מקפיד אויף די חסידים וואָס זענען זיך נוהג נישט צו זאָגען קיין תחנון אין די יאָהרצייט טעג פון צדיקים.

דער שינאַווער רב פֿלעגט אויך נישט לאָזן אָנצינדען קיין ליכט אין די יאָהרצייטען, דערפֿאַר ווייל עס קען זיין אַז דער דאָזיגער צדיק געפֿינט זיך גאָר אויף דעם עולם אַלס גלגול. אָנ'אויסנאַהם האָט ער בלויז געמאַכט פֿאַר'ן רבין ר' מענדעלע פֿון רימאַנאָוו זצ"ל, אין זיין יאָהרצייט האָט ער יאָ געהייסען אָנצינדען ליכט און נישט זאָגען קיין תחנון. דערביי פֿלעגט ער זאָגען, אַז דער רבי ר' מענדעלע רימאַנאָווער איז שוין געווען הונדערט מאָל אויף דעם עולם. און בזמן המקדש איז ער געווען אַ כהן גדול און געטהון די עבודה. דעריבער פֿלעגט ער זאָגען בשעת די „עבודה" אום יום כפור אָנשטאָט וכך הי' אומר — וכך היתי אומר. און דאָס מאָל, האָט דער רבי ר' מענדעלע געזאָגט, בין איך שוין צום לעצטען מאָל אויף דעם עולם.

צוליעב דעם האָט דער שינאַווער רב געהייסען אָנצינדען ליכט אויף זיין יאָהרצייט.

דער רבי ר' יחזקאלע פֿלעגט תמיד זעהר פֿיעל שמועסען וועגען די עניני גלגול. אויף דעם מאמר חז"ל: לא עליך המלאכה לגמור, פֿלעגט ער זאָגען, אַז דער „חוזה" פֿון לובלין האָט אַמאָל געזאָגט צום רבין ר' נפֿתלי ראָפּשיצער: אַז ער, דער חוזה, איז אַראָבגעקומען אויף דעם עולם זיך מתקן צו זיין אין דעם חלק הנגלה פֿון די תורה ווייל אין הלק הנסתר האָט ער זיך שוין מתקן געווען אין אַ פֿריהערדיגען גלגול. און דער ראָפּשיצער איז אַראָבגעקומען אויף דעם עולם זיך מתקן צו זיין אין חלק הנסתר ווייל אין חלק הנגלה האָט ער זיך שוין מתקן געווען אין פֿריהערדיגען גלגול. דאָס איז דער טייטש: לא עליך המלאכה לגמור — דו דאַרפֿסט נישט אַלץ איצט גומר זיין, סיי דעם חלק הנגלה און סיי דעם חלק הנסתר, ווייל אם למדת תורה הרבה — אויב דו האָסט אין אַ פֿריהערדיגען גלגול געלערנט אַ סך תורה — נותנין לך שכר הרבה, דערמיט וואָס מען איז מצרף דאָס וואָס דו האָסט פֿריהער געלערנט מיט דעם וואָס דו לערנסט היינט, ווייל דער עיקר איז מתקן צו זיין דעם ענין וואָס מען איז צוליעב דעם אַראָבגעשיקט געוואָרען אויף דעם עולם.

------

דער שינאַווער רב פֿלעגט זיך נוהג זיין נישט צו זאָגען קיין תורה. מען דערצעהלט ווען דער רבי ר' יחזקאלע איז צום ערשטען מאָל אויפֿגענומען געוואָרען אַלס רב אין שינאָווע האָט מען פֿון איהם פֿערלאַנגט אַז ער זאָל זאָגען אַ דרשה, ווי דער מנהג איז, אָבער ער האָט זיך משתמט געווען.

ביי שלוש סעודות, ווען די גאַנצע שטאָדט איז געווען פֿערזאַמעלט אין בית המדרש און געהאַפּט צו הערען פֿון זייער נייעם רב אַ דבר תורה, האָט זיך צו איהם געווענדעט איינער פֿון די שענסטע בעלי בתים פֿון שטאָדט, אַ תלמיד חכם און גביר מפֿורסם, אויסרופֿענדיג צו איהם:

— שינאַווער רב! די שטאָדט פֿערלאַנגט פֿון אייך, אַז איהר זאָלט זאָגען דברי תורה, איך בעט אייך טוהט אונז צוליעב.

דאַן האָט דער שינאַווער רב געהייסען זיך דערלאַנגען אַ חומש, אויפגעמישט די סדרה פון די חאַך. איבערגעבלעטערט די סדרה פון אָנהויב ביזן סוף און דאַן האָט ער אויסגערופען:

— תורת ד׳ תמימה — די הייליגע תורה איז גאַנץ, עס איז נישטאָ קיין שום קשיות צו פרעגען, די תורה איז קודש קדשים נישטאָ וואָס צו רעדען אויף איהר... דאַן האָט ער פערמאַכט דאָס חומש, עס אַ קוש געטהון און עס צוריק אַוועקגעלעגט און קיין תורה נישט געזאָגט.

איינמאל ווען עס איז אויסגעקומען צו רעדען מכח די גוטע יודען וואָס זאָגען יאָ תורה און פאַרוואָס ער זאָגט נישט קיין תורה ביים טיש האָט ער זיך אָנגערופען, אַז ער האָט אַ טעם דערביי און בשפת מעשה דערצעהלט פאָלגענדעס:

אַ חסידישער יונגרמאַן איז אַמאָל נתפס געוואָרען דורך די חיצונים ר״ל און מען האָט איהם נישט געקענט מציל זיין פון זייערע הענד. זענען די קרובים געלאָפען צו אַ גרויסען צדיק ער זאָל מציל זיין דעם אומגליקליכען יונגערמאַן. עס פערשטעהט זיך, אַז דער צדיק האָט געטהון דאָס וואָס ער האָט בעדאַרפען. אבער „יענע לייט״ האָבען געזאָגט: מיר וועלען אַ קוק טהון אין אונזער פנקס און אויב מיר וועלען נישט געפינען קיין דבר תורה פון דעם דאָזיגען צדיק ביי אונז פערשריבען וועלען מיר אַרויסלאָזען דעם יונגערמאַן פון אונזערע הענד, ווייל די דברי תורה וואָס ווערען געזאָגט מיט אַ זאַר התנשאות אָדער מיט אַנדערע נישט ריינע כוונות געהערען שוין צו אונז און זיי ווערען פערשריבען אין אונזער פנקס.

האָט מען געבראַכט אַ גרויסען פנקס און מען האָט גענומען זוכען, אָבער מען האָט נישט געפינען קיין דברי תורה פון דאָזיגען רבין. אַזוי אַז דער יונגערמאַן איז בעפרייט געוואָרען פון זייערע הענד. נו, פרעג איך אייך — האָט דער שינאַווער רב גומר געווען — צי קען מען זיך אונטערנעהמען און זאָגען דברי תורה?...

------

ווי שוין דערמאנט האט דער שינאָווער רב פינף מאָל חתונה געהאט. פון דער ערשטער פרוי, די טאכטער פון הגאון „אַרי׳ דבי עילאה״, האט ער געבוירען אַ זוהן מיט׳ן נאמען ר׳ נפתלי זצ״ל, וועלכער איז נפטר געווארען יונגערהייט, אַלט זייענדיג דרייסיק יאָהר. נאָך זיין פטירה האט דער שינאָווער אָבגעדרוקט זיינע חדושים אין אַ ספר אונטערען נאָמען „אילה שלוחה״.

מיט דער צווייטער פרוי, די טאכטער פון רבין ר׳ יהודה צבי פון ראָזדאָל, האָט ער קיין קינדער נישט געהאָט.

מיט דער דריטער פרוי, די טאָכטער פון זיין שוואָגער דער האלפשיצער רב, האָט ער געבוירען איין זוהן, דער רבי ר׳ משה האַלבערשטאַם, דער ממלא מקומו אין שינאָווע, און צוויי טעכטער, פון וועלכע איינע איז געווען די טשעבינער רביצין

נאָך דער פטירה פון זיין דריטער פרוי האט ער בעשלאסען שוין מעהר נישט חתונה צו האָבען. האט ער זיך מתיעץ געווען מיט'ן בעלזער רב זצ"ל און ער האט איהם געהייסען חתונה האָבען מיט די טאכטער פון זיין פעטער דער לעשניעווער רב, אַ שוואָגער פון ר' שלום בעלזער זצ"ל. דערביי האָט איהם דער בעלזער רב מבטיח געווען, אַז ער וועט מאריך ימים זיין און ער װעט זעהען פון דער דאזיגער פרוי אַ דור ישרים.

פון דער דאָזיגער פרוי האט ער געבוירען זיין זוהן דער טשעשיניע, וער רב, וועלכער איז געווען אַן'איידעם פון רבין ר' יהושיעלע בעלזער. און זיין זוהן דער סטראפקאווער רב ר' שלום, זיין זוהן ר' לייביש און צוויי טעכטער.

די פינפטע פרוי איז געווען אַן'אייניקעל פון רבין ר' אלימלך פון ליזענסק זצ"ל. זי איז געווען אַ אָרימע אלמנה וועלכע איז געקומען צו איהם בעטען אַ נדבה. ווען זי האָט פערלאזט זיין הויז האָט ער נאָכגעשיקט דעם שמש זי צו פרעגען צי זי וואלט נגשט מסכים געווען מיט איהם חתונה צו האָבען. פערשטעהט זיך, אַז זי האָט מסכים געווען מיט'ן גאַנצען האַרץ און ער האָט טאקי מיט איהר חתונה געהאַט, אבער קיין קינדער האט ער שוין מיט איהר נישט געהאַט.

------

דער שינאָווער רב זצ"ל האט דערלעבט אַ טיפע עלטער, ער איז נפטר געווארען אין עלטער פון ניין און אכציק יאָהר ו' טבת תרנ"ט. זיין פטירה האט געמאַכט אַ שטאַרקען רושם און בכל תפוצות ישראל האט מען אויף איהם געהאַלטען גרויסע הספדים. אַ טייל פון די דאזיגע הספדים זענען אָבגעדרוקט אין אַ ספעציעלען קונטרס אונטערען נאָמען „עת ספוד". צווישען די נאָכגישט געדרוקטע כתבים פון בערזשאַנער גאון מהרש"ם זצ"ל, געפינט זיך אויך אַ הספד וואָס ער האָט געהאַלטען אויפ'ן שינאָווער רב און הויבט זיך אָן מיט'ן פסוק „והי' יחזקאל לכם למופת".

אַ גאַנץ קליינע צאָהל פון זיינע חדושי תורה ווי אויך צוואַמען מיט עטליכע פון זיינע שאלות ותשובות און הגהות איז אָבגעדרוקט אין אַ ספר מיט'ן נאָמען „דברי יחזקאל".

חסידים דערצעהלען, אַז אין לעצטען סוכות פון זיין לעבען (תרנ"ט) אי'ן ער ביים טיש געווען שטאַרק אויפגערוימט און ער האט אויסגערופען:

— געלויבט איז השם יתברך וואָס ער האָט מיך געלאזט לעבען און מיך געלאָזט אַריינקומען אין דעם שבוע שבן דוד בא. בעטס אַז איך זאָל לעבען וועט אם ירצה השם זיין די גאולה שלימה...

אבער שוין אין צוויי חדשים אַרום (ו' טבת) איז דער שינאָווער רב נסתלק געוואָרען.

ג.

# איז תפיסה...

ר׳ אהרן, דער דריטער זוהן פון צאַנזער רב איז דורך זיין פאָטער בעשטימט געוואָרען אַלס רב אין דער צאַנזער קהלה אויף איבער׳ן גאַנצען גליל, נאָך בחיי אָביו.

ר׳ אהרלע איז געווען אַ מזג טוב, ער פלעגט קיין פליג אויף דער וואַנד נישט פערטשעפען, אַנ׳אמת׳ער נח לבריות, און דעריבער האָט מען איהם זעהר שטאַרק ליעב געהאַט אין דער גאַנצער שטאָדט, און מען האָט זיך בעצויגען צו איהם מיט גרויס אַכטונג און דרך־ארץ.

עס האָט קיינער פון שטאָדט, אפילו דער פראָסטער המון און פון די נידריגסטע שיכטען, נישט געוואַגט עובר צו זיין אויפ׳ן בעפעהל פון רב. איבעריגענס, איז עס אין יענער צייט געווען אַ זעלבסטפערשטענדליכע זאַך יודען האָבען דרך־ארץ געהאַט פאַר זייער רב און נישט געוואַגט ווידערצושפעניגען אויף דאָס מינדעסטע, וואָס דער מרא־דאתרא האָט בעפוילען.

מאַכט זיך אַ מעשה אין דער שטאָדט צאַנז. דאָס איז געווען אין יאָהר תרל״ה, אַ יאָהר פאַר דער פטירה פון צאַנזער רבי זצ״ל, וואָס האָט אויפגעקאָכט דאָס גאַנצע גאַליצישע יודענטום אויף לאַנגע יאָהרען.

אין צאַנז האָט געוואוינט אַ האָלץ־סוחר, וועלכען מען האָט גערופען יוסל זעלצער. דער דאָזיגער פאַרשוין איז אַפילו נישט געווען קיין פערגרעבטער, אָבער אַ מורא׳דיגער תקיף, אַ וויכטער עקשן מיט וועלכען קיינער האָט נישט געוואָלט האָבען צו טהון. יעדער האָט איהם אויסגעמיטען, וויסענדיג אַז צוליב זיין תקיפות און עקשנות וועט מען ביי איהם קיין כבוד נישט דערלעבען.

מאַכט זיך, אַז אַ צווייטער צאַנזער ייד, מאָהנט עפעס אַ תביעה ביי דעם דערמאָהנטען יוסל זעלצער. דער תובע איז עטליכע מאָל אַוועק צו זיין בעל־דין, געפאָדערט ער זאָל איהם אָבגעבען דעם חוב, וואָס ער מאָהנט ביי איהם, אָבער יוסל זעלצער האט איהם אַפילו קיין גוט וואָרט נישט געענטפערט. פאַר׳ן תובע איז דעריבער נישט געבליבען קיין אַנדערע זאַך ווי צו פערקלאָגען זיין בעל־דין פאַר׳ן בית דין און אַרויסכאַדערען איהם צו אַ דין־תורה.

דערביי דאַרף מען דערמאָהנען, אַז אין יענע יאָהרען איבערהויפט אין גאַליציען, וואו עס האָבען עקזיסטירט רעכטליכע יודישע קהלות, אונטער דער אויפזיכט פון דער מאכט, — איז די בית־דין־אינסטיטוציע דאָס איינציגע אָרט געווען וואו יודען האָבען ערלעדיגט זייערע סכסוכים. דער פסק

פון בית־דין איז געווען אנערקענט פון דער מאכט און אויב עס האט זיך געפונען עמיצער, וואס האט נישט געוואלט אינטערוואריען זיך דעם אורטייל פון יודישען געריכט, האט מען עס איהם געקאנט צווינגען דורך אויסערליכע פאקטארען.

איבערהויפט איז גאנץ ועלטען פארגעקומען א פאל, אז א סכסוך צווי־שען א יוד מיט א יוד זאל ערלעדיגט ווערען דורך א נישט־יודישען געריכט אזא יוד איז פון אלעמען פעראורטיילט געווארען און מען האט מיט איהם קיין שום מחזקות נישט געוואלט האבען.

אויף דער בקשה פון דעם תובע איז דער שמש בית דין אוועק צו יוסל זעלצער און אויפגעפאדערט איהם לדין.

אבער ווי ערשטוינט איז געווארען דער שמש, ווען יוסל זעלצער האט איהם געענטפערט: „איך וועל מיט איהם צו קיין דין תורה נישט געהן, ווען ער פאהנט עפעס ביי מיר, זאל ער מיך אנקלאגען אין געריכט"...

א יוד א בן־תורה, א שענער בעל הבית פון שטאדט זאל נישט וועלען געהן צו א דין־תורה, נאר דוקא צו א גוי'שן געריכט, — דער שמש האט דאס נישט געקענט תופס זיין און זייענדיג אויסער זיך איז ער געלאפען צום בית דין און איבערגעגעבען דעם אבזאג פון יוסל זעלצער.

דאס צאנזער בית דין איז דאמאלס בעשטאנען פון דעם רב רבי אהרן האלבערשטאם און פון נאך צווי דיינים. הערענדיג פון דער מעשה זענען זיי גאר שטארק אויפגעקאכט געווארען. און דער רב ר' אהרלע האט בעפוילען אויפצושרייבען א צווייטע הזמנה א גאנץ שארפע צו דעם יוסל זעלצער, אומבע־דינגט צו קומען לדין, אין געגענטייל וועלען נעגען איהם אנגענומען ווערען גאנץ שארפע מיטלען.

אויף דער דאזיגער הזמנה האבען זיך אונטערגעשריבען, דער רב און זיינע דיינים. דער פאקט וואס דער רב גופא האט אונטערגעשריבען א הזמנה לבית דין, איז אויך געווען א געוואלדיגער חידוש, ווייל דער רב פלעגט קיינמאל נישט אבגעבען זיך דערמיט און אזעלכע ענינים פלעגען שטענדיג ערלעדיגען די איבעריגע צווי דיינים.

אבער אויך פאר דער שארפער הזמנה, מיט דער התימה פון קרייז־רב האט זיך יוסל זעלצער נישט שטארק אבגעשראקען, און ער האט עזות'דיג געענטפערט דעם שמש, די אייגענע ווערטער:

— צו קיין דין תורה וועל איך נישט געהן. אויב עמיצער מאהנט עפעס ביי מיר, זאל ער מיך אנקלאגען אין געריכט.

עס איז זיך לייכט פארצושטעלען דער רושם וואס דער נייער אבזאג פון דעם יוסל זעלצער האט ארויסגערופען אין שטאדט. דאס בית דין האט גלייך אבגעהאלטען א בעראטונג אויף וועלכער עס איז געקומען צום אויסדרוק די אויפרעגונג וואס די דאזיגע מעשה־רע האט ארויסגערופען וואסערע שרעק־ליכע פאלגען, אזא עזות'דיגער שריט איז עלול אריינצוברענגען אין ציבור־

לעבען, דערמיט וואָס דער דרך־ארץ פאַר׳ן יודישען בית־דין וועט אונטערגע-גראָבען און עס איז בעשלאָסען געוואָרען אָנצוווענדען די שאַרפסטע מיטלען וואָס דאָס בית דין האָט אין בעזיץ לגבי דעם מסור און מחוצף יוסל זעלצער.

באַלד איז דורכ׳ן שמש געשיקט געוואָרען אַ דריטע הזמנה צו דעם פאַרשוין, אין וועלכען עס איז געשריבען געוואָרען, אַז צום לעצטען מאָל פאָדערט בית דין איהם אויף, ער זאָל זיך שטעלען צו אַ דין תורה, און אויב ער וועט אויך דאָס מאָל ענטפערען מיט אַנ׳אָבזאָג, וועט מען איהם לעגען אין די „דריי אותיות"...

אָבער אויך פאַר דער הזמנה, האָט זיך יוסל זעלצער נישט דערשראָקען און ער האָט דעם שמש געענטפערט מיט מעהר חוצפה:

— זאָג דעם בית דין, אַז אויב זיי וועלען מיך אריינלייגען אין חרם אַריין וועל איך זיי אַריינלעגען אין תפיסה אַריין!

דער רושם, וואָס דער דאָזיגער הוצפה׳דיגער ענטפער האָט אין שטאָדט אַרויסגערופען איז געווען אַ געוואַלדיגער. די גאַנצע שטאָדט האָט מיט אַמאָל אויפגעקאָכט. אויף שריט און טריט זענען געשטאַנען רעדלעך און האָבען אַרומגערעדט די דאָזיגע סענסאַציע. דער נאָמען פון מהוצף איז דערמאָהנט געוואָרען מיט גרויס פעראַכטונג און זאָגאַר מיט אַ קללה. אַזאַ אונערהערטער פאַקט איז נאָך קיינמאָל אין קיין יודישע קהלה נישט פאָרגעקומען. און נישט נאָר שענע בעלי בתים, בני תורה האָבען געשטורעמט, נאָר אויך אַפילו די יודען פון המון, פון דער מערב וואַנד. ס׳טייטש, ס׳טייטש, און נאָכאַמאָל ס׳טייטש, אַזוי חוצפה׳דיג אַרויסצוטרעטען געגען רב און זיין בית דין! ניין, אַזאַ זאַך טאָר נישט פערשוויגען ווערען.

איבערהויפט האָבען געליאַרעמט די יונגעלייט, די בית מדרש בחורים, די היציגע געמיטער, און נאָך איידער דאָס בית־דין האָט פערווירקליכט די האַרבע התראה, האָבען זיך געפונען עטליכע יונגעלייט, און האָבען אויפגע-כתיבה׳ט מיט גרויסע אותיות פאָלגענדע ווערטער:

„יוסל זעלצער ימ"ש ליגט אין חרם!"...

דאָס דאָזיגע כתב האָבען זיי אָנגעקלעבט אין דער מזרח־וואַנד, נעבען אָרט וואו יוסל זעלצער פלעגט דאַווענען.

און ווען יוסל זעלצער איז אויפצומאָרגענס געקומען אין בית־מדרש, און דערזעהן זיין נאָמען ליגט אין חרם, איז ער גלייך אַוועק צום שרייבער און דערלאַנגט אַנ׳אָנקלאַגע געגען דעם קרייז־רב ר׳ אַהרן האַלבערשטאַם און די צוויי דיינים.

די שטאָדט איז אַוועק אויף רעדלעך. אין יענע יאָהרען, ווען יודען האָבען זיך געפיהלט תקיפ׳דיגער, האָט אַזאַ שטייגער מעשה, ווען עס איז זיך פערלאָפען אין אַ יודיש שטעדטל, ממש דאָס שטעדטעל איבערגעקעהרט, בפרט ווען יוסל זעלצער זייענדיג אַ תקיף ביי זיך, איז ער נישט־קוקענדיג אויפ׳ן חרם, וואָס האָט איבער איהם געהאָנגען, יעדען טאָג געקומען אין

שוהל אַריין און אין בית מדרש אַריין. די איבעריגע יודען האָבען עס נישט געקענט דולדען. פלעגען אויסברעכען וויסטע געשלעגערייען צווישען דעם יוסף זעלצער און זיינע קרובים און די איבעריגע יודען. ווייסע־חברה׳ניקעס האָבען אויפגעלעבט, נאָכגעוואָרפען איהם שטיינער ווען ער האָט זיך אין גאַס בעוויזען א. אז. וו.

בעת דער אויספאָרשונג איז יוסף זעלצער געקומען אין שוהל אין בעגלייטונג פון זשאַנדאַרמען און די ריכטער, דאָס האָט נאָך מעהר אויפגע־רעגט די יודישע מאַסען. גויאישע ריכטער מיט זשאַנדאַרמען אין אַ מקום קדוש! — זענען געפלויגען שטיינער ווי האָגעל און די בעמיהונגען פון די מיושב׳דיגע בעלי בתים, אז דאָס יונגוואַרג זאָל זיך בעהערשען האָט נישט נעווירקט. אַ שטיין האָט זאָגאַר געטראָפען איינעם פון די ריכטער...

ווען עס האָט זיך דערנעהנטערט דער טאָג פון משפט, האָט זיך גע־טהון חושך אין שטעדטעל. דער רב איז ווי געזאָגט געווען זעהר בעליבט און געאַכטעט. און דאָ שטעהט פאַר אַ שווערער אורטייל. עס וועט נישט העלפען דאָס פערטיידיגען זיך, אַז דער חרם איז כלל נישט ארויסגעגעבען געוואָרען, אין דער צייט ווען ער עקזעסטירט פאַקטיש. האָבען זיך יודען פערזאַמעלט אין די שוהלען און בתי מדרשים, געזאָגט תהילים און מתפלל געווען פאַר דער בעפרייאונג פון זייער בעליבטען רב און די דיינים.

אבער גרויס איז געווען דער חידוש וואָס דער צאַנזער רב דער בעל „דברי חיים”, וועלכער איז שוין דאמאָלס געווען אַ זקן מופלג, האט פון דער גאַנצער מעשה כלל נישט גערעדט.

חסידים דערצעהלען, אַז אין טאָג פון משפט איז די פרוי פון זיין זוהן רבי אהרן, דאָס הייסט די שנור פון צאַנזער רבין, אַריינגעלאָפען צו איהר שווער מיט אַ געוויין, ער זאָל מתפלל זיין, דאָס איהר מאַן זאָל בעפרייט ווערען, דערביי האָט זי זיך שטאַרק צוכליפעט און האָט זיך גאַרנישט געקענט בעהער־שען.

דער צאַנזער רבי האָט זיך דאַן אויפגעשטעלט פון זיין אָרט און אויס־גערופען:

— מען טאָר נישט וויינען, מען טאָר נישט, כל מאי דעביד רחמנא לטב עביד — אַלץ וואָס ג–ט טהוט, איז צום גוטען!...

די דאָזיגע ווערטער האט ער איבערגעחזרט עטליכע מאָל ביז ער איז אַריינגעפאַלען אין א מורא׳דיגער דבקות.

קומענדיג צו זיך האָט ער צו זיינע מקורבים אויסגערופען:

איהר ווייסט דאָך די מעשה מיט׳ן מרה״ם מרוטענבערג ז״ל בשעת מען האָט איהם געוואָרפען אין תפיסה אַריין האָט די יודישע וועלט געוואָלט זיך לאָזען קאָסטען כל הון דעלמא אַבי מען זאָל איהם אויסלייזען. ווען דער הייליגער צדיק האָט זיך דערוויסט פון דער מעשה, האָט ער בעפוילען, השמר והזהר, נישט זאויסלייזען, נישט לאָזען זיך קאָסטען קיין געלד, ווייל דאָס וועט

זיין א בכי' לדורות. און די גויים וועלן אָפּט פאַנגען רבנים, בכדי צו בעקו־ סען פאַר זיי אויסלייז־געלד.

דער מהר"ם מרוסענבערג איז דעריבער געזעסען כל ימי חייו. מיינט איהר אפשר. אַז דאָס האָט איהם געשטערט צו זיין עבודות? — אין דער תפיסה־פעסטונג האָט ער געלערנט און געדאַווענט, געדינט דעם בורא כל עולמים בכל לבו ונפשו...

ווען מען האָט אין שטאָדט נאָכדערצעהלט דאָס דאָזיגע מעשה'לע פון אַלטען צדיק האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט אַ שרעק, אַלע האָבען פערשטאַנען, אַז ר' אַהרלע האָט דעם פראַצעס פערשפּילט און וועט צוזאַמען מיט זיינע דיינים געהן אין תפיסה. אַ גרויסער טרויער האט דער שטאָדט בעהערשט און אַלע האבען אין דער שטיל געוויינט איבער'ן גורל פון זייער בעליבטען רב.

און אַזוי איז טאַקי געווען. דאָס גאַנצע צאַנזער בית דין מיט'ן קרייז־ רב ר' אהרן האַלבערשטאַם זענען פערמשפּט געוואָרען אויף זעקס וואָכען תפיסה. די אַלע בעמיהונגען, וואָס מען האָט שפּעטער אָנגעווענדעט בכדי דעם אורטייל מבטל צו מאַכען, אדער לכל הפחות צו פערלייכטערען האָ־ בען זיך נישט איינגעגעבען, ר' אהרלע און זיינע צוויי דיינים האבען געמוזט אָבקומען דעם אורטייל, און אָבגעזעסען אין תפיסה זעקס וואכען צייט...

לאַנגע יאָהרען האט מען געשמועסט אין די גאַליצישע מקומות פון דער דאָזיגע אויסטערלישער מעשה און גרויסע חסידים האבען זיך דערצעהלט אויפ'ן אויער, וועגען מורא'דיגע כוונות און יחידים, וואָס רבי אהרן האט מייחד געווען אין דער תפיסה־קאַמער' צוליב וואָס דער פאָטער זיינער, דער אַלטער צאַנזער צדיק האט איהם געשיקט אין תפיסה אַריין...

-----

נאָך דער הסתלקות פון צאַנזער רב זצ"ל האבען די שטאָדט לייט פער־ לאַנגט פון זיין זוהן ר' אהרן, אַז ער זאָל אויך נוהג נשיאות זיין אַלס רבי. אבער צוליעב זיין גרויס ענוות און צדקות האט ער דערפון נישט געוואלט הערען און ער האט ממש אַרויסגעטריבען דעם עולם וואָס איז געקומען צו איהם. צווישען חסידים דערצעהלט מען זיך פון איהם וואונדערבאַרע ענינים ווי גרויס עס איז געווען זיין צדקות.

נסתלק געוואָרען איז רבי אהרן צאַנזער ראש חודש אָב, ווען עס פאַלט אויס די יאָהרצייט פון אַהרן הכהן.

די פטירה איז פאָרגעקומען אום פרייטאָג צונאַכטס. פרייטאָג אינדערפריה ווען ער איז שוין געווען אַ גוסס ר"ל האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און געשריגען אַז ער וויל געהן אין מקווה אַריין. און נישט קוקענדיג אויף די בעמיהונגען פון זיינע שטוב מענשען און מקורבים האָט מען איהם דאָך געמוזט פיהרען אין מקווה אַריין, וואו ער האָט זיך סובל געווען. אַרויסקומענדיג פון מקוה האָט ער זיך אַ וואַקל געטוהן און דער משמש האָט איהם אַ כאַפּ געטוהן

ביי דער האַנד מורא האָבענדיג אַז ער זאָל נישט אומפאַלען, האָט איהם דער רבי אָבגעשטופט מיט הקפדה פאַרוואָס ער האָט איהם אַנגערירט און נאָכ-אַמאָל אַראָפּ אין וואַסער אַריין און זיך טובל געווען.

פון דער מקווה האָט ער זיך געהייסען פיהרען צו די דירות וואו זיין פאָטער האָט געוואוינט. די דאָזיגע דירות זענען דאַמאָלס געווען פערנומען דורך זיינס אַ שוועסטער. ווען די שוועסטער איז איהם אַקעגענגעגאַנגען האָט ער צו איהר אויסגערופען:

— שוועסטער! גיב מיר מיט אַ גרוס צום טאַטען, ווייל מיר וועלען זיך באַלד זעהן.

דערנאָך איז ער ארומגעגאַנגען איבער אַלע צימערען וואס דער פאטער האט פערנומען בחייו, לענגער האט ער פערבראַכט אין דעם פאטערס התבודדות שטיבעל.

פאַרנאַכט האט ער געלעגט תפילין, געדאַווענט מנחה, מקבל שבת געווען געמאַכט קידוש און געלייענט קריאַת־שמע. דאַן האט ער זיך געלעגט אין בעט און נפטר געוואָרען.

# דברי תורה

און

# שמועסען

פון צאנזער רב און זייבע קינדער

## בראשית ברא — לעיני כל ישראל.

דער צאַנזער רב האט אַמאָל אין שמחת תורה אַזוי פערבינדען דעם סוף פון די תורה מיט דעם אָנהויב:

די תורה פערענדיגט זיך: לכל המורא הגדול אשר עשה משה לעיני כל ישראל. ד. ה. פאַר די יודען - לעיני כל ישראל - האט ער זיי אָנגעמאַכט אַ גרויסע מורא: אויב איהר וועט נישט אָבהיטען די תורה און די מצוות וועט חס ושלום זיין שלעכט, עס וועט מקוים ווערען דאָס וואָס שטעהט אין די תוכחה. פאַר דעם רבונו של עולם אבער, האט משה רבנו אָנדערש געטענה'ט — „בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ" אַזוי ווי דער מדרש זאָגט: בשביל ישראל שנקראו ראשית ברא אלקים שמים וארץ, אַז די גאַנצע וועלט, גאַנץ בריאת שמים וארץ, האט ווער אַ קיום אין זכות פון יודען...

---

## ואלה תולדות נח נח איש צדיק.

פון ואלה תולדות נח - אַז דאָס זענען די קינדער פון נח'ן, אַז מ'זעהט אַז ער האט געהאַט גוטע קינדער, איז אַ סימן אַז - נח איש צדיק, ווייל לויט די קינדער דערקענט מען דעם מהות פון פאָטער...

---

## הבט נא בשמימה וספור הכוכבים וגו'
## כה יהי' זרעך (בראשית טו—ה)

האט דער צאַנזער רב געפרעגט: פאַרוואָס האט דער אויבערשטער גראָד בעגליכען די יודען צו די שטערען?

— נאָר השי"ת האט דערמיט געוויזען אברהם אָבינו, פונקט ווי דער שטערען וואָס פונדערווייטענס זעהט ער אויס קליין, איז באמת אין הימעל זעהר גרויס — אַזוי וועלען זיין די יודען: כאטש דאָ, אויף די וועלט זעהן זיי אויס אַזוי קליין און נבזה'דיג, אבער אין הימעל זענען זיי זעהר גרויס און חשוב...

---

## ותפתח ותראהו והנה נער בוכה ותחמול עליו ותאמר מילדי העברים זה. (שמות ב—ו)

די קשיא איז בעוואוסט: פונוואַנען האט זי דערקענט, אַז דאָס איז אַ יודיש קינד?

האט דערויף דער צאַנזער רב געענטפערט: ס'איז דאך ידוע, אַז די יודען צייכנען זיך אויס מיט די מדות פון רחמנות און גומלי חסדים.

די ספרים שרייבען, אַז אויב מ'קוקט אָן א צדיק איז מען מושך אויף זיך די קדושה און השפעה פון דעם צדיק.

דאָס דערצעהלט אונז די תורה: ווען פרעה'ס טאכטער האט געעפענט דאָס קעסטעל און דערזעהן דאָס וויינענדיגע קינד, איז איהר האַרץ אָנגעפיהלט געווארען מיט רחמנות צום קינד. און פערטראַכטענדיג זיך פונוואַנען נעמט זיך צו איהר אט די דאזיגע „פרעמדע" מידה. האט זי פערשטאַנען, אַז „מילדי העברים זה", אַז דאָס אַ יודיש קינד וואָס איז אויף איהר משפיע די דאָזיגע יודישע מידה...

---

## ויאמינו בד' ובמשה עבדו מה תצעק אלי דבר אל בני ישראל ויסעו. (שמות יד—טו)

דער זוהר הקדוש פרעגט: און ביז אַצינד האבען זיי דען נישט גע־גלויבט? עס שטעהט „ויאמן העם"? ענטפערט דערויף דער זוהר: זיי האָבען געגלויבט אין דעם וואָס משה האָט זיי געזאָגט „ד' ילחם לכם ואתם תחרישון".

דער פשט אין דעם זוהר האָט דער צאַנזער רב אַזוי מבאר געווען:

עס ווערט געברענגט אין ספרים, דארט ווי דער נס געשעהט נישט אין איינענעם זכות, נאָר אין זכות אָבות, קען מען נישט זעהן אין דער מפלה פון די שונאים. (אַזוי ווי מיר געפינען ביי לוט'ן; דער מלאך האָט צו איהם געזאָגט „אַל תבט אַחריך", ווייל ער איז ניצול געוואָרען נאָר אין זכות פון אַברהם'ן).

די יודען ביים קריעת ים סוף האָבען גערעכנט, דאָס זיי זענען נישט ווערט אַז דער נס זאל געשעהען אין זייער זכות, נאָר צוליעב זכות אָבות קען געשעהען דער נס. דעריבער — ויצעקו בני ישרא אל ד' — האבען זיי תפלה געטוהן. משה רבינו אבער האט געטנה'ט צו די יודען, אַז זיי בעדארפען גאָרנישט אָנצוקומען צו זכות אָבות, ווייל אין זכות פון זייער אַמונה זענען זיי ווערט געהאלפען צו ווערען.

דאָס איז דע פשט: „ד' ילחם לכם" — אין אייער זכות, צוליעב דעם וואָס „ואתם תחרישון — וואָס איהר שווייגט און האט אַמונה.

שפעטער, ווען — וירא ישראל את מצרים מת על שפת הים — זיי האבען געזעהן די מפלה פון זייערע, שונאים האָבען זיי פערשטאַנען, אַז דער נס איז געשעהען אין זייער זכות ווייל אויב אין זכות אָבות וואלטען זיי דאך נישט געקענט זעהן אין דער מפלה פון די מצריים. ערשט דאַן „ויאמינו בד'

במשה עבדו — וואָס ער האָט זיי געזאָגט, אז ד׳ ילחם לכם, דאָס הייסט אין זייער זכות.

---

## מה תצעק אלי דבר אל בני ישראל ויסעו. (שמות יד—טו)

ס׳איז דאך ידוע, אַז משה רבינו איז געווען דער עניו מכל אָדם. ווען די יודען האָבען זיך געפינען אין אַ עת צרה ביים ים, האבען זיי זיך סומך געווען, אַז זיי וועלן געהאלפען ווערען אין זכות פון משה רבינו, אַז ער וועט אָוודאי אויסבעטען פאַר יודען אַ ישועה.

משה רבינו האט זיך אבער געהאַלטען, אַז ער אַליין איז גאָרנישט, ער האָט נישט קיין שום זכותים. דעריבער ווען די יודען האבען זיך געוואנדען צו איהם אַז ער זאל פאַר זיי מתפלל זיין, האט ער זיי געענטפערט: ווער בין איך דאָס װאָס זאל מתפלל זיין פאַר אייך? איך האב גאָר קיין קיין שום זכותים נישט, איך בין גאָרנישט...

דערויף האט איהם השי״ת געזאָגט: „מה״ - דיין עניוות (אַ שטייגער ווי ואנחנו מה) תצעק אלי — איז גוט בשעת דו ביזט מתפלל פאַר מיר, אבער נישט אַצינד ווען יודען געפינען זיך אין אַ עת צרה. דבר אל בני ישראל ויסעו — שריי אַז זיי וועלן זוכּפר געהאלפען ווערען! נישט שטענדיג דאַרף מען זיין אַ עניו...

---

## וישמע משה וייטב בעיניו (ויקרא י—כ)

דער שידלאָווצער רבי ר׳ נתן דוד זצ״ל פלעגט סאָהרען פון צייט צו צייט קיין צאנז. דער צאַנזער רב פלעגט איהם שטאַרק מכבד זיין, געגעסען פון זיינע שיריים וכדומה.

איינמאָל אין שבת האט דער צאַנזער לכבודו נישט געזאָגט קיין תורה און ער האָט פערלאַנגט, אַז דער שידלאָווצער זאל עפעס זאָגען ביים טיש.

עס איז גראָד געווען פרשת שמיני, האָט ר׳ נתן דוד ז״ל אָנגעהויבען זאָגען:

— דער פסוק דערצעהלט: „וישמע משה וייטב בעיניו״ וואָס איז דאָ איינגענטליך משה׳ן אַזוי געפעל׳ען געוואָרען?

— נאָר דאָס גאַנצע לעבען האט משה אַלץ געלערענט מיט אַנדערע עס האָט קיינמאָל נישט געטראָפען, אַז אַנדערע זאָלען מיט איהם עפעס לערע-נען, ווייל ער איז דאָך געווען דער רבן של ישראל. ערשט ביי דער מעשה מיט׳ן „שעיר המשתלח״ איז געווען דאָס ערשטע מאָל, אַז אַנדערע זאָלען מיט איהם לערנען. דאָס — האָט אויסגעפיהרט דער שידלאָווצער — איז עס געווען, וואָס ס׳איז משה׳ן אַזוי געפעלען, ווייל עס איז איבערדריסיג שטענדיג

צו זיין מלמד און צו לערנען מיט אנדערע, עס ווילט זיך אמאל זיין אויך א לומד...

אזוי ארום האט ר׳ נתן דוד צרפילט דעם וואונש פון ר׳ חיים׳ן און אגב אורחא געגעבען אנצוהערען אז ער איז אהערגעקומען ללמוד און נישט ללמד...

---

## לא הביט און ביעקב ולא ראה עמל בישראל (במדבר כב—כא)

דער צאנזער רב האט אמאל געטייטשט דעם פסוק: לא הביט און ביעקב ולא ראה עמל בישראל — דער מענש וואס זוכט נישט קיין עבירות ביי יענעם, נאר ער איז איהם דן לכף זכות, מיט אזא שטייגער מענש איז ד׳ אלקיו עמו ותרועת מלך בו — איז ג-ט מיט איהם און מען האט איהם ליעב אין הימעל.

---

## כי תצא למלחמה על אביך ונתנו ד׳ אלקך בידך. (דברים מט—טו)

אויביך — מיינט מען דעם יצר הרע, וואס איז דער שונא פון מענש זאגט די תורה צו יעדען יוד: אויב דו וועסט געהן מלחמה האלטען מיט דיין פיינד: דעם יצר הרע. ונתנו ד׳ אלקיך בידיך — זאגט מען דיר צו אז דער אויבערשטער וועט איהם דיר איבערגעבען אין דיין האנד. אזוי ווי די חז״ל זאגען: הבא לטהר מסייעין אותו — אז איינער וויל תשובה טהון העלפט מען צו פון הימעל.

---

## אחרי ד׳ אלקכם תלכו ואותו תראו דברים (יג—ה)

האט דער צאנזער רב זצ״ל געפרעגט: אומעטים אין די גאנצע תורה וואו עס שטעהט „אחר״ מיינט מען נאהנט, „אחרי״ איז מופלג — ווייט. דארף דאך שטעהן: אחר ד׳ אלקיכם תלכו?

האט ער דערויף געענטפערט: אויב א יוד ווייסט און פיהלט ביי זיך אז ער איז „אחרי״ ד׳ אלקיכם — מופלג, ווייט פון אויבערשטען, דעמאלס איז א סימן, אז אותו תראו — אז ער האט יראת שמים...

---

## כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו. (דברים ל—יד)

דער צאנזער רב פלעגט שטענדיג בענוצען דאס דאזיגע ווערטל בדרך צחות:

כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך — נאָהנט און גרינג איז ביי דיר, בפיך — צו זאָגען מיט'ן מויל, אבער דער עיקר איז ובלבבך לעשותו — זאָלסט עס ממש טוהן...

---

## עלה אל הר העברים וכו' והאסף וכו' (דברים ל"ג—נ)

דער ר"י הקדוש זאָגט: אַז די אושפיזין (אין סכות) פון משה און אַהרן, זענען פריהער פאַר די אושפיזא פון יוסף הצדיק. און דער סדר איז אַזוי: אברהם, יצחק, יעקב, משה, אהרן, יוסף, דוד.

האָט דער צאַנזער רב דערויף געזאָגט אַ רמז פון דער תורה, אַז עס איז אַזוי ווי דער ר"י הקדוש.

די תורה איז מרמז אַז אין דעם זעלבען טאָג, פון דער וואָך, ווען עס געפאַלט די יאָהרצייט פון משה רבינו (ז' אדר) — דעם אייגענעם טאָג פון דער וואָך געפאַלט אויך זיין אושפיזא. און אין זעלבען טאָג פון דער וואָך ווען עס געפאַלט די יאָהרצייט פון אהרן הכהן (ר"ח אָב) געפאַלט אויך זיין אושפיזא. און געדריגגען איז עס פון פסוק: עלה אל הר העברים ומת וגו' והאָסף אל עמך. די תורה איז דערמיט מרמז, אַז אין דעם אייגענעם טאָג ווען עס געפאַלט דער יום הפטירה איז אויך והאָסף אל עמך, קומט אויך אויס די אושפיזא אין חג האָסיף. כאשר מת אהרן אָחיך והאָסף אל עמיו. פונקט אַזוי ווי אהרן איז געשטאָרבען געפאַלט אויך די אושפיזא אין חג האָסיף אין דעם זעלבען טאָג ווען עס געפאַלט זיין יאָהרצייט.

---

## עצביהם כסף וזהב... פה להם ולא ידברו (תהלים קט"ו—ד)

ס'איז פערהאַן מענשען וואָס דאָס כסף וזהב איז ביי זיי ווי עצביהם, אָפגעטער, צוליבּ דעם גיבען זיי נישט קיין צדקה און זענען נישט מקיים די תורה.

די חז"ל זאָגען שלשה שותפין באדם: אביו, אמו והקב"ה. דער אויבערשטער גיט אריין אין מענש: רוח, נשמה, דאָס רעדען פון מויל, זעהען פון די אויגען א. אַ. וו. די עלטערען גיבען דעם מענש דעם חומר, דעם קערפּער.

די מענשען וואָס פיהרען זיך נישט לויט די חוקי התורה, נעמט השי"ת ביי זיי צו דאָס חיות האלקות און עס בלייבט ביי זיי איבער בלויז „מעשה ידי אָדם" ד. ה. דער בלויזער הומר אָהן שום רוחניות. און ממילא פה להם ולא ידברו — האָבען זיי נישט קיין כח צו מאַכען קיין רושם מיט זייערע תפלות און תורה.

---

# יראו ד׳ קדשיו כי אין מחסור ליראיו תהלים (לד—יא

דער צאַנזער רב האָט אַמאָל געזאָגט בדרך צחות.

מענשען זענען געוואוינט צו זאָגען, אז פרומע אָבגעהיטענע יודען זענען אָרימע לייט, אביונים דאַגעגען די פושעים, די פורקי עול, זענען עשירים. דער אמת איז אָבער נישט אזוי. ווייל עס זענען דאָ יראי ד׳ וואָס זענען גבירים אַדירים און עס זענען דאָ פושעים וואָס האָבען נישט קיין שטיקעל ברויט.

דאָס זאָגט דוד המלך אין תהלים:

יראו ד׳ קדושיו — האָט מורא פאַרן אויבערשטען, ווייל כי אין מחסור ליראיו — די יראי ד׳ פעהלט גאָרנישט. והראי׳ וויפיעל האָסטו „כפירים״ (פושעים, כופרים) וואָס זענען רשו ורעבו — זיי זענען אָרום און הונגעריג. דאַגעגען זעגען דאָ „דורשי ד׳״ וואָס לא יחסרו כל טוב — עס פעהלט זיי ב״ה גאָרנישט.

---

# שערי דמעות לא ננעלו.

אויב זיי זענען קיינמאָל נישט פערשלאָסען צו וואָס זשע — האָט דער צאַנזער רב געפרעגט — בעדאַרפט מען בכלל טויערען?

נאָר דער תירוץ איז, אז די טויערען זענען געמאַכט געוואָרען פאַר די שוטים, וואָס וויינען אויף אַ ליאַדע נאַרישקייט, אויף דברים של מה בכך. פאַר זיי פערמאַכט מען די טויערען, ווייל מען איז דאָך נישט מחויב אויסצוהערען יעדען שוטה׳ס נאַרישקייט...

---

# הניעור בלילה הרי זה מתחייב בנפשו.

האט אמאָל דער צאַנזער רב אזוי געטייטשט:

אַ מענש בעדאַרף תשובה טוהן ווען ער איז נאָך יונג, ווען ער האָט נאָך אַלע כחות און תאוות און נישט יואַרטען ביז וואַנען ער וועט אַלט ווערען און שוין נישט האָבען קיין כח צו זינדיגען, און ערשט דעמאָלס זאָל ער תשובה טהון.

דאָס איז דער טייטש: „הניעור בלילה״ - ער איז ערשט אויף און טהוט תשובה ווען עס איז שוין ביי איהם נאַכט. ער האַלט שוין ביים שטאַרבען, הרי זה מתחייב בנפשו — אזא תשובה ווערט נישט נתקבל אין הימעל.

---

# היכי דמי בעל תשובה?...

דער צאַנזער רב האט געטייטשט די גמרא (יומא פ״ו): היכי דמי בעל תשובה באותו אשה, באותו פרק, באותו מקום וכו׳

דער שטייגער פון יצר הרע איז איינצורעדען דעם מענש, אַז ער זאָל נישט תשובה טהון. טיילמאָל זאָגט ער צו איהם, אַז דו האסט אזא פרוי' קענסטי נישט תשובה טוהן, זי וועט דיך נישט לאָזען, נאר דעמאָלס ווען די' וועסט זיך מיט איהר גט'ן דעמאָלס וועסטו קענען תשובה טהון. אַנ'אַנדערש מאָל רעדט דער יצר הרע איהם איין, אז אין דעם מצב וואָס ער איז אצינד קען ער נישט תשובה טהון, צום ערשט זאָל ער זיך אַנזאַמלען אַ פערמעגען דאַן ערשט וועט ער קענען תשובה טהון; אָדער גאָר, אַז כל זמן אַז ער האוינט אויף דעם אָרט, אין די שטאָדט, קען ער נישט תשובה טוהן, ווייל זיי וועלען חווק מאַכען פון איהם, נאָר ערשט ווען ער וועט זיך אוועקציהען ערגיץ אַנדערש, דעמאָלס וועט ער קענען תשובה טוהן א. א. וו. א. א.וו.

דאָס זאָגט רבי יהודה, אַז תשובה דאַרף זיין דווקא מיט דער אשה וואָס ער וואוינט מיט איהר יעצט און נישט וואַרטען ביז ער וועט איהר גט'ן און נעהמען אַ צווייטע. און דווקא באותו מקום אויף דעם אָרט וואו ער יואוינט אַצינד און אין דעם מצב וואו ער געפינט זיך יעצט, ווייל דאָס אַלץ רעדט איין דער יצר הרע כדי מונע צו זיין דעם מענש פון תשובה.

---

## הודאת בעלי דין.

ווען דער צאַנזער איז נאָך געווען אַ קינד, האט ער שוין געשמט אויף די גאַנצע מדינה מיט זיין גאונות.

איינמאָל האָט אַ בעוויסטער רב געוואָלט איהם אויספּרובען און איהם געפרעגט:

ווי ס'איז דאך ידוע דאַרף ביי קדושין זיין צוויי עדות און אָהן עדי־קדושין זענען די קדושין קיין קדושין נישט. טא, ווען אָדם הראשון האט מקדש געווען זיין ווייב חוה, ווער זענען געווען די עדי־קדושין? עס זענען דאך דעמאָלס נישט געווען קיין מענשען אויסער אָדם וחוה?

האט דער שפּעטערדיגער צאַנזער רב, נישט לאַנג קלערענדיג, געענטפערט:

די גמרא זאָגט אין קדושין (דף ס"ה), אַז דאָס וואָס מען דאַרף ביי קדושין עדות איז, ווייל מלערנט אראָפּ „דבר – דבר" פון ממון. פרעגט דאָרט די גמרא: לאמיר זאָגען, פונקט ווי ביי ממון פועל'ט הודאת בעל דין זאָל דאָ אויך גינוג זיין הודאת בעלי דין? ענטפערט דערויף די גמרא: התם לא קא מחייב לאַחרינא, הכא קא חייבה לאַחרינא. דאָס איז נאָר היינט – האט אויסגעפיהרט דער קליינער חיים'ל – אבער אין די צייטען פון אָדם הראשון, אַז עס זענען נישט געווען קיין אַנדערע מענשען, איז ער דאָך מהילא נישט גע־ווען קיין חייב לאַחרינא, גענוגט דאך הודאַת בעלי דין. דעריבער האבען זיי נישט בעדאַרפען קיין עדי קדושין...

## ווי אזוי דערקענט מען דעם „איש"?...

צום צאנזער רב איז אמאל געקומען זיינס א חסיד און זיך בעקלאגט, דאס ער דארף התונה מאכען א טאכטער און פערמאגט נישט אפילו קיין איין פרוטה. האט ער איהם געגעבען זיין ערשטע נדבה און א מכתב תעודה צו זיינע חסידים, זיי זאלען איהם ארויסהעלפען. דאס האט געווירקט און אומעטום האבען צאנזער חסידים געזאמעלט פאר זיינעטוועגען נדבות און איהם געגעבען בעין יפה.

קומענדיג איינמאל אין א שטעדטעל, ווי ס'איז נישט מעהר געווען ווי איין צאנזער חסיד, וועלכער האט אנגע־ויבען זיך אויספרעגען אויף דעם און איף יענעם. נאכדעם ווי דער ארימאן האט איהם געזאגט נאכוואס ער איז געקומען און זיך געווענדעט דאס ער זאל איהם שאפען עפעס געלד, האט ער איהם מדחה געווען מיט'ן תירוץ דאס ער דארף געהן עפעס לערענען און האט נישט קיין צייט. דער ארימאן איז נעבעך איוועקגעפאהרען בפחי נפש.

דער ארימאן האט פאר פערדרוס דערצעהלט דערנאך די מעשה פאר'ן צאנזער רב. און ווען דער זעלבער חסיד איז געקומען אויף יום טוב צום רבין האט דער רבי זיך צו איהם געוואנדען בזה הלשון:

עס שטעהט ביי יוסף'ן: וימצאהו איש והנה תעה בשדה. זאגט רש"י: זה גבריאל, ווידער ביי יעקב אבינו שטעהט אויך ויאבק איש עמו זאגט רש"י זה שרו של עשיו. איז דאך קשה פונואנגען ווייסט רש"י צו זאגען, אז דער איש ביי יוסף'ן מיינט מען גבריאל און דעם איש ביי יעקב'ן מיינט מען שר של עשיו?

דער תירוץ איז אזוי. ווען מען בעטראכט יוסף'ס לאגע, א יונג בחור'ל איז אוועק פון דער היים מקיים צו זיין מצות אביו און ער פערבלאנדושעט אין דער מדבר, פלוצלינג קומט צו איהם צו איינער וואס טרייסט און בערוהיגט איהם און ווייזט איהם דעם ריכטיגען וועג. מסתמא איז עס דער מלאך גבריאל. אי דער מלאך גבריאל איז דאך שטענדיג פערנומען מיט תפילות ושירות, עס מאכט אבער נישט אויס, ווען א יוד נויטיגט זיך אין הילף איז גבריאל מפסיק פון זיין עבודות. — דאגעגען יעקב טרעפט אויף א מענש וואס ראנגעלט זיך מיט איהם א גאנצע נאכט און פערוואונדעט איהם דעם פוס, נאכהער ווען יעקב בעט ביי איהם א ברכה, ענטפערט ער, אז ער האט נישט קיין צייט, ער דארף געהן שירה זאגען, הערסט א מעשה, צו ראנגלען זיך א גאנצע נאכט האט ער צייט געהאט, נאר א ברכה צו געבען האט ער נישט קיין צייט, איז דאס געווען נישט קיין אנדערער ווי דער שר של עשו...

---

## אז מען עסט נישט קען מען נישט לעבען...

דער צאנזער רב האט אמאל אין מיטען טיש זיך געווענדעט צו איינעם פון די טיש זיצערס מיט דער פראגע: צי מען האט איהם דערלאנגט עסען. האט דער חסיד געענטפערט:

— איך בין נישט געקומען צום רבין עסען, נאָר זעהען דאָס התנהגות פון רבין און הערען דברי תורה.

האט דערויף דער צאנזער רב געענטפערט מיט א שמייכעל:

— די נשמה איז אויך נישט געקומען אויף די וועלט עסען, פונדעסט-וועגען אויב מען גיט איהר נישט צו עסען אנטלויפט זי באַלד...

---

## די מליצה טובה פאר יודען.

דער צאנזער רב האָט אמאָל אין הושענא־רבה ממליץ טוב געווען אויף די יודען און דערצעהלט אזא מעשה:

אין א געוויסען דאָרף האָט געוואוינט א גלח, זעהר אַן־איידעלער מענש וועלכער איז געווען א שטאַרקער געגנער פון טרינקען בראַנפען.

ביי יעדער געלעגענהייט און אין יעדע פרעדיגט זיינעם פלעגט ער רעדען צו די פויערים, אז זיי זאָלען נישט שיכור׳ן. ער האָט אויך אַרויסגע-געבען א בעפעהל, אז דער װאָס וועט זיך אַנשיכורן, וועט בעשטראָפט ווערען מיט שמיץ.

איינמאָל געהענדיג אין דאָרף, האָט ער געטראָפען ליגען א שיכור׳ן פויער אין רינשטאָק. ווען דער פויער האָט זיך אויסגעניכטערט האָט ער איהם געהייסען ברענגען צו זיך און איהם גע׳מוסר׳ט פאר וואָס ער האָט זיך אַזוי אָנגעשיכורט ?

— הייליג פאָטערל ! — האָט דער פויער זיך מתודה געווען — וואָס זאָל איך טהון, אז עס ציהט מיך אַזוי צום פלעשעל. איך קען זיך נישט אָבגעוויהנען פון דעם זעלטענעם געטראַנק וואָס דערוואָרימט אַלע איבריס ?

— אַזוי ? — וואונדערט זיך דער גלח — אַזאַ טייערע משקה האָסטו געטרינקען ? טאָ לאָמיר אויך פערזיכען א ביסעל פון דיין טייערען געטראַנק — און ער האָט געהייסען זיך געבען א ביסעל פון דעם פויערי-שען בראַנפען.

זייענדיג אָבער זעהר אַן־איידעל ערצויגענער, האָט ער פערזוכענדיג די פייערדיגע משקה, געשווינד הוסטען און שפייען, עס האָט איהם געברענט אויף דער צונג און עס האָט געדויערט א צייט ביז ער האָט זיך בערוהיגט.

— איך בעפריי דעם פויער פון יעדער שטראָף — האָט ער געזאָגט — בלויז דאָס טרינקען אַזאַ ביטערע משקה, איז שוין א גענוג אָבקומעניש פאר זיין עבירה זיין אויף מיין געבאָט...

— אַזוי איך — האָט דער צאנזער רב בעענדיגט — פסק׳ן אַזוי: שוין בלויז דאָס טהון די עבירות איז שוין א גענוגענדע שטראָף און אָבקו-מעניש פאר די יודען, און עס קומט זיי מעהר דערפאַר נישט צו בעשטראָפען..

---

## מחול לצדיקים...

איינמאָל פּורים בײַ די סעודה, ווען דער עולם איז שוין געווען אָביסעל בגליפון האָט דער צאַנזער רב אויסגערופען:

די חז״ל זאָגען אין סוף מסכת תענית „אָמר ר׳ אליעזר, עתיד הקב״ה לעשות מחול לצדיקים וכו׳ די וועלט טײַטש די כוונה פון דעם טאַנץ אַזוי ווי עס שטעהט „אָז תשמח בתולה במחול״ און דעמאָלס וועט זײַן תחית המתים. סאָ ווי וועט עס זײַן אַזאַ גרויסער זאַל אז אַלע צדיקים זאָלען קענען טאַנצען און די גאַנצע פמליא של מעלה זאָלען האָבען אָרט וואו צו שטעהען און זיך צוקוקען?... אפילו דאָס גן עדן וועט דאָך זײַן צו קליין!

נאָר וואָס דען? וועט דאָך נישט זײַן קיין אַנדערע עצה ווי מען זאָל אַרײַנטאַנצען אין גהינום, וואָס איז זעכציג מאָל גרעסער פאַרן גן־עדן. דאָרט זענען דאָך אָבער פערהאַן רשעים, און צדיקים מיט רשעים קענען דאָך נישט זײַן צוזאַמען. און בעזונדערס זענען דאָרט פערהאַן אַזויפיעל רשעים אַז עס וועט גאָרנישט זײַן קיין אָרט פאַר די צדיקים? נאָר וואָס דען, מ׳וועט די רשעים אַרויסטרײַבען פון גהינום. מ׳וועט צוגיין צו יעדען רשע און זאָגען:

— זײַט מוחל ר׳ רשע דעם פּלאַץ בעדאַרף מען פאַר אַ צדיק...

דאָס איז דער טײַטש עתיד הקב״ה לעשות „מחול״ מען וועט בעטען בײַ די רשעים „מחילה״ אַז זיי זאָלען פערלאָזען זײַערע פּלעצער פאַר די צדיקים.

— אַי די גמרא זאָגט דאָך, אַז עס וועט זײַן אין גן עדן?

דאָס איז קיין קשיא נישט ווייל די גמרא זאָגט, אַז הקב״ה וועט זײַן צוזאַמען מיט זיי, און צו דאַרף מען נאָך אַ גרעסער גן עדן ווי צדיקים יושבים ונהנים מזיו השכינה?...

---

# הגדה

## עבדים היינו וכו׳ ואלו לא הוציא וכו׳ משועבדים הייני לפרעה במצרים.

דער בעל הגדה הויבט אָן „עבדים היינו״ און פערענדיגט: ואלו לא הוציא הקב״ה את אבותינו ממצרים הרי אָנו ובננו ובני בננו משועבדים היינו לפרעה במצרים. וואָס איז דער הילוק פון „עבדים״ ביז „משועבדים״?

נאָר „עבדי־ מיינט מען, אַז ער איז משועבד צו יענעם מיטן גוף. „משועבד" — מיינט, אַז ער איז אַ בן חורין נאָר ער איז גייסטיג פערקנעכטעט צו יענעם. אין מצרים זענען די יודען געווען משועבד צו די מצרים סיי בגוף און סיי בנפש.

דאָס זאָגט דער בעל הגדה: ואלו לא הוציא הקב"ה את אַבותינו ממצרים — ווען דער איבערשטער וואָלט אונזערע עלטערען נישט אויסגעלייזט פון מצרים. אַפילו זיי וואָלטען דאָרטען געווען בני חורין, די מצרים וואָלטען מיט זיי נישט געאַרבייט, אָבער דאָך, — הרי אָנו ובננו ובני בננו משועבדים היינו לפרעה מצרים — וואָלטען מיר און אונזערע קינדער געווען גייסטיג משועבד צו די מצריים. נאָר השי"ת מיט זיין גרויס חסד האָט אונז אינגאַנצען אויסגעלייזט פון מצרים סיי אונזער גוף און סיי אונזער נפש.

------

## וכל המרבה לספר הרי זה משובח.

אַפילו כלנו חכמים כלנו נבונים כלנו זקנים מצוה עלינו לספר ביציאַת מצרים. ספר — איז פון לשון ספיר ויהלום — שיינען. דאָס איז דער טייטש וכל המרבה לספר ביציאַת מצרים — ווער עס קען מיט דעם סיפור פון יציאַת מצרים אַריינשיינען און פערלייכטען די יודישע הערצער הרי זה משובח.

-------

## ורב כמה שנאמר וכו'

„ורב" אַפילו מען איז גרויס. מען איז אַ רב — רבבה — דאַרף דאָס גרויסקייט זיין, מען זאָל זיך האַלטען „כצמח השדה", וואָס אַלע טרעטען דערויף...

------

## ותרבו ותגדלי וכו'

איינמאָהל פסח ביי נאַכט ביים סדר האָט ער אויסגערופען בדרך צחות:

ותרבו — דו קענסט מיינען, אַז דו ביזט אַ גאַנצע רבי. ותגדלי אַז דו ביזט אַ גדול. ותבאי בעדי עדיים — ביזט בעהאָנגען מיט ציהרונג פון תורה מצוות און מעשים טובים. שדים נכוני — האָסט תלמידים און קינדער תלמידי חכמים. ושערך צמח — די באָרד איז שוין אַזש גראָה, ואת ערום ועריי — ביזט גאָקעט און בלויז... און אייך דעם דאַרף מען קלאָגען וואָס מ'נאַרט זיך אַליין און מ'קען זיך נישט...

-------

## שאלת חכם און שאלת רשע.

די וועלט פרעגט: וואָס איז דער חילוק צווישען די שאלה פון חכם ביז'ן רשע, ביידע פרעגען דאך דאָס זעלבע?

דער צאַנזער רב האט מבאר געווען דעם חילוק אויף אזאַ אופן:

די מצוות התורה זענען כידוע איינגעטיילט אין דריי חלקים: עדות, חוקים און משפטים. עדות – זענען די מצוות וואָס דערמאָנען די נסים פון השי"ת למשל: מצה - מפני שלא הספיק להחמיץ, סוכה - למען ידעו דורותיכם כי בסוכות הושבתי את בני ישראל א. א. וו. משפטים - זענען די מצוות וואָס מען פערשטעהט זיי מיט'ן שכל ווי כבוד אב, גנבה א. א. וו. חוקים - זענען די מצוות וואָס האָבען נישט קיין טעם, ווי פרה אדומה א. א.

באמת איז קשה פאַרוואָס ווערט פרה־אדומה אָנגערופען חוקה, כאטש אין דער תורה שטעהט נישט קיין טעם געפינט מען דאך פיעל טעמים ווי תבא פרה ותקנח צואת בנה, טא פארוואָס הייסט עס חוקה? נאָר דערמיט לערנט אונז די תורה, אז אַלע מצוות דאַרף אַ יוד טוהן ווי אַ חוקה, ווי אַ גזרת המלך, נישט צו קוקען צי מען ווייסט אדער מען פערשטעהט יא דעם טעם דערפון, אדער נישט.

דאָס פרעגט דער חכם: מה העדות והחוקים והמשפטים אשר צוה ד' אלקיכם אתכם, פאַרוואָס ווערען אָנגערופען אַ טייל מצוות עדות, אַ טייל מצוות משפטים און אַ טייל חוקים, אַ יוד דאַרף דאך מקיים זיין אַלע מצוות אַזוי־ווי זיי וואָלטען געווען חוקים?

דער רשע פרעגט אבער אַנדערש: מה העבודה הזאת לכם — זאָג אַ טעם, גיב צו פערשטעהן, אויב איך וועל פריהער נישט פערשטען דעם טעם וועל איך נישט מקיים די מצוות. דערמיט איז ער זיך מוציא פון גאַנצען כלל ישראל וואָס טוהן די מצוות השם מחמת גזירת המלך. דעריבער הקהה את שיניו...

---

## ושאינו יודע לשאול וכו'

אַז אַ יוד ווייסט און שפירט ביי זיך — אַז ער ווייסט גאַרנישט און קען גאַרנישט. את פתח לו – עפענט השי"ת פאַר איהם אַלע שערים פון חכמה. פון א' ביז ת'...

---

## וירעו אותנו המצריים

די מצריים האָבען זיך מיט אונז געחבר'ט (פון לשון „רע"). און אַזוי אַרום „ויתנו עלינו עבודה קשה" האָבען זיי אונז פערפייניגט און געקענט בעקומען די ממשלה איבער אונז.

------

## שאלת חכם און שאלת רשע

די וועלט פרעגט: וואס איז דער חילוק פון שאלת חכם ביז'ן רשע, ביידע פרעגן דאך דאס זעלבע?

דער חילוק איז — האט דער צאנזער רב געזאגט — אין אופן פון פרעגן, דער חכם פרעגט: מה העדות והחוקים והמשפטים אשר צוה ד'; די מצוות התורה זענען פידוע איינגעטיילט אין דריי חלקים: עדות, חוקים און משפטים. עדות — זענען די מצוות וואס דערמאנען די נסים פון השי"ת, למשל: מצה — מפני שלא הספיק להחמיץ, סוכה — כי בסוכות הושבתי את בני ישראל וכו' א. א. וו.; משפטים — זענען די מצוות וואס מען פערשטעהט מיטן שכל, ווי כבוד אב ואם, גנבה א. א. וו.; חוקים — זענען די מצוות וואס מיר ווייסען נישט און פערשטעהן נישט דעם טעם דערפון, ווי פרה אדו-מה און אנדערע.

אין דער אמת'ן איז דאך קשה פארוואס ווערען טייל מצוות אנגערופען „חוקים", כאטש אין דער תורה שטעהט נישט קיין טעם. געפינען מיר דאך אבער אין די חז"ל פיעל טעמים אויף די מצוות, ווי אויף פרה אדומה: תבא פרה ותקנח ציאת בנה, טא פארוואס-זשע ווערען זיי אנגערופען חוקים?

נאר דערמיט לערענט אונז די תורה, אז אלע מצוות וואס א יוד טוהט, אפילו ער ווייסט דעם טעם המצוה, דארף ער מקיים זיין ווי א „חק", א גזי-רת המלך, נישט קוקען אויף דעם צי ער ווייסט און פערשטעהט דעם טעם דערפון אדער נישט, פונקט ווי א עבד איז מקיים דעם באפעהל פון זיין אדון.

דאס פרעגט דער חכם: „מה העדות והחוקים והמשפטים" פארוואס ווערען א טייל מצוות אנגערופען: „עדות", א טייל מצוות: „משפטים" און א טייל: „חוקים", א יוד דארף דאך סיי ווי אלץ מקיים זיין ווי חוקים?... פאר-וואסזשע ווערען זיי בעצייכענט אלס עדות און משפטים?

דער רשע פרעגט אבער אנדערש: מה העבודה הזאת לכם. — זאג א טעם, גיב צו פערשטעהן און אויב ער פערשטעהט נישט חיל ער נישט מקיים זיין די מצוות השם, דערמיט איז ער זיך ממילא מוציא פון גאנצען כלל ישראל וואס טוהן די מצוות השם מחמת גזירת המלך, אהן טעמים, דעריבער הקהה את שיניו...

---

## רשאינו יודע לשאול

אז א יוד ווייסט און שפירט ביי זיך אז ער ווייסט גארנישט את פתח לו. — עפענט השי"ת פאר איהם אלע שערים פון א' ביז ת'...

---

## יכול מראש חודש

כ׳וואָלט געוואָלט מיינען מראש הודש, דווקא ווען עס קומט צום מענש אַ התחדשות, דאמאָלס זאָל ער זיך נעמען צו עבודת השם! תלמוד לומר ביום ההוא — מען דאַרף נישט וואַרטען אויף התחדשות, נאָר יעדען טאָג דאַרף מען דינען דעם אויבערשטען.

אי ביום ההוא, יכול מבעוד יום — ד. ה. ווען ער האָט מוחין דגדלות, מ׳איז אין אַ הויכע מדרגה, דעמאָלס זאָל ער זיך נעמען צו עבודות — תלמוד לומר בעבור זה — אפילו מען איז אין אַ קליינע מדרגה. בעבור זה לא אָמרתי אלא בשעה שיש מצה ומרור מונחים לפניך ד. ה. אויב דו האָסט פאַר זיך ליגען מצה און מרור, דו האָסט די מעגליכקייט מקיים צו זיין די מצווה, וואַרט נישט, נאָר טהו!...

---

## שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותינו

דאָס וואָס די אַלע שונאים שטעהען אויף אונז אויף אומצובּרענגען אָרט מיך נישט, ווען „שלא אחד בלבד״ — אויב נישט דער אחד (השי״ת וואָס איז יחיד ומיוחד) שטעהט נישט אויף אונז, חלילה, אומצוברענגען.

---

## שישו מעי...

איינמאָל נאָכ׳ן סדר האָט דער בעל „דברי חיים״ ז״ל אַרויפגעלעגט די האַנד אויפן בויך און אויסגעריפען: — שישו מעי! פרעהט אייך, וויפל שמות זענען דאָ אין דעם כזית מצה, וויפל שמות זענען דאָ אין מרור, אין אפיקו־מן, אין כרפס און כורך. און וויפל שמות זענען דאָ אין די אַרבע כוסות און אין די הגדה — און דאָס אַלץ געפינט זיך איצט אין בויך. פריי זיך! פריי זיך!...

און בשעת מעשה האָט ער אָנגעהויבן טאַנצן... און בשעת מעשה האָט ער אָוש געוויינט פאַר שמחה.

---

## דבר נא באזני העם וישאלו

שלא יאמר אותו צדיק ועבדום
ועִנו אותם קיים בהם ואח״כ יצאו ברכוש
גדול לא קיים בהם (רש״י)

די וועלט פרעגט: אויב אברהם אבינו איז אויסגעפרובט געוואָרען מיט צעהן נסיונות און ער האָט גאָרנישט מהרהר געווען אויף השי״ת, פאַרוואָס זאָל ער דאָ יאָ האָבען אַ טענה צום רבונו של עולם צוליעב דעם וואָס ועִנו

אותם קיים בהם און ואח"כ יצאו ברכוש גדול לא קיים בהם? נאָכדערצו ווען ער איז אויפן עולם האמת?

האָט דער צאַנזער רב פּערענטפערט, אַז רש"יס כוונה איז לויט ווי דער מדרש זאָגט: (בראשית רבה פרשה מ"ד) האָט דער אויבערשטער ביים „ברית בין הבתרים" געפרעגט אַברהם אָבינו: מיט וועלכען יוילסטו בעסער אַז דיינע קינדער זאָלען געפּייניגט ווערען, צי מיט גהינום אָדער מיט שעבוד מלכיות. האָט אַברהם אויסגעקליבען שעבוד מלכיות.

דאָס מיינט רש"י: שלא יאמר — די וועלט זאָל נישט זאָגען — אותו צדיק — אויף דעם דאָזיגען צדיק, אַברהם, ועבדום וענו אותם קיים בהם — דערמיט וואָס ער האָט אויסגעקליבען גלות פאַר זיינע קינדער. אָבער ואח"כ יצאו ברכוש גדול לא קיים בהם — האָט דער אויבערשטער נישט מקיים געווען ביי זיי. איבערדעם האָט דער אויבערשטער געבעטען משה'ן דבר נא באזני העם וישאלו...

---

## ביבוש קצירה תשברנה נשים באות מאירות אותה
(ישעי' כ"ז)

דער צאַנזער רב האָט אַמאָל געזאָגט: פונוואַנען נעמט זיך דאָס וואָס אַ רוב יודען ציהען זייערע פרנסות פון גוים? דער טעם דערפון איז, כדי אַזוי אַרום זאָל נתברר ווערען די נצוצות קדושה. איבערדעם זעהן מיר, אַז בעקבתא דמשיחא, ווען אַלץ איז שוין כמעט נתברר געוואָרען, ווערט וואָס אַמאָל מעהר נתמעט די יודישע פרנסות און פערדינסטען פון גוים.

דאָס איז דער פשט פון פסוק: ביבוש קצירה — ווען דער שניט וועט פערטריקענט ווערען ד. ה. ווען אַלע נצוצות קדושות וועלען נתברר ווערען און ס'וועט נישט זיין אין זיי קיין שום קדושה — תשברנה — וועלען איינגאַנ-צען בטל ווערען די פרנסות דורך די אומות העולם. אי יודען דאַרפען דאָך האָבען פרנסה? אויף דעם זאָגט דער נביא: נשים באות ומאירות אותה — אַז בעוקבתא דמשיחא כאַטשדי צדיקים וועלען זיין בבחינת נשים שוואַך, ווי נק-בות, דאָך וועלען זיי פערלייכטען די יודישע פרנסות, אַז זיי זאָלען נישט דאַרפען אָנקומען צו קיין גוים און ציהען פון זיי פרנסה.

---

## פאַרוואָס בעט מען, אַ פדיון"?

עמיצער האָט אַמאָל געבראַכט פאַר'ן שינאָווער רב אַ קוויטעל וואו ער האָט מזכיר געווען אַ חולה, האָט איהם דער שינאָווער רב געפרעגט צי ער האָט אויך געבראַכט אַ „פדיון" דערביי האָט ער געזאָגט:

דוד המלך זאָגט אין תהלים: ויחי ויתן לו מזהב שבא ויתפלל בעדו תמיד (תהלים עב) ד. ה. ויחי — אויב אַ מענש וויל בלייבען לעבען, איז די

עצה ויתן לו — ער זאָל געבען דעם צדיק, מוהב שבא — פון זיין געלד, דעמאָלס ויתפלל בעדו — האָט דער צדיק אַ כח פאַר איהם מתפלל צו זיין...

---

## בעל הבית בפנים...

איינמאָל איז געקומען צום שינאַווער אַ יונגערמאַן פרעגען אַן עצה אַזוי ווי ער פערמאָגט אַ נדן פון צוועלף הונדערט רייניש און עס מאַכט זיך איהם צו קויפען אַ הויז פאַר דעם געלד איז ער געקומען פרעגען דעם רבי'ן אַ עצה, צי ער זאָל קויפען דאָס הויז אָדער נישט.

דער שינאַווער האָט זיך אַ ווײַלע פערטראַכט און דאַן געפרעגט דעם יונגערמאַן צי אַ חוץ דעם האָט ער נאָך עפעס געלד. דער יונגערמאַן האָט געענטפערט, אַז מיין ווי דאָס געלד פערמאָגט ער נישט.

האָט דער שינאַווער רב זיך אָנגערופען: מיין דעה איז אַז דו זאָלסט נישט קויפען דאָס הויז. ווייל ס'איז אַ בפירושע משנה אין אָנהויב מסכת שבת: „בעל הבית בפנים" — אַז מען זיצט אין הויז דאַרף מען זיין אַ בעל הבית, האָבען געלד, אָבער אַז דו וועסט אויסגעבען דאָס גאַנצע געלד וועסטו דאָך זיין אַן „עני בפנים"...

---

## רחש לבי דבר טוב וכו' (תהלים מה—ב)

ר' יחזקאלע שינאַווער זצ"ל, ווען שלעכטע מענשען האָבען איהם אַמאָל שטאַרק מצער געווען, האָט ער אויסגערופען:

— רחש לבי דבר — ווען מיין האַרץ זאָגט מיר אַ שווערע זאַך ד. ה. מעניש צו זיין מענשען. טוב — איך ווייס אָבער נישט צי דאָס איז גוט אָדער נישט. אומר אני מעשי למלך — דאַן דערצעהל איך מיינע מעשים פאַרן מלך מלכי המלכים און דער אויבערשטער, וואָס ער וויל זאָל ער טוהן...

---

## מה יפו פעמיך בנעלים (שיר השירים ז')

זאָגען די חז"ל כמה נאין רגליהן של ישראל בשעה שעולין לרגל. בת נדיב, בתו של אברהם אבינו וכו' שהי' תחילה לגרים, (חגיגה ג')

רבי חיים וויטאַל האָט אַמאָל געפרעגט זיין רבין דעם ר"י הקדוש:

לויט ווי מיר זעהען דאָס גרויסקייט און די קדושה פון די תנאים און אמוראים, וואָס פאַרא השיבות האָבען מיר מיט אונזער תפלה און עבודות?

האָט איהם דער ר"י הקדוש געענטפערט: אדרבה, טאַקי דערפאַר וואָס מיר זענען אַזוי פערחומר'ט און בשפל המדרגה און דאָך זענען מיר זיך מתגבר און דינען השי"ת לויט אונזערע השגות, האָט דאָס אין הימעל מעהר

משיבות ווי דאָס עבודות פון די הייליגע תנאים וואָס זענען געווען אין א הויכע מדרגה און א געלייטערטען חומר.

דער אַלשיך הקדוש טייטשט דעם פסוק: „של נעליך מעל רגליך", אַז די כוונה איז, ער זאָל אויסטוהן דעם חומר פון זיך (וואָס ווערט אָנגערופען „נעל") איידער ער געהט צו צום הייליגען אָרט.

דאָס איז דער פשט אין פסוק: „מה יפו פעמיך" וואָס איז דאָס די מעלה און השיבות פון דיין עולה רגל זיין? אויף דעם ענטפערט דער פסוק: בנעלים — ווייל דו ביזט אין א נידריגע מדרגה און פונדעסטוועגען, בת נדיב, שענקסט איהר אַוועק אייערע הערצער צו טוהן דעם רצון ד', איז דאָס אַזוי חשוב אין הימעל ווי דאָס עבודות פון אַברהם אָבינו וואָס איז געווען דער ערשטער פון די גרים און פון זיך זעלבסט איז ער צוגעקומען צו הכרת הבורא.

(דברי יחזקאל)

* *

*

# אינהאלט:


| | | |
|---|---|---|
| | | זייט |
| א) | די געבורטס-שטאָדט פון צאַנזער — — — | 3 |
| ב) | אַלע וועגען פיהרען קיין לובלין — — — | 7 |
| ג) | די נסיעה קיין לובלין — — — — — | 12 |
| ד) | אין בית מדרש פון „חוזה" — — — — | 18 |
| ה) | פאָטער און זוהן — — — — — | 23 |
| ו) | חיים'ל — אַ מקורב ביים „חוזה" — — — | 28 |
| ז) | דער שידוך — — — — — | 32 |
| ח) | ר' חיים'ל אין לייפניק — — — — | 37 |
| ט) | די חתונה — — — — — | 42 |
| י) | רודניקער רבנות — — — — — | 47 |
| יא) | דער ראָפשיצער און זיינע אבות — — — | 52 |
| יב) | אַ דין תורה מיט אַ מת — — — — | 57 |
| יג) | דעם ראָפשיצערס יוגענד — — — — | 63 |
| יד) | דעם ראָפשיצערס התנהגות — — — — | 68 |
| טו) | דעם ראָפשיצערס תקיפות — — — — | 72 |
| טז) | ר' חיים אין ראָפשיץ — — — — — | 76 |
| יז) | אין היכל הנגינה — — — — — | 81 |
| יח) | דער מלאכים ניגון — — — — — | 85 |
| יט) | דער בית דין הגדול פון דור — — — — | 89 |
| כ) | צדקה און גמילת חסדים — — — — | 93 |
| כא) | די וועגען פון צדקה — — — — — | 98 |
| כב) | דאָס התמנות — — — — — | 103 |
| כג) | אמונת חכמים — — — — — | 106 |

כד) די נשמה פון „קדושת לוי" — — — — 109
כה) „אות" און „מופת" — — — — — 111
כו) צאנזער רבנות — — — — — 117
כז) חסידות און לומדות — — — — — 121
כה) אַ מעשה מיט אַ גט — — — — — 130
כט) פון אַנ'ארענדאר אַ גוט בגוייצער — — — 135
ל) אין די וואַרים בעדער — — — — — 139
לא) פערהיטען פון אַ אומגליק — — — — 144
לב) פדיון נפש — — — — — — 148
לג) ברייטע פלייצעס — — — — — 152
לד) דרשה געשאַנק — — — — — 157
לה) כבוד תלמידי חכמים — — — — — 163
לו) גוטע יודען אין צאנז — — — — — 167
לח) צדקות און פקחות — — — — — 176
לט) שנת כת"ר — — — — — — 183
ס) אין זכות פון שבת — — — — — 186
מא) אין קאמף מיט די רעפאָרמער — — — 190
מב) זיין התנהגות — — — — — 193
מג) דאָס הסתלקות — — — — — 203
מד) ר' יחזקאלע שינאַווער — — — — — 207
מה) פאַטער און זוהן — — — — — 210
מו) שינאַווער נוסח — — — — — 214
מז) די נסיעה קיין ארץ ישראל — — — — 215
מח) דער פועל ישועות — — — — — 220
מט) מדות און מנהגים — — — — — 224
נ) אין תפיסה — — — — — 228
דברי תורה און שמועסן